לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 3־422) אכט און צוואנציקסטן יאר פעב.־מער. לאנדאן

Feb-March 1967

אינהאלט:

„ואל היהודים ככתבם וכלשונם“, צייט און פורים לידער .... ** 1
פורים־פאלקלאר (עסיי) .... י ריכטיגער 11
כותל מערבי (ליד) .... יוסף לעפטוויטש 19
דער גורל פון א פליג (הומארעסקע) .... משה בעקערמאן 20
אין הוילער באוואונדערונג (ליד) .... שמואל וההייט 22
א וידוי אין וואגן (דערציילונג) .... יוסף ד. באסט 22
דער וועג פון א דיכטער (ליד) .... עלא זילבערג 34
די אויגוסט שטראסע (א קאפיטל פראזע) .... א. נ. שטענצל 35
א שמועס (עסיי) .... א גאלאמב 44
הענריק ערליך און וויקטאר אלטער .... מאיר באגדאנסקי 48

דער ווארשעווער געטא - אויפשטאנד

זונטיק דעם 16טן אפריל אין אדלער הויז, אדלער סטר. 3 א זייגער.

רעדאקציע - נאטיץ: די קולטור־ידיעות און די ארטיקלען צום 75 געבוירן יאר פון דר. שלמה בירנבוים פון דר. מאיר גערטנער און שמעון אבראמסקי אין קומענדיק אפריל נומער, און אויך דאס ארטיקל פון מאיר צעלניקער איבער „פידלער אויפן דאך“.—ד.ר.

דר. שלמה בירנבוים צו זיין 75סטן געבוירן יאר

דעם באוווסטן שפראך־פארשער און יידיש־וויסנשאפטלער, דר. **שלמה בירנבוים**, ווינטשן מיר נאך לאנגע יארן אנציגיין מיט זיין וויכטיגער ארבעט — עד מאה ועשרים.

לשון און לעבן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

א. נ. שטענצל

די אויגוסט - שטראסע

דער דייטש־יידישער סאלדאט און אפיציר איז דאך אין דער „היימאט" נישט צוריקגעקומען אזוי פארלוירן און נידערגעשלאגן פונם ערשטן וועלט־קריג ווי זיין „קאמעראד" אין שלאכט, דער דייטשער זעלנער; ער, דער דייטשער ייד, ווי אסימילירט און פארדויטשט ער איז נישט געווען, האט ער געפונען אין „באזעצטן געביט" אין פוילן, ליטע, אין אוקראינע זיינע ברידער, די מזרח־אייראפעאישע יידן; בעסער געזאגט: ער האט אנטדעקט דעם „אסט־יודן"!

נישט נאר „די פראנקפורטער ארטאדאקסי" האט „געוואונען" די „פירונג" פון דער „אגודת ישראל", — די ירושה פון די טיכטיקע ראבינער קאן און קארבלבאך און די אנדערע „פעלד־ראבינערס בשעתם, — נאר יעדער יידיש־דייטשער סאלדאט אויף זיין אופן. זיי אבער, די לעצטע, האבן נישט „געוואונען" נאר געפונען, ווי א ברודער געפינט א ברודער —

זיצנדיק ביי א יידישן סדר, אין א סוכה — אהיימגעבעטן פון שול — צי גאר אין א פראסטן שבת ביי א היימישן יידישן טיש; קומענדיק אין א יום־טוב אין א שטעטלדיקן בית־מדרש א צעהילכטער פון יידן זיצנדיק ביי די גמרות; אין א חסידים־שטיבל צו א פראסטן שלוש־סעודות בשעת זינגענדיק די „בני הכלא"־זמירות איינגעהילט אין בין־השמשות שאטנס; צווישן חלוצים אויף א פארם, אין א יידישן ארבעטער־פאריין — האבן זיי זיך אליין געפונען און אנטדעקט!

זיי האבן ליב־געוואונען די ווארעמקייט פון דער יידישער היימישער שטוב, דעם התלהבות, דעם „ברען" ביי דער גמרא,ביים „בני היכלא"; ארומגענומען געווארן מיט דער לעבעדיקייט פון יידישן פאלקסליד אין די „גראסער" און „באראכאוו"־קלובן —

דער מיאוסער ביי־קלאנג פון ווארט „אסט־יודע", „פאלנישער יודע" איז אין זייערע אויערן מגלגול געווארן אין א טאן פון א „מעלאדיע אהנע ווערטער"...

אין פוילן, אין ליטע, אין אוקראינע האט דער דייטש־יידישער סאלדאט געפונען זיין „פערבינדעטן" און אהיימקומענדיק פון א פארלוירענעם קריג און געפונענדיק זיי — די געכאפטע אין די שטעטלעך אויף „צוואנגס־ארבעט" — אין די הונדערטער, אין די טויזנטער צעלאזענע פון די אמוניציע פאבריקן, פון די קוילן־גרובנס, וואס די גאנצע מלחמה־יארן האבן די זיך געוואלגערט — ווי זיי אין די אקאפּעס אויפן שלאכפעלד—אין די ביליקע הערבערגן, ארבעטער־הייזער, נאכט־אזילן, נישט אנגעזעען די אלע יארן קיין יידישע שטוב. (דאס דייטשע מיידל איז נאנטער געווארן ווי דאס יידישע, מיט די ערשטע זיינען זיי דאך געשטאנען ביי דער „ארבעטס־באנק", מאכנדיק אמוניציע; זיי געטראפן אין די פרייע זונטאגס אין א קאפעע, אין א קינא...) טרעפנדיק די צעלאזענע געפאנגענע קאמעראדן, — די רוסיש־יידישע סאלדאטן „אפגעלעגן" יארן אין די דייטשע געפאנגען־לאגערן — האט דאס ווארט „אסט־יודע", „פאלנישער יודע" אן אנדער קלאנג געהאט — פונם צוריקגעפונענעם, פארוואלגערטן

רענדל, נישט אפּצוטוישן...

עס גענוגט בלויז דער „דאָקומענט" פון יענע יאָרן, אַרנאָלד צווייגס „דאָס אָסט־יודישע אַנטליץ", הדרת־פּנימדיק צעשטראַלט מיט „שטרוקס צייכענונגען".

דער דייטשער זעלנער, צוריק אַהיים קומענדיק נאָך דעם גלאָריע־רייכן, פּאַרלוירענעם, ערשטן וועלט־קריג, ווי פאַרלוירן, ווי נידערגעשלאָגן, ווי צערודערט ער איז נישט געווען, איז ער צוריקגעקומען אין אַ „היימאַט", צו זיין משפּחה, זיין קולטור — איז נישט קיין קעניגלעך־קייזערלעכע, איז אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע — אין אַ נייעם, רעוואָלוציאָנערן דייטשלאַנד.

וווּ אָבער האָבן די הונדערטער, די טויזנטער יונגע „אָסט־יודן", רוסישע, אוקראַינישע, ליטווישע, פּוילישע, געזאָלט צוריקפאָרן, אַז פון זייערע רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע היימען קומען פרישע הונדערטער און טויזנטער פּליטים און אַנטלאָפענע פון פּעטליורע־פּאָגראָמען און האַלערטשיק־רציחות?

וויפל דער דזשאָינט, אָזע, אָרט, בני־ברית, די החלוץ־אָרגאַניזאַציע און די משפּחות מעבר־לים מיט שיקן דעמאָלט אַן „אַפידעיוויט" האָבן אויפגעטון צוריק אַריינצובריינגען אַ שטיקל סדר און אָרדנונג אין צערודערטן יידישן לעבן, האָט דאָס רעהאַביליטירטע וואָרט, דאָס דיבוק־באַפרייטע וואָרט „אָסט־יודע" מער אויפגעטון!

מזרח־אייראָפּעאישע יידישע בחורים האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין יידישע שטובן, באַקומען דריסת־הרגל נישט נאָר ביי איינגעזעסענע גאַליציאַנער יידן, נאָר אין „גוטע" דייטש־יידישע הייזער — זיינען דאָך נישט נאָר דייטשע זעלנער געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָר אויך דייטש־יידישע סאָלדאַטן — און אויסגעפּילט דעם „מאַנגל" אין בחורים... אָבער בעיקר מ'האָט זיך געזאַמלט צווישן זיך, אין געזעלשאַפטן, אין פאַראיינען, אין קלובן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן וויזן פירנדיקע מענטשן פון די „רוסישע" אינטערנירטע, פון די צוריקגעקומענע רעקרוטירטע, פון די יידישע סטודענטן־קלובן; נאָר צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי רובאַשאָוו, שניאור, טשינגאָוסקי.

דער מזרח־ייד האָט אָנגעהויבן צו מאַכן זיין וועג אויף צוריק, קיין מערב־אייראָפּע, אויפן וועג קיין אַמעריקע, קיין פּאַלעסטינע — דער ספרד־און אשכנז־ייד איז צוריקגעקומען מיט „נוסח" מיט אַ נייער יידישער קולטור, מיט אַ יידיש־העברעאישער ליטעראַטור.

און איינער פון אַט די יידיש־דייטשע צוריקגעקומענע סאָלדאַטן און אָפיצירן, פון דער יונגער גענעראַציע דייטש־יידישע אינטעלעקטואַלן, איז געווען פריץ מרדכי קויפמאַן, וואָס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון יידישן אַרבעטס־אַמט אויף דער אויגוסט שטראַסע.

אַט דער יונגער דייטשער אינטעלעקטואַלער ייד, מיט אַ ברענענדיקער ליבע צו אַלץ וואָס איז אָסט־יידיש, דער לעגענדאַרער פריץ מרדכי קויפמאַן, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער נייער דייטש דעמאָקראַטישער רעגי־

רונג פאר די לעצטע פון די לעצטע, פאר די פרעמדע און פארוואגלטע, די אומבאהאלפענע, וואס האבן געזוכט ארבעטס און וואוין־רעכט; די ערגסטע, שווארץ־ארבעט — וואס ס'זאל נישט זיין! דעם באגערטן נאנסן־פּאס, די פאר ברויט־קופּאנעס, וואס זענען דאס נויטיקסטע געווען אין די ערשטע נאך־מלחמה יארן אין דעמאלסטיקן פארשפילטן און אויסגעשפילטן דייטשלאנד.

איז מען פארשריבן געווארן אויף דעם יידישן ארבעטס־אמט, אין דער אויגוסט שטראסע, איז ביז מ'האט באקומען די פּאסנדיקע ארבעט, דעם באגערטן נאנסן־פּאס, איז מען קודם באזארגט געווען אויף דריי טאג מיט א קוויטל אויף מיטאג אין דער „סטודענטן־קיך", צו „שלאפן" דריי נעכט אינם „נאכט־אזיל" — אבער דער עיקר איז דאך געווען נישט דאס שלאפן, נאר דאס קוויטל, וואס איז געווען כמעט ווי א „שמירה" פאר א גוטן פּאליציסט, אז מ'איז פארדעכטיקט געווארן גייענדיק אין גאס, ביי אן אבלאווע אין א רעסטאראנדל, — א שלעכטער האט אויף דעם „שמירה"־קוויטל נישט געקוקט — צו אן אייזערנעם בעט־געשטעל אן א מאטראץ און ווּעלכן ס'איז קישן, מיט צוויי הארטע קאלדרעס, איינע אונטער־צוּלייגן און מיט איינער זיך צוצודעקן. און אויב מען האט נאך געהאט די צוויי קופּאנעס דערצו — א טאפּ ציקאריע, „שנאבל־בריע" און א לחמא שווארץ ברויט, פארן גיין „שלאפן" און נאכן אויפשטיין.

ווען איך בין אנגעקומען אין דער אויגוסט שטראסע האט דער לעגענדא־רער פריץ מרדכי קויפמאן שוין נישט געלעבט מער. לויט ווי מ'האט זיך איבערגעגעבן, האט עס געהייסן, אז ער איז באגאנגען זעלבסטמארד טאקע דא אינם ארבעטס־אמט ביים שרייבטיש. עס האט געהייסן: ער איז נישט נאכ־געקומען די צוגעזאגטע פאדערונגען לגבי דער מאכט... זיין פאראנטווארט־לעכקייט, זיין אחריות־געפיל, איז געשטעלט געווארן אין פראגע... צי ס'איז געווען דער „שלעכטער" „ארבעטס־מאטעריאל"... צי גאר זיין תמימותדיק גרענעצלאזער פארטרויען צום „אסט־ייד", וואס איז געווארן געבראכן... אדער ס'איז גאר געווען זיין לאיאליטעט — זיין יידיש־דייטשע טאפּלטקייט?... די צעריסנקייט אין אים פון „דויטש" און „יודע"... שוין זיין נאמען „פריץ" און „מרדכי" זאגן עדות... זיי האבן זיך געשטויסן אין אים ווי יעקב און עשיו אין דער מאמע רבקהס לייב, ווי קין און הבל ביים ברענגען זייער קרבן און איינער האט דעם אנדערן געהרגעט...

ווען דער „מרדכי" אדער „מאקס", נאך ווּעלכן שמואל לעווין האט ארויפּ־געשריגן אין אפענעם פענסטער אריין, אין דער אויגוסט שטראסע, איז נישט אראפּגעקומען — „ער איז שוין אוועק", האט עס ארויסגעענטפערט פונם אפענעם פענסטער, צו ווּעלכן דאס שיינע, בלאנדע קעפּל איז שוין נישט צוגעקומען — האט לעווין געגעבן א שאקל מיטן קאפּ, אז די לאנגע, שווארצע לאקן זיינע האט מען געהערט ממש אויפקלינגען; ער האט זיך אויסגעדרייט מיט א שארפן דרייעקיקן דריי און מיט די געביילטע רעוואלוציע־פויסטלעך געפאסט א „רעזאלוציע"־באשלוס:

„איר זעט קייגנאיבער דאס געזעמל? דא שטייט מען אויך ביז דער „אמת" וועט זיך אפענען — דאס איז דער יידישער ארבעטס־אמט... שטעלט זיך אנידער אין אט דעם געזעמל! ביז איר וועט אפגעפערטיקט ווערן וועל איך שוין צוריק זיין פון מיין „אמט"... (ער האט זיך געשטארקט נישט אריינ־צופאלן אין א לייכטער שטימונג). מאקס וועט פון דער ריינהארד־שול אויך שוין מסתם זיין צוריק... איר ווייסט דאך, איך מוז אוועק מכוח מיין ענין", און זיין פנים האט זיך פארצויגן, ווו א פארהאגענער שפיגל אין א שטוב פון אן אבל, מיט א פינסטערער טרויעריקייט.

ווען שמואל לעווין איז אוועק מכוח זיין ענין אין דער „חברה־קדישא", אין דער היידער־רויטער גאסע, און איך בין דא שטיין געבליבן פארן יידישן ארבעטס־אמט, אין דער אויגוסט שטראסע, האט נאך די נשמה־ארטילאית פריץ מרדכי קויפמאנס געשוועבט אויף כף־הקלע:

עס האט געהייסן, אז געפונענדיק אים א טויטן, מיטן רעוואלווער נאך אין דער ווארעמער האנט, דא אין זיין אפיס, איז געלעגן א צעטעלע אויפן שרייבטיש, אז זיין אמט זאל איבערנעמען דער רעכטער פועלי־ציון טוער, אדלער־רודל; אנגעזען שוין אין דער פ"ץ־היעראַרכיע אין אלטן עסטרייך.

ס'וואלט ארויסגעקומען א טומל אין דעם באוועגלעכן געזעמל: „א באראַ־קאוויסט"? „ניין, א ציוניסט"... „יענער גאליציאנער"... „ניין, פון דער בוקאווינער אינטעליגענץ... א יידישיסט"... דאס טויער האט זיך געעפנט און דאס צערודערטע געזעמל איז אריין אינם אויפגעעפנטן טויער און זיך געלאזן אויף די שטיגן אינם פאר־קארידאר צו דער טיר פונם ארבעטס־אמט. איך, ווי א ניילינג, ווי א פרעמדער אין דער סטאדע, בין נאטירלעך געבליבן דער לעצטער, נאכגייענדיק די אנדערע, וואס האבן שוין געוואוסט וואו א טיר עפנט זיך...

אין דער שטוב, וואו ס'פענסטערל איז געווען צום אפיס, וואו פון דער אנדערער זייט איז געזעסן א בחור מיט א צעקנייטשט פנים, מיט פלינקע באוועגונגען און מיט נאך פלינקערע אייגעלעך, האט געקענט אריין א פער־ציק־פופציק מענטשן און די שטוב איז געווען איבערפולט. ביי יעדן איינעם פרישן, וואס איז צוגעקומען צום אפענעם פענסטערל, האט זיך דאס צעק־נייטשטע פנים מיט די פלינקע אייגעלעך שנעל, מיט א דרייעק־קורווע א דריי־אויס געגעבן צום שרייבטיש, וואס איז געשטאנען טיף אינם אפיס אדער אפשר דורך אן אפענער טיר אין א צווייטער שטוב אריין עפעס אריינגערעדט, אנגעפרעגט, געווארט דרך־ארצדיק מיט א שפיציק־געבויגענער פלייצע אין אפיס־פעסטערל, און מיט א פלינקן דריי זיך נאך פלינקער אויסגעדרייט, אויפהויבנדיק די שפיציקע פלייצע און באווייזנדיק זיין שטרענג־צעקנייטשט פנים מיט די פלינקע אייגעלעך, אינם אפיס־פענסטערל —

דער בחור, האט מען געזעען, פארשטייט זיך אויפן וואונק מיט זיינע „קליענטן" און אויך מיט דעם, וואס זיצט דרינען ביים גרינעם אפיס שרייב־טיש.

עס איז שוין געווען קרוב צוועלף אזייגער. איך בין געווען דער סאמע לעצטער און עס האט שוין געהאלטן ביי מיר.

דער מיט די פלינקע אייגעלעך, מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאפ, צוריק־געלענט אויף זיין בענקל פון דער אנדערער זייט פענסטערל פרעגט און איך, אויף דער זייט, מיט אן איינגעבויגענעם קאפ, אנטפער:

„אייער פאס!"

„איך האב נישט".

„עס קאן זיין א געמאכטער, א פאלשער!"...

איך שווייג.

„עפעס וואס פאר א פאפירל וואו איר האט געארבעט, וואו איר זענט גע־בוירן, ווי איר הייסט".

„איך קאן אייך די אלע זאכן זאגן בעל־פה אדער אויפשרייבן אויף א פאפיר".

„וואס הייסט איר וועט זאגן?" צעקנייטשט זיך דאס פנים נאך שטארקער און די קנייטשן צעשטראלן זיך ווילעריש מיט א שמייכל; „גוט געזאגט, איר וועט זאגן... און אז איר וועט זיין אן אנטלאפענער פון א תפיסה, וועט איר אויך אויפשרייבן?... עס פעלן נישט דא די אביעקטן!"

ער דרייט פלינק אויס דעם קאפ, ער רעדט עפעס אהין דארט צום גרינעס אפיס שרייבטיש, צו דער טיר אין א צווייטער שטוב אריין. עפעס וואס כאפ איך אויף:

„ווער קאן זיך... אויף די ,פאניעס'... עפעס א וויי־חכם צי א ריכטיקער אידיאט"...

ער דרייט זיך פלינק צוריק אויס מיט אן ערנסט פנים:

„קאנט איר מיר זאגן אייער פאך?"

„א לאנד־ארבעטער ביי פויערים, ביי גערטנער".

„כ'פארשטיי". זיין פנים ווערט נאך צעקנייטשטער, די פאלטן שארפער, ס'ווערט שטרענג, די פלינקע אייגעלעך בלייבן שטיין געשפיצט:

„כ'האב באלד פארשטאנען! זענט איר טאקע פון די צוריקגעקומענע, פון יענע חלוצים, פון די מרגלים?"...

איך רייס אים איבער, נישט מיך צו פארענטפערן, נאר מיט א מין התפעלות:

„פון וואנען ווייסט איר וואס איך האב דא ביי מיר אין מיין בוזעם? טאקע א חלוץ, א טויטן, אבער נישט קיין מרגל"

„חבר, זאל דאס זיין לצנות, אדער אזא מין אופן פון דיסקוסיע?... נאר נישט דא ביים פענסטערל"... זיינע אייגעלעך נעמען פלינק לויפן ווי דער־שראקענע און זיינע פלינקע הענט נעמען זיך פלינק באוועגן.

ער האט דרינען אראפגעבויגן דעם קאפ צום אפיס־פענסטערל און איך האב אינדרויסן אויפגעהויבן מיינעם. געפרעגט מיין נאמען און אן א ווארט מיר ארויסדערלאנגט די צעטלעך: א פאפירל אויף „דריי נעכט צו שלאפן"

אין נאכט־אזיל און דריי „שיינען״ אויף דריי בחינמדיקע מיטאגן אין דער סטודענטן־קיך.

געווען דער לעצטער ביים אפיס־פענסטערל, דער „שמועס״ האט זיך אביסל פארצויגן, בין איך אראפּ אויף דער גאס איינער אליין. פארבייגייענדיק פארן אפענעם פענסטער קייגנאיבער וואו געוואַרט „מאקס מרדכי״ זאל אראפּ־קומען, האב איך מיך געוואקלט, געוואלט אריבערגיין די פּאטשענע, אבער ווייטער געגאנגען פארטראכט, לייענענדיק די אדרעסן אויף די צעטעלעך: דאס הייסט, אז אן אדרעס אויף אהיימצושרייבן האב איך נאך אלץ נישט...

כ׳בין אריבערגעגאנגען מיך איינקוקן אינם נומער פונם הויז: אפשר טאקע פשוט שרייבן אויפן בריוו אהיים „דעם אבזענדער״, די אויגוסט שטראסע נומער אזוי און אזוי... הער איך פריילעך איבער מיין רוקן:

„ס׳איז דער ריכטיקער אדרעס״... איך דריי מיך אויס און מיך קוקן אן א פּאר גוטע אויגן פון אן אפן, פריילעך פנים און א ברייטע, געזונטע האנט שטרעקט זיך אויס, נישט נאר ווי שלום צו געבן, נאר ווי ארומצוכאפּן און צום הארצן צוצודריקן:

„איך בין ,צוואר׳ נישט מרדכי, איך בין שיע, מאקס ברודער. ארום צוויי אזייגער וועט ער אהיימקומען״. ער זעט די צעטלעך אין מיין האנט און ער וויל עס מאכן וויציק:

„ביטע לייגט אוועק די ,באנקנאטן׳, זיי וועלן נישט חמצדיק ווערן״. ער קוקט אויף מיר מיט א באהאלטענער גוטסקייט צי ער האט זיך נישט צופיל ארויסגעכאפּט, צו „גוט־ברודעריש״, און איז געווארן נאך פריינטלעכער:

„ווייסט איר וואס, איך האב צו מאכן א גאנג, קומט זשע מיט מיר מיט. ס׳איז א מינוט גאנג פון דא און איר קומט אריין אין הארץ פון יידישן פירטל — איך זע דאך, אז איר האט א „שמירה״־צעטעלע, און פאר קיין אבלאווע דארפט איר נישט קיין מורא צו האבן״...

אויב אויפן אלעקסאנדער פלאץ זיינען געווען די גרויסע „ווארנהויז״־געשעפטן, טיץ, ווערטהיימער, איזראעל און אזוי ווייטער, און אויף דער אנדערער זייט צום קייזער־פלאץ, צו דער קעניגלעכער גאלעריע; צו די לינדן אראפּ הייבן זיך די אן די גרויסע יידישע באנק־הייזער; דאס הויז בלייכרעדער, דאס הויז מענדעלסאן, קאפּע קראנצלער — איז אויף דער זייט ארויף צו דער מינץ שטראסע, די ליניענשטראסע, שענהייזער און האגישן מארק געווען די יידישע באקליידונגס־געשעפטן און די „צווייפלהאפּטע״ קאפעען און רעס־טאראנדלעך, מיטן שווארצן מארק פון לאקשן־דאלארן און שניט־סחורה קופּאנעס...

עס ראַיעט דא אין יעדער גאס און אין די אויסשטראלנדיקע פינסטערע געסלעך, אין די אנגרערויכערטע קאפעען און שוויצעדיקע רעסטאראנדלעך ווי אין פולע, זשומענדיקע בינשטאקן, מיט סוחרים און סוחרימלעך, מיט הויזירער און מארק־שטייער, מיט רייזענדער מיט „לאקשן״־הענדלער און זייערע מעקלער און געלט־טוישער און גלאט מענטשן, וואס דרייען זיך ארום זיי; וואס

רייבן זיך ארום זיי. וואס ארבעטן פאר זיי... און מיט סתם פינסטערע פאר־שוינען געפאלענע צו דער לעצטער מדרגה — עס איז יענע בייזע חלום־לייטער פון אונזער טאטן יעקב, וואס מ׳קלעטערט אויף איר פון שטאפל צו שטאפל ביז מ׳עפנט א געשעפט מיט א וויסטאוועפענסטער אין דער שענהייזער אלייע אדער גאר אין דער קאנט שטראסע, אדער מ׳פאלט אראפּ און מען ברעכט הענט און פיס און מ׳גייט קלאפן הויז ביי הויז צו קויפן אלטע קליידער...

מיין באגלייטער קוקט אויף מיר איך אויף אים, כ׳זע אים נישט נאר כ׳הער:

„דא אין די געסלעך פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט — נאכ־טראגן א הויזירער איז דאך דער מינדסטער פעאיק"...

שיע איז געווען דער קאפּ פון הויז בראנשטיין אויף דער אויגוסט שטראסע, זיין אחריות־געפיל פארן „הויז" האט געשטאלטיקט זיין כאראקטער —

ווען ער האט אנגעהויבן רעדן איבער זיין בראטשיק מאקס האט עס פון אים ארויסגעשוימט, מיט לעבשאפט, מיט דרך־ארץ, מיט שטאלץ:

ער האט דערזען די גרימאסע אויף מיין פנים און געזוכט אנדערע פראזן.

„די גאנצע וואוינונג דא איז דאך איבער אים"... איך וואלט אוועק־געפארן פון טורנע?..." דאס איז „דאך א זשעני, דער מאקס"... „די ריינ־הארדשולע איז דאך נאר דאס וויזום, דאס אויפנטהאלט־רעכט..." בכלל גייט עס אים אין מאלעריי — אונזער מרדכי איז דאך א גאון"...

אזוי האט עס געשוימט אין אים פון איינס אין צווייטן אריין, גייענדיק איבער די געסלעך, אפטרעטנדיק אין א קאפּעע, אין א רעסטאראנדל.

„איך וואלט מיך ארייגעלאזט אין די יידישע געשעפטלעך? אין דער היים האבן מיר וויכטיקע עטאבלירטע געשעפטן... אבער מאקסן אליין אזוי לאזן אין דער לופטן?" „ער איז דאך א גרויס קינד"...

גייענדיק אזוי, האב איך אין איין געסל דערזען די „צוויי ברידער", וואס כ׳האב פון זיי נישט געקענט דאס אויג אראפּלאזן, שטייענדיק אויבן אין יידישן ארבעטס־אמט... זיי האבן מיך אויך דערקענט: „איך גלויב, אז ערגעץ דא אין א געסל מוז זיין די סטודענטן־קיך". ער האט עס צו מיר געזאגט, אבער גערעדט האט ער עס צום יונגערן ברודער און א נעם־אן געגעבן אים ביי דער האנט ווי אים ארויסצורייסן פון זיין איבערגעשראקנקייט.

„הערר בראנשטיין", האב איך מיך אנגערופן צו מיין באגלייטער.

„רופט מיך שיע", האט ער צוזאמענגעקלאפט די אפּצאסן מעשה דייטשער אפיציר, אבער היימיש־ווארעם מיר געקוקט אין די אויגן אריין.

„ווייסט איר וואס, קומט דאך מיט אריין, די ,באנקנאטן׳ וועלן סטייען"...

„א־א, איך זע, אז איר האט הומאר אויכעט... אבער נישט געשטאכן... איך האב עס זיכער נישט געמיינט אין שלעכטן זין"...

מיר האבן זיך געזעגנט. ער האט ארויסגענומען א וויזיטקארטל. „דא האט איר נאך א ,באנקנאט׳: צו אונז קאנט איר ארויפקומען צו יעדער צייט פון טאג ביז צוועלף ביינאכט... כ׳וועל אייך נישט אפּרייסן פון אייערע פריינט. נאר איך האב געמיינט, אז איר וועט זיין אונזער גאסט צו מיטאג".

* * *

עס איז געווען א צייט דעמלט, ווען פאר פיפציק האלענדישע גולדן, פאר הונדערט אמעריקאנער דאלארן האט מען געקויפט א הויז אין בערלין. און דער אייגענטימער איז געווען גליקלעך, אז ס'האט זיך אים געטראפן א קונה — „אן איי פאר א פריטה, אן אקס פאר א דרייער; ברודער זיי נישט קיין פרייער, האט מען נישט דעם מזומן איז עס זייער טייער"... זאלבע דריי שפאצירנ־דיק נאכן מיטאג אין סטודענט קיך האב איך אוועקגעגעבן מיין גילדענע פול־פעדער פאר דריי היימישע קרופניקס ביי יאנטלען אין גארקאך — מיר האבן זיך אלע דריי מחיה געווען. דרייענדיק זיך דערנאך איבער די געסלעך האבן מיר מער געשוויגן ווי גערעדט... די צוויי ברידער זיינען געווען ענטריננענע פון דער נישט געראטענע בעלא קון־רעוואלוציע — — —

ווי א משוגע געווארענער הונט, וואס דרייט זיך ווילד ארום זיין אייגענעם עק דעם גיפט אין אים אריינצובייסן, דריי איך מיך שוין ביים ערשטן קאפיטל שרייבנדיק „מיינע 14 יאר אן בערלין".

און אפשר זיינען אונזערע חכמים גערעכט, ווען זיי האבן געשריבן: „כשם שמקבלים שכר על דרישה כך מקבלים שכר על הפרישה"... אין ערשטן טייל „גזע און ירושה" האב איך תמיד געהאט א רואיקן פונקט, ווו נאך יעדן זאץ האב איך געקענט אויסרוען — די היים, טאטע מאמע! האב איך ווייטער נישט געקענט, זיינען זיי מיר געשטאנען צוקאפנס, כ'האב געהערט ווי זיי שעפטשען מיר אין אויער אריין —

איין ווארט כ'האב נאר געברויכט צו פארנעמען און ס'האט גענומען שפינען פאר מיינע אויגן, וועבן און שוועבן; פליגל כ'האב געהערט פלאטערן איבער קאפ — אליין כ'האב פליגל באקומען.

שרייבנדיק דעם צווייטן טייל, — די צוויי יאר אין האלאנד — נאר געברויכט די פעדער אין האנט אריין נעמען און — די גלאנציק צעארבעטע שאוול האט געטאנצט אין מיין האנט, „קלאפטער געלייגט"; יעדער פריש־צעגראבענער שאוול־ערד איז אויפגעגאנגען ווארעם און דאמפנדיק — אין די האלענדישע דערפער האב איך דערשפירט דעם ריח פון די ערד; כ'בין געבליבן שטיין מיט די צוויי הענט אויפן הענטל פונם שאוול און אויסגערוט.

שרייבנדיק איצט איבער בערלין קומט יעדער זאץ מיר אן ממש מיטן טויט. דאס ווארט „בער־לין" ציט זיך געשפיץ און שארף, ווי א מעסער מיר אין מוח אריין — כאטש צו פארבלוטיקן... כ'זוך דעם פונקט ווו אויסצורוען, ווייטער צו קענען אנהויבן — —

יא, ארויפקומענדיק צו די געברידער ברוינשטיינס אין הויז אין דער אויגוסט שראסע האט מיך א היימישע ווארעמקייט, ארומגענומען. שוין אריינקו־מענדיק, שטייענדיק א ווייל אין דער אפענער קיך טיר, אריבערקוקנדיק אין דער אנגערויכטער טומלדיקער זיץ־שטוב טיש און דעזענדיק די אין שמועסן פארטיפטע און די אויף דער זאפע ביי דער וואנט — דערזע איך א פאר פריילעך פייערדיקע אויזן קוקן אויף מיר און שוין שטייט ער ביי מיר...

„מרדכי״! מיט אויסגעשטרעקטע צוויי הענט און ליפּן ברייט צעשמייכלטע פון פרייד: „שלום עליכם א ייד״.

גאַנץ גאַליציע איז געווען אין דער שטוב! אברהם מרגלות מיטן געשפּיצטן פּיצעלע בליישטיפטל אין האַנט גרייט צו שרייבן א לידל, זיצט אויף דער זאַפע ביי זיין קוזינע מערי באַנעט, ווי א שיצנדיקער ריטער; אויף דער אַנדערער זייט שמואל לעווין, דיסקוטירנדיק מיט איר אין א „גאַר וויכטיקן״ ענין: די פּויסטלעך זיינע זיינען שטאַרק באַוועגט: „אין תוך זענט איר געדעכט חברטע מרים, אָבער דאָ האַנדלט זיך מכוח יידישע עטיק״... נחמיה מאַסטבוים, קליין און א ביסל הויקערדיק, מיט א גרויסע קאָפּ געדיכט געקרייזלט ווי מיט נעגער־הערלעך — פול מיט פּערזון, העברעאיש, יידישע, דייטשע...

אַט רעציטירט ער א געדיכט אין דייטש און לויט זיין אַקצענטירן גיט ער העלאַ׳ן צופאַרשטיין, אַז ס׳איז טאַקע פאַר איר געדיכטעט. און מענדענדעק הויך גרויס און שטאַרק מיט א רחבותדיקע גוטסקייט צעלייגט אויפן פּנים. אַביסל אַראָפּגעבויגן די ברייטע אַקסלען, ווייל „העלוש״ גרייכט אים קוים ביז צום אַקסל און וואָס העלאַ טראַכט נאָר, איידער זי זאָגט עס נאָך אַרויס, איז עס שוין אָפּגעטון. שוין שטייט דער טשייניק אויפן גאַז־אויוון און די ברויט־שניטן שוין אָפּגעשניטן אין קערבל.

שיע קיינער זאָל נישט זען, האָט זיך שוין אַרויסגעדרייט און נאָך איידער מען וועט זיך פאַרדרייען וועט ער שוין צוריק זיין מיט פרישן אויפשניט און פּילזנער פּיר — ער איז שנעל פאַר מיר פאַרביי, ווי א רואה ואינו נראה.

ביי דער וואַנט זיינען געשטאַנען דריי: א קראַסאַוויצע, א געזונט פעסטע מויד, א ברונעטקע, א לאַכעדיקע, וואָס ווייזט כסדר אַרויס אירע ווייסע ציין, און א קליינע, א בלאָנדע מיט גלאַט פאַרקעמטע האָר אין א שרינט מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן מיט א יידישלעכן טרויער אין זיי, דער דריטער איז דער בחור פון אַפּיס־פּענסטערל מיט זיינע פלינקע אויגן און גיכע באַוועגונגען; ער רעדט אויף איינמאָל מיטביידע, זייט דער פערטער איז א וועק —

מאַקס זעענדיק מיין אויפגעשאַרצטן בליק אויף דעם בלאָנדן מיידל האָט ער אויסגערופן ווי א העראָלד אין ריינהאַרצס א „פעסט־שפּיל״: „גוסטאַ, קום אַהער, כ׳וועל דיך פאַרשטעלן״... ער וויל ווייטער אויפן קול סקאַנדירן.

נאָר די גאַנצע חברה האָט מיך שוין דערזען און שמואל לעווין איז שוין געשטאַנען ביי אונז: „דאָס איז ער, מרדכי״.

„שמוילקל, דו מוזט עס ערשט מיר דערציילן, און אַליין האָב נישט קיין אויגן״?

לעווין האָט מיט גרויס פאַרנעמקייט מיך פאַרגעשטעלט פאַר יעדן איינעם און יעדן איינעם פאַר מיר. דער בחור מיט פלינקע אויגעלעך מיך דערזעענדיק אין געוואָרן גאַנץ פריטשמעליעט און דאָס בלאָנדע מיידל מיט די בלויע אויגן איז נאָך רויטער געוואָרן.

מען האָט מיך פאַרבעטן צום טיש. איך האָב געגעבן צו פאַרשטיין, אַז 10 אַזייגער מוז איך זיין אויף דער אכסניה. מאַסטבוים האָט זיך אָנגערופן, אַז איך

לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4־5 (העפט 424־5)   אכט און צוואַנציקסטן יאָר   אַפּריל־מאַי לאָנדאָן

א י נ ה א ל ט :

לכבוד פסח און דעם 19'טן אַפּריל .... ** 2
געטא־מאַטיוו .... אברהם סילקעס 9
פאַר וועמען? (ליד) .... יוסף הלל לעווי 11
מיט מיין האַרץ .... שמואל יוסף עגנון 12
פרילינג (לידער) .... עלא זילבערג 14
פּאַטריאַטקעס און פסח פאָלקלאָר .... יעקב ריכטיגער 15
א גליל פרילינג־האַרא (ליד) .... דוד בערמאַן 19
די נישט־פאַרענדיקטע סימפאָניע (דערציילונג) .... יוסף די באַסט 20
מיין געבוירנטאָג (ליד) .... יוסף לעפטוויטש 23
א זעקעלע ארץ ישראל ערד (דערציילונג) .... וואָלף מאַנקאָוויטש 24
פּאָעזיע (פּאָעמא) .... יוליאַן טוווים 27
דער בלינדער לאָטעריע־צעטל פאַרקויפער אין ניצע (דערציילונג)
משה בעקערמאַן 28
דער בעכער (לידער) .... שמואל וווהייט 30
בראשית — אין אַנהויב (פּראָזע) .... א. נ. שטענצל 31
איינדרוקן פון א מדינת־ישראל־נסיעה .... אייזיק גאָלדבערג 39
ש. איזבאַנס היסטאָרישער ראָמאַן „יריחו" (רעצענזיע) .... ש. י. דאַרפזאָן 43
עווא זיידמאַן ע"ה (נעקראָלאָג) .... הערי אַריעל 45
עווא זיידמאַן (פּאָטאַ) 46
דער פידלער אויפן דאַך, א רעדאַקטאָר גיט זיך אַן עצה... א וואָרט צום
טאָג פון דר. אַדענאַוערס טויט .... ש. 47
שטענצל — א בן־שבעים .... איט"א בוליעטין 49
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

ס׳וואקעלט זיך דער בעכער, כוויל אים שטילן,
זוך איך א ברכה טראכט אין קלער.
אפשר — „שפוך־חמתך״ און פון די אויגן
פאלט אין בעכער א זודיגע טרער...

פאנדאראס קעסטעל — א מיטאלאגישע לעגענדע וואס האט ענטהאלטן פורעניות. אויפעפענדיג דאס קעסטעל, זיינען זיך אלע צרות אויף דער וועלט ציפלויגן.

געווידמעט מיין ליבן חבר א. נ. שטענצל צו זיין יובל השבעים

ווי פון ווילדען מידבר,
ווען מען באגעגענט אן א אזיס,
אזוי קוויק איך מיך מיט דיינע לידער.
געניסענדיק פון דעם קוואל —
דעם קוואל פון טיפע, שענע געדאנקן:

ס׳איז ווי מים־חיים,
וואס דערפרישט אין באלעבט מיך,
שוועב איך מיט דיר מיט,
געטראגן אויף „פעגאזוס״ פליגעל
און שפיגעל מיך און דיין לויטערן געדאנק.
פון העלער ליכטיגקייט —
אין דעם ליכט, פון דיין טיפן רעיון.

כוועב מיך אויך אריין אנטפלעקענדיק,
די פארבארגענע סודות אין דערגרייך
דעם מקור פון דיין ערהאבענעם שאפן.

א. נ. שטענצל

בראשית — אין אנהייב

1

דורך די זעלבע געסלעך, וואס שפאצירנדיק בייטאג מיט שיען, גייענדיק אצינד אין דער בין־השמשות שעה מיט די צוויי אונגארישע בהורים צו דער ברונען־שטראסע צו, צוצוקומען ערגעץ דארט צום נאכט־אזיל, האבן די זעלבע געסלעך א גאנץ אנדער פנים איצט געהאט. די צוגעמאכטע געשעפטן, די אויס־געקערטע גאסן, די אנגעצונדענע לאמטערן, די מענטשן איבערגעטאענע, ווי צו א ביליקער שמחה, ווי צו אן ארעמער חתונה — מ׳האט אנגעטאפט די אנגעגליטע אטמאספערע.

פאר די קאפעעלעך און רעסטאראנדלעך, וואו בייטאג האט עס געראיעט מיט סוחרימלעך און שפעקולאנטלעך, האט עס איצט שושקעדיק געפלימערט. מיט אויסגעסטראנצלטע פרויען, געפודערטע און געשמינקטע, ביליקע גאסן־פרויען צו כאפן א פארדינסטל און „וויטישע״ — דאס פארדינסט פון א שווערן טאג ארבעט צו פארשווענדן, כדי צו פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון א מאן אין א קאפעע, אין א טאנץ־זאאל... נישט ווייניקער פארשארפט ווי די הונגער־נויט — דאס אויף לויט אנגעוואויגענע פיצעלע פוטער, דאס צוגע־טיילטע באנעס־ברויט — איז געווען די סעקסועלע נויט.

אין א לאנד, וואו מיליאנען יונגע מענער זענען נישט צוריקגעקומען פונם שלאכטפעלד און טאפלט ווי די געפאלענע זענען פון די אהיימגעקומענע שווער־פארוואונדעטע, און די הויז־פרוי ווערט בעל־כורחה אריינגעצויגן אין יעדער שווערער מענער־ארבעט פון ווערקשטאט ביז צום טראמוואי־טריי־בער, ווערט זי אויך, נישט נאר אין שטוב בחדרי־חדרים די צוגעלאזענע, נאר זי ווערט גאר די ארויספאדערנדיקע, א צעלאזענע. ווי די שארפע ריחות פון די עסנצער, וואס האבן ארויסגעדאמפט אין דער מינץ־שטראסע פון די אפענע רעסטאראן־טירן, האבן די ווינקל־געסלעך, די טונקל־שאטנדיקע, געאטעמט מיט די קלעפיקע קראנקהייטן.

אין אזא אנגעגליטער אטמאספערע, שוין אדורכגייענדיק דורך איר, ווערט מען אנגעשטעקט. מען פילט ווי דער אטעם שטיקט זיך מיט עפעס, ווערט שווערער און ברעכט זיך איבער. דער אייליקער שריט, וואס איילט זיך ערגעץ אריין, ווערט איינגעהאלטן, פאמעלעכער.

יא, איך גיי, מיינע פיס באוועגן זיך, אבער מיין קאפ איז נאך אויבן אין דער שטוב ביי די בראנשטיינס. און פון אלע פנימער האט פאר מיינע אויגן נאר געשוועבט איין פנים, ניין, נישט קיין פנים, א בלאנדער קאפ־האר, מיט א ווייסן שריינט... ער ציט זיך, ער ציט זיך און איך גיי נאך... איך גיי אויף אים און שמייכל נארישעוואטע: יא, שיע איז גערעכט געווען היינט ביי־טאג שפאצירנדיק מיט מיר דא אין די געסלעך: „דא פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט״...

און אין דער אמתן וואס איז דען דער אונטערשיד? גאר קיין גרויסער חילוק נישט... יענע מיט זייער געראיע בייטאג מיט די פלינק־ווינקענדיקע, רוישנדיקע אויגן און זיי דא איצט מיטן צודריקן איינס און מיטן צווייטן ווינקענדיק... אין דער אמתן, איז דען גרויס דער אונטער־שיד?...

ביי דעם עלטערן פון די אונגארישע ברידער, וואס איז געווען פאראנט־ווארטלעך פאר זיין יונגערן, האט זיך אויסגעפארעמט א גאנצע טעאריע: „איידער צו ווערן אן אנאניסט איז שוין אסך געזונטער איינצושטעלן צו כאפן א ווענערישע קראנקהייט — די קאן מען כאטש אויסהיילן. און מיט א פראפעסיאנעלע גאסן־פרוי איז מען שוין זיכערער ווי מיט א „וויטישע״... די ערשטע איז כאטש אונטער פאליציי־קאנטראל״.

אריינקומענדיק אינם טונקעלען זאק־געסל פון נאכט־אזיל פונקט ווען

זיינע טויערן האבן זיך שוין געהאלטן ביים שליסן און פארלעך אין דער טאפנדיקער פינסטערניש האבן זיך געהאלטן ביים שיידן, האט עס צוזאם מיט די פעטע קושן געקנאלט: „שאץ, מארגן אין קאפעע", „שאץ, מארגן ביים טויער", „שאץ —"

ביים ארייגאנג האב איך מיך איבערוועקט ווי אינמיטן א חלום. דער גרויסער דייטש, וואס האט אנגענומען די שלאף־צעטלעך האט געהאט צו מיר א גערעכטע טענה: „אויך שוין א שאץ? די ערשטע נאכט שוין ביים איינשרייבן... געקענט קומען אביסל צייטלעכער".

אין דער ערשטער באלויכטענער האלע, דירעקט ביים אריינקומען, וואו יעדער האט באקומען צוויי שטייפע קאלדרעס, באנוולנע, שווערע, א המוציא שווארץ ברויט מיט א טעפל שווארצע ציקאריע, האט געררוישט, געקאכט, געטומלט ווי אין א קאזארמע. אין דער טונקעלער באלייכטונג האט מען קיין פנימער נישט געזען, נאר קעפ, ווילד באוועגלעכע שאטנס, לאנג אויסגעצויגענע אויף די הויכע נאקעטע ווענט — איך האב די צוויי ברידער פארלוירן.

פון דער אריינגעקומענער האלע, דער פרוזדור אזוי צו זאגן, האבן זיך געצויגן איינס אין אנדערן אריין אפענע האלן מיט הויכע נאקעטע ווענט, מיט צעמענטענע פאדלאגעס באלייגט מיט רייען אויסגעשטעלטע אייזערנע בעט־געשטעלן. פון א גרויסער וואפן־פאבריק, אפנים, האט מען אויסגערוימט די מאשינען און אויסגעשטעלט אין גראדע שורות ווי הארמאטן די ליידיקע אייזערנע בעט־געשטעלן.

די גרויסע מעלה איז דא געווען די ריינקייט און די לופטיקייט. די האלן זענען געווען דריי שטאקיק הויך און די צעמענטענע פאדלאגעס זענען צוזאם מיט די אייזערנע בעט־געשטעלן יעדן טאג, ווי נאר דער עולם איז אויפגעשטאנען, אפגעשווענקט געווארן מיט שפריצן פון גרויסע וואסער־קישקעס און די קאלדערעס באלד צוגענומען געווארן אויסגעדעמפט צו ווערן. די שטאקן־הויכע פענסטער — אויפגעפראלט פון אלע זייטן. איז וויפל מיר האבן זיך נישט געפונען אין אזא קאזארמע־האלע איז תמיד געווען פריש און לופטיק. אבער אויף די אייזערנע סדום־בעטלעך האט מען זיך געווארפן אין די קאשמארן־נעכט און אויפגעשטאנען נישט אויסגעשלאפענע, מיט אפגעדרוקטע דעסענס אויפן לייב — מ'איז ארונטער פון די געלעגערס אדם־נאקעט, איינגעהילטע אין די הארטע פערד־קאלדרעס, בארוועס אויפן קאלטן צעמענט און דירעקט אריין אין באד־זאאל, אויפגעשוידערט אונטער די אייז־קאלטע פרישניצעס, אויסגעקנאקט די ביינער און זיך מחיה געווען — ס'האבן געהילכט די עכאדיקע, ליידיקע האלן פון דעם הנאהדיקן און תאווהדיקן אויפיוכצן און די ווילד־הירזשענדיקע געשרייען.

יוגנט קאן אלץ מיטמאכן און אויסהאלטן! אבער דער אכסניא־אזיל איז לכתחילה אזוי צוגעגרייט געווארן, אז מער ווי דריי נעכט און עודך נאך א מאל דריי נעכט זאל עס קיין בן־אדם נישט מער אויסהאלטן.

אבער דריי טעג, זעקס טעג אויך און אמאל אויך ניין טעג, איז געווען א שאנס עפּעס צו געפינען און זיך ווי נישט איז איינארדענען.

כשר? טריפה? ווי ס׳זאל נישט זיין! געפונען ארבעט ביים פּאך דורך א באַקאַנטן, ווערן א פּעקל־טרעגער ביי א הויזירער, געפינען א צימער צום וואוינען אויף „שווארץ״ אדער ביי א „שאץ״ וואוינען נישט איינגעמאלדן. אפּט־מאל האט דער „יידישער ארבעטס־אמט״ געפונען פּאסיקע ארבעט און אויף א לעגאלן אופן אלץ איינגעארדנט; ביז צו דער גליקלעכער מינוט האט מען אבער געמוזט אננעמען יעדע שווארצע ארבעט, וואס זי האט צוגעוויזן. ס׳האבן זיך אויך געוויזן מעגלעכקייטן צו עמיגרירן.

די צוויי אונגארישע ברידער, וואס האבן שוין דא געוואוינט די פערטע דריי טעג, האבן פון ערשטן טאג אן דא „געארבעט״ מיט א פּלאן: אהיימפארן לעת־עתה קאנען זיי נישט, קוים מיטן לעבן זיך געראטעוועט פון דער אונטער־דריקטער רעוואלוציע. עמיגרירן ווילן זיי אויך נישט, ווייל זיי ווילן זיין וואס נענטער צו זייער היים און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט קענען צוריק אהיימ־פארן. קיין פּאך אין די הענט האבן זיי נישט. דייטש קענען זיי, האבן זיי באשלאסן זיך אויסצולערנען בוכהאלטעריע מיט דער הילף פון א קורסן־בוך.

געזאגט און געטון: באלד דעם ערשטן טאג געקויפט אזא לערנבוך, און ווי ס׳האט נאר גענומען בלישטשען אויף טאג, ווען דער עולם שלאפערס האט זיך נאר געווארפן אויף די סדום־בעטלעך, האבן זיי שוין געגארעט זייער בוכהאל־טעריע.

שפּעטער, ווען חברה האט זיך אויפגעכאפּט און די עכאדיקע האלן האבן גע־הילכט, געטומלט פון ווילדע געשרייען פון געזאנג און פון נבול־פּה, האבן די צוויי שוין געגעסן זייערע שווארצע המוציאס, צוגעטרונקען די „שנאבל־בריע״ און געזוברעוועט זייער בוכהאלטעריע. ווען דער אזיל איז געשלאסן, האבן זיי געפונען עפּעס א זייטיקע באנק אין א גארטן און זי געקוועטשט ווי צוויי מתמידים.

איך בין שוין די צוויי נעכט נישט אהערגעקומען שלאפן. כ׳בין איבער־הויפּט נישט געשלאפן. בייטאג האט מען זיך געדרייט אין די געסלעך, אריבער איבערן האקישן מארק און געזעסן אויף א באנק ביים שפּרעע; איבער די לידן, זיך ארייננגעדרייט אין טיר־גארטן. לעווין איז געווען גליקלעך צו האבן א „קרבן״ אין וועמען ארייננצורײדן זיינע שרייבערישע פּראבלעמען, זיין עטיש־סאציאליסטישע טעאריע. וואו זאל ער זיך אהינטון אין שטוב, אז די פרוי איז קראנק און זיין שרייבטיש איז אנגעלייגט מיט כלערליי מעדיצינען? די קינדער האט ער אויף א שעה־צוויי ארייננגעגעבן צו א שכן... און ווען לעווין האט געמוזט אהיימגיין, ווייל די פרוי איז שוין מסתם וואך און די קינדער מוז מען אפּנעמען, האט אברהם מרגליות געהאלטן זיין דרשה איבער פּאעזיע, „דעם מהות פון פּאעזיע״, און געליינט זיינע אייגענע שאפונגען.

און אין די נעכט, ווען שיע האט געגרייט זיינע „באנקעטן״ און זיין מאקס האט באוויליקט צו זינגען דעם „יאהיי״, „דאס פּאסטעכל״, צו לייענען דעם

„באסגייגער״, איז געווען א יום־טוב ביז נאך האלבער נאכט: „בו, בו, בו״.

איך האב אויף אים געקוקט און פארשטאנען „דעם מהות פון פאעזיע״: „און ער האט געמיינט, אז דאס זענען זיינע ביינדעלעך, זיינע ביינדעלעך״, טאקע זיינע ביינדעלעך.. זענען דען די שטיינדעלעך נישט אויס ווי ביינדעלעך?.

„בו, בו, בו —״ די גאנצע וועלט שטייט אויף דעם תם, דעם ל״וניק. ער קומט און לויפט אוועק, ער קומט און לויפט אוועק און אינצווישן איז אלץ אפגעטון. אלץ געפינט זיין תיקון... „בו, בו, בו —״ כ׳האב ערשט פארשטאנען די סודותדיקע טיפקייטן פון פרצן...

דערנאך, אז מ׳האט גענומען באגלייטן די מיידלעך, האט עס שוין גענומען טאגן —

מאדנע האבן זיי מיך געלאזן מיט גוסטען עקסטרע אזוי מיט־צעפלייסן, אין די טונקעלע געסלעך. אדער מירביידע זענען דאס געווען, וואס האבן זיך צוריקגעהאלטן, הינטערשטעליק געבליבן, כדי צו בלייבן אליין?...

און פארטאגס צוריקגעגאנגענע שוין מידע, איינזאם פארלוירענע, פון די באגלייטונגען איז דער קליינער מאסטבוים ערשט לעבעדיק געווארן און גענומען דעקלאמירן — ער איז העכער געווארן, זיין גרויסער געקרייזלטער קאפ־האר איז נאך גרעסער געווארן.

איך האב געמוזט אהיימגיין מיט אים: די דייטשע לידער קאן ער פון אויסנווייניק, די יידישע וועט ער מיר אין דער שטוב פארלייענען.

אהיימגעקומען, געמאכט א שווארצע, שטארקע קאווע און גענומען פילאזאפירן און גענומען צונויפלייגן גאר שטויסן שטרוי־היט און זיי ארייגלייגן אין גרויסע שאכטלען, מיט וועלכע ער מוז באלד פארן אויף א מארק: נאטירלעך, ווען איך וויל, ווען איך האב לוסט קאן איך מיטפארן. איך וועל זיין פאר אים א שטיקל הילף און פארדינען אפאר מארק, א ייד מוז זיך אן עצה געבן...

די צוויי טעג זענען געווען איין יומא־אריכתא, איין לאנגער טאג, וואס האט זיך געצויגן אכט און פערציק שעה.

אבער ויהי ביום השלישי און וואו א ויהי איז דאך א צרה. איך האב טאקע נאך געהאט די צוויי שלאף־צעטעלעך, אבער זיי זענען געווען אויסגעגאנגען... און יעדער פאליציסט אין גאס קאן פרעגן אויף פאפירן, און אין א רעסטאראנדל איז א סכנה ארייננצוגיין, ווייל מ׳קאן מיטגענומען ווערן מיט אן אבלאווע.

באין ברירה, געמוזט ארויפגיין צום ארבעטס־אמט „באנייען״ די צעטעלעך: לאמיך נאר האבן נאך א דריי־פיר פרייע טעג און דערנאך וועט מען ווייטער זען... ארויפגעקומען און דערזען די צוויי ברידער האב איך מיך זיי דערפריידט, ווי כ׳וואלט געווען א דריטער ברודער פון זיי.

זיי זענען טאקע אויך דא צו באנייען זייערע צעטעלעך... אבער ביי זיי איז אביסל שווערער, ווייל ביי זיי וועט עס שוין זיין צום פינפטן מאל... מ׳האט זיך טאקע א שיין ביסל זייטלעך אריינגעלערנט אין דער בוכהאלטעריע,

אבער ס'איז ערשט אן אנהויב... מען וועט מוזן אננעמען א שווארצע אר־בעט... עס הייסט, מען זוכט מענטשן צו דער קארטאפל־ערנטע... איך קאן טאקע נאך לייכט באנייען די שלאף־צעטעלעך, אבער זיי האבן דאך געהערט, אז איך בין פון פאך א גערטנער, א לאנד־ארבעטער, אפשר פארן מיר צוזאם...

איך האב מיך אנגעכאפט דערין! עס האט געגעבן א ווייע אויף מיר מיט זאפטיקער, דאמפנדיקער ערד, מיט דארף, מיט פעלד, מיט עסן צו דער זעט, מיט אויסשלאפן זיך אויף א ווארעם, ווייך געלעגער... עס האט א ווייע געטון מיט געזונטער ארבעט, מיט יגיע־כפיים...

בשעת די צוויי ברידער זענען צוגעקומען צום אפיס־פענסטערל האט דער בחור אינעווייניק מיט די פלינקע אויגן און שנעל לויפנדיקע הענט געמאכט מיט זיי קורץ און שארף: זיי האבן טאקע גוט אויסגעווארט, ס'איז היינט „עבן" דא גוט־באצאלטע ארבעט מיט פולער באקעסטיקונג אין א גוט אין פאמערן... ממש פארן אויף „זאמער־פרישע"...

ער האט נאך ווייטער געוואלט ציען זיין מאנאלאג, אבער זיי האבן שנעל מסכים געווען. ער האט זיי געגעבן צוויי מיטאג־צעטלען אין דער סטודענטן־היים און זיי געהייסן זיין פונקט פיר אזייגער אויפן שטעטינער באנהאף.

אז איך בין צוגעקומען צום אפיס־פענסטערל, איז ער געווארן גאנץ פריטשמעליעט. די פלינקע אייגעלעך האבן אנגעהויבן גיך לויפן און די צוויי אייליקע הענט: איז איינע שטעקן געבליבן אין פענסטערל ווי מיר אפצושטעקן א חברישן „שאלאם" און די צווייטע האט געוויזן אומבאהאלפן טיף אין אפיס אריין, ווי צו א צווייטער שטוב דארטן: אפשר זאל ער מיך מעלדן ביי רודלען, און ער וועט שוין געפינען פאר מיר עפעס פאסיקס; און דערווייל אפשר פון דער פארטיי אדער פון א ליטעראַרישן פאנד... „איך הער דאך אויבן" ביי די בראנשטיינס, אז „זי זינד איינע גרעסע". „די גוסטל" — און פלוצלינג אפגע־האקט ווי ס'לשון וואלט אים אפגענומען געווארן —

איך האלב פארשטאנען, שוין די ערשטע נאכט אים זעענדיק אריינריידן צו גוסטא'ן, אז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. און אין די אנדערע צוויי טעג ביי מיין ריידן מיט איר דאס ווארפן פון זיינע אייגעלעך אויף מיר... אבער איצט איז מיר שוין קלאר געווען, אז איך בין אים אין וועג... א רעוואל, א קאנקערענט...

נאך איידער ער איז צו זיך געקומען, האב איך צו אים געזאגט: אז אויב אויף דער זעלבער אדרעס אין פאמערן איז דא נאך א פרייער פלאץ, וואלט איך מיט די צוויי געָרן מיטגעפארן.

ווי א דערלייזטער האט ער אויפגעשטראלט: „נאטירליך, עבן, זעלבסט־פערשטענדליך. איר זענט דאך א לאנד־ארבעטער פון בארוף". עס אזוי ארויס־געזאגט ווי דאס „לאנד ־ארבעטער", וואלט געווען ווער ווייסט וואסער מין פראפעסאר...

ווען מיר זענען אראפגעקומען פונם ארבעטס־אמט איז נאך געווען צוויי שעה צייט צום צוג. קודם האבן מיר נאך אריינגעכאפט דאס מיטאג־עסן אין

דער סטודענטן־היים.

מיך האט ארומגענומען א פריילעכקייט. נאך חדשים און חדשים ווידער זיין אויף דער פרייער נאטור. ווייטע אפענע הימלען, אטעמדיקע ערד, די ביינער צעפירן... טאקע שוין א צייט אפגעוואוינט זיך פון פיזישער ארבעט, די הענט פארווייכלעכט, די מוסקולן שלאבריק, אבער נאר א נעם טון דעם שפאטן אין די הענט אריין, די ווידלע ביים אויפהייבן די קארטאפל־בינטן מיט די שטיקער קרוכלע ערד, וועלן זיך די רמ״ח אברים שוין צעקלינגען און צעזינגען.

נאכן אפעסן דאס פאסנע מיטאג זענען די צוויי ברידער שנעל געלאפן אינם נאכט־אזיל אריין נעמען זייערע רוקזעק און איך בין צוריקגעגאנגען אין דער אויגוסט־שטראסע ארויפלויפן צו די בארנשטיינס, צו לעווינען בארגן א יידיש בוך מיטצונעמען מיט מיר, מיך געזעגענען און פון זיי צוגיין צום שטעטינער באנהאף, וואו מיר וועלן זיך טרעפן, באקומען דעם גענויען אדרעס און די בילעטן.

לעווין איז בפירוש גערוען דאגעגן, אז איך זאל ווידער אנהייבן מיט פיזישער ארבעט... איך האב א ווייב מיט דריי קינדער און שטארב אויך נישט פון הונגער... מען מוז וויסן וואוהין מיר געהערן! איין מלאך טוט נישט קיין צוויי מלאכות... און שרייבן איז שוין איינמאל א מלאכה! איך בין אין אייראפע, אין דער קולטור־שטאט בעלין און מוז...

איך האב אים נישט געלאזט ענדיקן. איך האב געזעגען אויפן קיך־טיש צוויי דיקע בענדער, איבסנס דראמעס אויף יידיש: „ווילט איר מיר מיטבארגן די צוויי ביכער? ס׳וואלט מיר אפשר מאמענטאל מער געהאלפן ווי אייערע אלע גוטע עצות... עס איז שפעט, איך מוז איילן צום צוג״.

„איר זענט עתיד ליתן דין״! האט זיך דאס פויסטל זיינס געביילט און זיך צעשאקלט און תוך כדי דבור האט זיך זיין מויל — די אפענע פארטרוקנטע וואונד! — ברייט צעשמייכלט: „וואס טוט מען נישט פאר קיין חבר?״ ער האט די ווערטער ארויסגעזאגט ווי ער וואלט דעקלאמירט און די צוויי ביכער פיין איינגעפאקט און מיר דערלאנגט מיט א מין טעאטראלן זשעסט, ווי ער וואלט זיין הארץ מיר דערלאנגט.

ביים געזעגענען זיך, ביים דריקן מיר די האנט, האב איך געפילט, אז ס׳איז נישט קיין זשעסט: ער ברויכט א חבר, א פריינט. ער איז איינזאם... אויפן שטייניקן וועג צום ציל, וואס ער האט זיך עקשנותדיק געשטעלט —

דורך די צוויי־דריי טעג האב איך שוין אלץ געוואוסט פון אים: אויפן וועג קיין ארגענטינע איז ער דא שטעקן געבליבן מיט זיין משפחה. ער איז טובערקולאז... אלע טאג גייט ער אין „שאריטע״ אן איינשפריצונג אויף זיך אויספרובירן צו לאזן — רויט אדער טויט! וועט ער לעבן, וויל ער זיין געזונט און קענען אנגיין מיט זיין ארבעט. אז נישט, לוינט זיך נישט דער גאנצער עסק...

ער איז שוין אהערגעקומען ווי א דראמאטורג מיט דריי געדרוקטע דרא־

מעס אין זיין שריפטשטעלערישן באגאזש... אויבן איבערן „יידישן ארבעטס־אמט" זענען געווען צוויי לײדיקע בוידעם־שטיבלעך, האט מען זיי אים איבערגעגעבן... מ׳קאן דאך נישט לאזן א יידישן קראנקן שרייבער מיט זיין משפחה הפקר אויף דער גאס...

ער וואוינט שוין דא א שיינע פאר חדשים. די גאנצע צייט ארבעט ער איבער זיין דראמע — „דער גלות"...

ער וואלט מיר די דראמע פארגעלייענט, אבער זי ליגט אויף זיין שרייב־טיש אין שלאף־שטוב, וואו די פרוי ליגט פיזיש קראנק, א גייסטיק צעבראכענע. ער וויל דרינען אצינד גארנישט אנרירן... אלץ איז אפענע וווּנד... דאס מיידעלע איז געווען זייער חלום, זיי האבן עס ביידע אויסגעחלומט און — ס׳איז טויט! זיינען זאוי אלע חלומות?... „ניין"! ביילט זיך זיין פויסטל.

דאס אלץ האב איך שוין געוואוסט נעכטן און נאך אייערנעכטן... ער ווייסט זיין ציל און ער מוז אים דערגרייכן! און אפשר איז דאס אויך נאר אזא מין חלום?... קוק איך אויף אים מיט מיינע פארגאפטע אויגן.

נאר איצט, פארלאזנדיק דאס קיכל, וואו ער, דער טובערקולאזער, איז געשטאנען ביים אויוון און געסמארדזשעט עפעס אין א טעפל פאר דער קראנקער און פאר די דריי קינדערלעך, וואס ליגן נאך נישט אנגעטוענע אין צוויטן בעט, האט מיך זיין האנטדריקן אזוי צעגומען, אז איך וואלט מיך זיכער צעוויינט ווען נישט מיין ארויסלויפן פונם אנגערויכערטן, הייסן קיכל און מיין אראפלאזן זיך פון אלע טרעפ ווי א ווינט, ווי פון א שריפה ארויסלויפנדיק מיך צו ראטעווען.

ממש א נס איז געשען, דאס מיט דער „קארטאפל־ערנטע"... דרויסן ביי דער נאטור, נאנט מיט דער ערד... גארנישט מער וויסן, גארנישט מער טראכטן... אויפגיין אין שוויס פון צעארבעטן לייב... און איז דען עפעס גרעסערס דא ווי זיין א יגיע כפיים?... כשר זיך פארדינען ס׳שטיגל ברויט...

גייענדיק צום שטעטינער באנהאף, האלטנדיק די צוויי פיין־פארפאקטע איבסן־בענד אונטער דער פאכווע, האב איך דערפילט, אז איך האלט טאקע דאס טייערסטע זיינס אונטערן ארעם... פאר אים, וואס שניידט זיך פארן קומענ־דיקן יידישן דראמאטורג, איז דאס דאס זיין ספר־הספרים... ווי שיין ער האט עס איינגעפאקט און ווי זארגעוודיק עס פיין פארבונדן. מען פילט דערין זיין ליבשאפט דערצו —

„שיינדעלע, באלד, כ׳האב דא א חבר, א קאלעגע", האט ער אריינגערופן אין שלאף־צימער בשעתן איינפאקן.

כ׳האב מיר געוואלט פארשטעלן די „שיינדעלע", „די פיזיש קראנקע און גייסטיק־צעבראכענע", אבער פאר מיינע אויגן איז מיר געשטאנען גוסטעס פנים... ניין, דער ווייס־געצויגענער שרינט אין בלאנדן קאפ־האר...

צוקומענדיק צום באנהאף, זענען שוין די צוויי אונגארישע ברידער געש־טאנען רואיק אוןווארטנדיק, אנגעזאטלט מיט די רוקזעק, און דער בחור פון אפיס־פענסטערל, א נערוועזער, זיך באוועגט אויף די פיס ווי זיי וואלטן

פארצווייפלט געלאפן אהין און אהער און מיט די פלינקע אויגן געקוקט אין אלע זייטן צי איך באוויז מיך...

דערזעענדיק מיך, האט ער אויפגעאטעמט: „געמיינט, אז איר קומט נישט"... כדי עפעס גוטס מיר צו זאגן און ווי מיך צו טרייסטן איבער וואס, האט ער חברים צו מיר געזאגט, אבער די פלינקע אויגן האבן שוין געקוקט אנדערש וואו: „פאסט עס אויף ווי הכשרה, איר זענט דאך א חלוץ".

ביים זאגן מיר זיין „שאלאם", האב איך אים די האנט אומבאהאלפן אויסגעשטרעקט... — איבער דעם פעקל, וואס געהאלטן אונטער דער פאכווע?

„גריסט די ליבע חברה אויבן ביי די בראנשטיינס און גאנץ באזונדער די ליבע" — איך האב געוואלט זאגן גוסטא — „די ליבע צוויי ברידער מרדכי און שיע". כ'האב געפילט ווי זיין נערוועז-צוקנדיקע האנט אין מיינער האט זיך באוואיקט, און זיינע לויפנדיקע בליקן זענען א רגע געבליבן שטיין און גע-קוקט אויף מיר, ווי אין עפעס וואס אויף זיכער זיך צו איבערצייגן.

(המשך פון קאפיטל — אין קומענדיקן נומער)

אייזיק גאלדבערג

איינדרוקן פון א מדינת-ישראל-נסיעה

פאר אונז יידן איז מדינת-ישראל נישט קיין לאנד ווי אנדערע לענדער. מיר פילן זיך מער ספעציפיש פארבונדן מיט ארץ-ישראל ווי מיט וועלכן עס איז אנדערן לאנד. דאס באשטעטיקט שוין דאס פילמאליקע באזוכן אט דאס לאנד. מיר פארן נישט קיין ארץ-ישראל, נאר מיר זענען עולה אהין! און וועלכער ייד האט עס נישט דארטן קיין חלק? משפחה-פארבינדונגען, פריינט און דעסטגלייכן דערפירן שוין דערצו, אז מדינת-ישראל וועט פאר יידן זיין אסך מער ווי סתם א טוריסטן-לאנד.

ישראל האט אויך שוין אלע קוואליפיקאציעס מיט לענדער צוגלייך און נעמענדיק אין אנבאטראכט דעם קליינעם פארנעם פון דער מדינה, קען זי זיך אויך פארגלייכן פראצענטועל מיט די פראגרעסיווע לענדער פון דער וועלט.

דערפאר טאקע זענען די איינדרוקן פון א נסיעה קיין ישראל אלעמאל פארשידנארטיק, איבערהויפט ווען מען פארט אהין מיט א שיף און נישט מיט קיין עראפלאן. פונם סאמע ערשטן טאג אן פילט מען שוין א ישראל-אטמאספערע, וואס שטייגערט זיך פון טאג צו טאג. א מין היימישקייט נעמט אייך ארום. איר האט א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט פארשידענע מענטשן. איינער פון אנדערן ווערט געוואויער צוליב וואס מען פארט קיין ארץ-ישראל און כלערליי אנדערע זאכן. דאס אליין מאכט א רייזע נאך פיל אינטערעסאנטער.

אט, למשל, באקאן איך זיך מיט א ישראל פארפאלק, וואס פארן צוריק פון א באזוך ביי זייערע קרובים אין קאמוניסטישן אונגארן. זיי דערציילן אז, דאס לעבן דארט איז נישט איבעריק גוט און משמעות ווייזט זיך א ייד אין יענעם לאנד נישט צופיל ארויס אלס ייד אין דער עפנטלעכקייט...

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6 (העפט 426) אכט און צוואנציקסטן יאר 1967 יוני לאנדאן

June

א י נ ה א ל ט :

ספירה טעג שנת תשכ"ז „מה שפגמתי שבספירה — גבורה שבגבורה",
ל"ג בעומר 1967 .... *** 1
דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא .... מאיר באגדאנסקי 7
די נישט דערמאנטע .... יעקב ריכטיגער 9
מיין געבוירנשטאט (ליד) .... יוסף לעפטוויטש 13
ביכער אויף מיין טיש (רעצענזיעס) אונזער גאסט — משה גראס-צימערמאן
פון ישראל .... ש. י. דארפסאן 13
צווי פרילינג-לידער, אנוכי, דוד המלך און בעל-שמס יארצייט (לידער)
בראשית — אין אנהייב (המשך) .... א. נ. שטענצל 16
העלענע קאוט, סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד, אן אוונט פון יידישן
פאלקלאר .... י.פ.
אויף שלום אש'ס קבר (ליד) .... שמואל וויהט 32
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס 33
אראבער, ישראל און מאראל (אויסצוג פון אן ארטיקל אין „ניו-
סטייטסמען" פון 2'טן יוני 1967) ....
סאברעס (ליד) .... עלא זילבערג

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־ מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער א־בעט.

אבאנאמענט-פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

בראשית — אין אנהייב

(המשך)—2

ווען מיר זענען אויפן „הערן־גוט" ערגעץ אין פאמערן אנגעקומען, איז שוין געווען פארנאכטלעך; ערב־הארבסטיק, טאקע ווי צו קארטאפל־שניווע. דער הימל — מרה־שחורהדיק, אלולדיק, האט אויסגעזען ווי אן אפגעקאשעטער, נאר דא און דארט ציען זיך נאך זאגאנעס מיט גרוילעך־גרינלעכע, שווארצע באדעלעס־וואלקנדלעך. די איינזאמע ביימער, וואס האבן אונז באגלייט אויפן שאסיי, האבן אונז נאכגעווייעט וויאנענדיק ווי מיט באדויערן, ווי מיט רחמנות: וואו קריכט איר דא, יידישע יינגלעך, ווי צאפעס אין שאדן... דער שליאך פון א ווייטער דארף־סטאציע צום פארווארפענעם „הערן־גוט" האט זיך געצויגן צווישן ליידיקע אקערס — עס איז שוין געווען לאנג נאכן שניט פון די תבואה פעלדער.

די לאנגע מארגעס קארטאפל־אקערס, וואס האבן זיך געצויגן פון דער ווייטנס נאנט צו דער ערד, גרינלעך־שווארצלעך, גרוי־איבערצייטיקט, האט מען קוים געזעען אין דער טונקלניש.

אנגעקומען אין „הערן־גוט", האט מען אונז אריינגעפירט אינם „קנעכט־הויז", וואו די טישן זענען געווען באלייגט מיט ליידיקע שיסלען און טייטעפלעך, אבער קיין מענטש איז נישט געווען צו זען. דער ריח פון זויערן שוויס און פון שווערע עסעכצער האט זיך נאך שארף געשפירט אין דער לופט. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין שטוב, נאר א מין לאנגע שטאל און די טישן — צוזאמענגעקלאפטע ברעטער, ארויפגעלייגט אויף קאזשלעס.

מיר האבן נישט לאנג קיין צייט געהאט זיך ארומצוקוקן. נאך איידער מיר האבן זיך איינער דעם אנדערן אין דער בין־השמשות טונקלניש אין די אויגן א פארוואונדערטן קוק געטון איז שוין א צעיוירענע שיקסע מיט צווי פארנדיקע עמערס געשטאנעןביים טיש און די פארע, ווי זי וואלט נישט געגאנגען פון די עמערס, נאר פון איר שוויצנדיקן, שווערן בוזעם, פון איר צעפלאמט, צעגאסן פנים. און אויך דער שווערער עסעכצערגערוך, וואס האט געשוועבט אין דער לופט, האט זיך געדאכט, ווי ער גאר, וואלט אויך ארויס פון איר צעיוירן, צעפלאמט לייב.

דאס באגריסן אונז איז געווען מער א געדיכט לאכן ווי ריידן — ביי יעדן צווייטן ווארט האט כארכלדיק ארויסגעלאכט דער קלאנג „ארשש" און זיך היימיש מאכנדיק מיט אונז, האט זי פלינק צוזאמענגערוקט דריי אקארשט אויסגעליידיקטע שיסלען און נאךווארעמע טיי־טעפלעך און פול — צום איבערגיין! — אנגעגאסן. זי האט קיין צייט נישט איצט, זי מוז לויפן מעלקן... אונזער שלאף־קאמער וועלן מיר שוין געפינען, די טיר וועט שטיין אפן...

די שיסל זופ איז קודם געווען א פארעדיקע — נישט א נאך מלחמהדיקער סורראגאט! — א מין קלייען ארבעס־זופ, אפשר א שיריים פונם קעלבערארבראק, שטארק געזאלצן און געפעפערט און באקומלט און ס'האט געשמעקט און דערווארעמט. און אז מיר האבן זיך באלעקט נאך דעם געזאלצענעם און באקומלטן

מאכל — נישט וויניקער מסתם ווי די קעלבער, וואס לעקן דעם אבראַק דירעקט פונם עמער אַרויס — איז ערשט געקומען דאָס טעפּל ציקאַריע, מחיה נפשות.

אפשר, ווען יעקב גיט דעמאָלט עשיון ביים פאַרקויפן די בכורה צום טעלער נזיד־עדשים נאָך צו אַ טאָפּ וואַרעמע ציקאַריע, וואָלט זיך זיין רציחה געווען אָפּגעקילט. — ווען מיר האָבן זיך אַלע דריי אָנגעקוקט בשעתן איבער־דרייען די טעפּלעך וואו די אַנדערע זענען געשטאַנען, כדי מאָרגן זיי ווידער צום אָנבייסן אָנצוגיסן, האָבן מיר זיך אַלע דריי הילכיק, כאָרכלדיק צעלאַכט, אויס־לאָזנדיק מיטן פריילעכן קלאַנג: „אַרשש״.

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען איז שוין געווען שטאָק־פינסטער. דער הויף, אַרומגערינגלט מיט שטאַלן און מיט כאַטעס, אַ פאַרזויערטער פון מיסט־קופּעס, איז געווען פול מיט זאַטן קי־געמריטשע, געקלאַפּט פון פערדישע פּאַדקאַוועס און געשנאָרך פון מענטשלעכע נעז — אויב עס האָט דאָך עפּעס אין דעם האַרמאָנירט, איז עס געווען אַ מין נאַכט־מוזיק: די זיסע מנוחה נאָך עבודת־ הפּרך...

מיר האָבן באַלד דערזען די אָפענע טיר, ווייל אין דער שטאָק־פינסטער־ניש האָט אַריינגעשיינט אַ שטויביק־שאָטנדיק ליכט — מיר זענען אַריין!

אַ קליין עלעקטריש לעמפּל דירעקט ביים באַשפּינטן, באַשטויבטן באַלטן, באַגלייגט מיט שלאָפנדיקע פליגן; אַרום פליגן־באַפּינטלטן לעמפּל יאָגן זיך פריילעך־צעפּלאַטערטע, כלערליי פאַרביקע זומער־פייגעלעך, ווי זיי וואָלטן גע̣טאַנצט צום געזשום פון די מחנות מיקן און ליכט־פליגעלעך, וואָס ווי נאָר זיי באַטרעטן די שוועל, לעשן זיי זיך באַלד אויס...

מיר האָבן זיך אַלע דריי צעלאַכט, דערזעענדיק אונזער „שלאָף־קאַמער״ און זיך ווידער געסטאַרעט אויסצולאָזן מיט דעם פריילעכן קלאַנג: „אַרשש״ — עפּעס האָט דער שאַרפער קאָנטראַ־פּונקט אַריינגעפּאַסט זיך אין דער גאַנצער „מוזיק״ דאָ...

און אַזוי לאַכנדיק האָבן מיר זיך אַלע דריי אַריינגעוואַליעט אין די דריי פריש־„אויסגעבעטע״ שטרוי־געלעגערס. די פריש־אָנגעשטאָפּטע הייקישעלעך מיט זייער ציפּעדיקן קלאָוועררִיח, אויסגעמישט מיטן מיסט־געריך פונדרויסן, זון שטייט טאַקע אָן ערב־האַרבסטיקע, אַ צעברענטע אינם שטויביקן שפּינ־די געלעגערס, ווי אויסצופּרובירן, ווי אויף אַ קאַטאַוועס... דער ריח־השדה אָבער האָט מיך ווי באַטויבט און איך בין איינגעשלאָפן מיט אַ זאַטן, שווערן שלאָף און צוזאַם מיט דער פעטער, זשומענדיקער פליג פאַר מיין נאָז, האָט זיך מסתם מיין יידישע נאָז געגומען מיטבאַטייליקן אין דעם נאַכט־אָרקעסטער...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון אַ גלאָקן־קלאַנג, ווי אויף אַ שׂריפה, און די זון שטייט טאַקע אָן ערב־האַרבסטיקע, אַ צעברענטע אינם שטויביקן שפּינ־וועבס באַשפּינטן פענסטערל. איך וויל מיך כאַפּן וווּ איך בין און דערזע די צוויי ברידער, די צוויי אונגאַרישע בחורים, שוין פריש־ראַזירטע, געוואַשענע און צוגעקעמטע. כ׳דערהער זייער געזשום — זיי זובערווען זייער „בוכהאַל־

טעריע״! כ׳האב מיך געוואלט צעלאכן און אויסלאזן מיטן „מוזיקאלישן״ קלאנג... אבער איך האב מיך דאך איינגעהאלטן, נישט צו שטערן זייער התמדה. איך דערמאן מיך אין דודן, דעם מתמיד פון טשעלאדזשער שטיבל: ביינאכט אהיימגייענדיק, האב איך אים צוגעבונדן מיט זיין גארטל צו דער באנק און אין דער פרי, צוריקקומענדיק, האב איך אים נאך אלץ געפונען אזוי צוגעבונדן; און ער האט אפילו נישט געוואוסט פון דעם גאנצן בשוכבה ובקומה...

אנצוטון האב איך מיך נישט באדארפט. מיט וואס צו ראזירן האב איך נישט געהאט און כ׳האב אויך נישט געדארפט. פארן אוועקפארן פון בערלין האב איך מיך געלאזט ראזירן. זיי שטערן האב איך אויך נישט געוואלט, האב איך מיך ארויסגעלאזן אויפן הויף זוכן א פלומפ מיך אביסל ארומצוואשן.

אויף דעם פאפיר, וואס מיר האבן מיטגעברענגט פון „יידישן ארבעטס־אמט״ אין בערלין, איז געווען געשריבן, אז איך בין א „לאנד־ארבעטער״ פון פאך; האט מען מיר נאכן אנבייסן, ווען מיר זענען ארויס אויף די פעלדער צו דער ארבעט, ווי דעם פאכמאן טעקע געגעבן א גראביע אין האנט אריין, און־טערצוהייבן מיט איר די באדעלעס־זאגאנעס, זיי איבערצוקערן מיטן הינטן ארויף, אונטערצוהייבן און אפצושאקלען דעם קארטאפל־קלאמפער פון דער צוגעקלעפטער ערד און די איינגעבויגענע פויערטעס און די שיקסעס ארום מיר זאלן אפצופן די קארטאפל פונם ווארצל־בונד און זיי אריינווארפן אין די קייש־לעך. די צוויי ברידער, ווי שווארץ־ארבעטער, זאלן אויסליידיקן די קיישלעך אין די זעק אריין און זיי צוטראגן צום וואגן.

דאס „אונטערהייבן״ איז גארנישט פון די קלייניקייטן! מ׳מוז מיט גרויס געניטקייט און קונציק, מיט איין הייב דעם גאנצן ווייך־פארצווייגטן ווארצל א ציי־ארויס געבן, אפרייסן און מיט אלע זיינע שנירן־נאפלען פון דער מאמע־ערד און מיטן אימפעטיקן שטעק־אריין נישט באשעדיקן קיין איין קארטאפעלע און קיין איינס נישט איבערלאזן אין דער ערד.

אויב „בלאזן שופר איז א חכמה און נישט קיין מלאכה״, איז קארטאפל גראבן ביידע — אי א חכמה און אי א מלאכה. מיט גרויס געניטקייט און מיט בארעכנטער חכמה מוז מען א שטעק־אריין געבן דעם געשפיצטן גראביע־גאפל און מיט כוח אים א הויב־ארויס געבן און באותה רגע מיט גרויס ראזמאך אן איבערקער געבן מיטן הינטן ארויף, אזוי, אז די קרישקעס ערד זאלן זיך קרוכלע צעשיטן און די גרוי־ווייסע ערד־עפל זאלן זיך צעקייקלען ווי די צייטיקע עפל ווען מען צעשאקלט אבוים; נישט ערשט מ׳זאל מוזן צופן ערשט יעדן קארטאפל פון די ווייכלעכע ווארצלען, קלעפיקע ווי שלאנגען.

די באבעס און די שיקסעס האבן שוין געזען וואס פאר א „בעל־מלאכה״ איך בין... מאנכע האבן זיך געמאכט נישט זעענדיק, אנדערע האבן זיך איבער־געקוקט: שוין איינמאל א „לאנד־ארבעטער״. איין שיקסל האט געפרואווט צו פארשארן אזא צעניזוקטן קארטאפל אונטער די באדעלעס „פאר א בייז אויג...״ פון די צוויי ברידער זענען זיי דווקא נתפעל: געטראגן די פולע זעק קארטאפל

ווי א שפילעכל און געלאפן מיט זיי צום וואגן ווי צו א טאנץ... מיר, איך מיטן מאנדל ווייבער האבן גארנישט געקענט נאסטייען די צוויי.

דער „מארק־גראף" פונם „הערדן־גוט", א רעזערוו־אפיציר און אהיימגע־קומען פונם פארלוירענעם קריג א לייטענאנט, מיט א העלדישע ברוסט ברייט באהאנגען פול מיט מעדאלן, וואס האט זיך „אויסגעצייכנט" געפילט אין זיין ראלע און ווייטער זי געוואלט שפילן מיט פרייסישן שארם און גלאנץ, וואס זיין מלאכה איז געווען ארומצורייטן אויף זיין יונג, הירזשענדיק פערד, א געפוצטס און גלאנצנדיק — „געשניגלט און געביגלט"! — און צו קנאלן מיט זיין רייט־בייטשל. דא האט ער זיך פלוצלינג באוויזן מיט זיין „דאנער־וועטער"! פארן טויער פונם שייער ביי די דרעשערס, דא קאן דאס הירזשענ־דיקע פערד נישט איינשטיין און שטעלט זיך דובאם פאר דעם כעס וואס צעפ־לאקערט זיך אין אים, אין דעם רייטער, שטייענדיק איבערן קופקעלע באבעס און אקייגנאיבער מיר דעם „לאנד־ארבעטער" מיט דער גראביע אין האנט —

ער זעט וואס פאר א געניטער פאכמאן איך בין, אבער האט ער אן אנדערע עצה, אז פונם גאנצן דארף זענען צוריקגעקומען פון קריג אחד מעיר ושתים ממשפחה... א באבע וואלט עס שוין זיכער בעסער געמאכט פון מיר, אבער יעצט נאך דער מלחמה א פרויענצימער אויסשטאטן מיטן דעם גראבליע כל־זיין, אדער זיי לאזן קאפן מיט די „קאפצעס" ווי אין דער פאלאקיי?...

ער איז צו פויל געווען אדער צו „הערנהאפט"־שטאלץ אראפצוגיין פונם פערד און מיר א ווייז צו טון ווי מ'מוז א דריי טון מיט דעם גראביע־גאפל, ווי אן אמתער בעל־בית טוט עס, ווען ער זעט די אומבאהאלפנקייט, די לינקיש־קייט פון זיין ארבעטער. ער האט געגעבן א בייזן שמיץ מיטן רייט־בייטשל און אוועקגאלאפירט.

דאס קרענצל באבעס ארום מיר האט מיך אנגעקוקט און אראפגעלאזט די אויגן, די צוויי ברידער עפּעס צווישן זיך גערעדט אין אונגאריש...

שבת פארנאכט האט מען מיך ארײנגערופן אין ביורא אויפן אפיצערסקע־בייזן און איראנישן קוק פונם לאנד־גראף: אזא לאנד־ארבעטער בין איך, אז די באבעס מוזן אזש די קארטאפל אראפצופן פונם גאפל...

מיין תשובה איז געווען, אז מיין ארבעט איז תמיד געווען ביי קי אין שטאל און ביי רייסן צוקער־ריבן. כ'בין א שטאל־קנעכט ביי שטאם־בוך קי אין האלאנד.

די צווייטע וואך ביים אויסטיילן די מישמורות האט מען דעם קו־פאסטוך איבערגעגעבן מיין ארבעט און מיר — די סטאדע בהמות ארויסצופירן אויף דער לאנקע, זיי היטן זיי זאלן נישט לויפן אין שאדן — אין נאך נישט געקא־שעטן היי, זיי אהיימברענגען אין אוונט און העלפן ביים מעלקן; אי דער פרי שניידן די שעצקע און אויסליידיקן די „ראוון".

כ'בין אויפגעריכט געווארן! כ'וועל מיר קאנען זיצן דרויסן א גאנצן טאג אויף דער לאנקע און לייענען די איבסן דראמעס און אפשר, אז גאט וויל, ענדיקן די סעריע לידער, וואס כ'האב אזוי שיין אנגעהויבן.

די גאַנצע וואָך בין איך געווען אַ געהרגעטער פונם שטיין גאַנצע טעג מיט דער גראָביע צווישן די קניענדיקע באַבעס און פאַרשייט לאַכנדיקע שיק־סעס און אין די נעכט ליגנדיק אויף מיין שטרוי־געלעגער ווי אַ געלעמטער מיט דעם שאַרפן קלאָוער שמעקעדיקן היי־קישעלע צוקאָפּנס — נישט איך בין געשלאָפן, נאָר אַריינגעפאַלן מיט אַ פולן בויך חזירשן נזיד־עדשים זופּ אין אַ מיראַזש פון ווילדע תאווה־חלומות; אין אַן אויסגעמענצעטער פון שדים און מכשפות־האַלוצינאַציעס, מיך געפּאַרקעט אין דעם ווייכן שלאַנגיקן געפלאָנ־טער פון קאַרטאָפל־וואָרצלען — מיט טויזנט וואונקענדיקע אויגן האָבן זיי אויף מיר געקוקט און געוויגט זיך און גערייצט און דאָס הירזשענדיקע פערד שטייט דובאָם...

דעם איינעם זונטאָג, וואָס איז געווען עפּעס אַ מין מנוחה. באַלד באַגינען שוין, ממש אין דער מאָרגן־דעמערונג, נאָך איידער די צוויי ברידער האָבן געזוברעוועט זייער בוכהאַלטעריע, אַרויסגייענדיק מיך וואַשן, נישט נאָר דאָס פּנים, נאָר דאָס גאַנצע לייב מיינס, וואָס האָט שוין געשטונקען פון שווייס, זיכער זייענדיק, אַז ס'וועט נאָך קיין יליד־אשה נישט זיין אויפן הויף, זע איך שטיין אַן אויסגעדאַרט היימיש פויערל מיט אַ פויערטע און ריידן צווישן זיך סודותדיק־שושקענדיק. זיי ריידן צווישן זיך פויליש, איך קען נישט קיין פויליש, אָבער פאַרשטיי יעדן קלאַנג. אַט כאַפּ איך אויף אַ באַקאַנט וואָרט און ס'נעמט מיך אַרום מיט אַזאַ סמוטנע היימישקייט — נאָנטע קלאַנגען פון דער קאַפּליצע אין דער היים, אין טשעלאַדזש, ווען זי האָט געקלונגען מיטן דינעם גלאָק און אָנגעזאָגט אַ טויטן, אַז ס'איז ווער געשטאָרבן אין דאָרף...

אָדער זיי האָבן געוואָלט זיין צווישן זיך, נישט געשטערט אין זייערע אינ־טימע מינוטן, אָדער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך וויל מיך דאָ אַ נאַקעטער אַרומוואַשן און אויסצוואַגן און אַז זיי אַז זיי שטערן מיר, און זיי האָבן זיך שטיל אָפּגעטראָגן.

נאָכן אַרומוואַשן ווען כ'בין אַריינגעקומען בין איך געבליבן זיצן אַ צע־וואָרעמטער אויף מיין געלעגער, אַ דערפרייטער, צע־יום־טובדיקטער. די אויפבלישטשענדיקע זון איז געבליבן שטיין אין פענסטער. דאָס גאַנצע שטיבל האָט אויסגעזעען ווי באַגילדיקט און אין מיר האָט עס גענומען אַזוי וואונדער־לעך קלינגען ווי צו אַ מאָרגן־געבעט — איך געדענק נישט קיין איין וואָרט פונם ליד, וואָס איך האָב דעמאָלט אויפגעשריבן, איך געדענק נאָר די סמוטנע־גרויע פאַרב דערפון...

דאָס ליד איז אויך געווען וואָס מיט צוויי וואָכן שפּעטער בין איך אַרויפ־געגאַנגען דערמיט צו זלמן שניאורן. עס אַדורכגעלייענט, האָט ער מיך געהייסן וואַרטן, מיך געבעטן זיצן, מ'וועט באַלד אַריינברענגען אַ גלעזל טיי. ער מוז נאָר שנעל נאָך עפּעס ענדיקן.

אינמיטן שנעלן שרייבן שטעלט ער זיך אָפּ און איך הער אַ באַמבאַסטישער באַריטאָן־שטימע: „קאָלעגע, וויאַזוי וועט איר באַנוצן אַזאַ וואָרט?" און ער לייענט מיר אַדורך דעם געשריבענעם זאַץ, וואָס ער האָלט אינמיטן ענדיקן.

דאס ליד איז אויך נאך דעם זעלבן חודש געדרוקט געווארן אין דער „אסט־יודישער" צייטונג „מזרחי", וואס קעסטנבוים, א ליטעראריש־סענטי־מענטאלער אינטעליגענט, א מוכר־ספרים אין ראג אויגוסט־סטראסע, אויף דער ארטעלערי־שטראסע, האט ארויסגעגעבן.

מיט קוים א יאר שפעטער, ביי א מסיבה צו ביאליקס אנקומען קיין בער־לין, זאגט ער צו מיר קוקנדיק איבער די ברילן: כ'האב געלייענט אייער מיצ־קיעוויטש־סלאוואצקיע ליד"...

„איר זענט אייך טועה, איך קען קיין פויליש נישט; די שייכותן זענען פיל נענטער"... ער האט זיך אריבערגעבויגן צו מיר, אויסטוענדיק די שפאקולן צו ווען בעסער דערזעען, אפנים, אין מיינע אויגן די יינגלשע העזה... זיין האנט האט זיך אויסגעשטרעקט איבערן טיש מיר צו געבן א „קניפ אין בעקל", אבער ער האט שוין נישט אפגעלאזט מיין האנט די גאנצע צייט בשעתן ריידן.

ביינאכט אין דער דארפס־קנייפע „צום מארק־גראף" האבן שוין די צוויי ברידער געהאט זייערע „שאצן" און איך, זיצנדיק מיט „מיינער" ביי א גלאז ביר, אהינקוקנדיק אלץ צו דער שיינער שענקערקע מיט די פארשייטע בליקן און מיט אפאר שיינע, תאווהדיקע ליפן, וואס ביי יעדן צווייטן ווארט קלינגט לאכנדיק ארויס פון זיי דער שוין באקאנטער קלאנג, דא מיט געמאכטן צארן און דא מיט עכטן געלעכטער, אז דאס קנייפעלע שאקלט זיך אזש אין גאנצן: „ארשש", האב איך שוין געוואוסט אלץ: זי אליין, „מיין שאץ" האט א קינד פון „איר שאץ", וואס איז העלדיש געפאלן מיט אן אויסצייכענונג אין קריג און יענע דארט וואס זיצט מיטן עלטערן ברודער האט צוויי פון א רוסישן געפאנגענעם, וואס האט דא געארבעט אין דארף. „מארמעלאדע"... שטיקט זי זיך פון געלעכטער נישטא ארויסצוזאגן דעם סוף גראם דערצו? „מיינע" איז געווען די זעלבע, וואס האט אריינגעברענגט די זופ אין יענעם ערשטן אוונט. יעצט האט פון איר געשמעקט א שארפע שמעקעדיקע זייף, וואס האט די נאז פארריסן: זי וואלט געוואלט וויסן וואס קוק איך אזוי צו דער שענקערין אהין; וואס האט יענע אזוינס וואס זי האט נישט?... דער מאן אירער איז געפאלן אין „פלאנדערן" און געלאזט איר א ירושה... א יונגע אלמנה אן א קינד און אלע רייבן זיך צו איר... פון אלע דערפער קומען זיי אהער דירעקט פון דער קירכע און יעדן זונטאג קלייבט זי זיך אויס אן אנדערן... „זי ווייסט נישט וואס זענען די מענער אין איר"... דער לעצטער זאץ האט אויפגערעגט ארויסגעשריגן פון איר. מיט דעם ווארט „מענער", מיינט זי אויך מיך...

יא, איך בין אויפגערעכט געווארן! מאנטאג פארטאגס איז אריינגעקומען אין אונזער קאמער דער פאסטוך און מיך ארויסגערופן אין הויף ארויס; פאר דער שטאל איז שוין געשטאנען די גאנצע סטאדע קי צום אפמארש... זיי זענען געשטאנען שטיל און געווארט אויפן באפעל... דער הונט איז ארומגעלאפן ארום זיי און געקוקט זיי אויף די פיס מיט א געהוק ווי א פעלדפעבל בשעת דער קאמאנדיר ברויך זיך באלד באווייזן...

א קלוגער הונט מיט ליכטיקע, פלינקע אויגן; א דאקל מיט א לאנגן,

אראפהענגענדיקן בויך צווישן די נידריקע פיסלעך. דער פאסטוך האט צו אים גערעדט, איך האב געזעען ווי ער פארשטייט אלץ; עס האט עפעס געמוזט זאגן וועגן מיר, ווייל דער הונט האט אויף מיר צוגעווארפן א שנעלן בליק, א פריינטלעכן, אזוי צו זאגן...

דער פאסטוך האט מיר איבערגעגעבן זיין שטעקן, מיט א מינע ווי א קאָמאנדיר טוט דאס, מסתם, אויפן שלאכטפעלד ווען ער גיט איבער זיין דיוויזיע צו א צווייטן: „פארלאז דיך אויף וואלדי, ער ווייסט שוין אלץ!"

וואלדי האט זיך געשטעלט ביי מיין זייט, זיין ליכטיקער בליק האט זיך פארכמורעט, ערנסט צוזויפגעשנורעוועט, נאר זיינע שיטערע ציינדלעך האבן ווי שמייכלדיק צו מיר געקוקט: האסט גערנישט וואס מורא צו האבן, איך וועל דיך נישט בייסן... און א יאג געטון מיט א בייזער האווקע די סטאדע פון א צוואנציק קי מיט א האלבן טוץ קעלבלעך.

האבן זיך געצויגן די נישט-געקאשעטע לאנקעס, ווארטנדיק אויף זייער לעצטן הארבסט-שניט — ברוינלעך-גרוילעך, געלבלעך-פארוויאנעט, מיט ווייענדיקן זוימען שוין איבערגעצייטיקטן — מיטן אויג קוים צו דערכאפן; און פאר מיר און ארום מיר אפגעגריזשעטע גרינע וויספע-וויארסטן-ווייט. בין איך מיר געזעסן אויף א בערגלדיקן משופע מיך צוגעהערט צום מעלהגירהדיקן כראפען און גריזשען פון די קי; גייענדיק קייען זיי און קייענדיק לייגן זיי אן אזעלכע פארענדיקע פלאצקעס. פלוצלינג הייבט איינע אויף איר שיינעם קאפ און צעמריטשעט זיך מיט אזא תאוההדיקער יללה און זיי בלייבן אלע שטיין און קוקן דיך אן מיט אזעלכע תמימותדיקע גוטע אויגן, נישט פון דעם עולם. לאזן זיך די האצקעדיקע קעלבער צו די מאמעדיקע אייטערס און דער הונט יאגט צוזאם די יאלעווקעס, וואס האבן זיך דערווייטערט אביסל פון דער סטאדע מיט דעם מיין, מסתם, זיך צו לאזן צו די ווייטע לאנקעס, פון ווו ס'שמעקט מיט צוגעברוינטן קלאווער, און מיט נאך עפעס א שארפקייט...

אבער ווילאנג קאן מען זיך אזוי זיצן און צוקוקן? צו טראכטן איז דא גענוג... און וואס וועט ווערן מיט א בריוו אהיים? קומט א פסוק אין קאפ אריין, א מאמר חז"ל, עס פלעכט זיך א פערז... גאנצע משנות פון „פיאה", פון „כלים" וואס דער טאטע האט פון אויסנווייניק פאר מיר געזאגט און איך האב מיך צו אים צוגעהערט, שווימען אויף: האבן מיר נישט ארויסגעצויגן דעם עיקר-זשניווע פון דער ערד, — דעם תמצות! — וואס דער מענטש מוז איר ארויסציען, אויב דע עובד-אדמה זאל נישט זיין קיין עבד, קיין קיין... און מיר טראגן זי אין אונזערע הארץ-טארבעלעך.

דער הונט לאשטשעט זיך צו מיר, ער וויל עפעס; ער וויל זיך שפילן. ער זעט מיט זיינע פלינקע אויגן, אז איך מערק עס, כאפט ער דעם פאסטוך-שטעקן צווישן זיינע שיטערע קינדישע דאקל-ציין און מיר סארפען זיך. איך קייקל מיך מיט אים בערגל-אראפ. מיר שפילן זיך אין יאגעלעך און מאכן קאזשעליקעס איינער איבערן אנדערן. איך ווער מיט אים גאנצער „פאן-בראט". מאדנע, אז איך רעד צו אים, רעד איך דוקא אויף פויליש: „א פודזשאס, פוטשטו!"

צומארגנס נעם איך מיט מיר מיט דאס איבסן־בוך. כ׳לייג עס אריין צום עסן אין מיין פעלענעם פאסטוך־בייטל, וואס הענגט מיר אראפ אין דער זייט אויף א פאסיק.

„די ארבעט״ איז שנעל איינגעשטעלט — איך הער דאס ריטמישע גריזשען! עס דויערט אבער ביז איך לייען מיך אריין. די מלאכה גופא פון לייענען, אפילו יידיש, איז פאר מיר א נישט־געוואוינטער ענין. בפרט, אז איבער צוויי יאר כמעט קיין בוך ריכטיק אין דער האנט נישט געהאלטן.

דער הונט זעצט זיך צו מיר צו. ער ווארט, ער בלישטשעט מיט די אויגן, דרייט מיטן שפּיציקן דאקל־עק, לאשטשעט זיך מיטן בייכל. ער וויל א האווקע טון, אבער ער מערקט מסתם מיט זיינע קלוגע אויגן, אז דא טו איך עפּעס... זעצט ער זיך אנידער אין מיין זייט און קוקט דא אויף מיר און דא אין בוך.

עפּעס א גאנצער פּלפּול טראכט איך מיר, הונדערט קשיות פארענטפערט מיט איין תירוץ. אבער איבסן איז נישט ר׳יואב יהושע, ער איז א גוי, ווארפט ער אים אראפּ פון טורעם דעם גאנצן „בוימייסטער״ — חייב מיתה איז ער!

אבער וואס איז טאקע ליבע, תאווה? א פּלפּול? עס איז דאך אויף טויט און לעבן! עס איז דאך נישט גלאט קאטאוועס אין דער וועלט אריין...

אבער איך בין אינגאנצן נישט מסוגל צונויפצונעמען דעם גאנצן ענין: אט שטייט גוסטא פאר מיינע אויגן אינגאנצן ווי זי איז געשטאנען צווישן מאקסן און דעם בחור פונם „יידישן ארבעטס־אמט״ און אט די שענקערין פון דער דארף־שענק... און שוין פארשווינדן זיי ביידע; פון גוסטאן בלייבט דער ווייסער שרינט גראד געצויגן אין אירע בלאנדע האר, און די פעטע תאווה־דיקע ליפּן פון דער שענקערין: „ארררשש״.

האב איך דעם קלאנג הויך ארויסגערעדט? פּלוצלינג שטעלן זיך אויף די אויערן ביים הונט ווי זי וואלטן עפּעס הערן. ער שפּרינגט אויף, ווי ער לויפט עמיצן אקייגן... איך הער אויך שוין דאס קלאפּן פון די טלאען, דאס הירזשען, מסתם רייט אן דער מארקגראף אויף אינספּעקציע... איך האב נאך קוים צייט דאס בוך צוצומאכן.

מיר קאטשען זיך ביידע פון ווילדער פרייד פון בערגל אראפּ — א חכם פון א הונט! און ווי ער איז באוווסט פון זיין אויפטו, קאן זיך גארנישט בארו־איקן, טאנצט און האפּקעט מיר אין פּנים אריין, באלעקנדיק מיך מיט זיין רויטער צונג. און רינט נישט מיר אויב שוין די סלינע פונם מויל?...

אבער איין טאג, זיצנדיק פארטיפט איבער „העדא גאבלער״ — אפּנים מער ווי חריפות, דאס שמעקט שוין מיט עמקות. און וואלדי, לאשטשענדיק צו מיר, פארטיפט זיך מיט מיר... און ס׳ביסל קי מיט די קעלבער, מיט די יאלעווקעס זענען זיך צעקראכן אין די שמעקעדיקע היי־לאנקעס אריין — דער שארפער געררוך האט זיי גארנישט פארפירט, ס׳איז דארט געווען די אמתע אכילה — די גרעזער זענען געגאנגען ביז צו די בייכער. אזוי געקראכן און געגאנגען, אז מ׳האט שוין באלד נישט ארויסגעזען. און דא שטייט פאר אונז דער מארקגראף הויך אויף זיין פערד, דאס פּנים פייערט אים פון רציחה. מיר

האבן אפילו נישט געהערט דאס קנאקן פון זיין בייטשל. מיט א „דאנער וועטער״ האט ער א שפרונג־אריבער געגעבן איבער אונז מיט א גאלאפּ אין דארף אריין.

איך שפּרינג אויף א ווילד־דערשראקענער, דער הונט נאך מיר: אז ס׳איז דא א צעשפּרייטע סטאדע, קאן ער זי צוזאמיאגן, זי ארומרינגלען מיט זיין געביל. אן אנטלאפענע קו קאן ער אונטעריאגן, בייסנדיק איר די קנעכל, שפּרינגען איר אין די אויגן אריין — אבער אז דא איז גארנישטא!

איך ווער פשוט משוגע, איך שפּרינג פון דער הויט ארויס, איך געוואלדעווע אויפן הונט, הייב אויף אים דעם שטעקן.

מתחילת קוקט ער אויף מיר מיט מיטלייד, מיט רחמנות, אבער באלד זעט ער איין, אז ער האט צו טון מיט א ווילדער זאך, מיט עפּעס א רוח, קוקט ער מיך אן א רגע אין טויט־שרעק, דרייט זיך שנעל אויס און לויפט אין דארף אריין, ווי אנזאגן א בייזע בשורה: א שטייגער, א וואלף האט זיך באוויזן, אדער אפשר גאר נאך ערגערס — א וואלפקולאק!

איך האב מיך געיאגט מיטן פאסטוך־שטעקן טיף אינם היי, ביז איבער דער קני, אבער נישט נאר וואס כ׳האב זיי נישט צונויפגעזאמלט, נאר נאך מער צעיאגט.

דערווייל איז געקומען אנצולויפן פון דארף דער אמתער פאסטוך, און נאך אים דער האווקענדיקער וואלדי, ווי ער וואלט געהאלטן אים אין איין דערציילן — האט ער אים אנדערציילט פון דער „העבא גאבלער״, וואס פאר א מרשעת דאס איז, וואס פאר א ווילדע חיה, אדער פון מיר, גאר וואס כ׳האב מיך באנומען ווי א רוח, ווי א חסר־דעה?, די שלינע איז אים געלאפן פון מויל.

ער האט אלץ געשלעפּט דעם פאסטוך צום בערגל צו, וואס פון דארטן איז דאס ארויס דאס גאנצע שלעכטס; אים געריסן, געבילט.

די צעיוירענע שיקסע, ביי אונזער אנקומען, „דער שאץ״ פון זונטאג ביינאכט אין שענק, איז געקומען צולויפן ווי א קוואקע, וואס וויל באשיצן אירע הינדלעך.

דער פאסטוך האט גענומען דאס איבסן־בוך אין דער האנט אריין ווי א האן, וואס מ׳כאפּט ארויס צום קוילענען און מ׳האלט ביי א צעפלאשעטן פליגל:

„איך ראטע דיר, פארדופטע״. ער האט מיט מיר גארנישט געוואלט איינטענהן, ווייל ער האט מורא געהאט פאר זיין אייגענער רציחה.

די שיקסע, מיך ארויסבאגלייטנדיק אויפן שאסיי, ווייזנדיק מיר דעם שליאך צום קליינעם דארף־באן־סטאציעלע, האט מיר דערציילט, אז אין הויף טוט זיך סכנות־נפשות — אז איך זאל טאקע וואס גיכער „פארדופטן״, ווארום דער משוגענער מארקגראף קאן מיך נאך נאכיאגן מיט זיין יאגד־ביקס... זי האט מיר נאך געשטופּט, ביים געזעגענען, א האלב ברויט אין בוזעם אריין.

(שלוס פון קאפּיטל — אין קומענדיקן נומער)

איך ווינטש מיין פריינט **א. נ. שטענצל** צו זיין ווערן א בן־שבעים נאך א סך געזונטע און גוטע יארן צו קענען אנגיין מיט זיין ארבעט.

שמואל מאקאטאוו

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 8־427) אכט און צוואנציקסטן יאר יולי־אויג. 1967 לאנדאן

July-Aug.

א י נ ה א ל ט

די עיר עתיקה, די זעקס טעג, פארן שלום פון דער וועלט, געקניפט און געפלאנטערט, ירושלים	***	1
לכבוד די גאולה פון ירושלים	יעקוב ריכטיגער	16
דער ווינט הערט (ליד)	יוסף לעפטוויטש	20
דעם גורלס ליבלינג (דערציילונג)	יוסף ד. באסט	21
דריי זיינען זיי געווען (ליד)	שמואל וההייט	25
בראשית — אין אנהייב (המשך)	א. נ. שטענצל	26
יידן און ישראל	אייזיק גאלדבערג	35
לאנד ישראל	מ. ניסענבוים	38
די קלאג מויער (פאעמא)	מאריאן האמער	39
דער זילבערנער שפיגל פון ישראל, דאס יידישע טעאטער		
אין ישראל היינט צוטאג	עלען ווינאגראד	43
שיין ווי א חלום (ליד)	דוד בערמאן	48
כ׳האב ליב (ליד)	דארא טייטלבוים	49
יידל גאלדבערג, אסתר סאלאמאן		
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס		

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

איז מיט טריט שווער געגאנגען,
אפגעלאזן, פארטרויערט,
אלעבן אן פארלאנגען.

די צווייטע, פרוי נאך יונג,
האט רייצענד געפלאטערט,
געשוועבט, ווי א שמעטערלונג;

זי האט זיך לייכט באוויגן,
סגאנצע ערדענפרייד האט,
געשיינט פון אירע אויגן.

דאס דריטע א קינד, גאנץ ווילד,
צי וועלכן מדארף האבן,
מוטער ליבע אין געדולד.

עס האלט אין איין פארלאנגען,
אפילו אין דעם קוויטש
הערט מען שיינע געזאנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דריי זענען זיי געווען,
און אין זייער גאנג האב איך
ס׳גאנצע לעבן געלעזן . . .

א. נ. שטענצל

בראשית — אין אנהייב (המשך פון קאפיטל)

אין דער פרי האב איך מיך אין ערשטן צוג, אין ארבעטער שלעפ־צוג מיטן שטופנדיקן עולם מיט אריינגעשטופט — דא האט יעדער געהאט זיין חודש־אדער וואך־באנבילעט און מ׳האט א קאנדוקטאר צומאל פאר די אויגן נישט געזען.

דער גאנצער וואגאן איז געווען איין גרויסע קופע, מיט לאנגע בענק ארום די ווענט אין דער לענג און אין דער ברייט, און ס׳שמעקט פון רויך און מענטשן־שוויס. האלב פארשלאפן נאך פיפקעט מען, רעדט מען, מ׳לאכט־אויף פון א גראבן וויץ.

איך בין מיר געזעסן פארשטעקט אין א ווינקל — עלעהיי כ׳וואלט געלעגן אונטער א באנק אן א בילעט — געגריזשעט דאס האלבע ברויט און מיר געטראכט מיינע מחשבות, און אביסל הנאה געהאט פונם גאנצן עסק: דאך אנטרונען פונם מארקגראפס יעגער־ביקס . . . א שטיקל אוואנטורעלע און נאך ארויס מיט א האלב ברויט אריינגעשטופט אין בוזעם. ביי יעדן ביס מוז איך טון א שמייכל: דער גאנצער אוואנטוריסט, דער חייב, איז דא אייגנטלעך דער וואלדי. און ווי ער האט זיך דאס געלאשטשעט און זיך געלעקט און ווי דאס לאנגע דאקל־בייכל האט זיך אים געשאקלט שטייענדיק אויף די הינ־

טערשטע צוויי פיס... כ'וויל מיך דערמאנען די צעוויירענע ווארעם־פאר־שווייסטע מעלקערין, מיט די צעשאקלטע צוויי אייטערס אין פארשווייסטן בוזעם ווי זי האט מיך ארומגעכאפט ביים ארײַנשטופן דאס האלבע ברויט מיר אין ארעם, אבער וואלדי שטייט איצט צווישן, א הארכנדיקער מיט שלאבריק הענגדיקע, דעגענערירנדיקע אויערן... — אפנים כ'בין איינגעדרימלט, אזוי גריזשענדיק און מיך שאקלענדיק אין מיין פארשטופטן, אין פינסטער־אנגע־רויכערטן וואגאן־ווינקל.

אנגעקומען אויפן רווישיק־צעהילכטן שטעטינער באנהאף, האב איך מיך אין דעם איילי־טומלדיקן געשטופ ארײַנגעדרייט און אדורך דעם קאנטראלער.

ארויסקומענדיק אויף דער גאס אינם פרישן, הארבסטיקן פרימארגן, איז מיין ערשטער געדאנק געווען אויפצוזוכן דאס פארוואנצטע צימערל, וואס כ'האב געהאט אמאל דא אין די געסלעך געדונגען און נישט געברויכט מיך איינצומעלדן: כ'מוז דאך איינמאל פאר אלעמאל אהיימשרייבן. מ'ווייסט דאך צומאל נישט, אז כ'בין נישטמער אין האלאנד. לויט ווי ס'שמעקט די לופט, מוז איצט אויך זיין פאר ראש־השנה — עס שמעקט מיט סליחות! צעלאך איך מיך גייענדיק: וואס הייסט דינגען? אז כ'בין גאלע! קיין פעניג נישט ביי דער נשמה...

לאז איך מיך צו דער שענהויזער־שטראסע, צו דער מינץ־שטראסע, ערגעץ דארטן צו א רעסטאראנדל, א יידיש קאפעעלע. ווי האט שיע געזאגט: „דא אין די געסלעך פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט... נאכטראגן א פעקל א הויזירער איז דער מינדסטער פעאיק“.

איך דריי מיך דרויסן פאר א רעסטאראנדל. פארשמייעטע בחורים, נישט אויסגעשלאפענע, פריש־פארקעמטע, גייען ארויס און אריין; א ייד קומט ארויס און גיט א מאך מיט דער האנט, גיט זיך א גלעט ביים צוגעשוירענעם בערדל; איינער גייט אריין און שעפטשעט צו זיך — יעדער זוכט עפעס ווי דעם נעכטיקן טאג! אזא אומזיכערקייט אין די באוועגונגען, אין די אויגן: מ'זוכט א פארדינסטל...

איך וואג נישט ארײַנצוגיין. מ'מוז דאך האבן קודם צו באצאלן פאר א טעפעלע קאווע, אז מ'זעצט זיך אנידער ביי א טישל...

אבער ארײַנגיין קאן מען דאך, א קוק טון, א שמעק טון מעג מען דאך... כ'שפיר ווי מיינע באוועגונגען ווערן אומזיכער... כ'געב מיר א גלעט ביי דער געמבע, ווי דארט וואלט געווען אנגעוואקסן א בערדל... אבער כ'בין שוין דרינען! און מיט יעדן שריט, מיט מיין יעדן פארגאפטן בליק שפיר איך א היימישקייט, ס'נעמט מיך ארום א ווארעמקייט — אייגענע מענטשן: פון „גראסער קלוב“, פון „פועלי־ציון היים“, פון שטיבל, אקארשט פון דער בית־מדרש באנק — אין קאוויארניע אין טשענסטאכאוו ביי דער קוילן־ראמפע...

מ'ווארפט זיך איבער פון טישל צו טישל מיט א ווארט און מען פאר־שטייט זיך אויפן וואונק, מיט א שלאבריקן מאך מיט דער האנט: „לאקשן“.

הינטן זיצט א בלאזירט פארשוינדל, גוט אויסראזירט ס'שפיציקע געמבעלע

און די לאנגע, צעקנייטשטע באקן, וואס ציען זיך מיט א פארגליווערט רעזיגנירט שמייכעלע צום פּיפּיקן ליפּל ווי צוגעביגלט; מ׳זעט ממש ווי דאס גוט אויס־ראזירטע ליפּל האט גרויס הנאה פון יעדן ווארעמען זיפּ קאווע. ער האט זיך פלוצלינג א טאפּ געטון ביי די פּאר האר, וואס האבן זארגפעלטיק פאר־גלעט א קליין גלאצעלע, פארקוועטשט א פּיפּיק אייגל און גערעדט ווי אין דער וועלט אריין: „דאכט זיך א פרישער יאלד, א נאוואבראניעץ״. דאס צעקנייטשטע לענגלעכע פּנים האט זיך צעשטראלט מיט אלע זיינע שארפע קנייטשן און דינינקע קנייטשעלעך:

„זעצט אייך אנידער. איר דרייט זיך עפּעס ווי צווישן די פיס, כ׳מיין צווישן די טישלעך... איר זעט אויך אויס ווי איר זוכט דעם נעכטיקן טאג״...
ער קוקט מיך שארף אן מיט ביידע אייגעלעך ווי זיך צו דערמאנען אין וואס, ווי מיך צו דערקענען און איין אייגל פארקוועטשט זיך צוריק ווי מיך שוין דערקאנט: „הא, ביסט גאלע? ס׳מאכט נישט, פון זעלבן חדר... קאנסט מיר אויך זאגן דו! זעץ דיך דא צום טישל, אויף א קאווע איז נאך דא אין טאש... קוה אל ה׳ וחזק״, לאזט ער אויס היימיש מיט א סוף־פסוק ־ווייצל.

איך קוק אן דאס אפּגעחומלטע, דאס בלאזירטע פּנים, אבער ווען דער צע־ריסענער שטערן צעשטראלט זיך מיטן געלעכטערל, ליגט דער בית־מדרשניק אויף אים א צעלייגטער מיט אלע זיינע פּיפּטשיקלעך.

...יא, ער איז אויך גאלע, ער האט שוין אפּגעדינט אלע עבודה־זרות און איצט זיצט ער ביים לעצטן קאוועלע מיט צעפּראנצטע הויזן... אבער דערזעענדיק מיך, איז אים איינגעפאלן א גליקלעכער אויפטו אריבערצוגיין צו „הערן וויקטאר און זאן״, צו „וויגדערלען״ אין „ווארען־האאוז״ נעמען א פּעקל. דער „וויקטאר און זאן״ און דאס „וואארענהאאוז״ איז ארויסגעזאגט געווארן מיט א פאנפּע אונטער דער נאז, אבער דאס דינע ליפּל איז געווארן דערביי טרויעריק: טראגן א פּעקל איז איבער זיינע כחות, נישט נאר זיינע הויזן זענען צעפּראנצט, נאר ער אליין איז אויך שוין... און גלעטנדיק זיך איבער די צוגעגלעטע האר איבער פּליכל, האט ער ווייטער געצויגן מיט עפּעס א באהאלטענער איראניע: אבער א כופר־בעיקר איז ער איינער אין דער וועלט און פארקויפן קען ער דעם טאטן אליין...

ער האט זיך אויפגעשטעלט פריינטלעך, בעסער געזאגט חבריש, מיך אנגענומען ביים אקסל: „אלזא, אפּגעמאכט, חצי שלי וחצי שלך, שותפות — פיניעלעעט קעמפּאניאן! און ווי הייסט איר? איך האב מיך שוין פארגעסטעלט, דער צווייטער נאמען איז נאר פאר דער פּאליציי״...

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין שניט־געשעפט „וויקטאר און זאן״ האט עס דארטן געקאכט מיט הויזירער און טיר־קלאפּער. הערר וויקטאר, א סנאפּיקל, פעט און אויסגעפּרעסן, מיט א טאפּלטע געמבע, אויסראזירט ביז צום בלוט־שפּראצן, איז געזעסן ביי דער קאסע און געקייעט מיט איין זייט פון די גרויסע, ברייטע לעפצן א ציגאר און מיט דער אנדערער זייט געש־פּריצט און זיך געזידלט: „איין פעניג נישט ווייניקער, גענוי ווי אין דער

רעכענונג. וויקטאר און זאן איז רעיעל". דער „זאן" איין געפרעסטן העמד און עלעגאנטע הויזן, מיט גאלדענע ספינקעס אין די מאנזשעטן, בלאנד, מיט א חוצפהדיק גויאיש נעזל, איז געשטאנען אויף א לייטער און געווארפן באלן סחורה אויף דער טאשעוואניע, וואו „מאדאם וויקטאר" — ווי די טיר־קלאפער האבן זי גערופן — איז געשטאנען און געמאסטן מיט האלצענעם מעטער און געקלאפט מיט דער גרויסער שער; „באלטשע" — ווי די הויזירער האבן זי גערופן — איז געווען די גאנצע סוחרטע, די נשמה פונם געשעפט — אן אשת־חיל, מיט א בלאנד־געפארבטן קאפ האר.

פיניעלע, מיין שותף, — וואס איז געווען א נאמען דא צווישן חברה! — מיט זיין „גוט מאיען, מיין גנעדיקע פראו", האט שטיל געמאכט דעם גאנצן ראיענדיקן טומל. דער הערר וויקטאר האט זיך פארדרייט מיט זיין ציגאר און געקוקט צום עולם מיטן טאפלטן אויסראזירטן רויטן קארק. די חברה האט דערוואַרט א סקאנדאל ווי אלעמאל, ווען פיניעלע איז אריין אין געשעפט האלב שכורלעך — אפנעמען זיין „עלימענטע"... דער „זאן" איז שנעל אראפ פון דער לייטער און פארשוואונדן.

פיניעלע, ניכטער דווקא, עלעגאנט ווי מ׳גייט איינלאדן א דאמע צום טאנץ, איז צוגעגאנגען צו דער טאשעוואניע און מיט א קניקס נאכאמאל איבער־געחזרט, נאר איראנישער: „גנעדיקע פראו, דאס מאל איינע דאפלטע פאר־ציאן", און אנווייזנדיק אויף מיר א פינטל געטון מיט איין אייגל: „דו זעסט דאך איך ארבעט מיט א שותף"...

אן איין ווארט האט מאדאם וויקטאר ארויסגענומען צוויי גרויסע, געלע פאקעטן, פארשנירט מיט שטריק און דערלאנגט פיניעלען. ער האט זיך עלעגאנט פארבויגן און הויך א זאג געטון פינטלענדיק מיט אן אייגל: „ווּעסט זאגן וויגדורלען ער זאל עס פארשרייבן אין דיין כתובה, איין פעניג נישט וויניקער". דעם צווייטן זאץ האט ער געפראוווט נאכמאכן „הערן וויק־טארס" שטימע. חברה טיר־קלאפערס האט זיך קוים געקענט איינהאלטן פון לאכן. און ס׳ביסל הויזירער איז נישט געווען צו זעען „ווי אין וואסער אריינ־געפאלן".

דאס צווייטע פינטל מיטן צווייטן אייגל איז שוין געווען צו מיר: דאס הייסט נעם און הולך...

אין אזא פעקל איז געלעגן שטאף אויף צען אנצוגן און אויב ס׳איז געגאנגען א גאנג און א טיר־קלאפער האט עס איינגאנצן פארנאקט, האט ער געקענט לעבן א טאג...

אריינקומענדיק אין דער אונטערגרונט־באן, ער, וואוילעריש, מיט די צוויי הענט אין די טאשן און איך מיט די צוויי פעק אונטער די ארעמס, האט ער מיך, נאך איידער מיר האבן זיך אנידערגעזעצט, מיט ביידע אויגן א ווילע באטראכט, ווי א שניידער א קינסטלער פון פאך נעמט די מאס נישט אויף איין אנצוג, נאר אויף אלע צוואנציק און דערנאך א פריילעכן פינטל געטון מיט איין אויג און דאס פנים האט זיך אים צעשטראלט מיט אלע זיינע צוגע־

פרעסטע קנייטשן און נאדל־דינע קנייטשלעך. די אויגן האבן אים געגומען לייכטן ווי צוויי גאלדענע בינען פארוועבטע אין א באשטויבטער, א זון־צעשיינטער שפינען־נעץ: „גוטער ברודער, הארציקער, געטרייער, אנגעלסקער פאץ! כ׳זע דאך, אז דו ביסט נאך א פריץ און דו הייבסט נישט אן צו וויסן ווער ס׳האט דיך געשלייערט״. דעם ערשטן זאץ האט ער ארויסגעזאגט ווי א מין שפרוך און דעם צווייטן אין א טאן ווי א טאטע רעדט צו א זון, אז ער זאל ווערן א לייט.

מיר האבן זיך אנידערגעזעצט: „וואס קוועטשסטו די פעק אונטער די פאכוועס ווי א קאזאק צוויי סאלדאטסקע ברויט?״

ער האט מיך חבריש אנגעקוקט: „דו געפעלסט מיר! דיין געשטעל איז צו מיין איינפאל ווי צוגעפאסט. און אפשר איז דער גאנצער איינפאל געקומען פון געשטעל? פארשטייסט, מ׳ברויך נאר צו האבן א גוטן טריק און מ׳שניידט ווי מיט א שארף מעסער אין א לייבל ברויט, און איך האב אים: דו הערסט, דו ביסט שטום. איך גיב א פייף און דו קומסט ארויף, פאקסט אויף א פעקל, כאפסט ארויס א קאסטיום־שטאף, פאקסט שנעל צוריק צו ס׳פעקל און בלייבסט שטיין מיטביידע פעק אזוי אונטער די ארעמס״. ער צעלאכט זיך און רייבט די צוויי הענט איינע אין דער אנדערער; איך קוק אויף זיי, צארטע, נערוועזע, באוועגלעכע; זיך רייבנדיק אזוי פלעכטן זיך די פינגער, שלאנקע, שמאלע, איינע אין די אנדערע: „גוטער ברודער״... ער וויל ווייטער זאגן דעם שפרוך, אבער ער ענדיקט אים נישט. דאס ליפל וואס זעט אצינד אויס גאנץ אנדערש, ווי איבערלייגנדיק עפעס, ווי בארעכנדיק עפעס — לייגט זיך נישט דערצו...

ארויסגעקומען אין א שטילער, רואיקער געגנט, געסלעך מיט אקאציעביי־מער אויף ביידע זייטן פאטשעניע; א מין פאראַרט, וואו ס׳וואוינען קליינע באאמטע, בלומענטעפּ פאר די פענסטער, לאנגע טונקעלע גארדינען ביז אראפּ. ער האט זיך אומגעקוקט ווי איינער, וואס ווייסט וואס ער האט צו טון; ער ברויך זיך נאר צו אריענטירן און ער הייבט תיכף אן:

„ווארט צו, דאס איז דאס איינציקע ציגארעטל. כ׳מוז צוערשט אויסרויכערן אויף שטימונג, אויף מוט, אויף מזל״.

מיר זענען געגאנגען. די פעקלעך זענען געווען גענוג שווער, אבער די שטימונג איז געווען א געהויבענע: ער האט ארויסגעלאזן רעדעלעך רויך פונם פארצויגענעם ליפל. דאס פנים האט זיך לאנג אויסגעצויגן, א גלאט צוגעפרעסטס מיט אלע שארפע קנייטשן און קנייטשעלעך. מ׳האט געזען, אז דער קאפּ ארבעט; ער האט פלוצלינג באקומען אן אינטעליגענט אויסזען. מיט איינמאל געגעבן א שפיי אויס דעם פיטום פונם ציגארעטל, דאס קאפּע־לישל א שאר געטון ממזריש אויף א זייט און אריין אין א טויער: „דו בלייב דא שטיין״.

איך בין געשטאנען און געווארט, די צוויי פעק אונטער די ארעמס — א סאלדאט מיט צוויי ברויט אונטער די פאכוועס, וואס שטייט באהאלטן אין א טויער: דער פארשוין איז מיר געפעלן, די גאנצע זאך איז עפעס געווארן

ווי א מין שפּיל, א פאַנטאַזטיש מעשהלע, א חלום — איך האָב געשפּאַנט געוואַרט אויפן פייף. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ר׳איז געקומען.

כ׳האָב מיך שנעל אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף, גיך אַרויף די שטיגן. דערזעען אים שטיין, עלעגאַנט, מיט א בויג, אָבער איין פוס זיינער, קונציק, נישט באַמערקט, אַריינגערוקט צווישן טיר און שוועל, מ׳זאָל זי נישט קאָנען צוקלאַפּן פאַר דער נאָז.

„זי זעען, גנעדיקע פראַו, דאָס איז ער, איין מאַטראַז פון אן ענגלישער שיף... יאַ, יאַ, געשטאָלענע וואַרע", גיט ער א נערוועזן דריי מיט דער שיינער, שמאָלער האַנט און א פלינקן באַוועג מיט די לאַנגע, שלאַנקע פינגער און פלינק זיך א דריי־אויס צו מיר: „קום, יקום פורקן מן שמיא חינא וחיסדא". איך פאַק שנעל אויף א פּעקל, כאַפּ פלינק אַרויס א שטיק שטאָף און פאַרבינד גיך צוריק דאָס פּעקל.

„זי זעען, מיין גנעדיקע, קאַמגאַרן, מאַנטשעסטער... אונטער יעדן פּרייז. איינפאַך פאַרשליידערט, אַרויסגעשמיסן... דירעקט פון פּאָליציי פאַרפאַלגט... ווען זי קויפן די גאַנצע וואַרע מאַכן זי איין פאַרמעגן" און מיט די אויגן א פינטל געטון ווי אַט זעט ער דעם נאָכיאָגנדיקן „שופּא" אַרויפגעפליגן אויף די שטיגן.

נאָך איידער ס׳איז געוואָרן מיטאָג איז די גאַנצע „וואַרע" שוין געווען „פאַרשליידערט" און מיר זענען געזעסן אין א קוטשער־קנייפּע זאַט אָנגעגעסענע און געשפּילט א קאָרטל.

„גוטער ברודער, האַרציקער, זיסער, דאָס איז נאָך מיין איינציקע ליידנשאַפט... אַמאָל האָב איך געשפּילט טעאַטער, געשפּילט פידל, געשפּילט ליבעס... גוטער ברודער, אז די ווייבער נעמען דיך אין די הענט אַריין, מאַכן זיי פון דיר א לייט".

די שעהן האָבן זיך געדרוקט. איך האָב אויף אים געקוקט: אפשר וועט שוין זיין גענוג... און ער: אַריינקוקנדיק אין די קאָרטן, „ווירט, נאָך צוויי שאַפּן! אז די גלעזער זענען פול איז מזלדיקער". ער צעלאַכט זיך: „ווייב און קינדער וואַרטן אויף דיר?"

ער האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן די קאָרטן מיט נערוועזן אימפּעט און דאָס טרינקען פון די שנאַפּס איז געגאַנגען פלינקער און דער „דאָנער וועטער נאָכאַמאָל" איז אַרויסגעקומען נאָך יעדן צווייטן זאַץ:

„איך וועל זיכער נישט פאַרלירן און דו אויך נישט... מיר שפּילן פונם שותפות... צען מיט נאָך צען! וויגדערל, איין פעניג נישט וויניקער, גענוי ווי אין דער רעכענונג", מאַכט ער נאָך „הערן וויקטאָרס שטימע".

„ווירט, נאָך צוויי שאַפּן!" און די בלאָנדע מאַדאַמעכע, באַלטשעלע, זי האָט געמיינט, אז ס׳איז שוין צו ענדע. עס הייבט זיך ערשט אָן: צוואַנציק מיט נאָך צוואַנציק. א פערציק פון אייכל!" די פערציק האָט אים ווי אויסגעניכערט, אויפגעהייטערט: „גוטער ברודער, דאָס ערגסטע פאַלק זענען די ווייטישע... א סיפיליס איז אויך נאָך נישט דאָס ערגסטע... היינע האָט

עס אויך געהאט, א בעטהאוון אפילו... אבער פאלסטו אריין ביי א וויטישער, וועסטו שוין קיינמאל נישט ארויסקריכן... די באלעשעלעך ברויכן טאטעס פארן „זאן״! דאס איז אן עסק פאר די אביגדורלעך״...

ווען מיר זענען אנגעקומען שפעט פארנאכט צום אלעקסאנדער פלאץ האט ער אויסגעזעען בלאזירט, אפגעחומלט, ס׳גזשיבקעלע איבער דער גלאצע צע־שויבערט און די ווערטער פונם צעקנייטשטן ליפל זענען ארויסגעקומען מע־לאנכאליש, ווי פון א באשולדיקטן, וואס איז זיך מודה: „כ׳וואלט דיך מיטגע־בעטן צו מיר, נאר איך בין אויך טריפה... כ׳וואוין ביי א פרוי זי וועט נאך מיינען כ׳ברענג א שיתוף... פארשטייסט?

כ׳האב פארשטאנען — —

ביים געזעגענען נעמט ער ארויס א הויפן פאפיר־געלט און דערלאנגט מיר. איך קוק אים אן און ער גיט צו מיר א פינטל מיטן אייגל: „זיי נישט קיין פריץ, שטופ אריין אין טאש אריין און גדענק, אז ס׳איז נאך דא א פיניעלע אויף דער וועלט...

כ׳האב אים לאנג נאכגעקוקט ווי ער איז געגאנגען מיט שטילע, פאר־טראכטע טריט. ביי טיי׳ס א שוי־פענסטער איז ער געבליבן שטיין, זיך צו־געגלעט דאס שיטערע גירבארלדעלע און גענומען שנעל גיין וואו ער מוז ערגעץ אהינקומען, וואו ער האט שוין מסתם פארשפעטיקט.

כ׳בין געבליבן שטיין ביים זעלבן פענסטער, דערזעען א שיין העמד און אריין עס קויפן. צוריק צום באנהאף, אראפ אין טואלעטן־צימער, מיך ארומ־געוואשן, געלאזט מיך ראזירן, אנגעטון דאס פרישע העמד און דאס אלטע איבערגעלאזט.

מיך דערזעען אינם שפיגל אן ארומגעוואשענעם, א ראזירטן, אינם פרישן העמד מיטן שילער־קראגן, האב איך מיך א טאפ געטון ביי דער בוזעם טאש צי כ׳האב דארט מיינע כתב־ידן און דער עיקר דאס לעצטע ליד, ווייל ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז מיט דעם לעצטן האב איך מיך טאקע דערהויבן צו דעם, וואס הייסט פאעזיע. און ביזן היינטיקן טאג אזוי מיין איך אלץ אז דאס לעצטע ליד איז דאס בעסטע — דאס בדרך אגב.

כ׳האב מיך געלאזט גיין צו דער אויגוסט־שטראסע, אבער ווי נאר כ׳האב א טראכט געטון האט זיך גוסטע געשטעלט מיר פאר די אויגן. איך שמייכל צו מיר און אפשר איז עס גאר דאס אויגוסט־שטראסע, וואס דערמאנט מיך אין איר — אויגוסט, גוסטא... וואס לענגער איך גיי, ווערט איר בילד קלענער, איינגעשרומפענער. איך זע נאר די קלארע, בלויע אויגן אירע, דעם בלאנדן קאפ האר, מיטן ווייסן שרונט... בשעת די פולע, תאוודיקע ליפן פון דער שענ־קערין גאר שרייען מיר אריין אין אויער: „אררש״... איך שפיר ווי כ׳גיב א פינטל מיטן אויג ווי פיניעלע, אמאל מיט דעם, אמאל מיט דעם: צי בין איך משוגע געווארן!! איך גיב מיך שנעל א דריי־אויס, צי ווייל כ׳מיין אז כ׳האב עס אויסגעשריגן און עמעץ ווער האט עס געהערט אדער ווייל כ׳וויל אויסמיידן די „גוסטא״־שטראסע און דריי מיך אריין אין אן אנדערער גאס...

עס איז שוין גוט טונקל און איך שפאן נאך אלץ. על רגל אחת ווילט זיך מיר וויסן וואס איז דאס אזוינס אייגנטלעך ליבע און וואס ליידנשאפט? — פון אהבה ביז תאווה צווישן די צוויי אנהייב־ווערטער איז דאך דאס גאנצע מענטשלעכע לעבן... ווי ווייט איז די אינסטיטוציע חתונה ביז פראסטיטוציע... פיניעלע, נעבעך, וואלט ער געווען חתונה געהאט מיט דער בלאנד־געפארבטער אשת־חיל וואלט ער אצינד געווען „פינקאס אונד זאן”... „ווער ווייסט זי, די שווארץ־יאר, פון וועלכן דייטש זי האט דעם זאן”... הער איך פיניעלעס רעזיגנירט קול.

כ׳דערמאן מיך אין איר, אין דער דארף־שיקסע, וועלכע האט א קינד פון איר „העלדיש געפאלענעם ברוטיגאם” — וואס האט מיר געשטעקט דעם האלבן לאבן ברויט אין בוזעם אריין: וואסערע טיפע מענטשלעכע געפילן האבן ביי איר געמוזט אנגיין בשעתן גוזעגענען... מיך פרעגנדיק אויף מיין אדרעס האט זי מיך אזוי טרויעריק אנגעקוקט... „יא, דאס בוך צו קענען שיקן” האט זי זיך שנעל ווי שעמענדיק געכאפט...

איך האב געהאט אינגאנצן פארגעסן דערין, אין בוך. כ׳האב איר געגעבן שמואל לעווינס אדרעס. זי איז שנעל „פארדופטעט”, זיך צומאל נישט קיין איין מאל מער אויסגעדרייט...

ווען כ׳בין ארויפגעקומען צו די בראנשטיינס בין איך שטיין געבליבן ווי ביים ערשטן מאל אין קיך: חברה איז געזעסן ארום טיש און לעווין האט דעמאנסטרירט דאס איבסן־בוך: „איבער פיר יאר האב איך עס שוין און ס׳האט אויסגעזען ווי ניי די אלע יארן... מיט דער לעצטער פאסט האב איך עס באקומען, אבער א בריוועלע פון צוויי שורות ס׳זאל דערביי זיין”... דאס קול זיינס האט געקלונגען באטריבט, אבער מער איבער דעם בריוועלע.

כ׳האב מיך מער נישט געקענט איינהאלטן. דערפריידט וואס די מעלקערין האט אזוי ערלעך און געטריי באותה רגע אויסגעפירט איר שליחות, און א בגילופנער, טאפנדיק מיט איין האנט די באנקנאטן אין קעשענע, בין איך מיט איין שפאן געווען ביים טיש: „שמואל, גלויב מיר דאס געשעעניש מיט דעם בוך, פאר וואס ס׳זעט אויס אזוי ווי ס׳זעט אויס און אז דו האלטסט עס יעצט בכלל נאך אין דיין האנט האט איך זיך מער דראמאטישקייט ווי דער גאנצער איבסן, מיט אלע זיינע ווילדע קאטשקעס. ווי פשוט אלע זאכן זענען און אזוי טיף, און דא קומט ער מיט זיינע פלפולים: לפי זה מוז מען אים, דעם בוימייסטער, אראפווארפן פון הויכן טורעם”.

חברה, אויפהויבנדיק די אויגן און מיך דערזעענדיק, אזא פריש־ראזירטן אין נייעם שילער־העמד און אין מיין בגילופין־שטימונג, האט זיך דערפריידט מיט מיר. מרדכי, וואס איז געזעסן ביי גוסטן, וועלכע איז רויט געווארן ווי די מעלקערין בשעת זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ נאכן מעלקן פון אונטער דער ווארעמער קוס בויך, איז אויפגעשפרונגען: „זעט נאר, דער יונגער שילער, „קאבאלא אונד ליבע”... זעסט דאך אויס ווי א זשעני, וואס קומט צוריק נאך א קור פון באד קיסינגען”...

מיט א צוויי־דייטיק שמייכעלע ווי ער וואלט א לאנדרינקע געגאגט צווישן די ברייטע, שארפע ליפן, אנקוקנדיק גוסטאן, וואס איז רויט ווי א צוויק, אזש דער ווייסער שרונט אין בלאנדן קאפ האר איז פארשוואונדן, האט ער זיך געזעצט אויף דער זאפע. איך האב מיך אנידערגעזעצט אויפן ליידיק־געווארע־נעם בענקל ביים טיש... טאקע ביי גוסטאן און דערשפירט א פרישע שווייסקע ווארעמקייט, אקארשט מסתם ארויסגעדאמפט מיט איר רויט ווערן. כ׳האב איינגעאטעמט מיט הנאה...

שיע איז פארשוואונדן, ער איז געלאפן קויפן פילזנער ביר און קראקעווער ווארשט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האב איך שוין געהאלטן אין דערציילן פון פיניעלען. ער איז געבליבן זיצן ביי מאקסן אויף דער זאפע און זיך שמייכלענדיק צוגעהערט. מאקס האט מיט הנאה צוגעהערט דאס לעבעדיקע דערציילן, דאס זיס־זויערע שמייכעלע פון די שארפע ליפן איז געווארן א ברייטס, א תאווה־דיק־פריילעכס; שיע האט געשמייכלט פון דעם, וואס ער האט געוואוסט מכוח דעם „געוועזענעם" פיניעלען...

„וואונדערלעך, אקארשט א נייער אין בערלין און שוין זיך צונויפגע־קאמפאניעט?"

„מיר האבן זיך גיכער צונויפגעשמעקט! כ׳זאל נאר נישט האבן ביי אים אזא סוף ווי ביי וואלדי... די ציטערדיק דעגענערירטע, לאנגע..." פיניעלעס פינגער, וואלדיס אויערן?" כ׳ענדיק נישט...

מרדכי האט זיך הילכיק צעלאכט. אויף שיעס פארוואונדערט קוקן, האט אים מאקס געזאגט, נאך אלץ לאכנדיק: „א שאד ביסט נישט דא געווען און געהערט די מעשה מיט וואלדי דעם דאקל".

* * *

איך בין שוין די נאכט נישט געשלאפן אליין — כ׳בין געשלאפן מיט מאסטבוימען! עס זאגט זיך אזוי געשלאפן — כ׳בין געלעגן און געהערט מאסט־בוימס שדכנותדיקע שטימע: אלע האבן דאך געזעען ווי די גוסטא איז נישט גלייכגילטיק... אפילו ווען א שידוך, איז עס א שמאלץ־גרוב... א רייכער גאליציאנער אייער־סוחר... א פינגער נאר צוצולייגן און מ׳ברעכט טעלער..

מאסטבוים פאלט אריין אין פאעטישן עקסטאז און הייבט אן צו רעדן הויך ווי ער וואלט דעקלאמירט זיינע דויטשע לידער — ווען ער רעדט איבער ליבע רעדט ער הויך־דויטש...

איך האב מיך געמאכט שלאפן, און אפשר בין איך טאקע געשלאפן און גע־חלומט און די טרוימען זענען געווען דער המשך, די שפאנענדיקע פארטזע־צונגען פון מיינע בין־השמשות מחשבות, וואס ווער קאן זיי כאפן און ווער פארשטיין?

ווען כ׳האב געעפנט די אויגן, האט מאסטבוים — פאקנדיק זיינע שטרויענע היט אין גרויסע פידלעס, גרעסער ווי ער אליין, שוין געווארט דערויף. ער האט נישט גערעדט מיט מיר מכוח שידוכים, ער האט מיט מיר גערעדט מכוח ווערן ביי אים א מארק־העלפער — אויב שוין א פעקל־טרעגער ביי א טיר־

קלאפּער, איז דאָס שוין אַסך מער, אַ מלאכה קלה ונקיה. דאָס טראָגן איז דאָך לײַכט, ס׳איז שטרוי — דאָס פּאַקן איז אַ קונצשטיק. נו, כ׳בין דאָך אַ קינסטלער, װעל איך עס שנעל כאַפּן. די גאַנצע אַרבעט איז אַ צװײ־דרײַ שעה פּאַרמיטאָג, דערנאָך בין איך אַ פרײַער מענטש, אַ פרײַער קינסטלער.

מישטײַנסגעזאָגט, די גאַנצע אַרבעט. ס׳איז שטײן בײַ דער שטעל אַ קוק צו טון מ׳זאָל נישט צענעמען ס׳ביסל סחורה... נאַטירלעך, ער איז נישט פּיניעלע, ער האָט קײן טאַשן מיט באַנקנאָטן... בײַ אים װעט מען מיר נישט אָנטון קײן קײטעלעך אױף די הענט — מ׳קען דאָך אים דאָ אין דער אױגוסט שטראַסע, דאָס פּיניעלען... ער דרײט זיך תּמיד אַרום מיט זײַנע גאָלדענע הענטלעך, אָבער זײַנע שותּפים... פאַר דעם זאַרגט שױן װיגדאָרל... אים אָבער, דעם „פּאַטער״ פון איר זאָן, לאָזט מאַדאַם „װיקטאָר עט זאָן״ נישט אָנרירן.

װי געזאָגט, ער איז נישט פּיניעלע, נאָר װאָס ער װעט עסן װעל איך עסן, און דאָס בעט איז תּמיד אָפן פאַר מיר. און אין דער פרײַער צײַט װעט מען אַ שמועס טון איבער ליטעראַטור, איבער דיכטונג.

איך האָב געגעבן אַ קוק אױפן בעט און מיר געטראַכט: מילא, פאַר הײַנט בײַנאַכט מוז איך דאָך זיכער „באַצאָלן״... איך בין דאָך שױן דאָ געשלאָפן... און מיך אַ שטעל געטון בײַ די גרױסע פידלעס און גענומען מיטהעלפן בײַם פּאַקן די שטרױענע הוט.

(שלוס פונם קאַפּיטל קאָמענדיקן נומער,

אײַזיק גאָלדבערג

ישׂראל און די ייִדן

נאָך קײנמאָל זענען די ייִדן נישט געװען אַזױ פאַראײניקט װי די לעצטע צײַט האָט עס באַװיזן. מיט דעם ישׂראל־קריזיס האָבן, אָן אױסנאַם, אַלע דערפילט, אַז דער גורל פון ישׂראל איז פאַרבונדן מיט דעם גורל פון די ייִדן פון דער גאָרער װעלט.

די לעצטע פּאָליטישע געשעענישן פון מיטל־מזרח, די רײַבונגען פון די אַראַבישע פעלקער אַקעגן ישׂראל, האָבן דערפירט צו דעם קלימאַקס פון אַן עקספּלאָזיע, װעלכע האָט שיער נישט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע װעלט.

עס איז טאַקע געקומען צו אַ לאָקאַלן מלחמה־אױסברוך פון די אַראַבישע פעלקער פון אַן ערך זיבעציק מיליאָן און נאָך מיט דער אונטערשטיצונג פון רוסלאַנד. צו פאַרניכטן, חס ושלום, מדינת־ישׂראל. אָדער בעסער געזאָגט, װי די אַראַבישע פירער האָבן בײַ זײער פאַראײניקונג אָפן דערקלערט. אַז זײ האָבן יעצט ישׂראל אין זײערע לאַפּעס און װעלן זי צעקנאַקן װי אַ נוס אין אַ ניסקנאַקער; און דעם רעשט װעלן זײ אַרײַניאָגן אין ים אַרײַן...

דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד, מיט דעם סצעפּטער פון סאָציאַליזם און מענטשנרעכט, האָט דאָ געשפּילט אַ הינטער־קוליסן פּאָליטיק פון אַ „מלאך־הגואל״ און דערבײַ געגאַנגען אין די זעלבע טריט װי דאָס היטלער־דײַטשלאַנד... װעלכעס האָט די װעלט־מלחמה אָנגעצונדן, מיט דעם שלאַג־װאָרט, אַז די ייִדן זענען אין אַלעם שולדיק. דאָס מאָל האָט רוסלאַנד אָנגעװיזן, אַז נאָר

מדינת־ישראל איז אין אלעם דער חייב און די אראבישע פעלקער זענען, נעבעך, די אומשולדיקע שעפעלעך, וואס נאר רוסלאנד קאן און וויל זיי באשיצן!

פאר אירע אימפעריאליסטישע קאמבינאציעס האט רוסלאנד אויסגעזוכט אויף דעם שאך־ברעט פון דער וועלט־מאפע דאס קליינע ישראל אלס דעם שול־דיקן און די צוריקגעשטאנענע אראבישע, פעאדאלע פעלקער, מיט א קולטור פון שקלאפן־האנדל און הארעמס, באפאנצערט מיט די מאדערנסטע מלחמה כלי־זיין אקעגן ישראל; אקעגן דעם יידישן פאלק, וואס האט צוויי טויזנט יאר געליטן פון קרייץ־צוגן, פאגראמען, אינקוויזיציעס און צולעצט די שוידער־לעכסטע קאנצענטראציע־לאגערס מיט קרעמאטאריעס און אנדערע מיתות משו־נות, אין וועלכע עס זענען אומגעקומען זעקס מיליאן יידן.

עס איז דא איבעריק צו דערמאנען ווי די אטמאספערע פון דער וועלט איז געווען אנגעפילט מיט אויפרייס־פולווער. וויכטיק איז דא דער אויפברויז פון די יידן אין דער וועלט און דער אפרוף פון אלע יידישע הערצער, וואס זענען געווען אנגעפילט מיט שרעק. דאס געפיל פון שרעק האט זיך גענומען דער־פון וואס די יידן האבן ווידערמאל דערזעען די וואמפיר־געשטאלט, דעם מלאך־המות מיט די טויזנטער אויגן, מיט די שרעקלעכע, חייהשע, סאדיסטישע אינסטינקטן פון דער נישט לאנג פארגאנגענער היטלער־תקופה פון קוים צוויי צענדליק יארן צוריק. אט די חיה איז ווידער אויפגעשטאנען תחית־המתים!...

ישראל אבער איז, צו דעם גרויסן וואונדער, געווען ביי זיך זיכער און שטארק גענוג ארויסצוקומען מיט א נצחון. דאס האט ישראל אויך באוויזן, ווייל עס איז נישט געווען קיין ברירה ווי נאר צו קעמפן און זיך נישט לאזן דאס מאל אזוי מאכטלאז אונטערגעבן צו די נייע היטלערס...

אין אזא סיטואציע פון לעבן אדער טויט האבן די ישראלים געקעמפט ווי די לייבן און, ווי געזאגט, מיט ניסים געוואונען א נצחון, וועלכער איז פאר־בונדן מיט א צוויי טויזנט־יאריקן חלום און אויך געראטעוועט דעם יידישן כבוד פון דער גארער וועלט. דאס וועט בלייבן א היסטאריש געשעעניש!...

עס קאכט אויף דאס בלוט ביי יידן, אן אונטערשיד צו וועלכער קלאס, פארטיי און דעסגלייכן זיי געהערן; אפילו אויך ביי נישט־יידן, וועלכע פארמאגן א פונק פון מענטשלעכקייט, איבער דער ראלע, וואס רוסלאנד שפילט יעצט; שויך מיט דער דערקלערונג אין דער יונ"א, אז ישראל איז דער אגרעסאר און פונקט אזוי באפאלן די „אומשולדיקע" אראבער ווי היטלער האט עס געטון אין דער טשעכאסלאוואקיי, פוילן און אין אנדערע לענדער.

איך גלויב, אז קאמענטארן זענען דא איבעריק...

דערפאר איז נישט קיין וואונדער וואס ישראל האט געקעמפט מיט אזא מסירת־נפש. אפאר קורצע אויסצוגן פון בריוו, וואס איך האב באקומען, קאנען דאס מער־ווייניקער באלויכטן.

מיינס א קוזין פון פתח־תקוה שרייבט אט־וואס:

„ס'האט פלוצים אויסגעבראכן א מלחמה מיט ישראל. אלע אראבישע לענ־דער ארום האבן זיך פאראייניקט אקעגן אונז. מיט איינמאל איז געווארן באמ־

באַרדירט תל־אביב, נתניה, פּתח־תקוה, ירושלים אאַ״וו. אונזערע טייערע קינ־דער קעמפן ווי די לייבן. ביי אונז זענען אַלע דריי זין אין מיליטער. דערוייל לעבן מיר איבער גרויסע שרעק. עס זענען שוין דאָ קרבנות. מיר האָפן, אַז גאָט וועט נישט פאַרלאָזן דאָס פאָלק ישראל. דעם בריוו שרייב איך פיר אַזייגער ביינאַכט".

אַ קוזין פון תל־אביב שרייבט:

„די דאַטעס פון אָנהויב יוני, 1967, וועלן זיין פון גרויסע היסטאָרישע טעג. גאַנץ ירושלים, בית־לחם, שכם, חברון, קבר־רחל און אַנד. זענען אין אונזערע הענט. דאָס איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט אין אונזער תקופה. מיר פילן זיך שטאַרק, ווייל די מלחמה האָט פאַראייניקט חסידים און פרייע, בונדיסטן, קאָמו־ניסטן און חירותניקעס, אָרעם און רייך, מענער אויך פרויען. מיין זון איז אויך אין מיליטער. עס קאָסט יידיש בלוט, אָבער נישט, חלילה, אוישוויץ... נישט קיין פּאָגראָמען, קיין באַהאַלטן זיך אין בונקערס אָדער קעלערס. שטאָלץ און שטאַרק, מיט אמונה קעמפן אונזערע גבורים־מיליטער.

„און עס זענען דאָ וועלכע ווילן שוין אויף ישראלס פּלייצעס חשבונען. צווישן זיי איז דער וועלט־הערשער דאָס סאָציאַליסטישע רוסלאַנד, וואָס רעדט וועגן שלום און גלייכבאַרעכטיקונג; דער, וואָס הערשט איבער מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער און האָט ליקווידירט אַזויפיל אייגענע רוסישע מענטשן. אַט דער העלפט יעצט אַבדול־היטלער נאַסער מיט די אַנדערע שוואַרצע פאַשיסטישע קליקעס...

„מיר פילן זיך שטאַרק, ווייל מיט אונז זענען אויך פאַראייניקט אַלע יידן פון דער וועלט. מיט דער עקזיסטענץ פון ישראל איז עם־ישראל חי!"...

אַ גאָענטער פריינט און חבר פון גבעתיים שרייבט:

„מיר האָבן פיל מיטגעמאַכט. אַלץ איז געוואָרן אונטערשטיצט און אונטער־געהעצט פון רוסלאַנד אַקעגן ישראל. יעצט איז קלאָר רוסלאַנדס שטעלונג בנוגע יידן. ווען נישט רוסלאַנד וואָלטן מיר שוין לאַנג געלעבט מיט די אַראַבער אין שלום".

אַנדערע קוזינען פון תל־אביב שרייבן:

„פרעגסט ווער אַלץ איז אין מיליטער? יעדער אָן אויסנאָם! נישטאָ קיין הויז, וואו קינדער און אויך עלטערן זענען נישט אין מיליטער. איך האָב מיין זון אַליין געפירט מיט מיין אויטאָ זיך צושטעלן אין צייט. איך אַליין בין יעצט אין דער מיליציע. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה ווי קעמפן אָדער זיך לאָזן אומברענגען. מיר האָפן אויף אַ באַלדיקן נצחון"!

ווען מיר לייענען אַזעלכע בריוו פרעגט זיך ווען האָבן יידישע עלטערן גערעדט מיט אַזאַ שטאָלץ וועגן זייערע קינדער מלחמה־גבורים? ווען האָבן יידישע טאַטעס אַליין געפירט זייערע זין זיך צוצושטעלן אין מלחמה און אַליין אויך געגאַנגען מקריב זיין זייער לעבן?

דאָס קאָן נאָר זיין אין ישראל. נאָך דעם ווי דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן צוויי טויזנט יאָר גלות און יעצט נאָך, נאָך דער היטלער־תקופה, איז אויך קלאָר

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 433)   ניין און צוואנציקסטן יאר   יאנואר 1968 לאנדאן

January

א י נ ה א ל ט :

1968 — דאס 25׳סטע יאר פון ווארשעווער געטא אויפשטאנט, 3 סטראפעס
געצייטיקטע גראמען פון א גלות־ייד ...... ** 1
דער דיכטער (דערציילונג) ...... סאמערסעט מאהם 10
אונזער זקן (ליד) ...... עלע זילבערג 14
די אכטע פרינצעסין (המארעסקע) ...... משה בעקערמאן 15
דער נאמען (ליד) ...... יוסף לעפטוויטש 17
די מלינא (פראזע) ...... א. נ. שטענצל 17
דעם כעלעמער חקרנס חכמה (עסיי) ...... י. ריכטיגער 26
יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן ...... ח. בענקוויטש 30
די לעצטע רויז (ליד) ...... שמואל וווהייט 32
א בחור׳ס ניגון (ליד) ...... דוד בערמאן 32
פרינץ ראובני (רעצענזיע) ...... עלען ווינאגראד 33
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש־ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

ווינכטיק צו וויסן

די עפנטלעכע ביבליאטעקן אין בארנעט („בארנעט פאבליק לייברעריס"), צפון לאנדאן, האבן איצט א סעריע פון אן ערך הונדערט יידישע ביכער אויף די פאליצעס אין זייער צענטראלער ביבליאטעק, דהי בארראוס, הענדאן. מיר צווייפלען נישט, אז אויב די יידישע עפנטלעכקייט וועט ארויסווייזן דעם געהעריקן אינטערעס, וועט מען פיל פארגרעסערן אט די סעריע יידישע ביכער.

יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת, דעם 9׳טן פעברואר — א שבת־שירה־פראגראם — סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד זינגען יידישע פאלקס לידער.

שבת, דעם 16׳טן — י. א. ליסקי דערציילן זיינע איינדרוקן פון ישראל.

שבת, דעם 29׳סטן — יעקב ריכטיגער: משנכנס אדר מרבין בשמחה.

שבת, דעם 23׳סטן — סעם לעף: די פאליטישע סיטואציע אין דער וועלט.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

ווען איך האב מיט יארן שפעטער נאכאמאל באזוכט דאס דאזיקע פרימי־טיווע לאנד, האב איך זיך דערוואוסט, אז די קעניגין האט נאך, גאט צו דאנקען, איר קאפ אויף די פלייצעס; זי איז נאך פיל שענער און פריילעכער ווי פריער, און די שמחה אין קעניגלעכן הויף איז אין־לשער. אזוי ווי מען ווייסט נישט פארוואס זי האט געהאט צוערשט אכט פרינצעסינס, אזוי ווייסט מען נישט פארוואס זי האט געהאט זיבן פרינצן ביז איצט.

און די קעניגין איז נאך אלץ אזוי גראציעז, אזוי רייצנד און דער קעניג איז אזוי שטארק פארליבט אין איר, אז איך האב געגומען צווייפלען אין ציוויליזאציע, וואס דראפעט זיך צו דער לבנה און צו די טיפענישן פון די ימים, וואס זענען אזוי רייך אין גאלד און אזוי ארום אין גייסט; וואס זייער סופערמאניק פליען ברענגט זיי נענטער צום אפרונט, אז איך בין מקנא דאס פרימיטיווע לאנד מיטן נאמען „ליבע־איבער־אלעס“.

יוסף לעפטוויטש

דער נאמען

א נאמען האט דעם רוח פון באשאף.
רופט מען מיין נאמען, ענטפער איך דארויף,
ווי שמואל האט געענטפערט גאטס רוף.

א מלאך האלט דעם נאמען באהאלטן,
ווי דער מלאך וואס האט זיך ביי מנוח געמאלדן,
אבער א מענש טראגט זיין נאמען הויך.
דער מלאך האט געוווסט ווער ס'איז מנוח.

ביז אדם האט דעם לייב א נאמען געגעבן,
זענען אויף דער וועלט ניט געווען קיין לייבן,
אלץ האט אדם מיטן נאמען גערופן —
און מיטען נאמן האט ער אלע געשאפן.

א. נ. שטענצל

די מלינה

אין א יידיש רעסטאראנדל אויף דער שענהויזער־שטראסע, אין קאפע אויפן האגישן־מארק איז תמיד דא די געפאר — אבלאווע: געפעלשטע קופאנס, דאלארן, עמיגראנטן אן פעסער... פאליציאנטן שטייען ביי די ארויסגאנגטירן; און דרויסן אין א הינטערגעסל ווארט שוין די „שווארצע מערי“ — דער פאליציי־וואגן.

דא אין דער מלינה איז די געפאר נישטא. זאל דא אריינקומען א „שופא“ און פרעגן — אויף וואס זאל ער פרעגן, אויף א פאס? דא זענען אלע דויטשן, „וואש עכטע“ בערלינער. דא האנדלט מען אויך נישט מיט „לאקשן“ און אויף אן ארבעס־זופ מיט א פעטן חזיר־ביין, אויף א כשר חזיר־פיסל מיט זויערקרויט באדארף מען נישט קיין קופאנען...

דא טרעפן זיך „נאכטפייגל“ צווישן איין שטיקל ארבעט און א צווייטן. דא דערוואַרעמט מען זיך נאכן שטיין שמירה נאך האלבער נאכט. דא ווארט אפּ א וואַרעמער „ברודער“ ביז „זי“ פּארטיקט זיך אפּ מיט א „גאסט“ דרויסן אין א פינסטער ווינקל.

און די שטאמגעסט, די קוטשערס און די פּאַרמאַנעס, די נאכט־ארבעטער, זאל זיך נאר דא באוויזן א „שופּא“, וועלן זיי שוין אים נעמען אויף דער האַצקע, אַז ער וועט א צענטן פארזאגן . . .

יא, דא קומען אריין געהיים־אגענטן מיט פאטאגראפיעס אין טאש צו דערקענען א באוואוסטן קאַסע־ברעכער . . . דא קומט מען אריין מיט פּאליציי שפּיר־הינט צו דערשמעקן א רוצח . . . יא, דא רופט מען אן די פּאליציי, דא טעלעפאנירט מען צום הויפּטאמט אויף אלעקסאנדער־פּלאץ, אז פּאליציי זאל „זאַפּארט“ קומען ווען נאך א מעסער־געשלעג עס ליגט שוין א טויטער אויף דער פּאדלאגע . . .

יא, דא קומען נישט אריין קיין אויסלענדער אן פּעסער, קיין יידישער „שאכער־מאכער“ מיט לאקשן און קופּאנען, דא קומען אריין „וואש־עכטע בערלינער“ — דויטשן.

דא, אין דער מלינה, זיץ איך מיר אן שרעק, א געזיכערטער, איינגעהילט אין אן עמוד־הענן פון ביליקן טאבאק־רויך און אין פּארע פון קאכעדיקע ארבעס־זופּן, וואס גייען פון גרויסע, בלעכענע שיסלען — אז מ׳זעט אזא דאמפנדיקע ארבעס־זופּ און דעם רויט־צעפּארעטן קאפּ געבויגן איבער דער פולער שיסל, און דעם גרויסן, בלעכענעם לעפל, וואס הענגט אויף א קייטעלע אנגעקאוועט אין איר, און ווי ער, דער לעפל, לויפט מיט א ירגזון אהין און אהער און ווי דאס אויפגעריסענע מויל כאפּט אים מיט א שלינגענדיקער הנאה, פארשטייט מען דעם טייטש פון „נזיד עדשים“ און ס׳ווערט פארענטפערט ווי עשיו קומט עפּעס צו פארקויפן די בכורה פאר א טעלער מיט ארבעס . . .

דא, אין דעם שארפן ביר־ריח און דעם זויערן ארבעס־זופּ גערוך, אן איינגעהילטער אין דעם פרעמדן, פעטלעכן נעפּל אויף די ליפּן אים שפּירנדיק און אין דעם ביטערן פייקע און ציגארן־רויך, ביז אין האלז אריין קרעלנדיק, זיץ איך מיר לפני־ולפנים, אינערלעך אין מיר ווי אין א חדר המיוחד ביי אן עק טיש און טו מיר מיין עבודה —

דאס נייע לעבן פאר מיר דא ארום, די ממש מיט די הענט אנצוטאפּן אטמאספערע, די גראבע גאַניסערישע קולות, וואס הערן זיך פון דער טאשע־וואניע, וווּ מ׳צאפּט דאס ביר פון פּעסער אין די קופליעס אריין, די זיך באוויזנדיקע, צעכראסטעטע פרויען ביי מיין טיש, מיט בליקן פון געשלאגענע, טרויעריקע הינט, זענען געווארן אומבאוואוסט דאס בילד און דער הילך אין מיין ליד —

וואס נידריקער מען זינקט, אלץ טיפער איז מען מיט גאט; מ׳שטייט אויף די קני מיטן מינדסטן מענטש און מ׳איז מתפּלל . . . די מענטשן זענען מיר נאנט געווארן אין זייער פארלאזנקייט — דאס איז מסתם די „אוממיטל־

באַרקייט".

„שיק מיר, מאַמע, דיין תחינהלע,
דיין טרערן־צעווייקט תחינהלע,
שיק מיר און זאָג דעם טאַטן נישט".

דאָס ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם פּערז, האָב איך פּופצן יאָר שפּע־טער — אין יאָר 1936, ביים פאַרלאָזן בערלין, געגומען פאַר מיין לעצטן געדרוקט בוך אין דייטשלאַנד, פאַר אַן הקדמה צו מיינע בעל־שם, רבי נחמן און „גוטע יידן"־פּאָעמעס. דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין יענעם ווינטער און אין דער רוישיקער נאַכט־קנייפּע ביי „מיין" עק־טישל.

אויך בנוגע חיונה בין איך געוועז נישקשה פאַרזאָרגט; מ׳האָט שוין גע־וואוסט, אַז ביי געלעגנהייטס־אַרבעט בין איך אַ גוטע האַנט, און אַז איך בין שוין אויסגעקאַכט מיט די אַלע פאַרמאַנעס און גרינצייג־פירער, וואָס קומען אָן נאָך איידער דער באַגינען הייבט אָן צו בלישטשען. זיי כאַפּן זיך אַריין דאָ אין דער נאַכט־קנייפּע זיך אַדורכצוװאָרעמען מיט אַ שאַרפן טרונק, מיט אַ הייסער אַרבעס־זופּ און זיך אַדורכצושרייען איינער מיטן אַנדערן אין דעם רויכיקן און דאַמפּנדיקן נעפּל —

נאָכן באַקומען, פאַר אַ פּאָר וואָכן צוריק, פונם יידישן אַרבעטס־אַמט די באַשעפטיקונג אינם אייזן־סקלאַד — מיך שווער אַריינגעאַרבעט, אָבער נאָך אַ פּאָר טאָג איז אַלץ געגאַנגען כשורה. דער „האָפּ־האָפּ" ביים אויפהויבן און ביים אַפּלאַדעווען איז געגאַנגען ווי אַ מזמור. וואָלט אַלץ געווען וואויל און גוט, אָבער אַז ס׳איז געקומען פרייטאָג צום אויסצאָלן, האָט דאָס געלט געסטאַיעט קוים ביז מאָנטאָג — ווייל די אַנדערע וואָך זענען די פופציק מאַרק קוים ווערט געווען פופציק פּעניג.

די דייטשע אַרבעטער האָבן זיך אַן עצה געגעבן מיט דער אינפלאַציע — ווי נאָר דער מאַן האָט אַהיימגעבראַכט דעם לוין, האָט די דייטשע הויז־פרוי ס׳גאַנצע געלט אויסגעגעבן און איינגעקויפט אויף אַ גאַנצער וואָך. איך האָב שוין דינסטאָג, מיט אַלע מיינע געבליבענע פּאַפּירלעך, נישט געהאַט צו באַצאָלן אויף אַ מיטאָג.

מיין צימערל האָב איך שוין געהאַט און דער עיקר אַן אַדרעס. פרייטאָג באַקומענדיק אויסגעצאָלט דעם לוין, האָב איך קודם באַצאָלט דאָס דירה־געלט פאַר דער גאַנצער וואָך. און די לעצטע טעג, ווען ס׳האָט שוין נישט גע־סטאַיעט אויף אַ ריכטיק מיטאָג, האָב איך מיך שוין טאַקע דערנערט מיט די אַרבעס־זופּן פון דער מלינה. אָבער נישט נאָר דאָס און די אַטמאָספערע, צו וועלכער כ׳האָב מיך צוגעוואוינט און ליב באַקומען — נאָר די וואַנצן אין מיין בעט און דאָס גאַנצע טומלדיקע געסל מיט „שטונדן־קאַטירן" — — און די פרייע שעהן און אין די שלאָפלאָזע נעכט האָב איך מיין מקום מנוחה געפונען אין דער מלינה.

אין אַ פאַרטאָגס נאָך אַ געשלעג, וואָס איז אַרויסגעקומען איבער אַזאַ ליידיקער אַרבעס־שיסל מיט אַן אַנגעקייטלטן, בלעכענעם לעפל, וואָס האָט

זיך פארוואלגערט אויפן טיש און מ׳האט צוריקגעקראגן ביי דער טאשעוואניע א האלבן מארק משכון־געלט, האט א פינסטערער נאכט־פויגל אונטערגעהאקט א זייט ביי א פארמאן, פון א גרויסער לאדונג גרינס. מילא, צו די האלעס צוצופארן וועט ער שוין פאספיעין, אבער די זעק קארטאפל און די גרויסע מייערן־בינטן פון וואגן אראפנעמען?

נאכן געשלעג האט זיך דער לאקאל האלב אויסגעליידיקט. די נאכט־פייגל און די פינסטערע פארשוינען האבן „פארדופטעט" — ווי אין דער ערד איינגעזונקען.

דער בעל־בית און ס׳ביסל פארמאנעס מיט די ביציסקעס פאררוקט אין די ארעמס שטייען ארום מיר: יעבור עלי מה, איך מוז מיט דעם צעשלאגענעם אין דער האלע אריין מיטפארן — מ׳קאן אמאל פון אן ארבעט אוועקבלייבן, א מענטש א טובה צו טון. איך וועל שוין געפינען א תירוץ.

מ׳האט דערויף אויסגעטרונקען איינס און נאך איינס און פארביסן בכל לבבך און איך בין ארויף אויפן וואגן.

דערשפירנדיק דעם ריח פון פעלד, פון קארטאפל מיט דער ערד באַוואקסן, די רויטע מייערן־בינטן, גרין־צעפלאשעטע, די קילעריבן מיטן האר־בלעכן גערוך וואס איז מיר אריין אין נאז, און איך האב אויפגעלעבט — דאס גאנצע דארף מיט אלע פעלדער זענען ביי מיר אויבן געווען אויפן וואגן — די שטאט איז פארשוואונדן ביי יעדן שפרונג פון די רעדער אויפן שטייניקן ברוק האט מיין הארץ מיטגעטאנצט. ערשט אריינפארנדיק אין דער געוואלדיקער האלע, די בלומען־פארבן, דאס גרינס, דער טומל — כ׳בין צעטומלט געווארן, כ׳בין אריין אין א האזארד פון ארבעט.

אין איין שעה בין איך געווען אפגעפערטיקט: אזא זאק קארטאפל נאכן שווערן הייבן די שווערע אייזן־שטאנגען, די שינעס מיט א „האפ־האפ" איז געווען ממש א שפילכל — אזא זאק קארטאפל האט זיך אריינגעפאסט אין רוקן און מ׳איז געגאנגען מיט אים ווי צו א טאנץ.

דער קרעכצנדיקער האט אנגעקוואלן! געקלאפט מיר אין פלייצע אריין, מיט מיר אין דער „האלע־קנייפע" פארטרונקען איינס און נאך איינס, פאר־ביסן און מיר באצאלט אזויפיל, אז ס׳איז געווען די והותר פאר א גאנצן טאג און נאך מיט א שמיצל אריבער.

ס׳איז נאך געווען צייט גענוג צו מיין ארבעט, אבער מיט די פיר גלעזלעך אין מיין קאפ און דאס רוישיקע פארטאג־לעבן אין דער האלע און די טויזנט ריחות, וואס פאררייסן מיין נאז, און איך האב גענומען שלענדערן, בגילופנדיק, א פרייער מענטש מיט די הענט אין די קעשענעס. צוקומענדיק צום קייזער פרידריך־מוזעאום, בין איך אריין און אזוי שלענדערנדיק פון זאאל צו זאאל זענען פעלקער און מדינות געשטאנען פאר מיינע אויפגעריסענע אויגן אין זייערע שענסטע קאלירן — כ׳האב נישט געטראכט, נישט קיין סך געוואוסט, אבער דער קאפ איז מיר נאך פרייער געווארן מיט יעדן בילד. און אט איז א באקאנטער, רעמבראנדט—ווי בולט זי שטייט אוועקגעשטעלט אין דער איי־

ביקייט מיט אירע לאשטענדיקע גלידער; ווי דאס סאמעט שנירעלע ארום איר געטאקטן האלז פאלט אריין אזוי שיר־השירימדיק צווישן אירע בריסטן — שני שדיך כשני עפרים! כ׳קאן מיך גארנישט אפרייסן פונם בילד, מיט „די סטאַ־פעלס״ שטייט גאנץ האלאנד מיר פאר די אויגן — ס׳איז זעקסע אין דער פרי, איך זיץ אונטער א קו און מעלק זי, די סוזאנא — כ׳שפיר די ווארעמקייט אין מיינע פינגער; „אדם ובהמה תושיע אדוני״.

ווען כ׳בין ארויס פון קייזער פרידריך־מוזעאום, איז שוין געווען נאכמי־טאג. כ׳בין אריין צו אשינגערן און עפּעס איבערגעביסן און גענומען ווייטער שלענדערן — ס׳איז די גאנצע וועלט נאר אזא וואונדערלעכע גאלעריע, יעדעם אויסגעצירטע שוי־פענסטער, אזא אויפגעהענגט בילד — יעדן מענטש קוק איך אן מיט אויפגעריסענע אויגן; כ׳קאן מיך גאר נישט זאט אנקוקן!

פון דער פרידריך־שטראסע האב איך מיך אריינגעדרייט אין דער אראַ־ניענבורגער שטראסע און פון דארט וואלטן מיך די פיס מסתם פון אליין ארויף־געפירט צו לעווינען אין דער אויגוסט־שטראסע אדער אפשר נאך גיכער גאר צו די בראנשטיינס. אבער אין הארץ האט מיר עפּעס א צוק געטון: „גוסטא״! אריבער די גאס און ווייטער געגאנגען. פאר דער גרויסער אראניענבורגער שול בין איך שטיין געבליבן און זע, אז אויבן אויפן ערשטן שטאק איז דא א לעזע־האלע, וואו מ׳קאן לייענען דייטשע, העברייאישע און יידישע ביכער — איך בין ארויף!

הויכע שענק מיט ספרים און ביכער ביי אלע פיר ווענט. אפענע טירן אריין צו אנדערע שטובן פולע מיט ביכער. יידן אין קאפעליושן, אין קאפּלעך, אין בלויזן קאפּ זיצן ביי טישלעך און קוקן און בלעטערן. ביי דער פאר־צוימונג, וואו דער ביבלאטעקאר זיצט, ליגן אויסגעלייגט א ריי ביכער, מסתם צוריקגעברענגטע. צווישן זיי זע איך א ניי בוך. ס׳איז דאס, וועגן וועלכן שניאור האט אזוי גרויס גערעדט — „די פוילישע וועלדער״ פון יוסף אפּא־טאשו. כ׳האב עס געבעטן און מיך אנידערגעזעצט ביי א טיש. כ׳האב מיך דערין אריינגעלייענט און בין געווען אין דער היים; קיינעם נישט געזען ארום. גע־מישט א בלעטל נאך א בלעטל — ס׳האט מסתם גענומען שעהן און איך בין אלץ טיפער אריין ווי אין א טיפן, געדיכטן וואלד. פון א קלאפּ אין פּלייצע האב איך אויפגעציטערט. כ׳האב אבער געפילט, אז דער קלאפּ איז א פריינט־לעכער, נישט פון אן איבערפאל אינמיטן וואלד. כ׳האב מיך אויסגעדרייט און דער ביבלאטעקאר, וואס האט אויסגעזעען ווי א מרוק, בשעת ער האט מיר געגעבן דעם „זשארגאנישן״ ראמאן, איז געשטאנען הינטער מיר און גע־שמייכלט: „איך שטיי און טראכט, אז א „זשארגאניש״ בוך איז אפנים דאך א ספר... קוקנדיק אויף אייך ווי איר זענט פארטיפט דערין מיט א תשוקה, האב איך ערשט פארשטאנען די מימרא „העושה צדקה בכל עת זהו הקונה ספרים ומשאיל אותם לאחרים״... איר זעט, ס׳איז שוין קיינער נישטא, די ביבלאטעק ווערט איצט שוין געשלאסן. זי איז אבער אפן א גאנצן טאג און אויב איר גיט אן אייער דארעס, קריגט איר ביכער אהיים״.

„איך האָב אַן אַדרעס״! האָב איך מיך מיט פרייד אויפגעכאַפּט. גענומען דאָס בוך אונטערן אָרעם מיטאַהיימצונעמען און כדי נישט צו באַלעמוטשען, אין דער גיך אָנגעגעבן מיין אַדרעס: „מולאַק־שטראַסע 21״.

„יונגערמאַן״, האָט ער זיך צעלאַכט, „דאָס איז נאָך נישט אַזוי איינפאַך. דאָס מוז אונטערגעשריבן ווערן פון הויפּט ביבליאָטעקאַר, הערר שטערן, און ביי אים איז מולאַק־שטראַסע נאָך נישט קיין אַדרעס און אַ זשאַרגאָנישער לייענער נאָך נישט קיין לעזער״.... ער האָט זיך ווידער צעשמייכלט און מיך ליבלעך אָנגעקוקט מיט אַפּאָר היימישע תלמיד־חכם אויגן: „איר געפעלט מיר, יונגערמאַן, איך האָב קיין רעכט דאָס בוך אייך אַוועקצונעמען... ווייסט איר וואָס, איך וועל עס פאַרשרייבן אויף מיין נאָמען און איך וועל עס אייך באָרגן״. ער צעלאַכט זיך מיט הנאה: „ווען דער שטערן זאָל דאָס וויסן, פאַרליר איך דעם פּאָסטן... כ׳וואָלט אייגנטלעך מיט אייך געוואָלט כאַפּן אַ שמועס. מה שמך און פונוואַנען איז אַ ייד און וואָס טוט אַזאַ איינער ווי איר?... פון די סעמינאַריסטן אָדער די סטודענטלעך זענט איר דאָך נישט... נאָר כ׳וויל נישט איבעררייסן אייער תשוקה. גייט אין אייער מולאַק־שטראַסע 21 און לייענט וויטער, און מאָרגן נאָך צען אַזייגער מעלדעט אייך ביי מיר און איך וועל שוין אַלע פאָרמאַליטעטן דערליידיקן... דער שטערן אַז ער האָט פאַר זיך אַן „אָסט־יודע״, קאָן זיין אַ רשע״...

איך בין נישט געגאַנגען אויף מיין צימערל, אין דער מולאַק־שטראַסע. איך בין דירעקט אַריין אין דער מלינה און מיך געזעצט ביי מיין עק טיש לפני־ולפנים אַן אַרומגעהלטער אינם עמוד־הענן און אַן איבעררייס געלייענט און געלייענט.

איך בין שוין אויך צומאָרגנס נישט געגאַנגען צו מיין אַרבעט. אויף אַן אַרבעס־זופּ מיט אַ לחמא עניא מיט מאַרגאַרינע איז נאָך איבערגעבליבן פון דער נעכטיקער שעה אַרבעט און פאַרן צוריקבאַקומען דאָס משכון־געלט פאַר דער שיסל מיטן לעפל איז געווען אַ קופּעל ביר... און צומאָרגנס און אויפן דריטן טאָג איז דער זעלבער פאַרמאַן ווידער געקומען און אודך — אַרויף אויפן וואָגן און אי איך האָב אַ הנאה פון דער שעה־אַרבעט און אי כ׳האָב דעם טאָג אַדורכצולעבן.

עפּעס פעלן מיר חדשים פון יענעם ווינטער, און אפשר איז דער תהום אַזוי טיף, אַז דער שוואַכער זכרון האָט דאָך כוח זיי אַריבערצושפּרינגען — צי מוז מען אויף דער עלטער זיך באַווייזן וואָס פאַר אַ כוח־גברא מ׳האָט געהאַט ווען מ׳איז יונג געווען! וואָס פאַרענע וואַזשנע וווּנדוירים מ׳האָט באַוויזן...

— מילא, פעלן מיר אַפּאָר חדשים; ביי אַזאַ לעבן איז נאָר גרויס וואונדער, אַז ס׳גאַנצע לעבן איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

אָבער אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען זענען זיי נישט. אין מיין בוך, „און דו ביסט גאָט״, געדרוקט אין לייפּציג, ווינטער 1924, איז אין מאַנכע לידער אַסך פעסט געהאַלטן געוואָרן. דעמאָלט איז מיר אפילו גענוג געווען דאָס בלויזע פעסט האַלטן אַ ליד אין קאָפּ, אַז איין בילד דערפון זאָל מיר בלייבן אין די

אויגן. א ליד איז נישט ס׳זאל געדרוקט צו ווערן, אפילו נישט אויפגעשריבן צו ווערן — עס זאל שטיין פאר די אויגן! און צי איז דען דאס לעבן אנדערש?

נישט נאר ריח פון די טעג פון אזויפיל צענדליקער יאר צוריק ליגן מיר נאך יעצט אין דער נאז, די ווארעמקייט פון א יונג לייב שפיר איך נאך ציטערנדיק אין מיינע פינגער... אבער איז עס דען נויטיק אפצוואוויקלען ווי א פאסמע באוול פון אלטיטשקע, באבישע פינגער? און צי ליגט עס דען נישט שוין פארקנוילט אין הונדערטער פון מיינע לידער?

ליבע? ליידנשאפט? איז עס א באהעפטן מיט מענטש, א צעברעכן פון זיך אליין? און וואס לעבן איז, ווייסן מיר? ליידנשאפט איז גערשנגל, ליבע רעלעקס, שלות־הנפש, — דער חיבור דערפון איז לעבן. אבער ווער איז עס זוכה? ערגעץ ווו ווערן אפילו דור־דורות איבערגעריסן — — מיר זוכן דאך אבער די נעבעכדיקע אייביקייט...

ליבער הארענדארף, אפשר ביסטו גערעכט. כ׳האב געדארפט אנהייבן אפאר יאר פריער צו שרייבן די קאפיטלעך פראזע. אבער ווען דו וואלסט געוואוסט ווי יעדעס נישט־אויפגעשריבענע ליד איז אייפערזיכטיק אויף יעדן אזא זייטל, וואס כ׳שרייב אן... לידער זענען שטיקער לעבן און האבן אין זיך אלע גוטע מידות און שלעכטע אייגנשאפטן, וואס יעדעס לעבעדיקע וועזן האט אין זיך... א געלונגען ליד איז ראנגלידיקער שלות־הנפש.

עס זענען דאך גוט געווען פאר מיר די שבת־בין־השמשותן, וואס כ׳האב נישט פארפעלט צו פארברענגען ביי שניאורן. באוואוסט צי נישט־באוואוסט האט זיך געפילט אין דעם נאריש־אויסגעסטראיעטן סאלאן די „בני־היכלא״־שטימונג... איך האב אסך געלערנט אין יענע פארנאכטן, ווי צו זיין און נאך מער — ווי נישט צו זיין... עס איז ארויסגעקומען מחלוקתלעך נישט איינמאל. כ׳האב ווידער ארויסגעבערענגט דעם נאמען בערגלאסן, האט ער זיך אנגעצונדן: „לאזט די אוקראינישע חברה... זיי האבן אין זיך נאר פיטשעדיקס, זיי בייסן זיך איין סקורנע און פיטשעדיק, פונקט ווי זייערע לאנדסלייט די אוקראינער... גוט, אייער דוד האפשטיין. דוד דוד לגזירה שווה! וואו איז ביי זיי דא דער גרויסער ווארף, דער שוואונג? כ׳וועל אייך פארלייענען א לידל פון איינעם, א קוויטקא, „דאס פידעלע״. ס׳קאכט זיך, הימל עפן זיך! א גאנצער צימעס״!

„טאקע, טאקע א פיין לידל. עפעס נייעס איז דא דערין אזויפיל עכטע און פשטותדיגע ליבלעכייט,... נישט מנחם און נישט סעגאלאוויטש״...

„וואס פארגלייכט איר? צוויי שונדיסטן! אבער פארגלייכט נאר בערגל־סאנען צו אשן. ער איז לגמרי נישט דאס, וואס מ׳מאכט פון אים — אבער אש האט דאך רחבות, בראוואור, ראזמאך... כ׳וועלן זיי ביידע וויזן וואס ס׳הייסט ברייטע, סטיליזירט־ראפינירטע פראזע. איך האב שוין גרעסערע פון זיי געוויזן וואס עס מיינט פאעזיע״...

די דיסקוסיעס זענען נאך געווען צו דערליידן, ס׳האט אין זיך געהאנט יינגלישקייט, שפיל, אבער אז ס׳איז געקומען צו דעם, אז כ׳מוז סיסטעמאטיש אנהייבן צו לערנען אן אייראפעאישע שפראך... א יידישער דיכטער קאן

מען נאר זיין אז מ׳קען גרינטלעך איינע פון די אייראפעאישע שפּראכן און אז איך האב מיך געוואלט פארטיידיקן — איז עס געווען מיין עצלות אדער איך האב מיר באמת געהאט מיין דורכגעטראכטע פילאזאפיע? — האט ער זיך אנגעצונדן:

„איר זענט א פּרא־אדם און איר ווילט בלייבן א פּרא־אדם! איר מיינט איר וועט דא ארויפקומען צו מיר אלע שבת און איך וועל אייך ניאנטשען — מ׳מוז האבן א געזונטן באדן אונטער די פיס. פון לופט און ליבע קאן מען נישט לעבן, אפילו לידער שרייבן קאן מען נישט דערפון״.

נאך אזא אנשרייען זיך איז די פארנעמע דאמע, מיט פארוואונדערטן בליק, געשטאנען אין דער טיר. איך האב תחילת געמיינט, אז פון זיינע געשרייען איז זי ארייננעקומען, ס׳איז אבער געווען אויף שניאורס דריקן מיטן קנעפּל, וואס איז תמיד געווען אויפן שרייבטיש, פונקט ווי דאס פלעשעלע פּארפיום די וואנסעס און דאס פיין־פארשוירענע, פראנצויזישע לאפּאטע־בערדל אויס־צו־גלעטן: „ביטע, שטארקן קאפע מיט קאניאק״, האט ער אויסגערופן אין א גוט־קלינגענדיקן האך־דויטש, אבער מיט א פראנצויזישן אקצענט מיט „זיין״ באריטאן־שטימע.

אין איינעם אזא בין־השמשות זאגט ער צו מיר: „יעצט וועט איר אויפגע־ריכט ווערן. ד״ר עליאשעוו, בעל־מחשבות, איז געקומען קיין בערלין. איך וועל אייך געבן מיין וויזיטקארט און איר וועט ארויפגיין צו אים. א, ער וועט זיך שיין מיט אייך נאנטשען״!... ער האט זיך צעלאכט, אז דער קאנדעלאברע האט זיך מיט אלע זיינע קריסטאלן צעקלונגען און צעפינקלט.

דער „בין־השמשות״ האט זיך פארצויגן ביז שפּעט אין דער נאכט אריין און כ׳בין שוין נישט אהיימגעגאנגען; ס׳איז שוין נאך האלבער נאכט און מארגן פרי מוז איך זיין דא אין דער געגנט ארויפצוגיין צו ד״ר עליאשעוו.

* * *

ערב פרילינג, בערלין 1921, ווען אן אויסלענדער מיט איין לאנדאנער פונט, א האלענדישן גולדן, אן אמעריקאנער דאלאר, האט זיך געקענט ארומ־שלעפּן פון איין קאבארעט אין צווייטן אריין, פון איין נאכט־קלוב ארויס און אין א צווייטן אריין און האלב־מבושמדיק בלאנקען נאך האלבער נאכט אויפן גרעל־באלויכטענעם טומלדיקן קורפירשטנדאם, אין פינסטערן טירגארטן און ענדיקן אין א האטעל נישט מיט איין פרוי, נאר איינע אין יעדן ארעם.

בערלין, 1921, די שטאט פון קולטור און קונסט, פון ליטעראטור און וויסנשאפט, ווו א סטודענט פון א מינדסט מדינהלע האט געקענט לייכט שטודירן מיט א מינימום שטיפּענדיום און אהיימברענגען נישט נאר א טיטל דאקטאר, נאך אויך א וועגעריש חלאתל. ווו צווייט־ראנגיקע מאלער און פּאעטן האבן געקענט זיצן בהרחבה ביי זייערע עלעגאנטע שרייבטישן און שרייבן זייערע ראמאנען און אין די אטעליעס די מאלערס באמאלן גרויסע לייוונטן מיט ברייטע פּענזלען — אז פארב־טובן האבן זיך עקספּרעסיאניסטיש נאר אזוי געגאסן און אין די נעכט געפּראוועט וואקכאנאלישע נאקעט־טענץ

און שאמפּאַניער האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. מ׳האָט נאָר געמוזט אַריינקריגן אַ רייכן אַמעריקאַנער אַ „קונסט־מבין“ אָדער אַ בערלינער שיבער, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אַביסל מיליאָנען־באַנקנאָטן, וואָס איבערמאָרגן וועלן זיי נישט ווערט זיין זיין טייערן טייסטער, וואָס ליגט אים שווער אויף דער ברוסט אין זיין תאוהדיקן בוזעם.

בערלין, 1921, די גאַסן זענען פול געווען מיט קאַקאַטן און מיט קינסטלער פון כל־מינים ראַנגען און ביז צום טויט זיך ראַנגלדיקע. קורפירשטענדאַם, דאָס „שטונדן־קוואַטיר“ פון די פעלקער ווו מ׳האָט ביליק געקויפט און זיך פאַרקויפט. די אינפלאַציע נישט נאָר פון די גאָלדמאַרקן, נאָר די כל־ערליי פאַרביליקטע איזמען אין דער ליטעראַטור און מאָלעריי ביינאַכט געבוירן אין אַ קונסטלער־„קאַשעמע“, אין אַ „קאַווערנע“־מלינה און איבערמאָרגן שוין אויסגעגאַנגען אין אַ דאַך־שטיבל. אַפילו דער ערלעך דערפילטער אימ־פּרעסיאָניזם וואָס איז ער קייגן דעם טיף־דורכגעטראַכטן אימפּרעסיאָניזם? אַ חוץ אפשר וואָס די נאָך־מלחמה וואַקכאַנאַליע איז געקומען צום אויסדרוק...

ס׳האָט גענומען טאָגן, שאַריען — דער הימל פאַרשעמט זיך גע־רויטלט! די גאַסן האָבן געגענעצט, ס׳האָט זיך געשפּירט פון זיי ווי פון נישט־געוואַשענע מיילער. אַ שפּריץ־וואָגן האָט זיי אָפּגעשפּריצט, אָפּגערייניקט דעם גאַנצן נאַכט־שמוץ. איך בין געבליבן זיצן אין אַ פּאַרקל אַ האַלב־פאַרשלאָ־פענער, אַ האַלב־פאַרחלומטער. דער גאַסנקערער, רעדט ער צו זיך, רעדט ער צו מיר? „מיאוסע ברואים, די קאַנדאַנס מיט זייער פּאַסקודסטווע לאָזן זיי דאָ ליגן“... אַז ס׳האָט קיין שום בושה נישט אין זיך“.

בין איך וואַך, חלום איך? וואו בין איך אַריין, וואו בין איך אַרויס? ווער איך מיך צוריקגעפינען? אין מיין קאָפּ פּלאָנטערט זיך אַ פּערז:

„איבער מיין זרע האָבן זיך זונות צעשלאָגן“.

איך כאַפּ מיך אויף. ביי מיין זייט זיצט אויף דער באַנק, דאַכט זיך, אַ באַקאַנט פּנים... דער ביבליאָטעקאַר האָט אונז געהאַט פאַרגעשטעלט: „דער רעדאַקטאָר פון ׳מזרח־ייד׳.“

„איך וואַרט דאָ, כ׳וויל אַריינגיין נעמען אַן אינטערוויו מיט ביאַליקן. ר׳איז פאַר אייניקע טעג געקומען פון דער אוקראַינע, פון די פּעטליורישע פּאָגראָמען, אַ פאַרהונגערטער פון דער רעוואָלוציע... כ׳גלויב ס׳איז נאָך צו פרי יעצט אַרויפצוגיין. נעבנביי, איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט דעמאָלט אין דער ביבליאָטעק אַ ליד“.

איך בין צו מיר געקומען: וויאַזוי געקענט רעכענען, אַז ס׳איז נישט ער? דאָס אויסגעמאַטערטע, אײדעלע פּנים איינגערעמט אין דעם שיינעם יידישן בערדל. תמיד אין זיין בוכהאַנדלונג האַלט ער אַ קינד אויף דער האַנט און דאָס שיינע ווייבל זיינס באַדינט די קונים...

„ווייסט איר וואָס גיט מיר יעצט דעם האָנאָראַר, ווער איך אייך יעצט געבן דאָס ליד“.

„וואָס הייסט? איר האָט דאָך מיר דאָס געקענט דעמאָלט זאָגן“.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 434־6) ניין און צוואנציקסטן יאר פעב.־אפר. 1968 לאנדאן

Feb-April

א י נ ה א ל ט :

על רגל אחת, 19'טער אפריל 1968, אזא פסח־באלאדע הייאר .... *** 1
די עקשנות פון פרעה (עסיי) .... יעקב ריכטיגער 12
פאר א געפאלענעם העלד (ליד) .... דוד בערמאן 17
איך זיפץ אין דער שטיל (ליד) .... ה. פאצאנאווסקי 18
ישראל (ליד) .... קאזשימיעזש וויעזשינסקי 18
יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן (ב. הרב הגאון ר' אברהם אבא ווערנער
רב דמחזיקי הדת בלונדון) .... ח. נ. בענקוויטש 19
פרעגסט ווי איז מיין לעבן? (ליד) .... שמואל ווהייט 19
שיינדל (ליד) .... יוסף לעפטוויטש 20
דר. עליאשאוו (פראזע) .... א. נ. שטענצל 20
א שטילקייט נאכן געוויטער .... עלען ווינאגראד 28
וויטשעפל (ליד) .... יוסף הלל לעווי 31
מנשה ווייסגראז — א בן שמונים .... אייזיק גאלדבערג 31
דריי צייט לידער (די הגדה, גאמולקא, „זיין אדער נישט זיין דאס איז די
פראגע" .... ש. 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס 36
יידישע קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

יוסף לעפטוויטש

שיינדל

ווי זאל איך דיר זאגן
וואס דו ביזט פאר מיר ?
בין איך דער זינגער,
ביזטו דער שיר.

אויב מיין ליד
קלינגט ווי א געשריי,
איז עס ווייל איך לייד,
וואס דיר טוט וויי.

אז דער ווינד בלאזט,
און דיין הויז פאלט איין,
וועל איך דיר בויען א נײַ הויז
פון מיין געביין.

מיין טאכטערל שיינדל,
הינטער דיין הויט
שטייט א פעסטער בנין
וואס איך האב פאר דיר געבויט.

א. נ. שטענצל

ד״ר עליאשעוו

ווען כ׳האב אנגעקלונגען איז שוין געווען ארום עלף אזייגער. א ווײַלע געווארט און גארנישט געהערט. מיטאמאל שלעפט זיך א פוס און א צווייטער שארט זיך נאך, און ס׳הערט זיך א געפּליוך פון רוסישע ווערטער, ווי זיי וואלטן זיך בייזערן אויף עמיצן.

ווען די טיר האט זיך געגעבן אן אימפּעטיקן עפן־אויף, ווי איינער וויל דערמיט געבן אנצוגעהערן: אזוי פרי שטערט מען איינעם אין שלאף ?... איז פאר מיר געשטאנען א נערוועז־פארמענצעטער, אויפגערעגטער מענטש מיט אפאר רויט־געלאמעוועטע אויגן. דער אויסגעדארטער, פיבערדיקער גוף פארוויקלט אין א וואלענעם שלאף־ראק, אויף די נאקעטע פיס שטעקשיך.

די רוסישע ווערטער, איבערגייענדיק אין דייטש, „טשטא, מען איבער־רייסט א מענטשן אין זיין בעסטן שלאף !״... אבער זעענדיק ווי די זון רייסט זיך אין דער אפענער טיר אריין, אדער איז עס געווען שניאורס וויזיט־קארטל, וואס איך האב שוין באוויזן צו דערלאנגען, האבן זיך די רויט־געלאמעוועטע אויגן פריינטלעך אנגעצונדן און ברייט געעפנט די טיר. און אזוי איין פוס שארנדיק, א צווייטן שלעפּנדיק, דורך א טונקעלן קארידאר מיך אריינגעפירט אין א גרויס ליכטיק צימער. (עס הייסט : דורך לונאטשארסקיס באמיען איז דר. עליאשאוו ארויסגעפארן זיך קורירן אין איירָאפּע.)

קוים ענדיקנדיק דאס, וואס שניאור האט אנגעשריבן אויף זיין וויזיט־קארטל, האט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט א כארכלדיק געלעכטער: ביין איך דאך ארייננגעפאלן מיטן אין די געדיכטע... טוט זיך דאך אפנים דא יא עפעס... זשעבירט זיך נישט, נעמט ארויס אייערע געדיכטן. נעשה ספר ונחזה... אז שניאור שיקט, איז מען נייגיריק...

ער זיצט שוין ביים טיש און קוקט אויף מיר, וואס איך שטיי נאך און באטראכט מיין אומבאהאלפנקייט, בשעת איך האב מיך געפארעט ביי דער בוזעם־טאש, איבערלייגנדיק וואס ארויסצונעמען פארצולייענען. מיין שטיין אזוי, מיין דארפישע אומבאהאלפנקייט, מיין הארעפאשנע געזונטקייט, מיין יונגקייט, מיין צעגלאנצטער קאפ־האר, די פארגאפיעטע, בלויע אפלען, זענען אפנים פאר אים אויך געווען א מין וויזיט־קארטל מיט א הסכמה — אונזערע אויגן האבן זיך באגעגנט און כ׳פיל: ס׳נעמט מיך ארום א היימישע ווארעמקייט.

ער האט אפנים נישט נאר מיך באטראכט, נאך אויך שוין דערזען די קאטשערעס און לאפאטעס אויף די צעקנייטשטע פאפירלעך אין מיינע הענט.

„ווער איז דא דער מבין? ווער ברויך אויסצוקלויבן?" וויל ער עס מיר לייכטער מאכן מיט א ווערטל און פאלט אריין מיט אן ערנסטן טאן: „די העברעאישע לערער, די מלמדים מיט די געטאקטקע כתב־ידן, מיט די פיין־לינירטע בייגעלעך פאפיר... וואס מער קאליגראפיע, אלץ גרעסער די קאליקע... און וואס מיינט איר, נאך דער רעוואלוציע איז עס דארט אסך אנדערש?... אז מען דערמאנט זיך אין די ימי־פרץ, ווען א וויסנבערג איז געקומען מיט א מאנוסקריפט און געסקריפעט מיט די שטיוול ווי אן אגער, וואס קאן נישט איינשטיין".

מיין אומבאהאלפנקייט און נישט־זיכערקייט רעגט אים אפנים אויף און ער שטרעקט אויס נערוועז פונם וואלענעם שלאף־ראק ארויס א צארטע, שלאנקע האנט מיט ציטערנדיק־באוועגלעכע פינגער: „וויזט שוין אהער אייער פעקל יוצרות, איך וועל מיך שוין אויסגעפינען אין אייערע הערעגליפן"...

ער קוקט לאנג אויפן כתב זיך צוצוגעוויינען צו די אותיות, כדי צו קאנען לייענען: „ריכטיק", שמייכלט ער צו מיר מיט הנאה: „פאעזיע מוז נישט נאר באשטיין פון בילד, פון מעטאפערן, נאר יעדעס אות מוז אויסזעען ווי א פויגל, ווי א פליענדיקער באטשאן".

איך זע ער איז שוין פארטיפט אין לייענען. ער דערגראבלט די פענסנע הינטערן שלאף־ראק. וויל ער דעם שטערן א גלעט טון אדער צוגלעטן די האר אויפן קאפ? אלץ אין אים איז אויפן ארט. מיטן זשמור פון די אויגן איז דאס רויט־געלאמעוועטע פון זיי אוועק, זיך ערגעץ באהאלטן הינטער די פענסנע. די שארפע ליפן אונטערן וואנסעלע קלוגיטשק פארשפיצט און דאס זיך רויטלדיקע פנים שפריצט פון חכמה און גוטסקייט.

איך האלט איין דעם אטעם און הער יעדן דעך פון זיין ברוסט און זע ווי זי באוועגט זיך מיט אזא ריטמישער באוועגלעכקייט. איך דערקען אין זייטל וועלכעס לידל ס׳איז און לייען עס מיט אין געדאנק.

עס האט לאנג געדויערט. איך האב אים אנגעזעען אין פּנים וואס ס׳געפּעלט אים און וואס ווייניקער... כ׳האב עס אויך ארויסגעהערט אינם אטעמען.

„ווייסט איר וואס, איך זע דאך, אז איר האט אויך פּראזע, לאזט דאס גאנצע פּעקל דא. כ׳וועל מאכן אן אפּקלייב און שוין זעען וואס מ׳קאן טון", האט ער זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט. זעענדיק, אז איך האב מיך אויך אויפגעשטעלט, האט ער שנעל אויסגעשריגן, ווי עפּעס וויכטיקס, „ווארט צו א ווײַלע, כ׳האב געטראכט ביים לייענען אייערע לידער, עס אייך צו געבן".

און ער איז צו צו א ביכער־שאנק און — מאדנע — כ׳האב געווארט צו הערן דאס שארן פון איין פוס און דאס נאכשלעפּן פון אנדערן, אבער אזוי שנעל און ממש יוגנטלעך ווי ער איז צו צו דער ביכער־שאפּע, אזוי פלינק איז ער צום טיש צוריקגעקומען און דאס, וואס ער רעדט, האט מען געזעען איז איבער־געלייגט און עס האט צוטון מיט וואס ער האלט אין דער האנט מיט דער דעה עס מיר צו געבן און מיט מיר — וואס כ׳וועל עס באקומען:

„א וואונדערלעך פאלק די דייטשן, א מלחמה פארלוירן, א קריג, רעוואָ־לוציע און גארנישט. ווי די קעץ שטייען זיי אויף די פיס... מ׳קאן ביי לערנען, אבער מ׳מוז וויסן וואס... מ׳טאר זיך נישט לאזן אנשטעקן פון די קאפּע־קינסטלער... זיי הרגענען אוועק א טאלענט, ערגער ווי אן אנשטעקנדיקע חולאת... איר זענט נאך יונג, איר מוזט עסן ברויט, איר האט נאך געזונטע ציין צום קייען און א מאגן צו פארדייען. „און מיט א כארכלדיק געלעכטער אויסגעלאזט: „זעט איר, איך האב מיך אויך שוין אנגעשטעקט; איך גראם שוין".

ס׳האט געדויערט א ווײַלע, ווי ער וואלט זיך פארטראכט, ווי געווארן פּלוצלינג אפּהעגעטיק און זיך דאך געשטארקט:

„דא האט איר א מתנה פון מיר, איר זאלט עס לייענען. דאס איז אן אומאויסשעפּלעכער קוואל נישט ליבע־גראפאמאניע פון אנאניסטן."

דאס בוך איז געווען „דער קנאבן וואונדער־הארן", א זאמלונג פון דייטשע פאלקסלידער, געזאמלט און ארויסגעגעבן נאך אין דער צייט פון די דייטשע קלאסיקער.

*　　　*　　　*

...אזוי פילט זיך מסתם א מוטער, וואס האט אוועקגעגעבן דאס קינד צו אן אם; זי טאפּט זיך כסדר ביים בוזעם, עפּעס איז דארטן נישט ריכטיק: דאס פּעקל מיט כתבים, וואס איך האב מיט זיך אזוי געטראגן חדשים, יארן אין מיין בוזעם־טאש און ס׳האט זיך פארגרעסערט, דאס פּעקל, און געוואקסן, ווי עפּעס לעבעדיקס, האב איך מער נישט געהאט. א ליידיקייט אויפן פּלאץ, אן אומרואיקייט — כ׳גיב כסדר נערוועז א טאפּ: „ס׳איז נישטא!" הער איך ווי כ׳שעפּטשע ארויס נערוועז מיט די ליפּן. „גוט, רעד איך אליין ווי צו מיר, כ׳מוז דאך אפּווארטן אפּאר טאג, א צוויי־דריי וואכן כאטש. ר׳האט דאך געגעזאגט ר׳וועט אפּקלייבן, אויסזוכן. — אזא זאך מוז דאך דויערן, ס׳נעמט צייט. אין א צוויי־דריי וואכן וועל איך ארויפגיין".

אלץ ריכטיק, וואויל, גוט געזאגט, אבער צו מנוחה קומט עס נישט; די מנוחה איז פון מיר אפגעטון. נישט כ׳האב מיך געקענט קאנצענטרירן צו לייענען, נישט כ׳האב געשריבן. יעדער שפּינענדיקער געדאנק, יעדעס פאר־וואנדלטע געפיל אין ווארט איז איבערגעריסן געווארן ווי א שפּין־געוועב. אזא מין משוגעת, רחמנא לצלן! טראכט איך, לאכנדיק פון מיר, אבער ס׳העלפט נישט — די נערוועזיטעט איז מסתם אויך פארבונדן געווען מיט דעם פריידיקן דערוואַרטן מיך שוין צו זען געדרוקט...

צווייםאל שוין צוגעגאנגען ביז דער גאס ארום בלייב־טרוי שטראסע, ארום באנהאף בעלווי, אבער דאך מיך באהערשט: מ׳מוז דאך יענעם געבן צייט. וואלט איך כאטש געהאט איבערגעלאזן מיין אדרעס! האב איך מיר נישט געקענט מוחל זיין.

אזוי האב איך מיך ארומגעשלעפּט אן א ציל גאנצע טעג און גאנצע שעהן אפּגעזעסן אין דער סטודענטן־קיך, וואו מ׳האט געקענט קריגן א היימיש גלעזל טיי, א יידישלעך מיטאג פאר א ביליקן פּרייז, און כאפּנדיק א שמועס מכוח ליטעראטור מיט אן „אייביקן סטודענט", וואס גענעצט אפּ שעהן איבער א גלעזל טיי, דערזע איך די צוויי אונגארישע ברידער, מיט וועלכע כ׳האב געארבעט אויף א מארקגראפן־גוט אין פאמערן. — מיר דערפרייען זיך!

איך פרעג מיך אויף דער מעלקערין מיט די צעשאקלטע צוויי אייטערס אין פארשווייסטן בוזעם. „יא, און וואלדי וואס טוט?"

„יא, וואלדי דעם הונט האט דער בעל־בית דערשאסן!" און טאקע זי די מעלקערין איז די שולדיקע; וואס האט נישט אויפגעהערט פון אייך צו דער־ציילן, האט אויך דערציילט, אז איר האט געשריבן א געדיכט איבער וואלדי. האט דער משוגענער מארקגראף אויסגעלאדן זיין גאנצן כעס אויפן הונט —

„כ׳זאג אייך ס׳איז געווען א נס, וואס איר זענט פארשוואונדן. וואלדי האט אייך אויסגעלייזט"...

בשעתן לעפלען די זופּ, איינגעהילט אין איר הנאהדיקער פּארע, איז מיר דער דאקל געשטאנען א לעבעדיקער פאר די אויגן... זיינע דעגענערירטע, לאנגע אויערן ציטערן... ער שטייט אויף די הינטערשטע פיס און בעט זיך ווי א קינד, וואס וויל זיך שפּילן...

ווען איך בין פארטיק געווארן מיט דער זופּ, זע איך ווי דער עלטערער ברודער טארעט דעם יונגערן פארוואס ער עסט נישט די יויך, „זי איז דאך שוין קאלט!" ער זעט, אז איך וויל מיך ארייננמישן אים צו העלפן, גיט ער מיר א שטויס אין פוס, כ׳זאל שווייגן. איך כאפּ א זייטיקן בליק און באמערק, אז עפּעס איז דער מער: די אפּאטישקייט, די בלייכקייט, דער פרעמדער גלאנץ אין די אויגן.

נאכן אפּעסן האבן מיר דעם יונגערן באגלייט ביז צום הויז פון זייער צימער: „ער מוז זיך צולעגן אויף א שעה. ער איז מיד"... און דער עלטערער האט מיך געגומען אונטערן ארעם ווי אן אייגענעם, פאר וועמען מען קאן אויסגיסן ס׳שווערע הארץ.

ר׳האט אפנים דאך נישט געקענט ארויס מיט דעם, וואס דריקט אים און דערדריקט אים; עפּעס געפילט א שטיקל חרפּה, א באליידיקונג און אנגעהויבן גאנץ פון „אנהייב":

„מיינט נישט, דער מארקגראף איז טאקע א היימישער היצעל — אבער א ציוויליזירטער! ווען ער זעט אייך דעמאלט אין דער הייסער מינוט, קנאַלט ער אייך אנידער; אבער טאקט האט ער דאך.

„ביים ארײנקומען דעמאלט שבת ביינאכט אין ביורא נאכן געהאלט, זאג איך אים, אז איך קאן בלייבן ארבעטן, נאר בתנאי — ער האט געמיינט, אז ס׳האט א שייכות צו אייך און זיך אויפגערעגט: ׳צו ארבעטער האב איך גארנישט! ליידיקגייער, ארומשלעפער, לידער־שרייבער, וואגאבונדן!׳ איך האב אים געלאזט אויסשרייען און אים דערקלערט, ׳וואס וועט ווערט זיין מיין געהאלט, אז איך וועל עס אצינד נעמען און ווייטער דא בלייבן ארבעטן? ליגנדיק אין מיין טאש וועט עס דערוויל אנטווערטעט ווערן... מיר, איך מיט מיין ברודער, וועלן דא אפּארבעטן דעם גאנצן סעזאן און ביים ענדיקן נעמען אונזער געהאלט׳.

„קלוג, יודע, אפגעמאכט! האט ער זיך גיפטיק צעלאכט. אבער דאך מיט הנאה. אפירגעקומען פון אונטערן שרייבטיש און געקלאפּט מיר אין פּלייצע: ‚אפגעמאכט, יודע׳. נאר פלייסיק געארבעט — פארשטאנדן?"

„ביים ענדיקן דעם סעזאן, האט ער מיר אויסגעצאלט א פּאק באנקנאטן. אפנים אויסגעזוכט קליינע, און געציילט שכורלעך־גארגלדיק. געוואלט נאכמאכן א יידישן פערד־הענדלער. ‚צופרידן, יודע?" דער פּאק באנקנאטן זיינען קוים ארײן אין אונזער וואליזע.

„נאך דעם זעלבן טאג אנקומענדיק קיין בערלין, האבן מיר עס אויסגעטוישט אויף וואלוטע, און ס׳איז געוועזן א שפּאר ביסל מזומן צו לעבן דערפון א שיינע פּאר וואכן".

„דאס האט איר מסתם אייך אויסגעלערנט פון אייער בוכהאלטונגס־קורס, וואס איר האט אזוי פלייסיק אין די באגינענס שטודירט, נאך איידער די ארבעט האט געברענט", ווארף איך ארײן לאכנדיק.

„איבערגרייסט נישט. מיר האבן טאקע דעם בריוו־קורס אויפן גוט גע־ענדיקט און באשטאנען די פּריוואונגען, און מיר האבן באשלאסן א צוויי וואכן זיך אנצוקוקן בערלין און אין איין וועגס זיך אומקוקן צו קריגן שטעלעס אלס בוכהאלטערס". ער בלייבט שטעקן א וויילע, זיין פּנים איך נשתנה צורה און ער הייבט ווייטער אן מיט א פארענדערט, געדעמפט קול:

„איז דאך אלץ גוט, טויג ערשט נישט... מיר לעבן דאך אין א לאנד וואו ס׳ברענט; וואו יעדע רגע קאן ברענען אויף אייך די הויט"...

איך קוק אים אן און ער בויגט זיך צו מיר צו ווי אנצופארטרויען א סוד: „מיין ברודער האט זיך אנגעשטעקט. וואס איך האב נישט איינגעטענהט מיט אים: נאר נישט קיין ווייטישע!... א גאסן־פרוי איז אונטער קאנטראל... ס׳איז א מענטשלעכע זאך און זי ווייסט וואס זי פארקויפט דיר... אבער אין

אזא צייט, ווען די הויט ברענט אויף דיר, ווער קאן האלטן קאנטראל?... אז די מענער קומען פון די גוטע הייזער, פון די בעלי־ביתישע טעכטער און שטעקן אן די גאסן־פרויען".

ער בלייבט שטיין ווי איינער, וואס וויל עפּעס באטראכטן, נאר ער קאן זיך נישט העלפן און ברעכט אויס: „כ'זאג אייך, מ'מוז אנטלויפן פון דא, מ'מוז זיך ראטעווען... די מדינה איז אריין אין פערווערזער נעווראזע און ווער ווייסט וואוהין דאס וועט פירן... צו א היסטערישע פסיכאזע!"

איך קוק אים אן מיין פנים איז מסתם אויך נשתנה־צורה. כ'פיל ווי א שוידער נעמט מיך אדורך. „איך גיי מיט מיין ברודער אין שפּיטאל אריין, קום פאר שעה צוריק פון שאריטע. פול געשטאפּט. מען שטייט אין די רייען... מיין ארעמער ברודער איז נאך א גוטער פאל. עס דערטאפּט נאך ביים ערשטן סטאדיום... און ווי דאס יינגל קוועלט זיך, נעבעך, שוין א האלב־טויטער... מערקט זיך דעם נומער און קומט ארויף אמאל, אבער קיין פּיפּס נישט!"

ער איז ארויף צו זיין פארצווייפלטן און קראנקן ברודער, און איך בין געבליבן שטיין אינמיטן גאס ביי א געסל־ראג פון דער רוישיקער פרידריך שטראסע, וואו די „הויט ברענט אויפן לייב".. וואס קאן זיך א יונגער מענטש העלפן? די געבליטן אין אים זענען שטורמיקער פון אים, און די נאטור ארום — נאך ברויזנדיקער.

ווילאנג דער קאפּ האט געארבעט, יעדעס געפיל פייערדיק זיך פארוואנדלט אין א לעבעדיק ווארט, ווארעם זיך אויסגעבריט פישטשענדיק ווי פייגעלעך פון די אייער־שאלן, בין איך געגאנגען אויף דער פאפּירענער בריק... דער קעפּ האט געארבעט, געשוועבט אין עולם הדמיון און אט די אלע ברואים זענען געווען צום באטראכטן, צו פילאזאפירן, צו האבן מיטלייד — צו ווערן א בילד אין א ליד! קאן באצילן, זיי גופא, דערפילן?...

וויאזוי ראטעוועט מען זיך?! „עם מנובל בך משכהו לבית המדרש", אבער אז אריינקומענדיק אין די אלע רבנים־סעמינארן האט עס מיך פשוט ארויסגעיאגט... איז וואו טוט מען זיך אהין? ס'איז דער איינציקער וועג נאר די ארבעט, דער „בזיעת אפך" — דער גוף אליין רייניקט זיך און טובלט זיך אין דו ווערסט היילק... איך מוז צוריקגעפינען דעם וועג צום פעלד, צום דארף . . . איך ווייס נישט ווי די שניאורס, די לעווינס, די מאקס... אפשר האבן זיי געפונען דעם וועג איך האב אים נישט, איך מוז מיך ראטע־ווען... איך מוז גיין מיין אקסן־וועג, וואס איך האב אים מיר שווער אויס־געטרעטן.

און ביי דעם ערשטן בעסטן פארמיטלונגס־ביורא פאר לאנד־ארבעטער, וואס אראפּ צו דעם שטאניער־באנהאף, זענען זיי געווען איינס ביים אנדערן און אין די אנהייב מאי־טעג, ווען ס'איז דער ברען פון פעלד־ארבעט, וואס יעדע האנט אויפן דארף, אין א גוט, איז גוצלעך, האב איך אנגענומען א שטעל. יא, שוין היינט! וואס גייען מיך אן יענע לידלעך... יא דרוקן, נישט דרוקן?

אז דאס ביורא האט שוין געשמעקט מיט דארף, מיט זון, מיט אפענער ערד... עס האט שוין גענומען ארבעטן אין מיר!

אויף די פארמיטלונגס־ביוראס האט מען נישט נאר געגעבן אן אדרעס, וואו צו פארן, פויערים־פארמערס, בעלי־בתים האבן זיך ארומגעדרייט צו זעען וואס זיי קריגן און באלד מיטצונעמען, אט אקייגנאיבער איז דער שטעטי־נער באנהאף און באצאלט פארן בילעט —

ס'איז געווען א פויער, א „יונג־געזעלע", אן אלטער בחור, און די נסיעה אין דארף אהין האט נישט גענומען קיין גאנצע צוויי שעה.

ס'עסן איז געווען גוט, געשלאפן אין א שטעלעכל ביי דער שטאל. דאס בעט־געשטעל איז אויסגעבעט מיט א פרישן סנאפ שטרוי און דאס היי־קישל האט געשמעקט מיט קלאפער.

איך בין געווען דער איינציקער מאן. איינע פון די שיקסעס האט געהאט א קינד פון א רוסישן סאלדאט, א מלחמה־געפאנגענעם, וואס האט דא געארבעט אויף דער פארם. יעצט האט זי אונטערגעלעבט מיטן בעל־בית דעם „יונג־געזעלן". מיר האבן אלע געגעסן ביי איין טיש און זיך געפילט משפחהדיק.

זיי זענען געווען גוט צו מיר און געקומען אפט צוהילף, אז זיי האבן געמערקט ווי די ארבעט איז איבער מיינע כחות. יא, זיי האבן מיך ליב באקו־מען. מיר האבן זיך פארשטאנען. — אפנים די נאטור איז גוט און מאכט דעם מענטש גוט. אבער נאך מער: דיין אינסטינקט ווערט א טייל פון דער נאטור!

כ'האב קיין ביכער נישט מיטגעהאט, נאר דעם „קנאבן וואונדער־הארן", וואס כ'האב אים געטראגן ביי מיר אין טאש — כ'האב אים אפילו געטראגן אין בוזעם־טאש פאר א סגולה... און נאך דער ארבעט האב איך שוין געהאט מיינע שטילע ווינקעלעך: ארויס צום סאסנע־וועלדל, ביי א ברעג פון טייך, אויף א בעלקע הינטער דער סטאדאלע ווען כ'בין מיד געווען. געזעסן מיט מיינע דמיונות, געבלעטערט אין בוך, געדרעפטשעט אין די לידער. די לייכט־קייט פונם פאלקסטימלעכן און דער ארום האט מיר געהאלפן אויפצונעמען אפילו ווען נישט גענוי פארשטאנען. לידלעך האב זיך אנגעהויבן צו זאמלען אין מיין בוזעם־טאש.

די נאטור ארום, דאס משפחהדיקע מיט די מענטשן, די ארבעט, דאס שרייבן כמעט יעדן טאג א לידל — כ'האב געפילט ווי כ'וואקס, ווי יעצט ערשט איז יעדעס לעצטע לידל דאס ריכטיקע...

ווי האט דער עלטערער ברודער, דער אונגארישער בחור, געזאגט, „איז דאך אלץ גוט, טויג עס ערשט נישט!" — אין איינעם א טאג האט זיך באוויזן ביי מיר גריזשלעס אויפן נאקן! איז עס געווען די שווייסיקע ארבעט אויף דער ברענענדיקער זון, די אומריינקייט אין שטאל, אין שטעלעכל, דאס שטעכיקע היי־קישעלע, די חזירישע, גויאישע עסעכצער? און אפשר „אנגע־שטעקט"?... דער היפאכאנדער אין מיר הייבט אן צו ארבעטן אויף אלע כלים: אז דאס גאנצע לאנד איז אנגעשטעקט, די ערד איז פול מיט באצילן, מיט מיקראבן, האנאקאקן... דו זעצסט דיך אנידער אויף א „ברעטל" און

ביסט — „פראנצעוואטע״! אדער איז עס דער קראנקער בחור, וואס גריזשעט זיך אין מיין מוח אין מיין הארץ? דער דמוון־דעמאן!?...

איך מעלק, כ׳ריין די שטאל, כ׳טו די נייטיקע ארבעט אויפן פעלד, אבער איך ווייס נישט וואס איך טו... און ערשט ביינאכט די ווילדע חלומות: ס׳איז שוין זיכער דער צווייטער סטאדיום, דער דריטער...

איך פארטרוי מיך פאר דער מאריאנע — די אנדערע האט אויך געהייסן מאריאנע, די מיטן קינד. זי באטאפט עס, זי באשמירט עס מיט א מאשטש יעדן אוונט, אבער ס׳ווערט ערגער — עס נעמט אייטערן! עס איז שוין אזוי, אז אראפּווארפנדיק ס׳רעקל ביי דער ארבעט, ארבעטנדיק אין העמד קאן עס שוין יעדערער זען: זי ראט מיר צו פארן אין שטאט אריין צו א דאק־טאר, און קוקט מיך צוויי־דייטיק שמייכלדיק אן, אבער בארויקנדיק.

איך בין נאך דעם זעלבן אוונט געפארן קיין בערלין. גענומען א ביליק האטעל־צימערל ביים שטעטינער באנהאף. צו א דאקטאר צו גיין איז שוין געווען שפעט און ס׳איז אויך בעסער צו גיין „דערמיט״ דירעקט אין „שאַ־ריטע״! כ׳האב מיך אביסל ארומגעוואשן און געפארן צו ד״ר עליאשעוו.

„פרא אדם!״ האט ער מיך ווי א טאטע מיט פרייד מקבל־פנים געווען: „איך זוך דאך אייך ווי מיט ליכט. וואו זענט איר פארפאלן געווארן? איך האב דאך פאר אייך דרייסיק דאלאר! איר ווייסט וואס דאס הייסט? איר קאנט פארדעם געלט קויפן א הויז אויפן קורפירשטן־דאם... דאס ערשטע קאפיטל פון „אין שניט־צייט״ און אייניקע לידער האבן זיך אפגעדרוקט. די פראזע אין ‚מארגן־זשורנאל׳ און די לידער אין דער ‚צוקונפט׳.״

די פרייד האט פון אים ארויסגעשריגן און איך, שטאטס מיך מיטצופרייען, באגייסטערט צו ווערן, שטיי פארטון אין מיינע מחשבות: און אפשר טאקע מיך משואל־עצה זיין, אים ווייזן, ער איז דאך א דאקטאר... איך האב אים מיט א מיושבדיקן שמייכל אנגעקוקט און מיין פארגאפטער בליק ווערט שטיל.

ד״ר עליאשעוו האט זיך בארויקט, מיך געבעטן זיך זעצן: „אבער באמת ווי ווייזט זיך א מענטש נישט אזוי לאנג? כ׳האב ביי שניאורן געקלונגען, אין קאפע נאכגעפרעגט... יא, כאפּט ער זיך און דאס פנים, פארציט זיך טרויעריק, קלינגט למען־השם ביי שניאורן נישט אן, ער איז גארנישט אויף דעם עולם. כ׳האב גארנישט געוואוסט, אז ער האט אין זיך אזא אדער... א דיכטער אפנים איז דאך א דיכטער! דוד פרישמאן איז געשטארבן און ער איז אויס מענטש... כ׳וועל אויך איצט אהינגיין אין הויז פון דער משפחה. שניאור האט איינגע־ארדנט משמורות, אויך מיר אנגעקלונגען... דער טויט אפנים פארשיט יעדן תהום.

„יא, לאמיך נאר נישט פארגעסן צו געבן אייך די פאר דאלאר! איר זענט דאך נאך נישט טויט. איר ווילט דאך ערשט אנהייבן צו לעבן... אבער גע־דענקט מיט א מאס! עס איז אסך מאל ערגער מיט געלט ווי אן געלט״... גיט ער אנצוהערן מיט א צוויי־דייטיקן שמייכל.

„אבער דיעלא פא דיעלאם, פארגעסט נישט און זייט אומבאדינגט זונטאג עלף אזייגער אויפן בית־החיים. כ׳גלויב אויף שענהויזער אלעע. איר וועט

שוין געוואויער ווערן. — אומבאדינגט".

ווען ער האט מיר געגעבן די דרייסיק דאלאר האט זיין פנים געשטראלט און זיין קלארער־בליק דורך דער פענסנע האט אויף מיר געקוקט מיט א טאטע־דיקער פרייד.

עלען ווינאגראד

א שטילקייט נאכן געוויטער

(דורך מיינע אויגן)

יא, א שטילקייט נאכן געוויטער, דאס איז דאס יידישע לעבן אין לאנדאן נאך ניו־יארק. עס איז דא אזויפיל זאכן צו דערציילן, אז איך וועל דאס היינט מאכן בקיצור און זיך בלויז אדורכגליטשן איבער די אויסגעצייכנטע יידישע, קולטורעלע אונטערנעמונגען, וואס איך האב בייגעוואוינט, אנהויבנדיק נאטיר־לעך מיטן יידישן טעאטער אין ניו־יארק.

עס ווייזט זיך אויס, אז עס קען אלעמאל זיין ערגער ווי שלעכט, ווייל דאס יאר האט דאס „אנדערסאן־טעאטער", טראץ גרויסע באמיאונגען, נישט אריינ־געטראפן מיט דער פיעסע; א פיעסע, וואס איז געווארן איבערזעצט פון אן ענגלישן „היט", מיטן נאמען „אנא לוקאסטא", איז פארוואנדלט געווארן אין א כמו מעלאדראמא, מיטן אומגלויבלעכן טיטל „די כלה האט פארבלאנד־זשעט". דא האבן מיר געזען, אז וואס אמעריקאנער האבן ליב, קען דאס יידישע פובליקום נישט לייכט פארדייען.

איך גיי זיך דא נישט ארײנלאזן אין קיין אויספירלעכע רעצענזיע. עס איז גענוג צו זאגן, אז איך ווינטש דעם „אנדערסאן־טעאטער" א בעסערן דערפאלג אין אויסוואל דעם נעכסטן סעזאן. אמן! יא, לאמיך נישט פארגעסן דא אויף דעם ארט צו באמערקן, אז די צוויי קינסטלער און זינגער פון ישראל, וואס דזשייקאפ דזשייקאבס האט געבראכט צו גאסטראלירן, דזשעני קעסלער און אדריאן סטאר, האבן זיך פארדינט א בעסערן גורל.

וועגן די אויפפירונג אין דער „פאלקסבינע", פרינץ ראובני, האב איך באזונדער גערעדט און, ווי איר געדענקט, שטארק געלויבט.

צאלרייכע קאנצערטן און פארשטעלונגען זיינען פארגעקומען אין לויף פון אונזער באזוך אין אמעריקע, אונזער אייגענע פארשטעלונג איינגעשלאסן. עס ווילט זיך דערמאנען דעם יערלעכן קאנצערט פון שרה און חיים פערשקא: שרה, די אויסגעצייכנטע יידישע זינגערין און חיים איר מאן, א באוואוסטער מוזיקער, קאמפאזיטאר און סאליסט, וועלכער טוט איר אויך באגלייטן אויף דער פיאנא.

דער „טשוואק" איז געוועזן די פארשטעלונג פון זשורנאל „די צוקונפט", וואס צײלט זיך פאר דעם וויכטיקסטן עווענט אין יידישן קולטורעלן לעבן אין ניו־יארק. זיי האבן געהאט א גרויסן דערפאלג סיי מאטעריעל סיי קינסטלעריש. אמת, דאס ווערט זארגפעליק צוגעגרייט שוין א לאנגע צייט פריער. פארגעסט נישט, אז אין ניו־יארק איז דא וואו צו מאכן רעקלאמע. די יידישע צייטונגען,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־6 (העפט 8־437) ניין און צוואנציקסטן יאר מאי־יוני 1968 לאנדאן
May-June

א י נ ה א ל ט

לכבוד שבועות תשכ"ח, פרילינג 1968 ... 1
די היסטארישע נאוועלע — רות (עסיי) ... יעקב ריכטיגער 7
א ישראל פאלקס ליד (ליד) ... דוד בערמאן 12
צוואנציק יאר מדינת־ישראל (רעפעראט) ... י. געווירץ 13
דער ווייטער בליק (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 15
קארביד אש (דערציילונג) ... רחמיאל פעלדמאן 16
נויט (ליד) ... שמואל ווהייט 19
... "הערן שריפטשעלער" (פראזע) ... א. נ. שטענצל 20
יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן ... ח. נ. בענקוויטש 27
צו מאקסים גארקי'ס 100סטן געבוירן יאר ... משה דאמב 28
25 יאר נאכן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא ... מאיר באגדאנסקי 30
ארטור זיגלבוים (אויסצוג פון א רעדע) ... סעם לעף 33
וואס גענוג איז גענוג (ליד) ... עלע זילבערג 34
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

א. נ. שטענצל

...„הערנן שריפטשטעלער"

צוריקגעקומען אין האטעלביים שטעטינער באנהאף, איז גארנישט געווען אזוי לייכט די נאכט אדורכצושלאפן — די דרייסיק דאלאר אין טאש, די זעקס פאפירלעך פינף דאלאר־שטיקן — די לאקשן! — האבן מיר מער דעם קאפ צעדרייט ווי די אייטערדיקע גריזשלעס אויפן קארק... מילא, מיט די גריזש־לעס גיי איך אין דער פרי אין „שאריטע": יא־יא, נשט־נשט! אבער מיט דער מאטניא? מיטן האנאראר?

גיין אין באנק אויסטוישן אויף רייכסמארק, וואס בין יום ולילה זענען זיי נישט ווערט קיין דריטל? אויפזוכטן א קאוויארניע, א שענקל און נעמען אויפן שווארצן מארק דריימאל אזויפיל?

אפשר נעמען דעם גאנצן „קאפיטאל" און אים אוועקגעבן שיען, וואס ענגט זיך תמיד אין מזומן, און אים זאגן: „לייג עס אריין אין דיינע ,פעקלעך' און צאל מיר אויס יעדע וואך א מינימום, זאגן מיר כך וכך?... אדער נאך בעסער גאר טאקע ארויפגיין צו שמואל לעווין און „זיין שיינדעלע", וואס פארעט זיך ביי די פארעדיקע טעפ ביים גאז־אויוון, געבן די פאר „לאקשן" און מיך אנידערזעצן „שאפן"?...

דו זעסט דאך בפירוש — פאלן מיר די אויגן צו און רייסן זיך צוריק אויף: דו זעסט דאך בפירוש, אז דו ביסט א שריפטשטעלער, א פאעט — פאר צוויי לידלעך אנגעשריבן אין איין כהרף עין —

ניין, אין דער אויגוסט־שטראסע טאר איך מיך נישט באווייזן. גוסטא טאר מיך נישט זעען...

ניין, ס'זענען נישט די גריזשלעס אויפן קארק... עס איז טיף אין מיר, טיף אין מיר... אזא גריזשעל אין הארץ, וואס וועט אויפברעכן און אנהייבן צו אייטערן... שוין אין דער היים איז עס געווען ווען אונטער דער אנדע־רער זייט זאשע האט געשפילט די פיאנא... און וואס איז געווען אין אמסטער־דאם־טוועלא, גרונינגען־דארטמונד? שוין אפילו אין סאסנאווצע! טאקע דע־מאלט זיך אנגעהויבן — — — די אויגן פאלן מיר צו:

...כ'זיץ מיר ווייטער אין דער מלינה, האב מיר אן אדרעס אין דער מולאק־שטראסע און אויפן הארץ האב איך מיר א בייטעלע און ווען איך וויל נעם איך מיר ארויס דאס נויטיקע... קודם לייען איך אין דער אראַ־ניענבורגער־שטראסע אויבן אין דער ביבליאטעק גאנץ פרישמאנען אדורך אין יידיש און אין העברעאיש — כ'חלום כ'שטיי שמירה ביים בר־מנן! בין איך דען נישט אויך א שרייבער, א הערנן שריפטשטעלער?...

אפנים מיך ווארפנדיק אהין־אהער בין איך דאך איינגעשלאפן. מיך אויפ־געכאפט, איז שוין געווען גרויסער טאג. דאס גערודער פון דער גאס, דאס פייפן פון די באנען. כ'האב מיך שנעל אנגעטון, ארומגעוואשן. צום צימער־קומט מיר נאך א פרישטיק. שנעל אפעסן און גיין אין „שאריטע". קודם, דאס

ערשטע הערן וואס א דאקטאר וועט זאגן. דערווייל אויף א פאר טאג איבער שבת און זונטאג וועט סטייען די שכירות, וואס מיטגעברענגט פון דארף.

אויפן טיש ליגט א קאטאלאג, אזא מין אנאנסן־מיטטיילונג פון אינטער־נאטן, האלב־בעסערע פענסיאנען. ווארטנדיק אויפן קאפע, בלעטער איך דער־ווייל: רעקאמענדאציעס. דרויסן אין דער נאטור, ביים זעע, אינמיטן וואלד, דירעקטע פארבינדונגען אונטערגרונט, שטאט־באן, טראמוואי. גוט בירגערלעך. אמעריקאנער דירעקט פאר דעוויזן. פארנעם, פולע פענסיאן.

די אלע נעמען פון די פארשטעט זענען מיר אומבאקאנט. אבער דא קומט גאר גרויס, מיט גרויסע אותיות: פאטסדאם! די שטאט פון פרידריך דעם גרויסן, סאנסוסי, די האפל, פאלאצן, פארקן — קעניגלעך, מאיעסטעטיש.

פאטסדאם איז מיר באקאנט. שוין פילמאל געוואלט אהינפארן, די גאלע־ריע דארט, דער סאנסוסי פאלאץ. איך שרייב מיר אראפ אן אדרעס. א בירגער־לעכע פענסיאן, פינף מינוט פון באנהאף. אין א האלבער שעה דירעקט מיטן אין בערלין — נאטירלעך אמעריקאנער, פאר דעוויזן.

דרייסיק דאלאר — דרייסיק וואכן! פאטסדאם איז א שטאט, ס'איז דא א שפיטאל! און אז א פריוואט דאקטאר, איז פינף וואכן ווייניקער... וואס מ'קאן נישט אלץ אפטון אין א האלב יאר...

כ'בין שוין אויפן באנהאף פרידריך־שטראסע, אין א שעה בין איך אין פאטסדאם. כ'קלינג אן אויף דעם אדרעס און מען דערפרייט זיך מיטן אמע־ריקאנער גאסט. מ'פרעגט מיך אפילו נישט וועגן מיין געפעק, וועגן א פאס. מען ווייזט מיר דאס צימער און מ'גיט מיר א שליסל.

הכלל, וואס האב איך יעצט צו טון? ארונטערגיין מיך לאזן ראזירן, קויפן א העמד און געפינען א דאקטאר.

די גאסן זענען ריין, שטיל, פריש אויסגעקערט. מ'זעט נאך אן די פייכטע פלעקן פון וואסער, וואס מ'האט פריער אויסגעשפרענגט — אזא לופטיקע געמיטלעכקייט! דאס קלינגען פון א טראמוואי אין א נאנטער גאס איז ווי א זייגער וואלט זיך צעקלונגען אין א צווייטער שטוב. די מענטשן גייען פאמע־לעך און ריידן ווי מיט א ניגון, ווי דורך זיידענע טיכלעך: „גוט מאיען, גוט מאיען, גוט געשלאפען?" מען נייגט זיך, מ'ציט די היט, מ'קלאפט די אפצאסן צוזאם: „גוט מאיען דעם הערן שריפטשטעלער"! — איך שטעל מיך אפ: פונקט קייגנאיבער א שילדל פון א דאקטאר; ביז צו דער שפרעך־שטונדע איז נאך איבער א שעה.

כ'בין אפראזירט, צוריק ארויפגעגאנגען אין פענסיאן אנטון דאס נייע העמד און כ'זיץ שוין אין ווארטע־צימער.

ס'איז גארנישט מיט גארנישט! „פארונקלס!" מ'ברויך אפילו נישט אויפצוהאקן, פלאסטערן זיי ווייך צו מאכן, זיי אייטערן שוין. נאך צוויי־דריי באזוכן, די קראנקען־שוועסטער וועט שוין באזארגן. „יא, אירע אדרעסע האבע איך שאן פאן די שוועסטער. אויף ווידערזעען, הערר שריפטשטעלער".

איך בין אראפגעגאנגען פון דאקטאר — א ליכטיקע וועלט! דער הימל

טאפלט מאל אזוי בלוי ווי ר'איז געווען... „אויף ווידערזעען, הערען שריפט־שטעלער", לאָך איך איבער צו מיר, צו מיר, איבער דער וועלט?

אבער בין איך דען נישט קיין שריפטשטעלער? די באַווייזן ליגן דאָך אין דער הויזן־קעשענע! צייל איך מיט די פינגער אַן די זעקס לאַקשן. און אין בוזעם די נייע לידער וואָס זענען? איך ברויך נאָר צו באַשטעלן בלויז פּופּציק וויזיט־קאַרטן דאָ אין געשעפט: „הערר שריפטשטעלער" אַזוי און אַזוי... איך גיי אַריין —

דער באַנדאַזש אַרום האַלז און נאַקן איז געווען אַזוי קונציק געמאַכט, אַז מ'האָט אים גאַרנישט אַרויסגעזען. כ'האָב נאָר געמוזט צוקנעפּלען דאָס העמד ביז אַרויף. האָב איך געקויפט אַ פּאַסיקן קראַוואַט, אים אָנגעטאָן און אַרויס.

צוויי שעה איז נאָך געווען ביז צום מיטאָג און אַזוי גייענדיק גאַס־אויס גאַס־איין, בין איך שוין געווען הינטער דער שטאָט, דרויסן ביי דער האַפל, ביים אָפענעם זעע. כ'בין אַריין אין אַ קאַפע דירעקט ביים ברעג.

די מאַיעסטעטישע שיינקייט האָט נישט נאָר די אויגן פאַרגאַסן, נאָר מיך אײַנגאַנצן: די פּראַכט־דאַמפּערס שווער־באַלאָדענע אין הינטערגרונט, ציען אַלץ ווייטער און ווייטער, די פּראַכט־דאַמפּערס פון פאָרנט, קומען אַלץ נענטער און נענטער. די וועלן וואַשן נישט נאָר דעם ברעג, נאָר אין מיר עפּעס וואַשט עס און וואַשט עס ווי מיט אַ שעה צוריק די קראַנקען־שוועסטער דעם אייטער פון „פאַרונקל"...

ווען כ'בין אַהיימגעקומען, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. די אַלטע דאַמען, די צוויי שוועסטערן, די אייגנטימער פונם פּענסיאָן האָבן געוואַרט אין איין שרעק: ווער ווייסט וואָסער פּאַרשוין, געגעבן אַ שליסל, קיין געפּעק, קיין איין טשעמאָדאַן צומאָל... עפּעס אַ שמוציק העמד ליגט אויפן בעט, אַ פאַרבלוטיקטס, אַ פאַראייטערטס — אַ געפאַר עס אָנצורירן! אַן אַמעריקאַנער? ווער ווייסט פון וואַנען וואו ערגעץ? אַז בערלין איז פאַרפּלייצט מיט זיי... זיי שווימען שוין אַן דאָ אין אונזער קייזערלעך־קעניגלעכן פּאַטסדאַם...

ווען זיי האָבן מיך דערזעען (הערנדיק דרויסן דעם שליסל אין טיר, זענען שוין ביידע אַרויס ווי צוויי דערשראָקענע אינדיטשקעס אין קאָרידאָר), זיי האָבן געזוכט מיט די רויט־פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע אויגן אַ פאַלטן פון דער האַנט מיר צו נעמען, אַ הוט, אַן אַקטן־טאַש, אַ שירם... גאַרנישט זעענדיק, האָט איינע אַריבערגעהאַלדערט צו דער אַנדערער:

„יאַוואָל, יאַוואָל, אונזער ליבעס פּאַטסדאַם". דער גאַרניזאָן, דער פּאַלאַץ"...

„יאַוואָל, יאַוואָל, די האַפעל, דער הערליכע וואַנזעע"...

מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, פריש ראַזירט, אין דעם שיינעם, בלויען העמד צוגעקנעפּלט ביז אַרויף, אין דעם צוגעפּאַסטן, נייעם שניפּס, מיך דערזעענדיק אַזוי אינעם קאָרידאָר־שפּיגל, האָב איך געמורמלט צו מיר: „יאַוואָל", יאַוואָל, הערען שריפטשטעלער". און אַרויסנעמענדיק אַ האַנט פון

טאש מיט א פינף דאלארדיק פאפירל און שוין ווי זיי מאיעסטעטיש געהאל־דערט: „יאוואל, יאוואל, ס׳ווירד זיין פאר פינף וואכן פאראויס״.

זיי זענען ביידע שטיל געווארן אינמיטן זייער: „יאוואל, יאוואל״ און זיך אנגעקוקט מיט פארגלייזטע אויגן־אפלען פון די מיד־פארראויטלטע וויעס ארויס.

* * *

אנגעקומען שוין אין דער לעצטער מינוט, קיין גאר גרויסער עולם איז אויפן בית־החיים נישט געווען — מ׳איז געשטאנען אין קופקעלעך. דא אפאר אין זיידענע צילינדערס, מסתם אפיציעלע ווי דעלעגאטן פון יהודימשע אינסטיטוציעס. צווישן די ערשטע שורות פון שווארץ־גראניטענע און ווייס־מירמלשטיינערנע מצבות, מיט גאלדענע אותיות, וואו דאס אפענע קבר ווארט אויפן מת־טהור מ׳זאל׳ס ארויסברענגען פון טהרה־שטיבל, דרייען זיך אפאר עלטערע קאלעגן און לייענען קורצזיכטיק און טענהן מיט העכערע טענער צי די קרקע איז טאקע לכבודו. אין דער זייט, אין דער אלעע די חברה מוזן זיין סטודענטן, סעמינאריסטן, העברעאישע לערער: זיי זעען אויס מיט די ארויפגע־כאפטע קאפעליושן אויף די טשופרינעס, מיט די שפיציקע פלייצעס ווי פאר־זעסענע ישיבה־בחורים.

דאכט זיך איינעם דארטן דערקען איך. די אקטן־טאש פארקוועטשט אונ־טערן ארעם, די אייגעלעך סווישטשען, דאס קליינע נעזל דרייט זיך און דרייט זיך און ס׳הערט נישט אויף צו ריידן:

„סאראטוסטרא, סאראטוסטרא, סא־רא־טוסט־רא — — — —

שוין בין איך ביי אים און וויל אויסשרייען: „וויינטרויב! — גייט מיר אקייגן ד״ר עליאשעוו מיט א פאר שיינענדיקע, פינקלענדיקע אויגן, גלאט רא־זירט, פריש פראזירט און אלץ ביי אים דווקא ווי נישט צו קיין לוויה.

„מאלאדיעץ, דאך געטראפן!״ ער נעמט ערשט אן א פולן אטעם, אבער שוין טראגט מען דעם נפטר און אין שפיץ פון די דעלעגאציעס און העברע־איש־שרייבערישע בארימטקייטן גייט טאקע שניאור, הויך, ברייט, שווארץ אין זיין גאנצער פארם. אבער דאך א פאריתומטקייט ליגט אויף זיין שווארץ, עלעגאנט לאפאטע־בערדל.

עליאשעוו כאפט מיך אונטערן ארעם ווי ער וואלט זיך דערשראקן און וויל זיך ביי ווענען אנהאלטן. איך שפיר דעם ציטער פון זיינע פינגער. גייענדיק מיט די מלווים, הער איך ווידער ווי דער איינער פוס זיינער שלעפט זיך נאך...

מיר זענען געבליבן שטיין דירעקט ביים אפענעם גרוב צופוסנס.

בשעת די קורצע הספדים, די צערעמאניע, שפיר איך כסדר בליקן אויף מיר: צווישן די אלע שווארץ־באשניפסלטע, באקאפלטע שטיי איך אין בלויזן קאפ, אין מיין העל־בלויען, נייעם שניפס — שניאורס שווארצער בליק גיט מיר א שניט! ער איז דער איינציקער צווישן עולם וואס ווייסט ווער איך בין און כ׳זע ממש ווי זיין פארפומירטע, גלאנציקצוגעגלעטע וואנסע באוועגט

זיך: פרא אדם!

ס׳וואלט זיכער עמיצער פונם עולם מיר דערלאנגט א קאפל, אבער עליאשעוון האבן אלע געקענט און זיי זענען געווען זיכער, אז דער מאדנער פארשויך, אין וועלכן דער בלאס־געווארענער ווי קאלך, — אן אויסגע־הונגערטער אין די הונגער יאר אין מאסקווע, — האלט זיך אן, איז מסתם א באלשעוויק, א פארטיי־שומר, א קראנקן־וועכטער, מיטגעקומען פון מאס־קווע מיטן קראנקן בעל־מחשבות, דעם בארימטן יידישן קריטיקער...

איך זוך דאס סטודענטל! די אקטן־טאש פארקוועטשט מיטן שפיציקן עלנבויגן, קאן איך נישט זעען, אבער דאס נעזל דרייט זיך נאך אלץ אריין און א הויכע פלייצע פון א לענגלעכן בחור און מיר דאכט זיך ווי כ׳הער פליסטערן: „סאראטוסטרא, סא־רא־טוס־טרא", און ווי דער נפטר וואלט דאס טאקע געווען סאראטוסטרא כביכול גופא, נישט דוד פרישמאן, דער איבערזעצער פון ניטשעס „סאראטוסטרא"...

כ׳דערהער דעם ערשטן שאוול ערד אויפן ארון און שפיר ווי די האנט פון ד״ר עליאשעוו ווערט לעבעדיק און ציט זיך ארויס פון אונטערן מיין ארעם. דער עולם הייבט זיך צוצעגיין און עילאשעוו נאך אלץ צופוס קוקט מיך אן מיט אפאר פינקלדיקע אויגן און א פארשפיצטער שמייכל באווייזט זיך אויף זיינע שמאלע ליפן און דאכט זיך ווי דאס פיצעלע וואנסעלע קוקט אויף מיר ווי א ווינקענדיק דריט אויג: „איר זעט", ווייזט ער מיט א פינגער צום האלב־שוין פארשאטענעם ארון, „איר זעט, דא ליגט ער. ער וועט שוין תחיית המתים נישט מער אויפשטיין"...

ער שטייט נאך אלץ; דאכט זיך מיר ער וויל נאך ריידן? אדער מיינט ער, אז ער האט שוין צופיל גערעדט?...

ער דרייט זיך נערוועז שנעל אויס! הינטער אונז שטייען דריי מענטשן, וואס ווארטן אונז אפנים טאקע אפ.

און אפשר האבן זיי אונטערגעהערט? אבער גאנץ אויפגעלעבט ווי איצט ערשט, וואלט ער געקומען צו זיך נאך א שטארקער מיגרענע, דערפריידט ער זיך מיט זיי:

„כ׳האב אייך געזאגט, אז ער וועט דא זיין", און צו מיר ווענדט ער זיך: „דאס איז דער פאעט קולבאק און די אנדערע זענען אייערע פוילישע. כ׳גיב אים אייך איבער, אבער מאכט נישט פון אים קיין לייט... דאס איז אזא קרייטעכטס, א מין געזוויקס, וואס מוז שוין בלייבן ווי ס׳איז"...

כ׳שפיר אויף מיר א האנט, ס׳איז א האנט פון איינעם פון די פוילישע און א שטראלנדיק פנים קוקט מיך אן מיט צוויי ווארעמע אויגן; צוויי ליפן פולע, זאפטיקע, כאטש ארויפצופאלן אויף מיר און מיך צו קושן — דאס איז געווען דער יונגער אבער דעמאלט שוין בארימטער מאלער יאנקל אדלער.

עליאשעוו מערקט עס מיט הנאה און רעדט שנעל צו די אנדערע: „אויף מיר ווארטמען דרויסן, פון דא פאר איך דירעקט צו דער סטאציע. איך

פאר נאך באד־נויהיים. איך מוז מיר היטן די ביינער״. פאלט ער צוריק אריין אין א מין געמאכטער, פריקרער שטימונג: „איר זעט דאך וואס עס ווערט פון א קריטיקער״... ער וויל זיך אויסדרייען און אנווייזן אויפן פריש אנגעשאטענעם בערגל ערד, אבער ארומגערינגלט פון אונז פיר, וואס באגלייטן אים צום אויטאמאביל, ווערט ער ערשט ריכטיק גוטאויפגעלייגט און ארויסציענדיק דאס שנירל מיט דער פענסנע, אנטוענדיק זי, ווי בעסער אנצוקוקן דעם צו וועם ער רעדט:

„קולבאק, איר זעט דעם טשעמאדאן, וואס כ׳פיר מיט נאך באד־נויהיים, דא ליגט אויך אייער ביכל צוזאם מיט לייוויקס און יוסף אפאטאשוס ציגע־שיקטע ביכער. איר ווילט דאך בעסער זעען מיין מיינונג איבער אייך ווי הערן״... און זיך הייזעריקלעך צעלאכנדיק פון זיין פיינעם זאג, איז ער לייכט ווי א יונגערמאנטשיק אריין אינם אויטאמאביל, נאך צוואווארפנדיק אונז מיט דער האנט א „זייט געזונט״.

די גאנצע צייט האט יאנקל אדלער גארנישט גערעדט, ער האט זיך בלויז פארגעשטעלט, זיין נאמען געזאגט און מיך געפרעגט אויף מיינעם, כ׳מיין דעם יידישן נאמען — ער האט מיך אדורכגענומען מיט דער גוטס־קייט און ווארעמקייט פון זיינע אויגן.

איך האב דערווייל צייט געהאט מיך איינצוקוקן אינם דריטן, וואס האט געקוקט אויף מיר מיט אפאר וויציקע אייגעלעך: אן אויסגעצויגענער, א לאנגער, וואס האלט אין איין סמאטשקען מיט די ליפן אזא פייקעלע — ס׳איז אבער געווען די איראניע, וואס איז אים אראפגעהאנגען ביז צו דער גאמבע; די ליפן סמאטשקען און די אויגן קוקן צעוויצלט אויף מיר און אדלערן.

וואס אמת איז אמת, יאנקלס הלבשה איז באמת געווען קאמיש. איבער די געל־סאמעטענע קינסטלער־הויזן ארויפגעכאפט א מין שווארצן סמאקינג, מיט זיידענע לאצן דעם נאקעטן האלז ארומגעוויקלט מיט א פארביקער פאטשיילע און אין זיין אויסגעבראכענער פרייד איצט צו מיר אגיל־ואשמחדיק, נידריק־קיילעכדיק ווי ער איז, האט ער אין שווארצן בויל־הוט אויסגעזען באמת קאמיש.

קולבאק איז צו אונז צוגעקומען און אין זיין גוטער שטימונג ווי ר׳איז איצט געווען, א טראציקער א פולער, ווי אויסצושיסן; דעם קאפ פון הוט באפ־רייט, א פאסמע אראפגעפאלן איבער די אויגן נישט קיין יידישלעך געקרייזט־לער לאק, נאר א מין ווילערישע, א מין שייגעצעוואטע גלאטע:

„אזוי, איר זענט דאס די מציאה, וואס שניאור האט אויסגעפונען?... די „אוממיטלבארקייט זעלבסט?״ אבער לאמיר בעסער ריידן פון די, וואס זענען נישטא. איר האט אים געזעען ווי ער האט אויסגעזעען ווען ער האט אזוי פארויס מארשירט ווי דער צערעמאניען־מייסטער? כאטש אויפן בית־עולם ווערן די פאעטן עכט... אין זיינע גרויסע באלאדן איז שניאור א מוילאייזל אין א לייבן־פעל אנגעטון״...

„ווארט, ווארט, אלץ אויף איינמאל אויסשיסן אזוי גייענדיק, איז דאך

טאקע רכילות. ווי שטייט טאקע דארטן געשריבן: לא תלך רכיל... אנדערש איז געמיטלעך ביי א טישל. עס פארדרייעט זיך אנדערש ס׳טעפּעלע קאווע דעמאלט, ס׳איז ווי מיט סמעטענע, מ׳האט אן הנאה״...

„די וועלט שמועסט דאך, אז איר האט פולע קעשענעס מיט דאלארן, נו, האבן מיר דאך שוין א מעצענאט פאר דער פונדע״, האט זיך פריילעך ארייגעמישט דער דריטער. און זע עס שאקלט זיך אים טאקע א פייקעלע, אן אמתדיק פייקעלע, איבער דער מעלאנכאלישער גאמבע —

דער דריטער איז געווען דער דריגענט פון דער אראניענבורגער סינאגאגע און קאמפאזיטער פון יידישע לידער ישראל גלאטשטיין.

און מיר האבן זיך אזוי געשלעפּט א גאנצן נאכמיטאג פון א קאפע אין א רעסטאראן, פון רעסטאראן — א גלאז ביר נאכגעטרונקען — אין א קנייפע. צוקומענדיק אזוי מיט דער שענהויזער־אלעע צו דער גרענאדיר־שטראסע, האב איך שוין, ווי אן אייגענער, א פערטער אין דער חברה, ארייגעפירט צו יאנטלען אויף געפילטע מילך מיט וועמפּלעך.

ביי דער נאכט „אהיימגעקומען פון דער לוויה״ אין ראמאנישן קאפע, האט יאנקל אדלער ווי א תושב אין דעם קינסטלער־קאפע אונז פארבעטן צו א טישל און אויסגערופן: הערר אבער, פיר שטארקע, שווארצע״.

מידע, זאטע, זיפּנדיקע דעם הייסן קאפע, האב איך פון דער זייט אין פּראפיל באטראכט קולבאקן: אפעס אזא טונקעלער, אבער אלץ שיינט פון אים ארויס אזוי עלפנביינערדיק־קלאר. ווי די באקן־ביינער סטארטשען אים ארויס אזוי ליכטיק קלאר פון דער טונקלער הויט... דאכט זיך א מרה־שחורהדיקער. די ליפּן פארבייסן זיך אים נאך יעדן זיפּ, אבער זיי זעען אויס ווי ר׳וואלט געוואלט עפּעס זאגן — ווי דער גיבלדיקער שטערן רייסט זיך דאס אים פון די שטילע, טיף־צעשורהטע שטערן־פאלטן.

איידער מיר האבן די קאווע דערזופט, קומט צו דער „הערר אבער״ מיט א צעטעלע און דערלאנגט עס אדלערן.

אויף א פאפירן סערוויעטקעלע איז געווען געצייכנט מיט אייניקע פלינקע שטריכן א בילד פאכאזשע אויף מיר און אונטן צוגעשריבן: „האמיד״! מיט גרויסע, ווילדע אותיות: „איך וויל אים קענען לערנען! פרינץ יוסף״.

יאנקל האט זיך א כאפּ־אויף געגעבן א באגייסטערטער און גענומען קוקן פון וועלכן טישל דאס צעטעלע איז געקומען, וואו זי זיצט.

קולבאק האט אוועקגעשטופט דאס נאך נישט דערזופטע טעפּעלע קאווע: „עפּעס א צעדרייטע יידענע און מאכט אלעמען משוגע״. יאנקל האט געמאכט א באוועגונג ווי זיך געוואלט ווארפן אויף אים: „הערסט, טרוקענער ליט־וואק״, — אבער דעם זאץ נישט געענדיקט. גלאטשטיינס אייגעלעך האבן נאך וויציקער געקוקט דא באטראכטנדיק מיך, דא די צייכענונג, דא קולבאקן מיט יאנקלען און זיינע איראנישע ליפּן האבן אונטערגעברומט א טאן פון זיין באליבט קאמפּאנירט ליד: „די זון פארגייט אין פלאמען״.

„הערסט, קולבאק, דו האלטסט נאך נישט אזוי ווייט, וועסט נאך גיין

דורך פייער און פלאמען"... האט אדלער געענדיק גוטמוטיק און געקלאפט קולבאקן איבער דער פלייצע.

* * *

איך בין שוין מיטן לעצטן צוג נישט אהיימגעפארן. כ'האב געמוזט ווארטן אויפן ערשטן צוג. די זון איז שוין געהאט לאנג אויפגעגאנגען. מאיעס־טעטיש־וואונדערלעך איז די זון געשטאנען איבער דער האפל, איבערן מיט פלאמען־צעגאסענעם וואנזעע. כ'בין דעם גאנצן וועג געשטאנען ביים וואגאן־פענסטער, געקוקט און געקוקט און געזעען אלץ דעם ווילדן טרויער פון אירע אויגן: די חיות־הקודש האבן מסתם אזעלכע אויגן ווען זיי הערן דאס געוויין פון דער שכינה...

ווען כ'בין אהיימגעקומען, האב איך אויפגעשריבן א ליד „עלזע לאסקער־שילער" וואס איז, אין 1926, געדרוקט געווארן אין דער „וועלט־בינע" אין ד"ר זוהלס איבערזעצונג צום פופציקסטן געבוירנטאג פון דער בארימטער דיכ־טערין. דאס ליד אין יידיש האב איך נישט, פארלוירן געגאנגען ווי צענדליקער מיינע געדרוקטע אין ד"ר זוהלס דייטשער איבערזעצונגען.

אייניקע שורות געדענק איך פון ליד. זאלן זיי דא אויפגעשריבן בלייבן:

איך בין דאס דער וואס טרייב די זון פאר דיין פענסטער,
גאנצע נעכט פלעכט איך בייטשן;
און טרייב די זון פאר דיין פענסטער.

ח. נ. בענקוויטש

יידישע טיפן אין אמאליקן לאנדאן

ג. הרב הגאון ר' אביגדור חייקין

ער איז געווען א גרויסער ייד, א ליבער מענטש, א עניו און ציוני בלב ונפש. ער איז געווען דער רב פון פעדערײשאן שולן, געדאווענט אין אלדקאסל־סטריט שול, נוסח האר"י.

פלעג איך זען זער אפט ווי ער לערנט עין־יעקב כמעט יעדן אוונט. דער חדר־שני, וואו ער האט געלערנט, פלעגט זיין פול מיט צוהערער. ער האט פארפאסט א ספר־ציון אויף רש"י און אויף ענגליש „סעלעברײשאנס אוו דהי דזשוס".

ווען די באלפור־דעקלאראציע איז פראקלאמירט געווארן האבן אייניקע פון אונזערע מנהיגים פראטעסטירט און זיך אונטערגעשריבן קעגן אט דער דעקלאראציע, צווישן זיי איז געווען לארד סווייטלינג, דער פרעזידענט פו די פעדערײשאן־שולן.

און אט דער גרויסער רב איז געווען אנגעשטעלט ביי דער פעדערײשאן! יידן פראטעסטירן קעגן די דאזיקע מנהיגים. געדענק איך ווי מיר אין אונזער שול האלטן אן אסיפה און יעדער ייד, איבערהויפט די ציונים, ריידן אויס זייער ביטערקייט קעגן דעם לארד סווייטלינג; מיין פאטער, ע"ה, בתוכם. איז איינער א ייד, אברהם יצחק פ., ארויס מיט אזא טענה. היות אונזער חשובער

לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 1־440) נײַן און צוואַנציקסטן יאָר אויג.־סעפּ. 1968 לאָנדאָן

Aug-Sept

אינהאַלט:

ירושה און המשך — לעצטע שורה־סך־הכל, ראש השנה תשכ״ט ..... ** 1

דער קאָסמאָפּאָליטישער ראָש־השנה (עסיי) ..... יעקב ריכטיגער 6

דער וועג קיין נינוה (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 12

דער פאַרשאַלטענער איוב (דערציילונג) ..... יוסף ד. באַסט 12

נאָך נעילה (ליד) ..... שמואל וועהייט 17

באַשעפער פון ערד און גייסט ..... מאיר גערטנער 18

אל תירא עבדי יעקב (ליד) ..... העררי פּאַצאַנאָווסקי 23

„עלזע לאַסקער שילער“, דער זעער א.א. (פּראָזע און פּאָעזיע) ..... א. נ. שטענצל 24

דער נאַר און די ווענוס, די מעשים טובים פון דער לבנה ..... שאַרל באָדלער 44

י. ל. פּײַן פינף און אַכציק יאָר יונג ..... אײַזיק גאָלדבערג 42

אַן אויסערגעוויינלעכע שול־צערעמאָניע (פלעטאָן) ..... י. ל. פּײַן 43

חשבון הנפש ..... שידאָן 46

„קלאַנגען“ פון ישעיה זאַנדבערג, ... פּראָפעסאָר שמואל אײַזנשטאַט 47

כצל עובר ..... מאיר באָגדאַנסקי 48

זומער פייגעלעך (ליד) ..... עלע זילבערג 49

מוזיק ..... מאיר באָגדאַנסקי

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

שבת, דעם 21סטן סעפּטעמבער — נעט רובין לייענען: „אויב נישט נאָך העכער“ פון י. ל. פּרץ, „לשנה טובה תכתבו“ פון שלום עליכם. מאיר באָגדאַנסקי זינגען: ראָש־השנה תפילות.

שבת, דעם 28סטן — י. ריכטיגער, נ. רובין און מ. באָגדאַנסקי.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

ווי אמאל אין בת־המקדש
האט זיך יעדער געפילט.

די יונגע האבן געטאנצט,
די עלטערע האבן געזונגען,
און די קינדערלעך
האבן אונטערגעשפרונגען.

און ווען טיטוס הרשע,
דאס געטון דערהערן,
ארויס מיט זיין חיל פון גיהנום
געוואלט די פרייד צעשטערן.

„אל־תירא עבדי יעקב",
האט זיך געהערט א געטליכער געשריי,
אויב א שונא וועט מאכען א טריט נענטער,
וועט צו זיי זיין, אך און־וויי.

נישט די רשעים, נבוכדנצר טיטוס, נאסער,
קענען אונז שרעקען,
נישט מער וועלען מיר נעמען און האנד,
דעם וואנדער שטעקען.

„הנה לא ינום ולא יישן
שומר ישראל",
אז יידן פון אלע וועלט־עקן
אהיים קומען אן אצאל

א. נ. שטענצל

„עלזא לאסקער - שילער"

2

פארטון אזוי מיט די אלע געשעענישן, מיט די ממש ווילד־אנלויפנדיקע איינדרוקן; פארשיידענע שטימונגען, פרעמדע, מיר אומבאקאנטע, איינע איבער־ריאגנדיק די אנדערע; מיט נייע פנימער, אזוי אויסדריקלעך אנדערש איינס פון אנדערן; בלויז צו דערמאנען דאס ברייטע, פריילעכע אגיל־ואשמח — קיילעכדיקע, דאס תמיד־רויטלעך באגייסטערטע פנים יאנקל אדלערס, מיט די ליכטיקע, גוטע, בלויע אויגן און דאס קולבאקישע קאנטיקע, מיט די ארויס־שטארטשענדיקע באקנביינער, גרוילעך מרה־שחורהדיקע, מיט די טיף־אדורכ־נעמענדיקע אונטערן שטערן זיך פארקריכנדיקע אויגן, וואס תמיד גראבן זיי עפעס אין דיר ווי צוויי שארפע לאפאטעס.

און איבער דעם אלעם איר פּנים, וואָס יעדע מינוט קריגט עס אַן אַנדער אויסזען — אַ פֿאַרבליפֿנדיקער אויסדרוק יעדער צוק מיט דער שפּי־ציקפּאַרקיילעכדיקער ברעם! די ליפּן, מיטן ווינקלדיקן קנייטש, פֿאַרבייסן עפּעס, די אויגן בעטן עפּעס; אַ דורכגעטריבנס, ביטער־דערפֿאַרנס, אַ קינ־דיש־נייגיריקס, לאַשטשענדיקס אין איין אויגנבליק — עס מיגניעט זיך נאָר אַזוי שווינדלדיק־ווילד פֿאַר די אויגן!

נייגיריק, פֿאַרגאַפֿנדיק פֿאַרטון אין דעם אַלעם, האָב איך פֿאַרגעסן, אַז איך האָב אַ דאָקטאָר אויף מיין קאָפּ; אַז יעדן צווייטן טאָג מוז איך זיין ביי אים; אַז אַ „שוועסטער" מוז רייניקן מיינע פֿאַראייטערטע גריזשלעס, ביז שאַרפֿע שטעכענישן אין מיין האַלדז און נאַקן האָבן מיר גאָר שטאַרק דערמאָנט און אינמיטן געשמאַקן שלאָף מיך אויפֿגעוועקט מיט גליאיקע יסורים — נאָך איידער צייט געהאַט — ווי כמעט אַלע נאַכט! — אַריינצופֿאַלן אין קאָשמאַר פֿון חלומות, האָט דער שטאַרקער ווייטאָק מיך אויסגעשטשוכעט.

קוים דערוואַרט דאָס טאָג ווערן און שוין אַ שעה נאָך פֿאַר די אויפֿנאַם־שטונדן מיך שוין געדרייט נערוועז, היפּאַכאָנדריש אין מיר פֿאַרטון, אינם זויבערן, פֿריש־אויסגעקערטן, אינם אַקאַציעס־צעפּעכלטן, שטילן דאָקטאָר־געסל, פֿרי־מאָרגנדיק, נאָך נעפּלדיק־פֿאַרשלייערט אַביסל.

די „שוועסטער", וואָס האָט אַראָפּגענומען דעם פֿאַרשווייסטן, פֿאַר־ברודיקטן באַנדאַזש, האָט פֿאַרקרימט דאָס נעזל; איך האָב דאָך שוין געזאָלט זיין דאָ נאָך אייערנעכטן... די וואונד איז רויט ווי פֿייער... ס'איז גאַרנישט אויסגעשלאָסן, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין פֿאַרגיפֿטונג... דאָס נעזל איז געבליבן פֿאַרשאַרצט און דאָס אויבערשטע ליפּל האָט זיך פֿאַרביסן און גאַרנישט זאָגנדיק האָט זי מיך אַזוי מיט אַ פֿאַרקרומטן קאָפּ, מיט אַ נאַקעט־אָפּגע־דעקטן האַלדז און נאַקן, ביי דער האַנט מיך אַננעמענדיק, אַריינגעפֿירט אין דאָק־טאָרס קאַבינעט.

איך האָב דעם דאָקטאָר נישט געהערט אַריינקומען, כ'האָב אויך נישט געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ אים צו קענען זען. איך האָב נאָר געהערט זיין געבייזער: „איין שווינעריי! שוועסטער, דאָס איזט איין אָביעקט פֿיר די קליניק, נישט פֿאַרן אויפֿנאַם־צימער".

ער האָט זיך באַרויִקט. איך האָב פֿאַר אים נישט עקזיסטירט. ער האָט זיך לאַנג געוואַשן די הענט. געהערט די שוועסטער קומט צו אים מיט קלינגענדיקע אַ פּאָר־כלים, עפּעס אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט און ער האָט גענומען גראָבלען גאַרנישט דעליקאַט אין מיין וואונד. איך האָב פֿאַרביסן די ליפּן ביז בלוט. מיין „האַלטונג" האָט, מן־הסתם, געפֿאַלן דעם „פֿעלד־דאָקטאָר" — וואָס ער איז עס ביז נישט לאַנג צוריק זיכער געווען — און מיר געגעבן אַ כוואַטסקע קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

איך האָב ווידער געהערט דעם דאָקטאָרס לאַנג וואַשן זיך די הענט און געשפּירט די פֿינגער פֿון דער שוועסטער ביים רייניקן מיר די וואונד. זי האָט אַריינגערעדט צום דאָקטאָר אין דער צווייטער שטוב און אויף מיר

געקוקט מיטן פארשארצטן נעזל. מיר זענען אדורכגעקומען, אז יעדן פרי־מארגן, א האלבע שעה פאר דער אויפנאמע־שטונדע, זאל איך דא זיין — „אבער פינקטליך !״ האט זי מיר געגראזשעט מיט איינעם פון די פינגער, וואס כ׳האב געשפירט זייער דעליקאטקייט ביים רייניקן מיר די וואונד...

איך בין שוין געווען פארטיק צום אוועקגיין, האב איך געהערט דעם דאקטארס אריינרופן : „געזנצליכע רוהע מוז ער האבן, ער קאן גריילעך שפאַצירן, אבער״ —

איך האב שוין דעם „אבער״ און וואס ער האט געמיינט דערמיט נישט געהערט און אויך נישט געוואלט הערן... נישט נאר האט דער בייזער דאקטאר נישט מער עקזיסטירט פאר מיר, נאר די פריינטלעכע שוועסטער אויך שוין נישט. דער דרויסן איז געווען וואונדערלעך־שיין, דער הימל ווי פריש־אויסגעוואשן, א גערייניקטער, מיט לעצטן ביסל אייטערדיקן נעפל פאַר־שוואונדן צווישן די שטילע אקאציעבלעטלעך.

שפאציר איך אזוי געסל־ארויס געסל־אריין, אלצדינג וואונדערלעך ניי ווי אויסגעוואשן, ווי פריש־אויסגערייניקט. מיינע יסורים זענען אוועק און אין מיר צערטלט זיך און א בארואיקטע זיכערקייט : פאר דריי וואכן איז די פאנסיאן שוין פארויס באצאלט. פארן דאקטאר און פאר עווענטועלע נויטיקייטן האב איך נאך גענוג אין טאש און אין דריי מנוחהדיקע וואכן וואס קאן מען פון דעם וואונדערלעכן ארום דא נישט אלץ מאכן ?...

וואס ווייטער כ׳בין געגאנגען, אלץ אפענער איז ארום מיר און אין מיר געווארן ; אלץ זוניק־צעשטראלטער, אלץ וואונדערלעכער. די ווילעס, די פאלאצלעך, די גערטנער ווערן גרעסער, די ווייטקייטן ציען זיך. אלצדינג ניי פאר מיינע אויגן — זיי ווערן אויפגעריסענער, פארגאפטער. איך גיי, די פיס אזוי לייכט, דער קאפ ווי ער וואלט געשוועבט. ווייס איך וואו איך גיי ? אבער וואס איז דער אונטערשייד ? איך „שפאציר גריילעך״... אבער ראפטום בלייב איך שטיין : דער אויפגעפראלטער האפטל־זעע — א שפיגלדיק שויפענס־טער מיט לאדקעס און זעגל־שיפלעך.

אויף די שטילע וועלן שפילן זיך די זון־שטראלן, א געמיגניע פון גאלד און זילבער. זיי שפילן זיך אין „א זון און א רעגן״, כאטש אויפשארצן די מייטקעס, אריינשפרינגען און מיטזינגען :

א זון און א רעגן,
די כלה איז געלעגן.
וואס האט זי געהאט ?
א ייִנגעלע !
אויף איר מינדסטן פינגערל
וואס טראגט זי ?
א גאלדן רינגעלע !

מיינע אויגן שפילן זיך זון־צעפלימערט אין טויזנט און איין שפיל... אט פליט אן א יאכט־שיפל און פונם גאנצן א שוים־צעמישעניש : איז עס נישט

מאגנוס אויף די באלטישע זעען אין זיין יאכט־שיפל?

אבער באלד איז דער זעע פאר מיינע אויגן ווידער אויסגעגלעט ווי א גאלדע־נער שפיגל און מיינע געדאנקען גלעטן זיך און צוואגן זיך און מיינע פינגער טאפן שוין אין טאש דאס שטיקעלע בליישטיפטל. „אבער" הער איך דעם דאקטארס אריינרופן צו דער שוועסטער. מיינע פינגער צערטלען דאס שטיקעלע בליישטיפט און כ'זעץ מיך אנידער א מידער ביים ברעג.

האלב וואך, גאנץ פארשמאכט. טראכט איך? וואס קאן מען נישט אלץ מאכן מיט די צוויי און צוואנציק אותיות... גאנצע שמות און צירופים! ווונדער קאנען זיי ווערן... און ווערן זיי ווערטער, ווי פראקטיש גראמענ־דיק געפארט ווערן זיי, ווי וואכעדיק...

טראכט איך, חלום איך? ווי האב איך מיט צימעלען געשפילט „עטל־בעטל" — גאנצע מעת־לעתן מיט איר געקענט זיצן אין א ווינקל אויפן פאדוואריש, מ'האט גערופן צום מיטאג, צום נאכט־עסן — א טרעוואגע אין גאנצן הויז: „וואו זענען די קינדער אהינגעקומען?!" מיר הערן געוואלטענעס ווי אין חלום — און פון אונזערע הענטלעך גייט דאס שטריקל אין טויזנטערליי פארמען אהין און צוריק, אהין און צוריק און אונזערע פינגער ציטערן פון אויפ־רעגונג, פון שפאנענדיקער פרייד —

מיט דריי־פיר ליניעס האט זי צונויפגעשטעלט א קאפ, און איך דערקען מיך אין אים — „האמיד". מסתם האט זי עפעס געטראכט דערביי — א ווילדן מיגניע געטון מיטן אויג! א שפיגל געטון אין מוח...

איך וויל ווייטער טראכטן, אבער כ'בין צו פארמאטערט, קיין „פרישטיק" נאך נישט געגעסן. די מוטשעניש ביים דאקטאר. איך וויל מיך אויפהייבן און אהיימגיין, אבער ר'דזשימיע מיד איין און חלומדיק טראכט עס זיך ווייטער:

אויפן בערגל אקייגאיבער זיצט ווי אלאנגע „לאקס" דער סינאגאגע־דיריגענט, דער קאמפאזיטאר, ישראל גאלדשטיין. אויף זין טראמבע־געמבע זיין פייקעלע־פיאל, דריי טענער ציען זיך ווי דינע שטראלן דא אויפן זעע. די גאנצע סטאדע טוליעט זיך ארום אים א טאנצנדיקע, און ער שטייט אינמיטן א דאוונענדיקער לייב מיט אן ארויסגעשטעקטער רויט־גליווערנדיקער צונג:

„די זון פארגייט אין פלאמען,
אזוי פארגייט מיין טרוים."

איך האב מיך אויפגעכאפט און דורך די זעלבע געסלעך און אליילען, מיט וועלכע איך בין אנגעקומען דא צום האפל־זעע, האב איך שנעל גענומען אהיימגיין, און מיין געדאנק איז אויך פלינק צוריקגעגאנגען איבער די אלע טראכטענישן און זיי צוזאמענגעבונדן. עפעס נייעס האב איך געפילט איז אין מיר איצט געבוירן געווארן און איך האב מיך געפריידט... עפעס וואקסט אין מיר.

כ'האב אפגעגעסן. ס'איז שוין געווען דאס אנבייסן מיטן מיטאג צוזאם און מיך צוגעלענט. כ'האב געמוזט אפשלאפן א שיינע פאר שעה. ווען כ'האב געעפנט די אויגן, איז געלעגן ביי דער טיר א געשריפטס מיט צעדרייטע

ווילדע אותיות מיט דעם זעלבן געצייכנטן קאפ „האמיד".

איך האב געמיינט, אז א ווינטל דורכן אפן געלאזענעם פענסטער האט עס אראפגעיאגט פון טיש. אבער אז איך האב מיך אויפגעהויבן, האב איך געזען, אז דאס וואס ליגט ביי דער טיר איז א שטיל־ארייגעריטשט פאסט־קארטל מיך נישט אויפצוועקן פון שלאף, געשריבן מיט די זעלבע ווילד־צעדרייטע אותיות און די צייכענונג פון די דריי־פיר שטריכן דער זעלבער „האמיד" ווי צוויי טראפן וואסער. איך האב געשמייכלט צו מיר, מסתם מיטן זעלבן שמייכל, וואס אויפן וועג אהיימגייענדיק ווען כ׳האב דערפילט, אז אין מיר איז עפּעס נייעס געבוירן געווארן און איך האב מיך געפריידט.

וואס אויפן קארטל איז געווען געשריבן, וויפל מאל כ׳האב מיך גענומען עס צו לייענען האב איך קיין איין שורה נישט געקענט אנטציפערן — ווי צירופים זענען די ווערטער געווען אויסגעשטעלט! אבער דער אבזענדער איז געווען געענוי געשריבן וויראזשנע אות נאך אות. און איך האב פארשטאנען, אז די שרייבערין וויל כ׳זאל איר ענטפערן כאטש זי פארשטייט, אז איך פאר־שטיי פון קארטל קיין איין ווארט נישט און פון מיין ענטפער וועט זי מסתם נאך פיל ווייניקער פארשטיין.

ענטפערן מוז איך! אבער גיי פיר א קארעספאנדענץ אין א דיר כמעט לגמרי פרעמדער שפראך מיט א בארימטער דיכטערין אויפן דאזיקן לשון. כאטש מאך אויך אזא מין מענטשל מיט א דריי־פיר שטריכן וועט עס זיכער זיין פארשטענדלעכער ווי מיט מיינע קאטשערעס און לאפּאטעס לאטייניש בוכ־שטאבן צונויפשטעלן דייטשע ווערטער. אפשר קויפן עפּעס א „ווידאק", א בילד פון א פאלאץ דא, פון האפל־זעע, געענוי נאכצייכענען דעם אדרעס, גאר־נישט צושרייבן און אפשיקן. האב איך מיך דערמאנט, כ׳האב דאך אזא קארטל־בילד ביי מיר, דאס שפינאזא־בילד, וואס כ׳טראג שוין יארן אין בוזעם־טאש ביי מיר.

איך נעם עס ארויס און מוז שמייכלען צו מיר: איז עס נישט פּאכאזשע אויף איר ווען ביים טישל זי גלעט זיך צו אירע פעך־שווארצע, געשוירענע האר? זי רייסט קיילעכיק אויף אירע טיף־שווארצע אויגן?

ביים אוועקפארן פון דער היים, ביים געזעגענען זיך, האט מיר לאזער פלאצקער געגעבן די פאטאגראפיע. דער נאמען אליין שוין, בענעדיקט שפינאזא, ברוך שפינאזא, איז פאר אונז — אן ענגער קרייז בחורימלעך אקארשט ארויס פון בית־מדרש, פון שטיבל, געלייענט ביכלעך, דיסקוטירט, געזוכט — געווען דאס גרעסטע: בענעדיקט שפינאזא! מיר האבן זיך געהאלטן פאר שפינאזיסטן.

וואס מיר האבן געוואוסט פון אים איז געווען אויף „שפיץ מעסער" און אויבערפלעכלעך: אן ארטיקל פון א זשורנאל, פון דער פיליפּ קראנץ ביאגרא־פיע. ביי מיר האט עס זיך פארבונדן מיט מיינע רעיונות, מיט נאטור־שפירונגען, מיטן תהלימדיקן, ברכי נפשידיקן „כי מעולם ועד עולם אתה אל", מיטן בעל־שם׳ס „לית אתר פנוי מניה".

לאזער איז געווען דער סיסטעמאטישסטער, דער „פילאזאפישסטער"

צווישן אונדז. זיין געהאקט יוביצל איז שוין געקירצטער, ער האט זיך שוין געגרייט צו מאטורע. זיין פאטער, ישראל פלאצקער, א ברודער פון בארימטן דווארטשער רב, איז שוין געווען א באוואוסטער משכיל אין שטאט און פון די אנפירנדיקע ציונים־מזרחיים.

זענענדיק אמאל ביי אים די שפינאזא־פאטאגראפיע, בין איך גאנץ נתפעל געווארן — די גרויסע, שווארצע תלמיד־חכמדיק פארטראכטע אויגן, די שטילקייט אין זיי, די אין זיך טיף־פארטיפטע. ביים געזעגענען זיך צו מיין אוועקפארן, האט ער עס מיר געגעבן.

האב איך דאס קארטל גענומען, נאכקאפירט אויף איין האלב זייטל געניי דעם אדרעס און אויף דער צווייטער העלפט פון זייטל אויפגעשריבן מיט לאטיינישע אותיות: „ער האט געוואוסט וואס אזוינס עס מיינט דאס ווארט גאט".

אויפן דריטן טאג האבן איך באקומען א קארטל, אויסגעזען פונקט ווי דאס ערשטע, מיטן אונטערשייד וואס דאס צווייטע קארטל איז געווען געשריבן מיט א קאלירטער בליישטיפט און דער „האמיד" איז געווען ארומגעקלעפט ווי מיט א גילדענעם קראנץ, ווי אין אזא מין רעמל ארייגעשטעלט מיט פיצעלעך גאלד־פאפיר פון א ציגארעטן־פאקונג אדער ווי פון איינגעוויקלטע שאקאלאדע־פאפירלעך.

אין זעלבן טאג אויף מיין „שפאצירן" בין איך שטיין־געבליבן פאר א בוכהאנדלונג שויפענסטער, און צווישן די אויסגעלייגטע ביכער געזען די „עטיק" פון שפינאזא. כ׳בין אריינגעגאנגען און עס געקויפט.

אנידערזעצנדיק מיך אויף א גארטן־באנק, גענומען בלעטערן, אבער נישט געקענט צוזאמשטעלן, נישט באנעמען און איינבייסן קיין איין גאנצן זאץ — האב איך עס, שטאט אן ענטפער אויף דעם בליישטיפט־קאלירטן, גאלד־באפוצטן קארטל, אוועקגעשיקט אלס ענטפער.

די גאנצע גייענדיקע וואך בין איך יעדן פרימארגן געגאנגען צום דאקטאר. די „שוועסטער", די מנוחה, די שטילע שפאצירן, האבן מיר גוט געטון. די זון, די רעגלמעסיקע דערנערונג האבן צוגעהאלפן און ס׳האט גענומען שנעל היילן. דער דאקטאר, באקוקנדיק די וואונד, האט מיר געקוקט פריינטלעך אין די אויגן אפנים צופרידן געווען פון דער זיך גיך־היילנדיקער וואונד!...

נאכן באנדאזשירן האט די „שוועסטער" מיר אויסגעשטעלט די רעכענונג און געזאגט, אז איך זאל ארויפקומען אין דריי טאג אראפצונעמען דעם באנדאזש און אז דאס וועט זיין דער לעצטער באזוך.

אזויפיל דייטש געלט די רעכענונג צו באצאלן האב איך נישט געהאט. האב איך זי געפרעגט צי כ׳קאן פארגלייכן די רעכענונג מיט דאלארן.

„מיט דאלארן?" האט זי, רויט ווערנדיק, דערשטוינט איבערגעחזרט און מיך אנגעקוקט ווי עפעס איינעם, וואס איז נישט ביים גלייכן שכל. ווען זי האט דערזען די פאר „לאקשן" פעכלענדיק צווישן מיינע פינגער, איז זי רויט און שפראכלאז געווארן און ווי א צעמישטע שנעל ארײַן אין „אויפנאם־

קאבינעט״.

ווי טאנצנדיק איז דער דאקטאר אריינגעקומען, זיין בליק א פארבליפט־צעשטראלטער קאנצענטרירט אויף דעם נאך פעכלענדיקן צווישן מיינע פינגער דאלאר, איז צוגעקומען צו מיר: „זא, זא, אמעריקאנער פאציענט? האב די ערע״... צארט־טאפנדיק די אראפהענגענדיקע פאר פאפירלעך ווי קאנזול־טירן א מין וווּנד־וואונדער — למשל אן אראהענגענדיקע לונג און לעבער פון א נאז! צי איז עס נישט א וואונדער־שפיל פון א פאלש־קינסטלער? האבן זיך בענגאלישע פייערלעך געלאשן און געצונדן אין זיינע פריילעך־קאנסטאַ־טירטע בליקן: „יא, יא, צוויי פאן דיזען ווירדן זיין פאלקאם גענוג״...

דעם דריטן טאג ביים ארויפקומען אראפצונעמען דעם באנדאזש האב איך מיטגעברענגט א באנבאניערקע, די שענסטע וואס כ׳האב געזען אין גע־שעפט, די גרעסטע, — וואס איז לגמרי נישט געווען פראפארציאנעל צו דער קליינער גריזשל־אפעראציע. די שוועסטער איז ווידער דערשטוינט רויט געווארן, אבער זי איז נישט מער דערשראקן אריינגעלאפן צום דאקטאר אין אויפנאם־קאבינעט... אין זעלבן פארנאכט האט זי מיך בעגלייט ווי „איר פאציענט״ אויף מיין האפל־זעע שפאציר.

אויפן שפינאזא־בוך האב איך די גאנצע וואך קיין ענטפער נישט באקומען. יעדן טאג ביים אויפוואכן איז מיין ערשטער בליק געפאלן צו דער שפאלט וואס אונטער דער טיר. פרייטאג האט מיך א קלאפ אין טיר אויפגעוועקט:

„הערר האמיד, זי זינד געוואונשען צום טעלעפאן־אפאראט״.

איך בין אויפשפרינגעדיק שנעל ארויס אין קארידאר, און טעלעפאן־רערל איז געווען דאס זעלבע קול, איר קול, אבער גאנץ אנדערש, רואיק, געלאסן, ליבלעך, אביסל אומנאטירלעך־פארפיעשטשעט ווי ביי א גוט דערצויגן קינד אין א יידיש־רייכן הויז — איך בין געווען „העפלעך״־פארבעטן צו זיין איר „שאבאס־גאסט״.

3

ווי א פופן־שטיבל האט דאס האטעל־צימערל אויסגעזעען, ווי פארכשופט, ווי ס׳וואלט געווען אפגעשפראכן פון עפעס א הייליקן שפרוך — די „שלום־עליכם״־מלאכים האבן דעריין ארומגעשוועבט. יעדעס ווינקעלע שטראליק־געפעכלט מיט דין־זיידענע טיכעלעך: בלויע, רויטע, גרינע, געל־גאלדענע און אין כלערליי קאלירן. אין דער זייט — ווי ביי א שניידער די ניי־מאשין שבת ביינאכט מיט א ווייס טישטוך — מיט אזא זיידן טיכעלע קוים צוגעדעקט איז געשטאנען א קליין טישל מיט כלערליי קאלירטע בליישטיפטן און פענזיק־לעך און קופקעלעך גאלדענע און זילבערנע אויסגעגלעטע פאפירלעך, טאקע צונויפגעקליבענע פון ציגארעטן און שאקאלאדע־שאכטלעך.

און זי אליין ווי די מלכה־שבת, — ווי היינריך היינעס פארוואנדלטע פרינצעסין סאבאט! — אין א שווארץ־סאמעטענעם קאסטיום, פון וועלכן איר פריש־צוגעגלעטער קאפ האט שווארצער נאך ארויסגעגלאנצט בלוילעך־באשטראלט, איז געזעסן ביי א ווייס־געדעקטן טיש מיט צוויי אנגעצונדענע

שבת־ליכט ווי ביי א „צאינה וראינה", ביי דעם שפינאזא־בוך, וואס כ'האב איך געשיקט — צווישן די צוויי זילבערנע לייכטער — יידישלעכע מסתם ירושה־דיקע, — איז געשטאנען דאס שפינאזא־בילד.

אירע צוויי שווארץ־פארטיפטע גרויס־אויפגעריסענע אויגן האבן אויף מיר געקוקט ווי צוויי שווערע פאראגראפן פון דער „עטיק" ארויסגעהויבענע, ווי די צוויי גרויסע קיילעכדיקע אויגן שפיזאזעס אויפן בילד, און זע, איך האב זיי פארשטאנען: „לית אתר פנוי מניה" — — —

א הדרת־קודש האט מיך ארומגענומען — א וועלט־און מענטש פאר־לאזן קינד, וואס שפילט זיך מיט גאט! יא, און וואס א פארלאזטער גאט שפילט זיך מיט אים...

איך בין „געבליבן שטיין צום צייכן", נשתנה צורה געווארן. זי האט דער־שפירט מיין געפיל און מיט קינדיש־פארוואונדעטע אויגן אויף מיר געקוקט:

„איך לערנע דאס, פערשטעהע נישט פיל, שאהן אין שולע ווער שלעכטע שילערין"... „פילייכט העלפסטו מיר אאוס ווי קארלא מיין שול־קאמעראד מיינע שול־לעקציעס"...

„איך בין נאך אן ערגערער שילער געווען... אלץ וואס איך ווייס האט מיר מיין פאטער אריינגעהויכט מיט זיינע ליפן"...

„ערצעהלע פאן דיין פאטער".

„יא, דערציילן פון מיין טאטן?" האבן מיינע אויגן טרויעריק געש־מייכלט: וואלט איך נאר געקענט... דאס איז עס דאך וואס איך וויל...

נאך א בילד האב איך תמיד געהאט ביי מיר, זייט אין האלאנד נאך, אין מיין בוזעם־טאש. דאס איז געווען מיין טאטנס פאטאגראפיע.

ער האט זיך קיינמאל נישט געוואלט לאזן פאטאגראפירן, אפילו ווען איך בין אוועקגעפארן און איך האב אים געבעטן דעריך. נאר ווען מיין הייליקער ברודער איז נסתלק געווארן און מיינע בריוו אהיים זענען געווארן זער טרויעריק, איינער טרויעריקער פונם אנדערן, האט דער טאטע זיך געלאזן פאטאגראפירן און זי מיר שיקנדיק האט ער אין בריוו געשריבן:

„דער בעל־שם זאגט, טרויעריק זיין איז נישט קיין עברה, אבער עס קאן חלילה ברענגען צו אלע עברות. שיק איך עס דיר, אז דיוקנא של אבא זאל דיך מציל זיין".

מיט זיינע געפערלטע אותיות און ווי תמיד אין לשון־קודש האט ער אין דעם לאנגן בריוו נאך געשריבן: „איך האב מיך נישט געוואלט לאזן פאטא־גראפירן ווען דו האסט מיך געבעטן דעריך ביי דיין אוועקפארן, נישט ווייל איך בין אזא פרומאק, נאר אז מענטשן וועלן זעען מיין בילד, וועלן זיי נאך מיינען חלילה, ווער איך בין און בסך־הכל האב איך מיין צורה געירשנט פון זיידן, זצ"ל. ,לטעות דעת אחרים" ' איז שוין יא א בפירושער איסור און ס'קאן, חלילה, ווערן א פסיל". כ'האב געזעען, אז די יוד אריינגעשריבן אינם ווארט, אז ס'זאל, חלילה, נישט מאכן 'פסל' און געמאכט א ווארטשפיל דערפון 'פסיל'...

„—אבער וואס טוט א טאטע נישט מציל צו זיין א קינד?"...

„כ׳האב ארויסגענומען די פאטאגראפיע. זי האט זיך אויפגעשטעלט, איר לוסטיק יינגליש פנים איז געווארן בלייך. דריימאל האט זי געבויגן דעם קאפ פארן בילד. א שוידער איז מיר אדורך דורכן לייב.

כדי די שטימונג אביסל צו ענדערן, שוועבנדיק זי צוריק צו מאכן האב איך אנגעהויבן:

„איך האב אויך מיין מאמעס בילד, אבער דאס וועל איך דיר נישט ווייזן" האב איך שפילעריש־שמייכלדיק אנגעהויבן: „ווייל דו וועסט אייפערזיכטיק ווערן, אזוי שיין איז מיין מאמע".

יא, ס׳האט געקלאפט! אין דער רגע איז זי אנדערש געווארן. נישט נאר די בלייכע פארב אין פנים האט זיך געביטן, נאר א קנייטש וואס זי האט תמיד פארביסן אין דער זייט פון איר לינקן ליפ־ווינקל איז בולט ארויס־געקומען:

„וואס, דו ווילסט שאהן דען פרינץ יוסף אייפערזיכטיק מאכן?" און זי האט שפילעריש־ערנסט טעאטראליש־מאיעסטעטיש געגראזשעט מיט א פינגער. איך בין אבער שוין געווען אין מיין שטימונג:

„דו האסט געמוזט זעען מיין מאמע פרייטאג־צו־נאכטס, ווען דער טאטע איז אריינגעקומען נאכן דאווענען אין שטוב אריין א ליכטיק־צעשטראלטער באגלייט פון דריי מלאכים — יא, ריכטיקע דריי הימלישע ענגעלן — און די שטוב האט געלויכטן פון יעדן ווינקעלע, ריכטיק ווי מיין שוועסטער צימעלע האט געזונגען:

„אלע שטיבעלעך אויסגעקערט,
אלע מיידעלעך אויסגעקעמט,
אלע פערדעלעך אויסגעפוצט".

„פאבלהאפט, פאבלהאפט", האט איר פנים צוריק אויפגעלויכטן און דער לינקער ליפן־ווינקל האט זיך צוריק אויסגעגלעט:

„פאבלהאפט, ווי האסטו געזאגט, ,צימעלע׳? דו האסט איין שוועסטער?" האבן אירע אויגן גענומען גלאנצן און צונויפגעלייגט די צוויי הענט ווי א קינד, וואס וויל פון גרויס באגייסטערונג פאטשן... וואס וויל זאגן א געבעט? „צימעלע? איזט דיין שוועסטער שען ווי דיין מוטער?"

„איבעררייס דאך נישט, לאז ווייטער דערציילן: און דער טאטע האט אנגעהויבן צו זינגען ,אשת חיל׳, קעניג סאלאמאנס ליד".

איך האב געפילט אויף מיר איר אויפגערעגטן פרעגנדיקן בליק.

ניין, נישט „דאס ליד דער לידער", דאס בארימטע ליבע־ליד צו שולמית — אן איינפאך ליד צו דער יידישער האוז־פראו! אבער אלע ליבע־לידער פון דער וועלט קאנען זיך לערנען שרייבן ביי דעם ליד.

איך שפיר, אז איך האב ווידער אנגערירט א ברומענדיק־שווערע באס־סטרונע. און נישט איבעררייסנדיק הייב איך אן צו זינגען שטיל, אויף דער קווינטע פון מיין הארץ דעם טאטנס „אשת חיל", מיט דעם ראדאמסקער ניגון,

וואס ציט זיך נאך פון „תפארת שלמה".

איך האב זיכער געהאט דעמלט טרערן אין מיינע אויגן, ווייל אין אירע אויגן האב איך זיי געזען, און יעצט שרייבנדיק פיל איך זיי נאך אין מיינע.

אין יענער מינוט האב איך דערפילט אלע אירע הארבקייטן און ביטערנישן, אלע אירע בליענדיקע ווייכקייטן און פגימהדיקע שארפקייטן און איך האב זיי איינגעבעט ווייך אין מיינע בליקן ווי טאטנס פגימהלאזן אתרוג, וואס איז געווען איינגעבעט אין ווייכע קאנאפּיעס — זי האט עס דערפילט.

זייט דעמלט האט זיך געצויגן אונזער פריינטשאפט ביז איר לעצטן טאג אויף איר טויטן-בעט אין ירושלים. לויט פריינט ד"ר יעקב מייטליס האט מיר לעצטנס דערציילט, אז לויט ווי ער האט געהערט, זאל זי האבן געשעפּטשעט מיין נאמען אין אירע לעצטע מינוטן.

אלנפאלס אין איר לעצטן בוך, „יערוזאלעם", איז דא א ליד צו מיר, געשריבן מיט דער ווילדעסטער באזארגטקייט פון א מאמע צו א אין דער פרעמד זיך וואלגערנדיקן ווילד-אומבאהאלפענעם קינד.

ווען כ'האב אויפגעהערט צו זינגען, זענען מירביידע געבליבן שטיל זיצן ווי צוויי קינדער זיך געגנוג אפגעשפילט און מיד, און שרעק באפאלט זיי, ווייל זיי דערזעען פלוצלינג, אז זיי זענען אין שטוב אליין, פארלאזן און פארלוירן.

א קלאפּ אין טיר האט אונז אויפגעוועקט און דערמונטערט. פונם יידישן רעסטאראן, „האן", אויפן נאלענדארף-פלאץ האט דער אבער אריינגעברענגט צוויי יידישע שטיקלעך פיש און צוויי שבתדיק-געפלאכטענע חלהלעך.

ווי צוויי קינדער, וואס שפילן זיך אין „פראווען א סעודה", האבן מיר געשניטן אין קאזעלעך-המוציאס די שבתדיקע חלהלעך. און ביי יעדן ביסן פיש האט זי געגומען זיך קרעקן, ווי מיט אראפּגעשלונגענע גרעטן און נאכגעמאכט דער מוטערס קול: „פאפא, גיב אכט אויפן קינד". און איין רהיינלענדיש „שפּאס" נאכן אנדערן „געשניטן" אין אלט יידיש, נאכמאכנדיק דעם שווייצערלענדישן געכארכל.

און דערציילט ווי זי האט זיך אין דער עלבערפעלדער סינאגאגע, אין וואופּערטאל, פאר א יינגל פארשטעלט, אז דער שאמאס זאל איר געבן צו טרינקען פרייטאג-צו-נאכטס פונם קידאש-בעכער. און זי האט זיך געהאלטן ביים בויך ווי דער פאטער אירער, ווען ער האט דעם „שפּאס" דער מוטער דערציילט, אהיימקומענדיק פון דער סינאגאגע. ווען מיר זענען שפּעטער געגאנגען אין ראמאנישן קאפע אריין, האבן מיר זיך געוואקלט ווי צוויי ריכטיקע שכורים; ווי זי מיט איר פאטער, ווען זיי זענען אהיימגעגאנגען נאך דעם „שפּאס" פון דער סינאגאגע — אלע אירע „לוסטיקע שטרייכן" האט איר „זעליגער" פאטער מיט איר מיטגעמאכט. „ער איז געווען איין ריכטיגער רהיינלענדער, איין פריילעכער, וואופּערן-ווּעסטפאלער".

אהיימקומענדיק אין פּאנסיאן אריין האב איך מיך דערמאנט אז איך האב ווידער וואכן לאנג נישט אהיימגעשיקט, צומאל נישט קיין פּאסט-קארטל. און

איך האב אנגעשריבן א בריוו דעם פריילעכסטן מסתם, וואס אמאל אהיימגע־שיקט.

ווען כ׳בין אוועקגעגאנגען פונם פענסיאן אויף דער טעלעפאן־„איינלאדונג״ צו זיין דער „שאבאס״־גאסט מיט מיר מיטגענומען דאס ליד „עלזע לאסקער־שילער״, עס איר פארצולייענען. אבער איך האב עס דעמלט אויך נישט פארגעלייענט. עס איז געווען צו לעבעדיק־באוועגלעך, צו שטימונג־שעפעריש יעדע מינוט, עס אויסצונוצן מיט פארלעזן א ליד. צו זאכלעך, צו שרייעבעריש־פראקטיש וואלט עס געווען אין דעם קינדערלעך־געטלעכן שפיל. מיר וואלטן פלוצלינג דערוואקסן געווארן, פארדארבענע געווארן און פארדארבן דאס גאנצע שפיל... די חלום־שוועבענדיקעווירקלעכקייט וואלט מיט איינמאל געווארן אזוי לעכערלעך־באנאל, אזוי וואכעדיק, אזוי מענטשלעך־דערוואקסן און פארשעמט, אזוי זאכלעך־וואכעדיק.

א ליד, ווען מ׳שרייבט עס, איז עס ווי א פייגעלע, וואס פיקט זיך פון דער שאל; ווען מ׳לייענט עס הויך פאר און מ׳מוז נאך א ווארט דערפון פאר־טייטשן אפשר, איז עס ווי א געשאסענע טויב, וואס די פעדערן צעפליען זיך.

זי האט אבער דאס ליד דאך געזעען און געלייענט, אבער ערשט מיט א פיר יאר שפעטער, אין א ווארטלעכער איבערזעצונג אויף דייטש פון ד״ר א. זוהל, אין דער „וועלט־בינע״ צו איר פופציקסטן געבוירן־טאג.

דאס ליד אין יידיש האב איך נישט, ס׳איז פארלוירנגאנגען מיט צענדליק און צענדליק אנדערע לידער אויף מיינע וואגלענישן פארלוירן געגאנגען. עס איז אריין אין ביכל „אין רינג דעם סאטורן״ אזאמלונג לידער פון מיר, ארויסגעבן אין דער „ראבן־פרעסע״ אין דער איבערזעצונג פון ע. וועלער.

וועגן דעם אלעם און וועגן דעם „געמאכטן״ איינדרוק אויף איר פון דעם ליד, אם ירצה השם, ערשט אין א הונדערט און איין זייטל שפעטער. לאמיך נאר האבן די כוחות ווייטער אנצוגיין...

דער זעער

זיין מאמע, די עקרה, איר בליק בלויז,
איר שטיל־שווייגנדיק מתפלל זיין,
אים אויסגעבעטן — — פארשווייגט ער און זעט;
זיין בליק פירט ס׳פאלק אין גאטס וועג צו גיין.

געגען זיין ווילן מלכים געזאלבט,
ווייל דאס פאלק א קעניג האט פערלאנגט;
ווי זיין מאמע ס׳טעלערל פון הימל,
אים, ער זיי אלצדינג וואלט ער דערלאנגט.

א קינד, בלינד איז ס׳פאלק ס׳גלוסט זיך רק שפילן,
מיט געשפיצטער שפיז, מיט שארפער שווערט;

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 3־442) ניין און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו 1968 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

ממחרת יום־הכפורים, דער סועץ־קאנאל, גאטס מלכות פון שלום גאנצע
וועלט איצט ווערט 3

די געשיכטע און דער סדר פון די סליחות (עסיי). י. ריכטיגער 7

הכנסת־אורחים (ליד) יוסף לעפטוויטש 13

די אנדערע יאלאנטע (דערציילונג) יוסף די באסט 13

אלע געזאנגען (ליד) שמואל וההייט 23

אראפ פון יאריד, אין חשוון פינסטערער מולד־נאכט, א חשוון־זון (פראזע
און פאעזיע) א. נ. שטענצל 24

יעקבביים ברונעם (ליד) אברהם שלאנסקי

אויף פארגעסענע שטעגן (ליד) אברהם ברוידעס

רעדאקליע־נאטיץ :

יידיש־ליטעראריש́ע שבת־נאכמיטאגס

בערנארד בעראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר., א.1. שבת 3 אזייגער :

דעם 2טן נאוועמבער : דויד בערמאן וועט דערציילן פון זיין נסיעה קיין ישראל. לייענען און רעציטירן — נעט רובין און אייזיק גאלדבערג.

דעם 9טן נאוועמבער : א רעפעראט פון יעקב ריכטיגער ; לידער וועט זינגען מאיר באגדאנסקי און ח. נ. בענקוויטש וועט דערציילן פון זיין ישראל־נסיעה.

דעם 16־ נאוועמבער : א רעפעראט פון סעם לעף : פאליטישע וועלט־סיטואציע יעצט.

דעם 23־סטן נאוועמבער : געווידמעט דעם יידישן שאפן אין ישראל.

דעם 30סטן נאוועמבער : דאס 21סטע יאר נאכן יונ״א־באשלוס מכוח דער יידישער מדינה. רעדנער : ח. נ. בענקוויטש.

דעם 7טן דעצעמבער : די יידישע שרייבער און פאעטן אין סאוויעט־רוסלאנד.

א. גאלאמבן מאה ועשרים צו זיינע 80 יאר — פריינט פון יידיש לשון.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.*1

א. נ. שטענצל

אראפ פונם יאריד...

1

די פאר וואכן זיינען גיך אפגעלאפן, אבער די צייט דעמלט, וואס איז נישט געשטאנען שטיל, איז נאך שנעלער געלאפן.

פון די אנטרונענע פון די פאגראמען אין די יידיש־אוקריינישע שטעטלעך, פון גרויסן הונגער אין די רוסישע שטעט און פון די אנטלאפענע פון דער רעוואלוציע, האט זיך בינו לבינו אין וועסטן פון בערלין געשאפן א מין יידישע קאלאניע און דאס ראמאנישע קאפע איז געווען דער פארלאמענט.

עס האט געראשט מיט בארימטע יידישע קולטור־און כלל־טוער, מיט באוווסטע אדוואקאטן, יידישע, פון מאסקווע און פעטער־בורג, מיט באקאנטע יידישע שרייבער פון קיעוו און אדעס, מיט באפליגלט פארטיי־פירער פונם עקסט לינק ביז סאמע רעכטסטן פליגל — עס האט געראשט ווי אין א בינענשטאק.

פאראייגען ווערן געגרינדעט, ס׳עפענען זיך פערלאגן. דער בארימטער אולשטיין־פארלאג עפענט אויף א יידישע „העברעאישע פיליאלע: „דער כלל פערלאג״. די אנגעקומענע „קולטור־ליגע״־פירער — עפענען א צווייטן. נאך אן עפענטלעכע־פארזאמלונג, נאך א רעפעראט פון א ניי אנגעקומענעם גאסט, זיינען די טישלעך פול באזעצט. פון די יידישע געגנד אין מזרחטייל שטאט, פון פרץ־פאראיין, פון יידישן סטודענטן־היים קומט מען אראפ באוואונדערן די גדולים. עס רוישט, עס זידט — יינגע קינסטלער, פרישע טאלענטן דרייען זיך פון טיש צו טיש פון אויפגעקומענע מעצענאטן און פארטיי־„באנצעס״ מכל־המינים...

פון אמעריקע באווייזט זיך שלום אש ווי א שליח־פארשטייער פונם זשאינט, פון ווארשע כאפט זיך הערש דוד נאמבערג אראפ, אביסל אויפ־צולעבן אין דעם הוהא. יידישע מאלער, קומען אן פון דער גאנצער וועלט.

די דייטשע וואלוטע איז געשטאנען אזוי, אז די קונסט און די קולטור־צענטערס פון אייראפע איז געווען בערלין — אן אנגעלויף ווי אויף א וועלט־יאריד.

איך האב מיך א ביסל לייטישער מלבוש־ערומים געווען און גענומען א מעבלירט־צימער נאנט פון „צענטער״ — פון ראמאנישן קאפע; און ס׳איז מיר נאך אלץ געבליבן א שפור ביסל פון מיינע דאלארן. איך האב געשווימען אין דעם געברויז און געלייגט קלאפטער פון טיש צו צו טיש, ביז כ׳האב אנגעהויבן פלוצלינג צו שפירן אז איך זינק.

איז עס געווען ווייל כ׳האב מיט אמאל דערזען, אז ס׳ביסל געלד גייט אויס איז עס געווען די ליידיקייט וואס כ׳האב אנגעהויבן צו דערפילן אין מיר? ס׳איז גיכער געווען דאס לעצטע; ווייל אויף אזויפיל בין איך שוין געווען צווישן די חברה, אז כ׳וואלט מיך שוין געדרייט אין דעם שווידל־ראד אין דיקן

טשאד פון אויפגעבלאָזענטע רייד און האוואַנע שמעקנדיקן ציגאַרן־רויך אין קייענדיקע שפּעקולאַנטן ציינער . . .

ווי די שמעטערלינגען האָבן זיך די יונגע, די אומבאַקאַנטע געדרייטע אַרום די גרויסע, אַרום די באַרימטע און זיי זיינען שנעל פאַרברענט געוואָרן, אויפֿגעגאַנגען אין פֿלאַם, אָדער אַליין גאָר גיך אויפֿגעלויכטן, געוואָרן אַ באַרימטקייט „אַ גרעסע״ . . .

קולבאַק, וואָס איז שוין אָנגעקומען אין בערלין, נישט ווי אַ פּליט, נאָר, ווי אַ פּאָעט, ווי אַן נייער אויפֿגייענדיקער שטערן, שוין מיט אַ בענדל געדרוקטע לידער, געוואַלט איינאַטעמען אייראָפּע אין זיך, עפּעס נייעס דערשמעקן האָט ממש אונטערגעהונגערט אויף זיין רחבותדיקע גאַלעריע־דירה — כ׳האָב דערפֿילט ביי מיין באַזוך ביי אים.

אים געטראָפֿן ביי טאָלסטאָיס „קריג און פֿרידן״ אין דייטשער איבערזעצונג, דאָס פּנים זיינס נאָך קנאַכיקער אויסגעצויגן, דער צעביילטער שטערן אונטער דער פעטער פּאַסמע האָר ליכטיק־אויסגעלייטערט, און זיינע ברענענדיקע אויגן קוקן אויף מיר :

„וואָס ווילן מיר אייגנטלעך דאָ, זיך „אָנשטעקן״ מיט אייראָפּע ? . . . מיט דער סיוויליזאַציע ? . . . וואָס קאָנען מיר ביי זיי לערנען ? זיי זענען אַלע פּליגן, די אַלע „גרעסן״ קייגן דעם גאון . . . אַזאַ שטיקל פּראָזע אויפֿשרייבן קענען, מוחל די גאַנצע פּאָעזיע . . .״ אַ סמוטנעקייט האָט פֿון אים געאָטעמט.

אויפֿגעלעבט האָט ער ווען נאַמבערג האָט זיך באַוויזן, ער האָט נישט נאָר געשעצט זיין טאַלענט, נאָר אים גופא דעם „בראַוון וויליאַנער״. אפילו דער קעלנער פֿון אונזער טישל האָט עס געוווּסט אים נישט איינמאַל „געלי־ווערט״ אויף פּאַראָויס : „ער מוז זיך באַלד באַווייזן... ער איז אולקיג דער קליינער . . . יאָ, אָבער דאָס איזט איינע גרעסע !...״ פּלעגט ער צולייגן און אָנשטעלן אַ טישל מיט אַלעם גוטן.

איין נאַכט קום איך אין קאַפֿע. אין אַ ווינקל טישל, אין קליינעם צימער, דירעקט ביי דער דריי־טיר, זיצט דר. עליאַשעוו. אַ פֿרייד נעמט מיך אַרום, ער דערזעט מיך און פֿרייט זיך מיט מיר, ער בעט מיך זעצן ביי אים : צוריקגעקומען פֿון די בעדער און ער בלייבט שוין דאָ. איבערגענומען דעם „כלל־פֿערלאַג״ — אַ פֿולער טיש מיט אַרבעט״. ער גיט מיר די אַדרעס פֿונם פֿערלאַג״, „אין בכל אלא מה שבפרט״ — אַז מ׳וועסט דערלעבן וועט ער נאָך אַ בענדל לידער פֿון מיר אויך נאָך אַרויסגעבן.

סניאָור דרייט זיך דורך די דריי־טיר, דערזעט אונז און קומט צו מיט אַ געוואַלט : „איר האָט עפּעס שיינס אויפֿגעטון, מיט נקבות שלעפּט ער זיך אַרום, איר האָט געמאַכט פֿון אים אַ לייט״.

מיינע אויגן צינדן זיך אָן. עליאַשעוו דערזעט עס, און זיינע, פֿון איבער דער פּענסנע, ווי זיי וואָלטן אַ ווינק געטון : ווייז אים וואָס דו קענסט, ביז דאַך נישט קיין מלמד — אַ מענטש פֿון פֿעלד, פֿון פֿערד . . .

עליאַשעוון האָט ווי געטון דאָס דרייען זיך און שאָרן זיך פֿון שרייבער

און קינצלער ארום פארטייען און פאנדאן, דאס זיך פארזיכערן מיטן מעצענאטן און האנאראר, זאלן קינסטלער פאעטן לעבן ווי ביי די אומות העולם, הפקרדיק און אויף גאטס־בארא . . . זאל מען זיך געבן און די צייך, נישט לעבן ווי די מלמדים, ווין סטאטעטשענע קעסט־איידעמלעך — זאל זיין א קינסטלער־לעבן, ככל הגוים...

שנייער האט זיך שנעל אדריי־אויסגעגעבן און אריין אין גרויסן צימער, אזוי ווי ער וואלט ביים טיש אפילו נישט פארבייגעגאנגען, און איך בין געבליבן זיצן בלאס מיט פארביסענע ליפן.

אז דער קעלנער קומט צו צום טישל וויל איך מיך אויפשטעלן. דר. עליאשעוו זעצט מיך צוריק אנידער און באשטעלט צוויי טעפעלעך קאפע און הייסט סערווירן געבעקס. לויט מיין צעריסן אויסזען און דאס וועלן אוועק־גיין איז ער זיכער, אז ביי מיר אין טאש טאגט עס.

ער הייבט אן דעליקאט: „דער דזשווינט האט אים איבערגעגעבן א גע־וויסע סומע צו פערטיילן צווישן די אנגעקומענע יידישע שרייבער...“

ער זעט דעם ווידערווילן אויף מיין פנים און וויל עס מאכן אין א וויציקן־טאן: „זיי וועלן עס באלד צעשלעפן, כאפט אויך עפעס אריין...“

„איך בין דאך נישט קיין אנגעקומענער, איך בין דאך א דאאידיקער, איך פארדין. און פון דעם באקומענעם האנאראר“.

„וועט איר האבן פאר אייערע . . . כאטש עפעס שיינס ? לויט ווי ער פלאצט, אונזער שנאור — מוז דאס זיין, שוין איינמאל א...“ ער האט נישט געענדיקט.

צוויי וואכן האב איך מיך נישט באוויזן אין קאפע. כ׳האב אנגעשריבן א דראמא אין דריי אקטן מיט א פראלאג און עפילאג פון חלוץ־לעבן מיטן נאמען „אין אויפגיין“.

(אין יאר 24 האט זיך זי זיך געדרוקט אין פארטזעצונגען אין א יידישע צייטונג אין לייפציק אויך דערשינען אין זעלבן יאר ווי א בוך. אין די יידישע רונדשאו“ איז געווען אן אפהאנדלונג איבער איר. איין עקסעמפלאר געפינט זיך אין שאקן־ביבלאטעק אין ירושלים. פאר אייניקע יאר געטראפן דא, אין ווייטשעפל דעם ביבלאטעקער מר אבערמאן אים זאגנדיק, אז ס׳האט זיך אפגעפונען נאך אן עקזעמפלאר איז ער געווען גאנץ ענטטוישט...)

נאך די צוויי וואכן, ווען כ׳בין געקומען אין קאפע אריין און צוגעקו־מען צו קולבאקס טישל האט ער זיך דערפרייט מיט מיר: „א כוואט, אז איר קאנט זיך באהאלטן און ארבעטן“.

„פון וואנען ווייסט איר ?“

„ס׳איז אויפגעשריבן אויף אייער שטערן“... צעלאכט ער זיך נאנט חב־ריש.

ער האט זיך איינגעלאדן ביי מיר: „איך בין דאך אייך שולדיק א וויזיט און איר וועט עס מיר פארלייענען“.

איך האב אים די דריי אקטן מיטן פראלאג און עפילאג פארגעליינט. ער האט די גאנצע צייט געקוקט אויף מיין גרין יעגער־רעקל, מיט די געש־

ניצטע הערשן־הערנער קנעפ, וואס איך האב מיר געקויפט — שטאט א שלאף־ראק. ווען איך האב געענדיקט האט ער צו מיר געזאגט, מעשה יינגל, ווען אים געפעלט עפעס: „ס׳געפעלט מיר, גיט עס מיר, דאס רעקל״.

איך וואלט עס אים זיכער געווען געגעבן, — וואלט איך עס די לאסקער שילער נישט געגעבן, ווען זי זאגט עס איז אזא טאן? — אבער איך האב געהאט דאס געפיל, אזוי ווי איך האב געוואָרט, נאך מיין פארלייענען, אויף די ווערטער: „עס געפעלט מיר״. און ער האט זיי מיר מסתם, נישט געקענט זאגן און זיי האבן זיך אים דאך, ווי סוגירירט, ארויסגעכאפט, האט ער די אנדערע ווערטער צוגעלייגט.

נאך היינט אז איך דערמאן מיך יענע סצענע קומט מיר אזוי מאדנע אויס — איך שפיר די שווערקייט פון יענער שטימונג...

ס׳געלד איז מיר שנעל אויסגעגאנגען, איך בין נאך שולדיק געבליבן פאר צוויי וואכן דירה־געלד. איבערגעלאזן אלע מיינע איינגעקויפטע זאכן אויף דער וווינונג צוזאם מיטן גרינעם יעגעררעקל מיט די ביינערן געשניצטע הערשן־קנעפ און עוקר געווען נאך האלבע נאכט אן א פעניג, ממש, אין דער טאש.

* * *

קאן מען דען ארויסהייבן פון ווילד־שטורעמדיקע כוואליעס ברויזנדיק לעבן אן עפאכע מיט א געלעכערטן נעץ? וואס כ׳האב געחלומט, — ווען די כוחות וואלט דערצו געסטאיעט, — ארויסצובאקומען דעם צאפלדיקן גערענגל פון א פיש ארויסגעשליידערט אויף א פרעמדן ברעג.

כ׳האב געמיינט, אז כ׳וועל עס קענען, ביים אנהייבן פאר דריי יאר שרייבן דעם צווייטן טייל פון מיין בוך „גערענגל״. אבער די כוחות און די מעג־לעכקייט ווערן אלץ שוואכער און שוואכער, אז איך שפיר, אז עס לאזט זיך צומאל אויס דער דינער פאדים צו שפינען דאס ריין ביאגראפישע, וויאזוי א קליין־שטעטלדיק בית־המדרש־און שטיבל־בחורל, נישט געפינענדיק די אינערלעכע ריכטיקע, און פאסנדיקע פארבינדונג מיט דער דרויסנדיקער גרויסער וועלט, וואס פארקנוילט זיך און פארפלאנטערט זיך אלץ מער און מער, אבער קיילט זיך דאך אלץ ווייטער און ווייטער מיט זיין ביסל יידיש וויסן און פילן, מיטגעברענגט פון זיין היים, פון זיין טאטנס הויז, און געפינט דאך דעם וועג פון זיך ארויסצושפינען, ארויסצוועבן, כאטש פון צייט צו צייט דאס שטיקל מאטעריע וואס רופט זיך אייראפעאישע קונסט.

איך פיל זיך שוין פון צייט און אומשטענדן, ווי א פארוויקלטע פליג אין שפין־געוועב, ווי דאס דינע געוועב רייסט זיך — — אבער לאמיר אים נישט אליין, במזיד, דעם דינעם דרים, איבעררייסן.

זייט מוחל, דעם איבעררייס מיטן שטיקל התנצלות, אבער עס העלפט טייל מאל צום ווייטער קאנען אנגיין.

2

ס׳איז שפעט, ווייט נאך האלבע נאכט, אין קעשענע קיין פריטה, אבער די

בוזעם־טאש איז ווידער אנגעשטראפט; קודם „די דראמע" און א פעקל נייע לידער. איך פיל, אז זיי זיינען באמת ניי —

שוין די אנדערע אטמאספערע, די אנדערע אומשטענדן, די נייע מענטשן, דער שיחות־חולין, דאס פארליינען זיך איינער דעם צווייטן — האבן מסתם געהאלפן דערצו.

כ'בלאנקע א פארלוירענער, אבער שוין אויף אן אויסגעטראטענעם וועג. די גאסן זיינען מרה־שחורהדיק ליידיק, די לאמטערן לייכטן מיט א מין פרעמדלעך ליכט, אבער איך דערקען די גאסן. שוין בין איך אויפן פאטסדאמער־פלאץ —אין ווייס ווו אין בין!

אויפן אלעקסאנדער־פלאץ הערט מען שוין טראסקענען די וועגער, קלאפן די פערדישע פאדקאוועס, ס'פארן אן די קלאפנדיק קאנען מיט מילך. די גלאז־דענע וועגענער מיט גרינצייג — עס ווערט היימישלעך: פון מיר ארויס פיל איך דעם גערוך; דער וועג פירט גלייך אראפ צום פינסטערן געסל — צו דער מלינה.

. . . עפעס דוכט זיך מיר ווי איך וואלט יעצט אנטלאפן פון אזא מין רעסטאראנדל, פון דער שענהייזער שטראסע, פון האגישן מארק, פון דער מינץ־שטראסע — פון שווארצן־מארק, פון „לאקשן" קופאנעס, מיך ערגעץ צו באהאלטן; נישט פון א ווארטנדיקן „שופא" דא אין א ווינקל — פון מיר אליין! פון דעם רוישידיקן „וועלט־מארק", פונם אויפן הימל א יאריד, איך בין נישט געוואקסן דעם טומל, דעם אויפגעפלווישטן הוהא; צווישן די בייסנ־דיקע ציין, דער האוואנא־שמעקנדיקער ציגארן־רויך פארטשאדעט מיך.

דא, אין דער מלינה, אינם נעפל פון הארבן שוויס און שארפן טאבעק־רויך ווער איך איינגעהילט אין א טולענעם שלייער פון טוליענדיקע געפילן, אין אן עמוד־הענן פון געדאנקן —

די שווערע מאזאליע־האנט אויף דער פלייצע, א פרעמדע, א שווארצע, זי דריקט אבער איך פיל די ערלעכע פראצע.

דער כוח פון דער ערד! פריי איך מיך: צוויי יאר קוים, און מיך דער־גראבן צו איר — אפנים „עס ציט דעם וואלף אין וואלד אריין"!

די אלע פארוויקלטע פראבלעמען, די פילפולדיקע פארוואסן און טונקעלע מאטיוון זיינען אוועק, ס'איז געבליבן בלויז דער גערוך אירער — די ערד באשאפט אירע אייגענע מענטשן, גשמיותדיקע . . . בין איך עס טאקע שוין גע־ווארן? שפעקוליר איך נישט אויף מיין אייגענעם, אוממיטלבארן אופן?

איך זע שוין פאר די אויגן, ווי עס שטייט אויף איינעם פון די שווארצע, מיט עסן־באפלעקטע טישן, א פארגעסענע בלעכענע שיסל מיט אזא באמבלדיקן לעפל אויף א קייטעלע, איינגעטוישט אים ביים קיך־פעסטערל און שוין זיץ איך ביי א גלאז ביר מיט א „בוטער־שטולע".

איך דערמאן און דעם געשלעג וואס איז ארויסגעקומען איבער אזא ליידיקע ארבעס־שיסל און שוין שטייט ער מיר פאר די אויגן — לאמיך נאר אים טרעפן, דעם מיט די אונטערגעהאקטע לונגען.

דרויסן פאר דער אפענער פארנדיקער טיר זיינען שוין געשטאנען די פולע וועגענער און דרינען ביי דער טאשעוואניע איז טאקע געשטאנען יענער, וועמען כ׳האב געהאלפן דעמלט און מיטגעפארן מיט אים אין דער מארק־האלע. מיך דערזעענדיק האט ער מיך ארומגעכאפט: „קאמעראד, ברודער, יודע, ווערסט מיט מיר אויסטרונקן איינעם״.

איך האב אויסגעטרונקן נישט נאר איינעם און פארביסן בכל לבבך און בין ארויף מיט אים אויפן וואגן. די הארטע קארטאפל אונטער מיר! דערטאפט די קילע־רובן און געכאפט א שמועס, מכוח, מיט ארויספארן מיט אים אויפן דארף.

אמת, ס׳איז שוין געווען נאכן סעזאן, די קארטאפל שוין אויסגעראבן, די קולע־ריבן שוין ארויסגעריסן, אבער ער האט נאך עפעס אנדערש אין קאפ — ער „איז א קאמבינאטאר, „א יידישער קאפ!״ אין די ביןהזמנים מאכט ער ערד — ער צעלאכט זיך: „בלומען טאפ ערד״ — ער קאמבינירט, ער מישט ערד מיט קאמפאס, מיט קונסט־מיסט און פארט אין שטאט, אין די רייכערע גאסן, און פארקויפט ערד... „די שיינע מעדאמעלעך שטעלן זיך ארום און ס׳איז אלעבן״... ער מאכט מיר אפנים חשק...

„קאמעראד, ווילסט דו מיט מאכן, שטרעק אויס די לאפע״. איך האב צוגע־קלאפט און נאכן אראפנעמען די זעק, נאכאמאל פארטרונקן און נאכאמאל פאר־ביסן און אן „אויפגערוימטער״ — שוין א צוביסל צופיל „אויפגערוימטער״ מיט אים מיטגעפארן אויפן דארף.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

אין א חשוון פינסטערער מולד-נאכט

א.

ווי כ׳ראנגל מיך ביי טאג מיט גאט און מענטש,
אזוי אין די פינסטערע נעכט מיט מיר,
זיי איך קאן נישט גובר זיין — — אבער מיך?
עס מוז דאך — — עס האט דאך אלץ א שיעור.

מילא, גאט, ער בלייבט אייביקער זיגער,
קאן מען גובר זיין א נישט עקסיסטיר?
און די הידרע מענטש — דער גולגתא־בארג!
יעטווידן אפגעהאקטן קאפ איך שפיך —

דאס בליישטיפטל צווישן מיינע פינגער,
ס׳וואלט אויפפלאמען פון מיין יעדן באריר;
דאס קילסטע ווארט ברענט אויף מיינע ליפן,
ווי ס׳גליט אין תקפת־טבות אייז־געפריר.

אבער פאר מיינע אויגן די אותיות,
גילגול־שלג אויף שניי־ווייסן פאפיר — — —

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 444) ניין און צוואַנציקסטן יאָר, דעצעמבער 1968, לאָנדאָן

אינהאַלט:

די אַכט־רעריקע חנוכה־מנורה, נס גדול היה שם 3
דער קאַמף פון די חשמונאים קעגן אומטאָלעראַנץ (עסיי) י. ריכטיגער 6
אַלץ וואָס איך בין (ליד), יוסף לעפטוויטש 15
פאַרוואָס מען האָט נישט אַרייגעלאָזט אין גן־עדן אַריין הגאון מורינו
רבי ישראל איסערליין תיכף נאָך זיין פטירה ש"י עגנון 15
אַראָפּ פונם יריד . . . קאָנוואַלעסענץ (פּראָזע, פּאָעזיע) א. נ. שטענצל 19
עמפּייר־סטייט בילדינג (ליד) אהרן ווערגעליס 31
דאָס ענדע פון יאָר (ליד) עלא זילבערג 32

יידישע ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(בערנאַרד מאַראָן סעטלמענט, הענריקעס סט., 33, א.1. יעדן שבת 3 אַזייגער)

שבת, דעם 21סטן דעצעמבער — אַ חנוכה־פּראָגראַם ס׳באַטייליקן זיך: נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג און מאיר באגדאנסקי.

שבת, דעם 28סטן דעצעמבער — סעם לעף: די פּאָליטישע אויסזיכטן פאַרן יאָר 1969.

שבת דעם 4טן יאַנואַר — לייענען יהודה ביטש׳ס דערציילונגען צום טאָג פון זיין יאָרצייט.

שבת, דעם 11טן יאַנואַר: דאָס 30סטע יאָר פון „לשון און לעבן".

דאָס אַרטיקל פון ש. י. האַרענדאָרף צו יוסף פרענקלס יובל א.א. — אַלץ אין קומענדיקן יום־טוב נומער. — **30 יאר „לשון און לעבן".**

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.*1

האָט ער געדרשנט? איבער אַ משנה פֿון רבי עקיבא: „אשריכם ישראל" (וואויל איז אייך, יידן).

און וואָס איז שייך יענעם מלאך, אַטייל זאָגן, אַז ער איז צעטרעטן געוואָרן אונטער די פֿיס פֿון די צדיקים און ס'איז דאָ אַ יש אומרים, אַז מורינו הגאון האָט געבעטן רחמים פֿאַר זיינעטוועגן און אים אַרויפֿגעבערענגט צו דער כתה פֿון די מליצי־יושר.

פֿון עבֿרית איבערגעזעצט, א. אלמוג

א. נ. שטעצל

אראפ פונם יאריד...

3

דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן גיין מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג, מיט אַ סדר, מיט אַ דרך.

ערד, מכל־שכן בלומען־ערד, קאָן מען נישט מאַכן — דאָס איז נישט קיין „ערזאַץ"! מ'מוז קודם־כל האָבן ערד, אמתע ערד, דערנאָך זי אויסבעסערן, אויסאיידעלען, פּאַראיידעלען.

איז דער סדר געווען אַזוי: זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען דאָס דאָרף איז געלעגן אין שענק, די פּויערים, די בעלי־בתים, די „קנעכט", געזופּט אין גלאָז וואַסערדיק ביער נאָכן אַנדערן, געשמועסט פּאָליטיק: פֿונם אַמאָליקן פעטן ביר, וואָס מ'האָט געקאָנט שניידן ווי מיט אַ מעסער . . . פֿונם יודען־מעסער אין רוקן, דורך וועלכן מ'האָט פֿאַרשפּילט דעם גרויסן זיג.

דעמלט ווען דאָס קירכע־גלעקל האָט געגעבן דעם לעצטן קלונג און פֿונם טאַנץ־זאַאל האָט זיך געהערט די האַרמאָניקע ווי זי אַרבעט אויףביידע זייטן, דעמלט זענען מיר אַרויס הינטערן דאָרף, אויף אַ בערגלדיקער לאַנקע, אין אַ שיטער וועלדל, און אויסגעגראָבן אַ וועגעלע ערד און עס אַהיים־געפֿירט אין שטאַל אַריין.

געבערענגט די ערד אונטערן זיכערן שלאָס, האָבן מיר זיך געלאָזן אין שענק אַריין, ווי די זיגער, ווי די איינגעמער פֿון שטיקער ערד — פֿון לענדער גאַנצע! און גענומען ערשט באַשטעלן דאָס וואַסערדיק ביר גלאָז נאָך גלאָז.

אים אָבער, מיין שותף, האָט געריי‍צט אַ געשלעג, אַ ביסל גוים־נחת, ס'צעפֿירן אַביסל יום־טובדיק די הענט — „הידים ידי עשו"! ווי קאָן מען עפּעס איינגעמען אַ שטיק ערד און זיך נישט צעבלוטיקן — האָט ער אָנגעהויבן צו פֿירן פּאָליטיק, זיך צו קלאַפּן מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין: „דער רויטער וועדינג לעבט נאָך! . . . מ'וועט אייך ווייזן, איר דרעק־פּרעסער, איר שטוול־פּוצער . . . די פּרעסע וועט איינשלאָגן" . . .

ער האָט שוין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט, אָבער איינס האָט ער געוואוסט, אַז ס'גלוסט זיך צו צעפֿירן די הענט — אַ שאָד צו פֿאַרלירן אַזאַ

טייערן זונטאָג! ער איז טאַקע נאָר איינער און זיי אַסך, אָבער זיי זענען שוין צופיל אונטערן גלעזל . . . זיי זענען דאָך שוין אַזוי געזעסן, געפּיפּקעט און געזופּט שוין שעהן און ער — נאָך מיטן „ריח השדה", פּילט נאָך דעם „גריף" פון דער לאַפּאַטע אין די הענט . . .

איך, אַז איך האָב געזעען אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט, האָב איך אים פאַרגינען און בין „פאַרדופּטעט" אינם טאַנץ־זאַאל אַריין.

זיך גוט אַדורכגעשלאָפן ווי די געהערגעטע, און דעם גאַנצן מאָנטאָג האָבן מיר פון דער רוי־ערד, פון דעם זאַמדיקן לאַנקע־ליים און פון דעם דעם וואַלדיקן, קאַלטיקן וועלק־בלעטער־געוואָרצל אויסגעאַרבעט די קונסט־ערד, די פאַראיידעלטע ערד, די בלומען־ערד.

געשאַוולט און געזיפּט, מיט דער השתנה פונם פערד געמישט, פאַר־פוילטע בלעטער וויאַנענדיק־צעריבענע, אַביסל קאָמפּאָסט אַריינגעטון, אַן עמער „מעניו", קונסט־מיסט. ער, מיין שותף, האָט געקענט די מלאכה און איך האָב נאָך מיין האַלענדישע פאַכמענישקייט צוגעלייגט — די מענטש־לעכע מי גופא האָט אויך אין זיך איר כוח און די קופּע ערד האָט איר „נאַטירלעכע" פאַרב באַקומען, איר ריח, איר צאַרטע ווייכקייט — ס'איז געוואָרן עכטע בלומען־ערד, קונסט־ערד, קיין קינסטלעכער ערזאַץ — זי האָט אין זיך דעם אָטעם פון מענטש. „ויהי ערב ויהי בוקר יום שני".

אַרומגעפאָרן מיט דעם וועגעלע בלומען־ערד זענען מיר איבער די בער־לינער „בעסערע" גאַסן דינסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג. געטיילט האָבן מיר דאָס לייזעכץ אין דריי חלקים, ווייל עס איז דאָך געווען כולו ריוח — דער דריטער שותף איז געווען דאָס פערד! קודם האָט דאָך געקאָסט דאָס אויפגעהאַלטן אים, און זיין טייל אַרבעט און צושטייער צום „רוי־מאַטעריאַל" איז לגמרי נישט געווען ווייניקער ווי אונזערע — זיין השתנה און זיינע מיסט־עפּל זענען דאָך געווען דאָס „אוממיטלבאַרסטע" און נאַטירלעכסטע אין דער גאַנצער סחורה . . . מ'האָט נאָר געדאַרפט געבן אים אַ קוק אין זיינע גנבישע, קלוגע שליפּיעס אַריין און מ'האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט זיך אויפן גאַנצן עסק . . .

אין בעל־שם לידער, וואָס איך האָב געשריבן אין יענעם פעריאָד, שפּילט טאַקע דאָס פערד די „אוממיטלבאַלסטע" ראָלע — דאָס לירישסטע, גלויב איך, אין מיינע יענע פּאָעמעס.

די ערשטע פּאָר וואָכן איז טאַקע אַלץ געגאַנגען כשורה.

זיצנדיק מיט אים אויפן וואָגן, האָט ער מיר דערציילט וויאַזוי ער איז געוואָרן אַ קאָמי, פון די ערשטע איז ער געווען, ווען ער איז צוריקגעקומען פון געפאַנגענשאַפט — כמעט ס'גאַנצע דאָרף האָט ער קעגן זיך! טיילמאָל זיך אַליין אויך . . . דעמלט הייבן זיך אָן די געשלעגן . . . מ'שלאָגט זיך נאָ קופּי איינער מיטן אַנדערן . . . פרעג בחרם וואָס ווען . . . זיי וועלן אים זיכער פערטיק מאַכן . . . האָבן זיי נישט פערטיק געמאַכט די ראָזא, קאַרלען — ראַטענאַו?

איך וויל אים זאָגן, אַז ראַטענאַו איז גאָר עפּעס אַנדערש . . . אים האָט מען „פּערטיק בעמאַכט" פּשוט ווייל ר'איז „איין יודע" און אַז איך קען גוט דעם ברודער פון ראַטענאַוס מערדער, אַ דייטשער פּאָעט, אַ דאָקטאָר . . .

„אדרבא, דערקלער עס מיר פּאַדראַבנע, ווייל כ'קען עס אינגאַנצן נישט צעקייען . . . עפּעס האַנדלט זיך כסדר מיט ־ידן . . . דאָרטן זענען עס אויך די יידן, לעניך, טראָצקי" . . . הערסט, זיי ווילן פון מיר רק אַרויסקריגן צי דו ביסט נישט אויך אַזעלכער . . . איינער פון דאָרטן" . . .

איז צוגעקומען אַ פּרוי מיט אַ יידיש פּנים, האָט ער מיר געגעבן אַ שטויס: „,קנאַרקע'" . . . שיט אָן!" און געגעבן אַ וואונקל מיט אַן אייגל צום קונה: אַן אייגענער, איינער פון דיינער . . .

דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס און דעם שבתדיקן גאַנצן טאָג בין איך געווען אַ תושב אינם ראמאנישן קאַפּעע — איז דען נישט גענוג, אַז מ'ביקעוועט זיך אויס פינף טאָג אין אַ וואַרעם בעט און מ'פרעסט ביז צום צעפּלאַצט ווערן און מ'אָטעמט איין ריינע דאָרף־לופט? זענען די פופציק שעה אין דער שטאָט געווען איין יומא־אריכתא פון ריידן, דיסקוטירן, פּאַרלייענען, זיך אָנפרייען מיט חברים, אַלטע באַקאַנטע און נייע צוגעקומענע — יעדן שבת בין איך אַליין געווען אַ פּנים־חדשות און „אוממיטלבאַרקייט" האָט געשפּראַצט פון מיר . . .

דעמלט, אין יענע וואָכן, האָב איך אויך געטראָפן צום ערשטן מאָל פּנים־אל־פּנים שלום אשן און יוסף אפּאַטאשו.

מיט אשן האָב איך מיך שוין געהאַט אָפּגעלייענט, אָבער אפּאַטאשו איז געווען אַ נייער נאָמען, וואָס איז געגאַנגען אים פּאָרויס איינצונעמען די יידישע וועלט מיט זיינע „פּוילישע וועלדער".

און דווקא ביי אַ טישל, וואו מיר אַלע האָבן אַרומגערינגלט נאָמבערגן, איז דאָס בוך אפּאַטאשוס באַהאַנדלט געוואָרן מיט דער גאַנצער הארבקייט פון אַ צד קעגן אַ צד, און די שאַרפסטע קריטיק האָט דווקא אַרויסגעזאָגט — נישט אַן אוקראַאינישער אָדער דער ליטוואַק — נאָר אַ פּוילישער.

„נייך", האָט נאָמבערג ניכטער, געלאַסן, מיט אַ שטיל הוסטעלע יעדן עקסטרע אין די אויגן אַריינגעקוקט: „און איך זאָג אייך, אַז דווקא דער שן[אַרצער ישראל איז נינשט קיין יידישער טיפּ — ער איז געגלאַכנט ביי דאָסטאָיעווסקין".

די שטילע, געלאַסענע נאָמבערג־רייד — אַ פּוילישער ייד, וואָס על־פּי שכל האָט ער געדאַרפט זיין אויף אפּאַטאשוס צד — האָבן אויפגעברויזט דאָס טישל ווי יאַגנדיקע צפון־ווינטן — די פּאָר אוקראַאינער האָבן אויפ־געכאַפּט די גלאַצע־קעפּ מיט צעבליצטע אויגן און קולבאקס טשופּרינע־פּאַטלע האָט זיגעריש געפּאַכעט אין דער לופטן . . . און זע, ווי אַ רואה ואינו נראה שטייט שלום אַש ווי אַ רואיקער דעמב הינטער אונז און גלאָצט טאָמעוואַטע מיט זיינע ווי מיט נעפּלען איבערלאָפּענע, גרויסע אויגן . . .

דאָס גאַנצע טישל האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אַשן: קודם איז ער

דער גרויסער שלום אַש, והשנית — והשנית איז ער דער, וואָס האָט געברענגט דאָס קאַפּל מיט דאָלאַרן פון „דזשוינט" צו פאַרטיילן צווישן די פּליטים־שרייבער . . .

מ׳האָט אָבער געמוזט זעען די ליבשאַפט אין נאָמבערגס אויגן, דער־זעענדיק זיין שלומען, וואָס האָט זוכה געווען לתורה ולגדולה . . . ווער איז ער יעצט הערש דוד נאָמבערג, דער באַשאַפער פון „פליגלמאַנען", אַ צייטונגס־זשורנאַליסטל, דער דעת־הקהל פון אונטערן אויוון אויף דער גענשער גאָס . . . זיין פליגלמאַן רוקט זיך נאָך דערשראָקן ווי אַ שאָטן ביי אַ וואַנט ביז ער איז אינגאַנצן אַריין דאָרט אין דער וואַנט . . . אַשס „מאָטקע", „אנקל מאָזעס" האָבן די וועלט „איינגענומען" — ס׳איז זייער צייט . . .

מ׳האָט געברויכט צו זעען נאָמבערגס אויגן, אַ קינד וואָס קוקט אַרויף צו אַ טאַטן, אַ טאַטע וואָס וויל באַשיצן זיין בן־יחיד — איין וואָרט נאָר האָט זיך אַרויסגעריסן אים פון מויל און דאָס אויך זער שטיל: „שלום".

„הערש דוד, איך קען אים, ער מאַכט יעצט זיין טריאומף־רייזע איבער אייראָפּע, זיי נישט קיין פּוגע־נוגע . . . " שמייכלט ער מיט אַ ברעם־באַוועג צו נאָמבערגן: „ער וועט זיך שוין זיין אייגן שטעטל באַשטיין . . . איך קען אים דאָס אַ יונג מיט כוחות, פון אונזערע היימישע, מיט אַן עפּעס" . . .

נאָבערג — אין דער שטילקייט פון דער גאַנצער חברה אַרום — האָט אים געקוקט אין מויל אַריין, אַרויסצוקריגן וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מיינט עס דער „עפּעס" . . . אָבער אַשס אויגן האָבן זיך שנעל ווידער באַהאַלטן אונטערן גלאַציקן נעפּל און גערעדט צו אַלעמען און ווי אין דער וועלט אַריין:

קומט חברה, לאָמיר „באַגיסן", וואָס ווען האָט ער נישט צוגעגעבן. ס׳האָט געקענט מיינען זיין דערשיינונג, זיין זיך ווייזן דאָ פאַר אונז און ס׳האָט אָבער אויך געקענט זיין אַזאַ גראַנדיעז בוך ווי די „פּוילישע וועלדער": „כ׳לאָדן אייך אַלע אָן אין ביר־קעלער אין גרונעוואַלד, כ׳מוז מיך דאָרט טרעפן מיט מיין דייטשן פאַרלעגער".

אָנגעשטופּט זיך אַ פולע טאַקסי, בין איך שוין געזעסן אויף צוויי שפּי־ציקע קני. אין ביר־קעלער, צעזעצט בהרחבה אין די ברייטע האָלץ־"זעסלען", האָט אַש, מעשה בעל־הבית, מעשה וועלט־תושב, זיך געזעצט דער לעצטער און חבריש ברייט אַ זאָג געטון:

„הייסט אייך געבן וואָס איר ווילט, וואָס אייער האַרץ גלוסט". און מ׳האָט געהייסן און ס׳איז געוואָרן וואַרעם ביי דעם שווערן, דעמבענעם וויין־קעלער טיש און די דיסקוסיעס זענען געוואָרן הייס, די האַמפּערניש האָט געקאָכט, האָב איך דערשפּירט אויף מיר אַשס בליק, אַ נאַקעטער, אַ פריינט־לעכער: „קומט דאָך אַרויף צו מיר און ווייזט מיר אַ מעשה". אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און ווי אין דער לופטן אַריין אַ זאָג געטון: „חברים, איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, עס וואַרט אויף מיר אין צווייטן צימער מיין דייטשער פאַרלעגער".

די דיסקוסיעס, די האַמפּערנישן האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעברויזט,

און דער „אָבער“ האָט געשוויצט טראָגנדיק משקה על־חשבון הגביר. נאָמ־בערגס אויגן האָבן גענומען קוקן צו דער „טיר פונם צימער, וואו דער „דייטשער פאַרלעגער“ האַלט אין איין וואַרטן. ער האָט גענומען שמייכלען און צוגערופן דעם „אָבער־שעף“ ער זאָל אים געבן דעם חשבון און צום טיש גערעדט ווי אַ טאַטע, וואָס וויל פאַרענטפערן די מאָדנע דרכים פון זיין בן־יחיד:

„אַזוי איז ער שוין, אונזער שלומל, וואָס שטאַרקער דער טאַלענט צע־וואַקסט זיך אַלץ שוואַכער ווערט דער זכרון“.

צוריקפאָרנדיק אין ראָמאַנישן קאַפּעע אַריין, זענען מיר שוין געפאָרן אין דער טאַקסי גאָר בריות, וואָרים אַש האָט ליב אַ בריוחדיקן פלאַץ צווישן חברה, אַפילו אין אַ טאַקסי . . ,

4

קומענדיק אין איינעם אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס אין קאַפּעע אַריין, האָב איך שוין פון דערווייטנס געזעען אַ פנים־חדשות. „אונזער“ עולם איז גע־זעסן אויסגעזעצט הינטן אויף דער לאַנגער, אויסגעבעטער פליושענער באַנק. דער שפיגל הינטער זייערע קעפ האָט שבתדיק געלויכטן און געוואָרפן זיין שיין איבער דער גאַנצער לענג פון באַזעצטן קאַפּעע מיט די צענדליקער טישלעך . . . אַפנים אַ גרויסע שמחה ווערט דאָ געפּראַוועט! ווי אַלע קאַפּע־באַזוכער, משמעות געווען איינגעלאַדנע געסט דערצו . . . איך בין צוגעגאַנגען פאַמעלעך צו דעם לויכטנדיקן, שפיגלדיקן, דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּען, מיך איינזויגנדיק אין דעם פנים און אין דעם שיינעם, שלאַנקן, בלאָנדן פרויען־קאָפּ ביי זיין זייט.

ווי רעגעלמעסיק־האַרמאָניש, ווי שטיל דאָס פנים פון דער פרוי איז נישט געווען, איז זיין גרויסער, ברייט־געפאַלדעוועטער שטערן איבער זיין קליינעם, צעקנייטשטן געמבעלע־צוגעשפּיצטן דרייעק נישט געווען פּראָ־פּאָרציאָנעל. די לענגלעכע נאָז האָט ממש געפּיקט די ווערטער, וואָס האָבן זיך ווי גאַרשטן קערנער געשאָטן פון זיין מויל — ער קאָכט זיך ווי איבער אַ הארבן רשב"א! ווי איבער אַ תשובה אויפצובינדן אַן עגונה . . .

דער שוואַרצער קענזשער־קאָפּ באַוועגט זיך אין אַלע זייטן. די הענט זענען נאָך פלינקער מסביר. איך האָב אים שוין, זיינע אויגן, אָט זענען זיי אַזוי פּיטשעדיק־קליין, אַ פאַרלוירן פּינטעלע, און אָט רייסן זיי זיך אויף אייך איינצושלינגען.

איך בין נאָך פאַמעלעכער געגאַנגען און כ׳שפּיר, אַז די אויגן קוקן טאַקע אויף מיר ווי זיי וואָלטן מיר געגעבן אָנצוגעהערן: „בחור, וואָס גאַ־פּיעסטו אַזוי? . . . יאָ, די שיינע דאַמע איז מיין פרוי“.

מיינע שריט האָבן זיך צעיאָגט און דירעקט צום מיטלפּונקט פון די טישלעך: „שלום עליכם, דער שרייבער אַפּאַטאָשו?“

„וואַרט, כ׳האָב עס. א. נ. שטענצל, כ׳קען אייך“. ער האָט זיך ברייטלעך

אויפגעשטעלט. אינם פריילעכן לאַכן פון זיינע ליפּן האָט זיין צעפּאָלדעווע־טער תלמיד־חכם־שטערן ליכטיק אַרויסגעלויכטן פון דעם ענגן, צוגעשפּיצטן דרייעק — איך האָב נאָך אַלץ געגאַפּיעט.

„זעצט איך, דאָס איז מיין פרוי, אַדעלאַ. (אַזוי גלויב איך, אויב ס'גע־דענקט זיך נאָך, נאָך זעקס און פערציק יאָר. בכל אופן, דאָס פּנים פון פרוי אַפּאַטאַשו שטייט מיר נאָך אַצינד פאַר די אויגן).

זיי האָבן געוואוינט אינם קאַנט־האָטעל — עס איז געווען „משכנו נרוצה אחריך״!

ר'האָט די פרוי אַריינגעפירט אין זייער צימער און דערנאָך זענען מיר געבליבן זיצן אין פאיע. ווילאַנג? איך זיץ נאָך מיט אים אַצינד . . .

אַמין היימישקייט, ס'האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט — ס'גאַנצע גע־שטעל האָט אַרומגענומען מיט ליבשאַפט. אַזאַ נאַכט ברעכט איינעם אויף ווי אַ בלאַנקענדיקער שפּאַדעל אַ שטיק קרקע־בתולה.

ער האָט זיך מיט מיר אַזוי געזעגנט, אַז נאָך אַמאָל ארויפצוגיין אין האָטעל וואָלט געווען איבריק. צוריקגיין אין קאַפעע, טרעפן מאָרגן חברים — ס'וואָלט אַלץ וואָכעדיק געמאַכט.

כ'האָב אַזוי געבלאַנקעט ביז די זון איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיקטע איבער דער שפּרעע און איך אונטער דער בריק ביים באַנהאָף פרידריך־שטראַסע און געקריצלט מיט מיין בליישטיפטל אַ לידל „מיין עלטערע ברו־דער״.

ווייט פון דער היים, פון היימישע יידן, פון יידישקייט, פון טאַטנס הויז — אַ פאַכאַלעק אַזאַ! קומט אַ מענטש פלוצלינג פון ווייטן קאָלאמבוס־אַמעריקע און נעמט דיך אַרום מיט אַזאַ היימישקייט, מיט אַזאַ פּויליש־יידישקייט — מיט אַזאַ „בני־היכלא דכסיפין״ — וואַרעמקייט.

איך בין געגאַנגען אויפן וועג פון דער פרידריך־שטראַסע צום שטעטיגער־באַנהאָף צו פאָרן צוריק אין דאָרף אַריין צו האָבן פאַר מיר דעם גאַנצן פרייען שבת.

* * *

ווען כ'בין אין שטאָל אַריין האָב איך אים, מיין שותף, געטראָפן ליגן אַ צעהרגעטן, מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און אַ צעביילטן קאָפּ, איין אויג האָט מען אים אינגאַנצן נישט אַרויסגעזעעט:

„פאַרדופּטע״, האָט ער קוים אַרויסגעשעפּטשעט . . . זיי ווילן דיך פערטיק מאַכן . . . פאַרדופּט . . . מיין „שאַכטל״ קומט שפּעטער, ווערט זי מיך אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין״.

דאָס פערדל, דער דריטער שותף אונזערער, האָט טריב געקוקט, מיט אַ קאַפּעדיק אויג, ווי מיט מיטלייד, ווי מיט זאָרג און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; עס האָט געקאָנט זיין גרויס־פּאָליטיק: אַט אַזוינס־אַ זייט איר, איר מענטשעלעך. איבער אַ צענטער ערד קוילעט מען זיך איינס ס'אַנדערע . . . און ס'האָט געקענט מיינען: ער איז גערעכט, טראָג דיך אָפּ און דאָס וואָס

שנעלער, מיש דיך נישט אין פרעמדע עסקים . . . ס׳איז איין חד־גדיא, קאספער, מייכער, באלזער . . .

איך האָב אים געוואָלט עפּעס געבן, אַרום צו ווישן, האָט ער געגעבן אַ בייזן מאַך מיט דער האַנט: „פארדופטע! . . .

כ׳בין אַריין אין קיך, געהאט דאָרט מיין ביסל כתבים, אַ צוויי־דריי ביכער. זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון מיר, קיין זכר . . . דאָ וועט זיך, מסתם, נאָך פּאָליציי אַריינמישן . . . נאָך אַ נס וואָס כ׳בין היינט געקומען, מאָרגן וואָלט מיך די חברה אָפּגעוואַרט . . . כ׳האָב מיך שנעל געלאָזן צום קליינעם דאָרף־באנדל.

אָנגעקומען אויפן שטעטינער באַנהאָף אַ נישט־דערשלאָפענער, אַ הונ־געריקער, אַ אַ פאַרמוטשעטער פון די אַלע משונהדיקע געשעענישן און דערלעבטע איינדרוקן, האָב איך מיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער סטודענטן־היים,ראג פרידריך־אראניענבורג שטראַסע.

ס׳איז נאָך געווען לידיק. אין דער צווייטער שטוב ביים בופעט האָט זיך אַ פרוי געפּאַרעט. כ׳בין געבליבן זיצן אויף אַ זעסל אַ מיד־פאַרמוטש־עטער, אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, אַ פאַרטראַכטער.

אפּאטאשוס זאָג: „אין דער דיכטונג געפינט איר דאָך אויס נייע וועגן, מיר אין דער פּראָזע שלעפּן זיך תמיד אויפן אויסגעטרעטענעם אָקסן־טראָט“ . . . איז מיר געבליבן שטעקן ווי אַ שפּיציקער קלין אין קאָפּ. וואָס הייסט מיר געפונען אויס? ס׳קאָמפּליצירטע לעבן געפינט אויס . . . ווי קאָמפּלי־צירט אַלץ איז . . . ווי „אוממיטלבאַר“, ווי נאַטירלעך פאַרוויקלט און משונה־דיק . . . טראַכט איך? חלום איך? . . . אָט דזשימיע איך איין און אָט כאַפּ איך מיך דערשראָקן אויף: אַן אָקס מיט גרויסע, שפּיציקע הערנער גייט אויף מיר אָן. פונם קענזשער־קאָפּ, פונם געקארבטן שטערן לייכטן אַזעלכע גרויסע רויט־תאוהדיקע תלמיד־חכם־אויגן.

„חבר, וואָס פאַרשלאָפט איר אייערע יינגע יאָרן“, שפּיר איך אַ קלאַפּ אין פּלייצע און רייס אויף די אויגן.

„אַנטשולדיקט, נישט געמיינט, חלילה, קיין שלעכטס. כ׳באַאָבאַכט אייך שוין אַ לענגערע צייט און זע, אַז איר זענט זער צעטראָגן . . . אפשר קאָן איך אייך מיט עפּעס . . . איר פאַרשטייט, מיר קאָן שוין גאָרנישט געשען, מיר איז שוין אַלץ געשען“.

איך טשוכע מיך אויס, קוק אים וואָרטלאָז אָן: דער טיפּ פון אייביקן סטודענט, פון פאַרשפּילטן טאַלאַנט, פונם גייסטיקן טרעמפּ?

„נעבנביי, מיין נאָמען איז אשמיל. איר ברויכט זיך נישט פאַרצו־שטעלן, איך האָב אייך געזעען מיט אברהם מרגליותן . . . אָבער לאָמיר נישט אַוועקגיין פונם עיקר: איר זעט, די גרויסע שטעט, די מעטראָפּאָליע האָבן איין גרויסע מעלה, אַז אַ מענטש האָט באמת עפּעס צו זאָגן, זאָגט ער עס שוין . . . וויאַזוי? דאָס איז קיינעמס עסק נישט . . . עס איז זיין אייגענער! קומט אַראָפּ, וועל איך אייך ווייזן, אַז מ׳ברויך די אַלע געשוואוי־

רענע בעל־טובות אויף תשעה־טויזנט כפּרות. מיט איין כראקע מוז מען זיי אַלע אַלע דערטרינקען . . . קען מען דאָס נישט — קען מען דאָס נישט!"

„אָבער וואָס רעדט איר אַזויפיל, וואָס ווייסט איר וואָס איך מיר טוט טוט זיך . . . ? וואָסערע בעל־טובות? . . .. "

„מיטן ערשטן זענט איר כשר געקערעכט, אָבער מיטן צווייטן? צ׳לאָכט ער זיך אַ נישט־גוטס: „אָבער איך ווייס דאָך וואָס איך מיר טוט זיך . . . ?

ער שטעלט זיך אָפּ און קוקט מיך שאַרף אָן: „כ׳האָב מורא פון דעם

(המשך אויף ז. 31)

קאָנוואַלעסצענץ

קאָן דען אַ הימל זיין אַזוי גרוי,
די געדיכטסטע כמאַרע אַזוי שווער?
כ׳דערזע מיין פּנים אינם שפּיגל,
כ׳דערקען מיך נישט; ווער איז עס, ווער?

צי איז דען עמעץ דאָ אין שפּיגל?
אויפן הימל אויבן פּונקט אַזוי!
נאָר אין האַרץ קאָן זיין אַזוי שווער,
הויערן אַזוי טרויעריק גרוי.

בין־השמשות גרוי

דער גאַנצער גרויער אַרומעט,
דער הימעל אין אַ וואָלקן פאַרהילט;
עפּעס ווי רויטס, רויטלעך־רויזיקס,
ביטערלעך אין דער לופט זיך פילט—

ווי אין אַ גלאָז מוטנע וואַסער
אַקאָרשט זיך אויפגעלייזט אַ פיל;
כ׳קוק מיך אַרום ווי כ׳הער עפּעס—
אַזאַ אומעט טרויעריק שטל.

א פינסטערע נאכט . . .

לעשן זיך די שטערן דרויסן אין ווינט,
וואקלט לבנה צווישן וועלן־געברויז?
איך וואַרף מיך ווי דער ים די גאַנצע נאַכט,
אַנגסטן פלייצן מיר פון שטערן אַרויס.

איז עס דרויסן דאָס גוססדיקע ברויזן?
ווי אָנגעשטרענגט אָפּן די אויגן כ׳האַלט!
קיין שטערן־שימער, קיין שנירל שיין שוין,
ווי אַ שטערן פון אויג אַ טרער מיר פאַלט.

פילן זאָגן וועל איך דעם עיקר נישט דערזאָגן: גלויבט זיי קיינעם נישט, ס'איז אַ חברה לאַ־יצלחס און שלעפּערס — אחד מאלף לא מצאתי".

ווער, וואָס מיינט איר?"

„וועגן דעם וועלן דאָך טאַקע זיין אַלע אונזערע שמועסן שפּעטער". ער איז שוין געווען זיכער אין מיין ווערן אים צוהערן, און זיגעריש מיר אַריינגעקוקט אין מיין בליק, אים פריינטלעך צוזוואַרפנדיק.

מיר זענען אַראָפּ, אַריין צו אשינגערן. איך האָב גענומען אַ גלאָז ביר און ער — פּאָרציע קאַרטאָפל־סאַלאַט פאַר פיר פעניג. מיר האָבן זיך אַנידערגעשטעלט ביי אַ געשטעטל: אין אַ קערבעלע זענען געלעגן ברויך־אויסגעבאַקענע קייזערקעלעך, אַרום זענען געשטאַנען מעסטעלעך מיט זאַלץ, פעפער, מושטאַרדע, פלעשלעך מיט עסיק, אליוון־אייל אאז"וו.

ווען איך האָב געהאַט אויסגעזופּט מיין גלאָז ביר, האָט ער שוין געהאַט אויסגעטונקען אַ האַלבן טוץ זעמעלעך אינם אליוון־אייל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין צוגיסן אין טעלער קאַרטאָפל־סאַלאַט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ :יגער: „דאָס איז מיין מיטאָג, און גלויבט מיר — אַסך געזונטער ווי די חזירישע וואורשטלעך מיט די אַלע בראַטנס און קלאָפּסן . . . נעבנביי, לאָמיר נישט איבעררייסן אונזער וויכטיקן שמועס איבער דעם ביסל אכילה: איר מוזט נאָר האָבן וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרייבן, איז אַלץ פאַר אייך אָפן, אַלע ביבליאָטעקן, אַלע אוניווערזיטעטן — אויף אַ וואקזאל פון מינדסטן באַנהאָף קאָן מען אָנשרייבן אַ דיסערטאַציע — אַלץ אַנדערע איז שמאָכטעס!

„נישט פון יעטעס „פאוסט"־גראַממען — פון די אונטערגרונד־אַנאָנסיפערזן מוזט איר לערנען מאַכן אַן אמתע פּויסט . . ."

דער מענטש איז מיר געפעלן און מיר האָבן זיך אַזוי אַרום געשלעפּט שעהן. ביי דער נאַכט זענען מיר אַריינגעפאַלן צו יאַנטלען אויף דער גרענאַדיר שטראַסע און געגעסן אַ היימישן קאַרטאָפל און באָרשט. ביים אַרויסגיין האָב איך געוואָלט צוגיין צו דער טאַשעוואַניע באַצאָלן, האָט ער מיר געגעבן אַ צי ביים רעקל: „איר זעט נישט, אַז דאָ ווערט געפּראַוועט אַ חסידישע מלווה־מלכה?"

„וואָס איך האָב געחלומט די נאַכט, יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר — — ?

„חלומט נאָך נישט", האָט ער זיך צעלאַכט ווי אַ נישט־גוטער: קודם מוזט איר האָבן וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגען . . . און אויב איר וועט זיין באמת שלעפּעריק, וועט איר שוין שלאָפן ווי אַ געהרגעטער. ס'ברויך נישט דווקא צו זיין קיין הימלבעט . . . אלא נישט, וואָס טויג דאָס ליגן? . . . און מכוח די אשת־חילס, דאָס איז אַן עקסטראַ קאַפּיטל . . . נאָר מיינט נישט, אַז זייערע יאַכנעס זענען בעסער", האָט ער אַ וויז געטון מיט דער האַנט אויף די צעזעצטע יידן ביי די טישן און די גרויסע קאַפּלעך און סאַמעטענע קאַפּאַלאַטשן; און מיך אַ צי־געטון ביים רעקל אין דער פּיי־סטערער גאַס אַריין.

(המשך קומט)

דרייסיגסטער יארגאנג פון אונזער זשורנאל „לשון און לעבן"

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 445) דרייסיגסטער יאָר January יאַנואַר 1969, לאָנדאָן.

א י נ ה אַ ל ט :

אַ וואָרט צום 30סטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן",
אַ ווייטשעפּל־ליד, צום יאָר 1969 3
ניי־יאָר (ליד) שמואל וואַהייט 8
משה עובדס צוועלף זילבערנע יידעלעך ש. טענענבוים 8
איינס און איינס (ליד) יוסף לעפטוויטש 10
שמאַלצאַווניקעס (דערציילונג) יוסף ד. באַסט 11
פאַרוויאַנעטע בלעטער (ליד) עלא זילבערג 14
רפאל מאַזין (פון סעריע „ווייטשעפּלער טיפּן") י. ח. בענקוויטש 14
אָוונטיקע שעה (ליד) דוד אַפּאַלאָוו 17
אַראָפּ פונם יאַריד . . . אויפן בראַכשטול פון צייטן 17
(פּראָזע און פּאָעזיע) א. נ. שטענצל
„ליב האָבן ישראל" אייזיק גאָלדבערג 20
ירושלים (ליד) עלוזע לאַסקער־שילער 31

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 הענריקעס סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דער 25סטן יאַנואַר, סעם לעף: די פּאָליטישע לאַגע אַצינד אין דער וועלט.

שבת, דעם 1־טן פעברואַר, „שבת־שירה פּראָגראַם" — מאיר באָגדאַנסקי וועט זינגען פאָלקסלידער און אייזיק גאָלדבערג וועט פאָרלייענען.

שבת, דעם 8טן פעברואַר, יעקב ריכטיגער: חמשה־עשר בשבט אין דער יידישער אגדה. נעט רובין וועט רעציטירן; מאַדאַם נאַדלער וועט זינגען ישראל־לידער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

בית־מסחר ספרים אין בערוויק סטריט. לײדער איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק דאָס געשעפט דער פרוי זײַנער און דעם אײדעם אָנצופירן.

די בוכהאַנדלונג אין ווײַטשעפּל האָט געליטן פון די באָמבעס בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. רפאל מאַזין אַליין איז אויך אַוועק אויפן עולם האמת, און יצחק מאַזין, אַ צווייטער זון, האָט אין משך פון יאָרן געזוכט ווײַטער צו פירן דאָס געשעפט. אויך ער איז שוין אויף יענער וועלט. געבליבן איז בלויז אַ טאָכטער, וועלכע איז נישט געווען ביכולת מיר אָנצוגעבן גענוי ווען איר פאָטער איז נפטר געוואָרן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין! אַוועק זענען יענע יידן, יענע טיפּן, וועלכע וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן.

דוד אָפּאַלאָוו

אוונטיקע שעה

מילדע, אָוונטדיקע שעה,
ווידער ביסטו מיט אונז דאָ.
יעדער שאָטן — זײַדן צאַרט,
ווי געזאַנגען פון מאָצאַרט.
די לבנה — שײַן און בלײַך

איז אַ צירונג אין דער הייך.
אין לאַמטערן־בלאַסן שײַן
ווערט פאַרגרינגערט צער און פּײַן.
יעדע גאַס אונז רופט און רופט
ווי פון בלומען דינער דופט.

א. נ. שטענצל

(המשך) אראפּ פונם יאריד...

5

ראַג מינץ־גרענאַדיר שטראָסע זענען מיר אַרײַן אין אַ נאַכט־לאָקאַל, אַ מין קנײַפּע־„קאַשעמע“, פול מיט זויערלעך־בײַסיקן רויך און מגוואַלדיקן ריח פון ביליקע גאָסן־פּרויען, וואָס זענען כסדר אַרויס און אַרײַן מיט זייערע אָפּגעפּערטיקטע און פרישע „קונים“; זייערע פּאַנצן, בײַ די מיט ביר־קופּלעס פון אָנגעשטעלטע טישלעך, אויף די אויסגעדרייטע בענקלעך, ריטשענדיק צווישן זייערע קני, די שאַרפע מאַרדעס, שראַמען צעשניטענע, אויף זיי אָנלענען, האָבן זיי גנביש צוגעוואונקען מיט פלינק־פאַרמאַכטע אייגעלעך און האָבן רוישיק געטרונקען און געראויכערט.

מיר האָבן זיך געזעצט בײַ אַ ווינקלדיק־לײדיק טישל. אַ סאַרווערין איז צוגעקומען און באַלד מיטגעברענגט צוויי קופּלעס וואַסערדיק ביר. נאָך אײדער דעם ערשטן זופּ געטון, האָט אַשמיל שוין אָנגעהויבן צו ריידן; ס'האָט אויסגעזען ווי די סאַרווערין וואָלט געווען איבערגעהאַקט אונזער געפירטן שמועס מיט איר צוקומען און איצט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, הייבט ער ווײַטער אָן דאָס איבערגעריסענע.

„... איך האָב מיך עקסטרע אַמאָל געהאַט אַריינגעכאַפּט צו אַזאַ מין לעקציע פון דעם ,באַרימטן פילאָזאָף, דעם נביא פון אונזער צייט', ווי מען טיטולירט אים. — עס איז פאַר מיר געשטאַנען אַן אָנגעגעסענער קאַזיאָל, וואָס איז מעלה־גירה מיט אַזאַ הנאה, אַז די סלינע רינט אים פון ביידע זייטן באָרד. ס'איז מיר ממש אַ ברעכן אָנגעגאַנגען פאַר דעם סענטימענטאַל־יהודישן קוואַזי־וויסנשאַפט! מיין מאַרקסיסטישע קינדער־קראַנקהייט בין איך שוין איבערגעקומען — אָבער אַ שטיקל עסטעטיש געפיל מוז דאָס דאָך אַ מענטש האָבן: לעבעדיקע צאַפּלדיקע פּסוקים אַזוי צו צעגריזשען.

„און מיינט איר ער איז איינער? אַ גאַנצע שולע שוין געוואָרן. איר קאָנט עס הערן נאָכקרייען פון יעדן פּרעדיקער פון קאַנצל און פון יעדן מיסיאָנער אויפן ראָג. גלויבט מיר, אויב דאָס איז רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, וועל איך בעסער אַריינגיין אין 36 אין בית־מדרשל אין דער גרענאַדיר־סטראַסע און מיך צוריקאַנידערזעצן ביי דער צעשליסענער גמרא.

„אַלע עבודה־זרות האָב איך שוין געדינט: געשריבן קאָמוניסטישע פּראָקלאָמאַציעס, קאָרעגירט מיסיאָנערישע ליפלעטלעך, אפילו לידער שוין געשריבן אין זשאַרגאָן און אין העברעאיש.

„ענדיקנדיק דעם רבנים־סעמינאַר אין וואַרשע — ד״ר פּאָזנאַנסקי איז דאָך קייגן די ברואימלעך אַ גאון! — האָב איך געוואַנדערט אין קראַקע פון איין פאַקולטעט צו דער אַנדערער. אין דער באָלשעוויסטישער מלחמה —ווען זיי זענען געשטאַנען ביי וואַרשע! — בין איך געוועזן אין אַ משוגעים־הויז, ווייל כ'האָב דעזערטירט, מיט אַ קונץ נישט געשטעלט צו ווערן ביים וועגטל. נאָכן קריג בין איך אַריבער די גרענעץ, און זייט דעמלט שלעפּ איך מיט מיין פאַרפאַסטער העברעאישער גראַמאַטיק אויף פּויליש. איך טראָג אים, דעם כתב־יד, זייט דעמלט, מיך שוואַרצנדיק די גרענעץ, אויף מיין נאַקעט לייב. ווי איר זעט, בין איך אַ פאַרפאַסער!“

ער איז שטיל געוואָרן — ווי אַ שטראָם, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי פאַרמאַכטע סטאַווידלעס, — זיך טאַפּנדיק ביים לייב, מסתם דאָרט וואו דער מאַנוסקריפּט איז געלעגן.

און אפשר בין איך טאַקע משוגע און עס איז גאָר נישט „געמאַכט“ געוועזן דעמלט“... האָט ער ווי רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ מין רוגזה אָנגעהויבן צו טרינקען דאָס וואַסערדיקע ביר. דעם קופּעל שטיין לאָזנדיק אויפן טיש, האָט ער דעם קאָפּ אַלץ מער אַראָפּגעבויגן.

איך האָב געהאַט צייט אים צו באַטראַכטן אַזוי אין זיין שטייף־געוואָרענער, איינגעקאָרטשעטער האַלטונג. איך האָב אָנגעהויבן צו טרינקען פּאַמעלעך, כדי לענגער צו קאָנען טראַכטן. ער האָט דערפילט, אַפּנים, מיין בליק און שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איך האָב מיינעם שנעל אויסגעדרייט צו דעם אָנגערויכערטן זאַאַל. אַלע פּנימער אין דעם גרעלן, פאַררויכערטן ליכט, האָבן פּייערלעך אויסגעזעען — ווי איינגעוויקלטע אין טיול־זיידענע שלייערס.

צוזאַם מיטן קאָפּ האָט ער אויף דעם קופּעל פון טיש אויפגעהויבן. זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט ווי ער וואָלט גרויס הנאה געהאַט פון דעם אָפּפרישנדיקן, וואַסערדיקן טרינק אָדער פון אַ געדאַנק, וואָס ער האָט ווייטער געוואָלט נעמען ציען.

„האָב איך אייך נישט פאַרמאַטערט? כ׳זע, אַז דאָס שוואַכע געשלעכט אינטערעסירט אייך. מיינט אָבער נישט, אַז זיי זענען טאַקע אַזוי שוואַך. די שוואַכינקסטע דאָ לייגט אַנידער דעם שטאַרקסטן מאַן".

איך לאַך ווי פון אַ געלונגענעם וויץ.

„דאָס איז נישט אין וואולגאַרן זין געמיינט! איר זעט די שטאַרקע ריזן-יינגען, וואָס זיצן דאָ אַרום. זיי לאָזן זיך אויסהאַלטן פון אַט די מיידלעך, און זיי ליגן אונטער די פאַנטאַפּעלעך, ווייל זיי, די מיידלעך, זענען די פּרנסה-געבערינס. גלויבט מיר, ס׳איז אַ פאַך ווי אַלע פאַכן.

די סאַרוווערין האָט געזעען, אַז אונזערע קופּלעס זענען ליידיק, איז זי גלייך צוגעקומען מיט צוויי פרישע. אַוועקגענומען די ליידיקע און אַוועק־געשטעלט די פולע.

„זעט איר, קיין סך צייט פאַרברענגען דאָ טאָרן מיר טאַקע נישט, ווארום זי האַלט אונז אויפן אויג. וועלן מיר די צוויי אויסטרינקען וועלן באַלד שטיין אַנדערע צוויי"...

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי איינער, וואָס וויל זיך עפּעס געגוי דער־וויסן: „איר האָט דאָך נישט וואו צו שלאָפן, ווי איך זע. וועט איר מיט מיר מיטגיין. קיין דעפּאַרטאַמענטן מיט הימל-בעטן האָב איך נישט, אָבער אַז אַ מענטש האָט שוין איינעקע נעכט נישט געשלאָפן און אַ פּאָר גלעזער ביר אויסגעטרונקען, שלאָפט ער שוין ממילא ווי אַ געהרגעטער וואו דו וועסט אים נישט אַנידערלייגן.. אלא נישט, האָב איך דאָך אייך שוין געזאָגט, גייט מען צום נאָנסטן וואָקזאַל און מ׳זעצט זיך צו דער אַרבעט — אַ פּאָעט איז דאָך תמיד אינמיטן דער אַרבעט..." האָט ער זיך מיט הנאה צע־שמייכלט.

איך האָב אים שאַרף אָנגעקוקט. דער מענטש איז מיר געפעלן. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט די פולע קופּלעס ביר, אַזוי צו זאָגן, געטרונקען ברודער־שאַפט און אויסגעטרונקען דאָס וואַסערדיקע געטראַנק אין איין צוג.

מיר האָבן נישט געהאַט ווייט צו גיין, אָבער אויף דעם קורצן וועג האָט ער נאָך געהאַט צייט מיר צו דערציילן: ער לעבט פון דריי לעקציעס און דאָס גיט אים זיין גאַנצע פּרנסה. איך וועל מיך שוין איבערצייגן, אַז ס׳איז גענוג. ווי זאָגט עס זיך דאָרט אין דער משנה: „פּת במלח תאכל ועל הארץ תישן".

מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ הויז אין דער דראַגונער־שטראַסע אָדער אַ גאַס ווייטער. אַלנפאַלס, נישט ווייט פון דער מולאַק-גאַס.

„מיטן רעכטן פוס!" מיר זענען אַריין אין אַ פינסטערן, שמאָלן קאָרידאָר, אַ ווילגאַטשענעם, אַן עיפּושדיקן. פירנדיק מיך ביי דער האַנט, זענען מיר

צוגעקומען צו האַלצענע שטיגן. מיר האָבן גענומען פּאַרזיכטיק און וואָס שטילער זיי אַרויפשטייגן. דאָס קרעכצן פון די אַלטע שטיגן איז געווען ווי זיי וואָלטן ווייטער געצויגן זיינע ניין מאס רייד. עס האָט גאָרנישט קיין ענד גענומען. לסוף זענען מיר דאָך אָנגעקומען אויף אַ פינסטערן בוידעם — ממש אַ בוידעם.

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, פליסטערט ער מיר שטיל צו: „זייט פאָרזיכטיק, גייט מיט ווייכע טריט. דאָ שלאָפן מענטשן, דערנידעריקטע, כ'האָב שוין גענומען הערן אַ שנאָרכן, פּאַנפּען פון אַ נאָז, זעגן פון אַ גאָרגל — אָן איינגעהאַלטענעם, שטילן זיפץ.

ער האָט מיך ווידער אָנגענומען ביי דער האַנט: „זעט, דאָרט ביים לופטשיקל איז אונזער דעפּאַרטאַמענט" . . . מיר לייכטער צו מאַכן, אַפּנים, האָט ער מיט שטילינקער איראָניע צוגעלייגט:

„לייגט איך אַנידער אָט־אָ דאָ ווי איר שטייט און פאַלט אַריין אין דעם סימפאָנישן אָרקעסטער, אינם געשנאָרך אָנע ווערטער" . . .

ער איז געווען כשר גערעכט: לעולם, נאָך אַזעלכע צוויי משונהדיקע שרעקלעכע טעג אויפן דאָרף מיט מיין בלומען־ערד שותף און היינט מיט אים, דעם משונהדיקן פאַרשוין, דעם גאַנצן טאָג דאָס ווילדע אויסטערלישעריידן, האָב איך געדאַרפט אַנידערפאַלן ווי אַ געהאַרגעטער און אַריינפאַלן נישט נאָר אין אַ פעסטן שלאָף, נאָר ממש אין אַ הינערפלעט! אָבער עס איז דווקא דאָס פאַרקערטע געשעען. איך בין ליגן געבליבן אַ וואכער, אַ פאַרבליפט־צעטומלטער: וואו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן? צווישן שדים? . . צווישן בייזע רוחות אויף אַ בוידעם? . . וואָס טוט זיך דאָ? אָבער מיינע צעשראָקענע אויגן האָבן זיך באַרואיקט, זיך אָפּגעשטעלט אויפן לופטשיקל, דורך וועלכן ס'האָט אַריינגעציטערט אַ פינקלדיקער שטערן —

„כ'פיל, אַז איר שלאָפט נישט . . . זאָגט זיבן מאָל ,רגזו ואל תחטאו' אַהין און צוריק . . . דאָס מיטל איז בדוק ומנוסה" . . . דאָס פּנים זיינס האָב איך נישט געזעען, נאָר אין דעם סאַרקאַסטישן טאָן האָב איך עס מיר געקענט מצייר זיין: „און אויב שטייפע געדאַנקען קיצלען אייך, קאָנט איר זיך דאָ אויסזוכן אייער בעאַטריטשע — אפילו אַ דאַנטע אין גיהנום האָט עס אויך נייטיק! — זיי ליגן דאָס אויסגעלייגט צום אויסוואַל — לועס אָדער גאַנאַקאָקן! דאָס איז שוין די לעצטע מדריגה פון מענטשלעכער פּראָ־דוקציע. עקספּלואַטאַציע איז שוין דאָ נישט שייך . . . אויב מ'וואָלט נאָך פון זיי געקענט אַרויסציען אויף איין קופּעל וואַסערדיק ביר, וואָלטן זיי זיך נאָך געדרייט איצט אַריין און אַרויס אונטן אין דער קנייפּע ־„קאַשעמע". איר שלאָפט? איך האָב אויך געפּראָווט גראַמען אַמאָל „ברויט" מיט „טויט", אָבער די מענטשלעכע נויט איז גרעסער פון גרעסטן פּאָעט — אפילו פון דאַנטען. אַ גוטע נאַכט".

צי ס'איז געווען עכט, צי געקינסטלט, ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און זיין נאָז האָט זיך גענומען באַטייליקן אין דער סימפאָניע „שנאָרכן אָנע

ווערטער".

דאָס כסדרדיקע, דאָס ריטמיש־מוזיקאַלישע האָט מיך, אפּנים, באַרואיקט; דאָס פינקלדיקע שטערנדל, טאַנצנדיק אין לופטשיקל, האָט אויך זיינס געטון און די וואנזיניקע וואכיקייט האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף איר שטייגער: איז דאָס טאַקע שוין דער לעצטער שטאַפּל פון מיין פּראָדוקטיווער ערד־בענקשאַפט, מיין חלום — אין קבוץ מיט א. ד. גאָרדאָן! אָט־אָ דער מסחר־שותפות מיט בלומען־טאַפּ ערד? . . .

און וואָס איז מכוח מיין „אוממיטלבאַרקייט"? דאָ הויך אויפן בוידעם, עס קאָן דאָך שוין העכער נישט גיין . . .

גיט דאָס שטערנדל אַ פינקל אָדער ביי מיר אין מוח: אָז וואָס מיינט דען אייגנטלעך „אוממיטלבאַרקייט"? זיך איינלעבן אין די זאַכן, זיין איינס מיט זיי, פאַרבונדן, פאַרדבקהט, פאַרזויגט, אַ דבקות־טאַנץ גיין מיט זיי — אין דעם סימפאָנישן קאָנצערט „קרעכצן אָנע ווערטער"! אָבער קאָן איך מיך אויפהייבן דערצו? קאָן איך דאָס לעבן אויפהייבן דערצו? ווי הויך כ'האָב מיך שוין דערהויבן, הויך אויפן בוידעם דאָ אַרויף . . . אפשר גאָר געפינען דאָ אַ שטריק ערגעץ אויף אַ קראַקווע . . . און אַראָפּ פונם מאַרק . . .

שאַרכט עס אַ ראַט, אַ מענטש, איז עס אין מיין מוח? „איר זעט מיר נישט אויס צו האָבן די הערנער צו נעמען די וועלט אויף זיי און זי אַדורכ־צושאָקלען" — — —

אַפּנים מיין געדאַנק האָט שוין גענומען פלאָנטערן, דעם מוח איינשלעפ־ערן אָבער די אויגן האָבן נאָך אַלץ געזעען: דורכן לופטשיקל האָט זיך גענומען שטופּן אַן אָקס מיט שפּיציקע הערנער . . . איך דערקען אים, דעם קענזשער קאָפּ, פונם געקאַרבטן שטערן לייכטן אַזעלכע גרויסע רויט־תּאוודיקע תּלמיד־חכם אויגן . . .

ווען האָב איך דאָס פּנים געזען נעכטן ביינאַכט, היינט אין חלום? — —

איך האָב דאָך געמוזט אַנטשלאָפן ווערן און געשלאָפן טאַקע ווי אַ גע־הרגעטער, ווארום אַזוי ווי איך בין געלעגן מיטן פּנים צום לופטשיקל און דאָס בלוי־גאָלדענע שטערנדל האָט מיר אַקייגנגעטאַנצט מיינע ווילד־וואכע רעיונות, אַזוי האָט אַ ליכטיקע, שפּעט־האַרבסטיקע זון, דורך דעם זעלבן גרוי־פאַרשטויבטן שייבל, אַריינגעשיינט און געגלעט מיר דעם אויסגערוטן שטערן מיט אירע וואַרעמע, ווייכע שטראַלן — כ'האָב מיך אַפּנים, אין דעם פעסטן שלאָף אויף אַ זייט אפילו נישט אויסגעדרייט און געבליבן ליגן אַזוי ווי געלעגן. און אפשר וואָלט איך נאָך אַזוי געלעגן, ווארום די וואונדער־לעכסטע חלומות, וואָס פאַרווילן מיך תּמיד אין מיין שלאָף, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. נאָר אַקייגן מיר איז געזעסן אשמיל אויף זיינע הינטערשטע פיס ווי אַ פאַקיר, וואָס באַשווערט אַ שלאַנג און איך — אַפּנים דערשפּירנדיק זיינע שאַרפע בליקן! — האָב מיינע אויגן אויפגעעפנט.

און זע, פאַר מיינע גרויס־אויפגעריסענע אויגן שטייט טאַקע אַ בלוי־עמאַילירטע קרוג און אַ שלאַנג וויקלט זיך רויכיק אַרויס — דאָס איז געווען

שמעקעדיקער קאַקאַאָ, וואָס האָט קאָכעדיק פון דער קרוג אַרויסגעפּאַרעט.

און ווי נאָר ער האָט דערזעען, אַז מיינע אויגן עפענען זיך, האָט ער פייערלעך אָנגעהויבן ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיט אַ לאַנגן פּזמון, אָבער גערעדט האָט ער די זאַכלעכע ווערטער:

„איר זעט די צוויי שבתדיקע חלות? פרייטאָג, דאָס מיינט מיט אַ פיר טאָג פריער, האָבן זיי געקאָסט פיר מאָל אַזויפיל. יעצט קאָסטן זיי אַ שבוש און אַסך געזונטער זענען זיי אין זייער וואָכעדיקן גלגול — ווי פריש־געבאַקענע קוילעטשן האָבן זיי גיכער פאַרקלעפּט די זאַטע קישקעס איידער געוווען אַ זעטנדיקער, געשמאַקער מאכל פאַר אַן אויסגעהונגערט בייכל. איר זעט, הערר פּאָעט, ווי עס גראַמט זיך? און דער שמעקעדיקער, פריש־אויפגעבריטער קאַקאַאָ, אַ כפּרה פאַר אים די גיפטיקע קאַווע, וואָס צעשרויפט נאָך מער אונזערע שוין געגנוג צעשרויפטע נערוון".

איך האָב נאָך קיין פינטל נישט געטון מיט קיין אויג. איך בין מיר גע־לעגן מיט ביידע אַרעמס צוקאָפּנס ווי יענער פרינץ אויף אַן אַרבעס אונטער זיבן איבערבעטן — אַ טשוואָק האָט מיך אָנגעהויבן צו דריקן, אויף וועלכן איך בין, משמעות, אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט . . .

איך האָב נאָך קיין פינטל נישט געטון מיט קיין אויג, אָבער מיינע אויערן האָבן זיך שוין שאַרפער צוגעהערט צו זיינע זאַכלעכע רייד:

„איר זעט די חלה איז מיינע און די אַנדערע איז אייערע —דאָ אונטער דער קראָקווע איבער אונז וועלן זיי ליגן. כ׳וועל זיי אדונטערלייגן נאָך דעם ווי מיר וועלן האָבן חלה געגעסן און אויפגעגעסן אונזער הייליקע סעודה. די נעכסטע צוויי חלות וועט איר קויפן און דאָס נעמלעכע מיטן פּעקעלע קאַקאַאָ — דאָס איז אונזער קאָמונע! לאָמיר מאַכן אַן עקספּע־רימענט צי זי איז איבערהויפּט מעגלעך. איי די ראַטן דאָ און די מייז וועלן זיך צוכאַפּן . . . דאָס איז דאָך תמיד אַזוי. אַנדערש איז דאָך בכלל נישט מעגלעך . . . אפּראָפּאָ: איך זאָל עס נישט פאַרגעסן איידער איך הייב ווייטער אָן: צו יאַנטלען קענט איר אַריינגיין, צו יעדער צייט וועט ער אייך אָנגיסן אַ פולע קרוג קאָכעדיק וואַסער. אַ ווילער היימישער ייד דער יאַנטל".

גוט האָט ער געטון, וואָס ער האָט פאָראויס מיר צוגעציילט מיין חלה. האָב איך מיך געגנומען צו דער „הייליקער סעודה" מיט אַפּעטיט און גרויס הנאה, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַן אונטערטאָן פון הומאָר ווי אַ טיש־רעדע, ווי אַ רבישע תורה זיין סאָקראַטעס־שמועס:

„וועגן דער גלייכער פאַרטיילונג ביי די סאָוויעטן איז אַ לאַנג לידל צו זינגען — צי אין דער רויט־גליענדיקער רעטאָרט וועט זיך אויסבריען ס׳אמת האָמונקעסל? . . . וואָס איך וויל ריידן איז אינען־פּאָליטיק, נישט נאָר די פּאָליטיק פון די שיידעמענער — דער גאַנצער ענין איז נאָך אויפן שיידעוועג . . .

„אָבער דו מוסט מיט מיר מיטגיין אינם זאַאַל אַריין נישט ווייט פון

דער מולאַק־גאַס ווען דער אויפלויף איז גרויס, ווען גליאַיקע פויסטן ביילן זיך און אויגן ברענען און רודאָלף ראַקער שטייט אויף דער בינע ווי אַ קאַוואַל ביי דער קאָוואַדלע, וואָס שמידט דאָס אייזן ווען עס גליט נאָך. דריי־פיר שעה קאָן ער אַזוי שטיין און רעדן, אַז פונקען פליען. אָבער אַרויסגעוואָרפענע רייד — עס רעדט זיך גרינגער ווי עס טוט זיך . . .

„דו זעסט, צוויי־דריי גאַסן פון דאַ, אַ פּאָר הייזער פונדאַנען, פּראַקטי־צירט ד״ר גאָלדבערג זיין ,קאָמונע׳ — אפילו דאָס געשלעכטלעכע צוזאַמענ־לעבן קאָמונינסטיש, איז אַ שרעק דאָרטן אַדורכצוגיין. די גאַנצע גאַס דאָרט פאַרשמעקט ער מיט זיינע נאַסע ווינדעלעך . . . און דו מוזט אים אָנקוקן, דעם ד״ר גאָלדבערג, אַ מענטש מיט אַן עסטעטישן־קאָפּ . . .

„נו, גרינדן מיר איצט די קאָמונאַ פון אינדיווידואומען. מיר הייבן אָן קליין, נאָר צוויי! אַ שאַד נאָר וואָס די קרוג האָט נישט קיין צוויי אויערן, וואָלט איך כאַטש געהאַט איין גוטן צוהערער — דאָ איז נישט „נאָדנאָ״ — דאָ איז אויפן בוידעם״! צעלאַכט ער זיך ווי אַ גאַנצע כאַפּטע מיט שדים.

„נו, און ווען וועסטו זיך נעמען צו דער אכילה? איך האָב שוין אַ האַלבע חלה באַלד אַריינגעפּיצט. ווייסט, דו הייב אָן צו עסן און איך וועל בשעת מעשה אימפּראָוויזירן אַ ליד, ווערטער פאַרן זיך איצט אין מיר ווי די וואָרקנדיקע טויבן דאָ אונטער די קראָקוועס . . .״

עס האָט זיך געצויגן טעג, וואָכן. כ׳בין שוין מיטגעווען ביי אַזאַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון רודאָלף ראַקער, שוין געמאַכט אַ באַזוך אין דער ד״ר גאָלדבערג־קאָמונע — ד״ר גאָלדבערג איז געווען אַ „געטעיאַנער״ און שטאַרק געהאַלטן פון פּאָעזיע, און מיר פאַרגעשלאָגן אַ בעט אין דער קאָמונע . . . (אין נאָך־מלחמהדיקן דייטשלאַנד, אַ מדינה מיט איבער אַ מיליאָן קריגס־ווייטוועס, איז אַ וואונדער אַז אפילו אַזאַ סאָציאַליסטישער עקספּערימענט איז געמאַכט געוואָרן? . . .)

דער גאַנצער ענין האָט מיר אָנגעהויבן צו געפעלן! דאָס שלאָפן ביי די פויערים אין די שטאַלן איז נישט קיין סך בעסער געווען ווי דאָ איצט אויפן בוידעם און איך האָב גאַנצע טעג פאַר מיר: די אָראַניענבורגער־שטראַסע ביבליאָטעק — דירעקט פאַר דער טיר; צום קייזער פרידריך־מוזעאום צוויי־דריי טריט. און פון די שיחות־חולין גאַנצע טעג לערן איך מער ווי פון ביכער; ווייל לייענען קומט מיר נאָך אַלץ אָן שווער, אַביסל שטומפּיק אויף דער עברי — אויב איך בין אַמאָל געווען געוואוינט צו לערנען איז עס דאָך געווען תורה שבעל־פּה . . .

אין ראָמאַנישן קאַפע זיץ איך איצט נישט, נאָר שבת און זונטאָג, נאָר אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. פאַר דער „מלינגה״, וואָס איז געווען די דריטע גאַס פון אונזער בוידעם־קאָמונע, האָב איך מיך געמוזט היטן, ווארום ווער ווייסט וואָס מיט מיין געוועזענעם שותף איז געוואָרן, צי לעבט ער נאָך בכלל און צי זוכט מען נישט אָרום דעם מערדער?

אין איינער אַ נאַכט אָבער איז עס געשעען! אין דער שטילער סימפּאַניע

פון „געשנאָרך אָנע ווערטער“ האָט זיך אַריינגעריסן אַ שווערער שטיוול־מאַרש פון קרעכצנדיקע שטיגן און איידער מיר האָבן נאָך קוים צייט געהאַט די אויגן אויסצורייבן, איז דער בוידעם שוין פול געוווען מיט די „שופּא“־געשרייען: „מארש, מאַרש, פלינקער, שנעלער:“ ווי הינער פון דער שלאָף־לייטער זענען מיר געטריבן געוואָרן צו דער „שוואַרצער מאַרי“, אַריינגעיאָגט געוואָרן ווי געכאַפּטע עופות ערב יום־כפור פאַרטאָגס צום כפרה־שלאָגן. אשמיל האָט נאָך צייט געהאַט צו כאַפּן די צוויי האַלבע חלות פון אונטער דער קראַקווע אפויער און איין האַלבע צו שטופּן מיר אין טאַש אַריין:

„קודם כאַפּ אַריין, זאָלסט נישט שטיין מיט קיין ליידיקן פּופּיק פאַרן ריכטער — דאָס האָט אַסך צו זאָגן...“

די צוויי „שופּא“־לייט מיט אונז אין דער „שוואַרצער־ מאַרי“, אונז צוויי דערזעענדיק, האָבן גנביש זיך איבערגעוואונקען פּונקט אויף אַזאַ אופן, ווי די נאַכטיקע „פּאַנצן“ אין דער „קאַשעמע“: אַט די צוויי פייגל זענען עס, מסתם, אויף וועלכע מיר האָבן געטשאַטעט... דאָס איבריקע איז דאָך שמייסע, וועג־ערישע, אַלטע נקבות פאַרן שאַריטע־מיסט הויפן! דערזעענדיק ווי מיט עפּעס בולט'ס שטאַרטשעט אַרויס מיין קעשענע איז איינער פון זיי שנעל צוגעקומען צו מיר: „הענדע האָך“! און אַרויסגעשלעפּט די — האַלבע חלה... די קאַטשענדיקע „שוואַרצע מאַרי“ האָט זיך צעהילכט פון געלעכטער.

אויפן בראַכשטול פון צייטן

1

מיט בלוטיקן בייטש־געפּייף איבער קאָפּ,
פון נביאישן חזיון געטריבן?
פלאַקער־שייטער חושך־נעכט באַלייכטן,
פון גאָט דערצו געוואָרן אויסגעקליבן?

אַז וואו נאָר אין אַ לאַנד די פאַרשקלאַפּטע
זיך צו באַפרייען זיינען אויפגעשטאַנען,
אין זייערע ערשטע, בלוטיקע רייען,
דעם טויט מיט פרייד מיט אַקייגנגעגאַנגען.

איבער גאַנצן גלגל־האַרץ שוין,
די בלוטיקע שליאַדעס פון אונזערע שפּאַנען!
בלויז ווי נאָר די שקלאַפן הערשער ווערן,
ווי הינט אונז געטריבן: „ווייטער פון דאַנען!“

איז ווילאַנג נאָך וועט עס זיך נאָך ציען
דער „אף־על־פי שיתמהמה“ ־דויער —
אַז אויף די שיידוועגן תמיד ליגן,
אַ פאַרחלומטער וואַך־הונט אויף דער לויער?

לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 7־446) דרייסיקסטע יאָר פעב־מערץ 1969, לאָנדאָן

Feb-March

א י נ ה אַ ל ט :

ניין אויפגעהאנגענע יידן אין באַגדאַד, „שה פזורה ישראל, שלום, „יהי אור" — — לכבוד פורים.	**	1
די פסיכאָפּאַטישע שנאה פון המניזם (עסיי)	יעקב ריכטיגער	8
פאַר שוסטערס און שניידערס אַ ליד	יוסף לעפטוויטש	11
אויגן־אַפּלען (ליד)	שמואל וההייט	11
מיינע זיבן וואָכן אין געפענגעניס, אינטימע באַלאַדע (פּראָזע, פּאָעזיע) א. נ.	שטענצל	13
לייב פיינבערג, ע"ה	יוסף לעפטוויטש	22
אַ פורים־שפּיגל	ד"ר מאיר גערטנער	
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס		
רעדאַקציע נאָטיץ.		

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, בערנער סטר. 33, א.1. שבת, 3 א זייגער)

שבת דעם 8־טן פעברואַר אַ פאָרטראַג פון ה. נ. בענוויטש.
שבת דעם 15־טן אַ לעקציע פון יעקב ריכטיגער.
שבת דעם 22־סטן פסח־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור.
שבת דעם 29־סטן — געווידמעט די 54־סטע פּרק־יאָרצייט.

מלך ראַוויטשן צו זיין 75 יאָר ווינטשן מיר נאָך אַ סך גוטע געזונטע יאָרן — לשון און לעבן.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

דערנעבן געפינט זיך דער קבוץ־מוזעאום. דאָרט קאָנט איר זעען די כלערליי זאַכן, וואָס מען האָט געפונען ביי אויסגראָבונגען אין שייכות מיטן קבוץ; זאַכן, וועלכע שטאַמען פון דער שטיינאַלטער צייט ביז ביזאַנץ צייט.

איך האָב פאַר די חברים אָפּגעראַמט אַ שיינעם וועג פונם טייך צום מוזעאום. היות די חברים האָבן געפלאַנט אָפּצוהאַלטן אַ טעניס־טורנאַמענט, האָבן זיי מיך געבעטן העלפן אָפּצורייניקן די ווילדע קרייטעכצער און אומנוצלעכע געוויקסן אַרום דעם טעניס־פּלאַץ. דער סוף איז געווען זיי האָבן געהאַט אַן אינטערעסאַנטע שפּיל, און חבר פרעדי בליץ איז אַרויס דער זיגער. זיין פּרייז איז געווען אַ קליינער בעכער.

ווייטער האָב איך געאַרבעט אין די פיר גני־ילדים. דאָ אין קבוץ בית־העמק שלאָפן די קינדער ביי די עלטערן און נישט באַזונדער אין הייזער בלויז פאַר קינדער. בחורות פאַרנעמען זיך מיט די קינדער בייטאָג און אין אָוונט גייען זיי צוריק צו די עלטערן. עס איז מיר דעריבער אויסגעקומען צו זעען ווי די קליינינקע פאַרברענגען אין די גני־ילדים. צו מיין אָנגענעמער איבעראַשונג בין איך געוואָרן זער פּאָפּולער ביי אַט די קינדער.

(המשך קומענדיקן חודש)

א. נ. שטענצל

מיינע זיבן וואכן אין געפענקעניש

אויפן האַלבע־שעה־שפּאַציר אינם תפיסה־הויף אין מאאביטער געפענקעניש, וואו מיר זענען געגאַנגען צו צוויי און צוויי, אויספאַרמענדיק אַ גרויס גייענדיק ראָד, כמעט אויספילנדיק דעם גאַנצן גרויסן הויף — אַן אַרומגערינגעלטער מיט הויכע מרה־שחורהדיקע דיקע מויערן, קוקנדיק אויף אונז מיט טויזנט בייזע, פינסטערע אויגן, פאַרמרוזשעטע מיט די געקראַטעוועט פאַרזשאווערטע פענסטערלעך — באוואכטע פון געהעצטע תפיסה־שומרים און פון זעלנער מיט ביקסן ביי די טויערן, האָב איך אַ דערפרייטער דערזעען אשמילען. ער האָט דאָך מיך אויך געמוזט דערזעען, אָבער ער האָט, מש־מעות, זיך געמאַכט כלא־ידע, קיין בליק אפילו מיר נישט צוגעוואָרפן. יעדעס מאָל, ווען ער איז אין דעם שטום־גייענדיקן ראָד, צוגעקומען וויז־אַ־ווי מיר, האָב איך מיך פּשוט געמוזט איינהאַלטן נישט אַרויסצושפּרינגען פון מיין שורה און צולויפן צו אים. האָט ער באותה רגע דעם קאָפּ קונציק שנעל אַ דריי־אַוועק געגעבן ווי אומבאַמערקט. אין דעם זיבן־אַכט מאָל אַרומקרייזן דעם גרויסן תפיסה־הויף, ווי צו הקפות, להבדיל — אינמיטן איז געשטאַנען דער אויבער־וואַכטמייסטער, אַז מיר זאָלן זיך נישט צווואָרפן אַ וואָרט איינער דער אַנדערן אָדער זיך טיילן מיט אַ ציגאַרטל, חלילה — בין איך יעדעס מאָל געווען אין נסיון נישט אויסצושרייען: „אשמיל, ביסטו משוגע געוואָרן ?"

אַריינטרייבנדיק אונז צוריק אין די הונדערטער צעלן דורך דעם גרויסן, דורך אַלע שטאָקן חלל־הויכן קאָרידאָר — אַן עכאָ־צעהילכטער און שטיגן

און שליסלען צעקלינגטער, אַ צערודערט־צעטומעלטער פון דיווילדע וואויל־יונגערישע אויסגעשרייען און געלעכטערס פון די געפאַנגענע און געשרייען און זידל־ווערטער פון די וועכטערס — האָט עס מיר געהילכט אין קאָפּ: עפּעס איז דאָ דברים־בגו, עפּעס ווייסט ער, מסתם, אשמיל . . . געמוזט אויפכאַפּן וואָס ביים פאַרהער . . . איז טאַקע בעסער מיט מיר נישט צו האָבן צו טון. קיין שום שייכות צו מיר . . . נישט מיטאַריינגעצויגן צו ווערן אין מאָרד־פּראָצעס . . . און אפילו ווען ער לעבט „מיין שותף״, קאָן עס אויגעצויגן ווערן צו אַ „רויטן־פּראַנט״ עסק . . .

דעם צווייטן טאָג אויפן „שפּאַציר״ האָט ער אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז ער זאָל זיין אין דער שורה אין מיין זייט. איך, אים דערזעענדיק האַרט אין מיין זייט, בין שוין געווען גרייט אים אַרומצוכאַפּן און אויסצושרייען: „אשמיל!״ האָב איך אריינגעכאַפּט אַ טראָט פון זיין פוס, אַז לשון איז מיר פאַרגאַנגען. דאָ האָט ער זיך אָבער שוין אַליין נישט געקענט מער איינהאַלטן און אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ שטייף־קוקנדיקן בליק — אָבער מיט איין אויג: „חכימא ברמיזא, שטיא בגרמיזא״ . . .

אָבער וויפיל איך האָב איצט שוין פאַרשטאַנען . . . האָב איך באַלד אַריינגעכאַפּט נאָך אַ בריקע אין פוס אַריין, אַ ווייכערע, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ קאַבילע טוט דאָס טיילמאָל צו איר פאַרשייטן זשרעבאַק . . . אָבער תיכף כדי דבר האָב איך דערפילט ווי ער שטופּט מיר עפּעס פּיטשעדיקס, גלאַטיקס, עפּעס גאָר פיינשיקס און צאַרטס אין די פינגער אַריין . . . כ׳האָב׳ס באַלד דערפילט: ס׳שטיקל אויסגעשיילטע בליי פון אַ בליישטיפטל, דאָס טשערפּקע האָלץ אַראָפּגעבערעקלט, אַראָפּגעדלובעט און דאָס גלאַטע, צאַרטע שטיקל בליי — — איך האַלט׳ס אין דער האַנט, ס׳עלעקטריזירט מיך ממש, איך גלעט׳ס מיט די פינגער. איך האַלט מיך איין מיט כל־הכחות, אַז די פרייד זאָל נישט אַרויסשיסן פון מיר: כ׳פאַרבייס ציטערדיק די ליפּן, די פיס נעמען זיך באַוועגן ריטמיש, נישט אין אַ געפּענקעניש שפּאַציר־ראָד — אין אַ קאַראַהאָד! נישט הויכע מויערן זענען אַרומגערינגלט אַרום מער, פאַרקראַטעטע פענסטערלעך קוקן נישט מער מרה־שחורהדיק־פאַרזשאַווערט — זיי זענען איינגעפאַלן ווי די יריחו־מויערן! . . .

און אַזוי ריטמיש־שפּאַנענדיק, קוקנדיק פאַרויס, הייב איך אָן צו פאַרשטיין: אַשמיל האָט פאַרשטאַנען, אַז מיין בליישטיפל האָט מען מיר צוגענומען ביי דער אונטערזוכונג . . . כ׳זאָל זיין אַזוי קלוג, אַז כ׳זאָל דאָס שטיקל בליי, וואָס איז דאָך דער סאַמע עיקר־העיקר! — אויסשיילן פונם האָלץ, און אַזאַ פּיצעלע קאָן מען דאָך שוין ווי נישט באַהאַלטן, אין אַ נאָט פון אַ הויז פאַרשטעקן — — האָט ער מיך דאָך שוין געקענט וואָסער גרויסער חכם איך בין . . .

קוים מיך אַריינגעראַטעוועט אין מיין צעל און געקענט אויספּלאַצן אין מיין גאַנצער פרייד — כ׳האָב מיך דערפילט אין מיין רשות־היחיד, וואו איך קאָן דאָס פּיצעלע, ס׳ציטערדיקע צווישן מיינע פינגער אויך באַטאַפּן מיט די אויגן.

* * *

די צווײ טעג, אײנער אַלײן אין מײן צעל, ביזן באַקומען דאָס פּיצעלע בלײשטיפט, זענען געװען שרעקלעכע. באַלד די ערשטע פּאָר שעה, אַן אײנגעשלאָסענער אין אַ טונקל צימערל, אַ העלפט פון ד׳ עד ד׳, װאָס האָט צומאָל קײן פּלאַץ נישט פאַר דײן אײגענעם שאָטן אויף דער װאַנט. די זשאַװערפאַרזשמורעטע קראַטן, די געל־אײליקע גלאַנציקע װענט װי זײ װאָלטן כסדר אויף דיר געקוקט מיט זײער געלקײט, דיך אַרומגעכאַפּט, אַרומגעטאַפּט, מיט קרענקלעכע אויגן־אַפּלען — —

דערשפּירנדיק מיטאַמאָל די ענגקײט, די אײנגעשלאָסנקײט, דאָס זײן אײנער אַלײן הינטער שלאָס און ריגל, בין איך ממש באַפאַלן געװאָרן פון אַ משוגעת און אָנגעהויבן װילד צו קלאַפּן אין דער אײזערנער טיר.

דער װעכטער, װי ער װאָלט ממש געװאַרט שוין אויף דער מאָמענט, װי ע ר װאָלט געשטאַנען דירעקט הינטער דער שװער־געקאװעטער טיר, האָט זי מיט רעש אַ ריס־אויף געגעבן און מיך געגעבן אַ װאָרף, אַז איך בין צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דער װאַנט און בין שוין אַזוי ליגן געבליבן אַ האַלב צעמישטער.

אויפגעכאַפּט האָב איך מיך פונם טיר־שליסן און פון קלאַנג פון די שליסלען. בײ דער אָפענער טיר שטײט דער װעכטער און שמײכלט מיט סאַדיסטישער הנאה פון זײן „קור" — אַזאַ װאָרף מיטן קאָפּ צו דער װאַנט ניכטערע אויס פון „משוגעת"! (אַפּנים אַזאַ אָנגענומען מיטל בײ אים . . .) און אַן אַרעסטאַנט אָנגעטון אין געשטרײפטע תּפיסה־בגדים, דאָס געפענקעניש־היטעלע װאַקלדיש אויפן קאָפּ, שטעלע אַנידער אויפן טיש אַ טאָפּ שװאַרצע „קאַװע", א לחמא ראַזאַװאַנע ברויט מיט אַ האַלבן דאַרן הערינג. מיך דערזעענדיק אין מײן צושטאַנד, דעם מאָדנעם „נאַװאַבאַראַניעץ", אַן אַקאַרט אויפגעשטאַנענעם פון זײן „קור", האָט מיר קאַלעגיאַל צוגערופן, מיך אויפצוהײטערן אַפּנים:

„יעזוס זאָגטע צו זײנע יינגער,
װער ס׳האָט קײן גאָבל, פּריסט מיט די פינגער".

ס׳איז שוין געװען אָװנט, מסתּם. דאָס קלײנע עלעקטרישע לעמפּל הויך — אויפן געלן סופיט האָט זיך קרענקלעך אָנגעצונדן. הונגעריק בין איך געװען, האָב איך געצופּט דאָס שװאַרצע ברויט און נאָכן טרוקענעם, געזאַלצענעם הערינג גיך פאַרטרונקען דאָס ציקאַריע־װאַסער און אָנגעהויבן באַקוקן מײן מקום־מקלט און דערזע אויף דער פּאָליצע אין װינקל שטײט אַ בוך — ס׳איז געװען „דאָס אַלטע און נײע טעסטעאַמענט", לוטערס איבערזעצונג.

די דײטשע בוכשטאַבן האָב איך שוין געקענט, די חומש־פּסוקים זענען מיר געלעגן אין מויל און ס׳האָט זיך געלײענט — די ליפּן האָבן געשעפּטשעט די דײטשע װערטער און פאַר די אויגן זענען מיר געשטאַנען די הײמישע חומש־פּסוקים, און אָנגעהויבן װי צו פילן, אַז כ׳בין נישט מער אַלײן —

„ורוח אלקים מרחפת על־פני המים". איך קוק מיך אַרום און זע: מײַן שאָקלענדיקער שאָטן באַוועגט זיך איבער אַלע פיר געל־גלאַנצנדיקע ווענט ביז צום פיבעריק־ברענענדיקן לעמפּל אַרויף . . . אָבער אײדער כ'האָב מיך נאָך דערוואָרעמט, גיט עס אַ באַפעלערישן קלאַפּ אין טיר: „שלאָפן!" פון דער וואַנט האָט זיך געעפנט מיט אַ טראַסק אַ קויקע, אַ מיין שלאָף־באַנק און ס'עלעטרישע לעמפל איז אויסגעגאַנגען.

פינסטער, די גליטשיקע ווענט נעמען מיך מגואלדיק־גרויליק אַרום. מיך שווידערט: וועגער ווייסט וואָסער רוצחים זענען אויף דער קויקע דאָ שוין גע־שלאָפן. כ'שפּיר ווי כ'ווער ווידער באַפאַלן פונם „משוגעת" צוצולויפן ווי אַ ווילדער צו דער טיר און קלאַפּן און געוואַלדעווען — —

פלוצלינג ווערט אַ מוראדיקע סומאַטאָכע דרויסן. געשרייען, אַ קלינגען מיט שליסלען, אַ לויפן פון אַלע זייטן — ס'באַרואיקט מיך און ס'ווערט שטיל אין מיר.

כ'ליג מיט אויפגעריסענע אויגן, אָנגעשטרענגטן געהער ביז דער דרויסן ווערט איינגעשטילט. אָבער מיטאַמאָל, נישט פון דער זייט וואו די געקאַוועטע טיר איז, נאָר פון דער הויך וואו דאָס קראַטע־פענסטערל איז, הערט זיך אַ סומנע רוישן — שטייט דאָך דאָס געפענקעניש אינמיטן דער שטאָט. כ'דערמאָן מיך, אַז טאָקע דאָ נישט ווייט, אין מאַאַביט־פירטל, וואוינט דוד בערגלסאָן. מײַן לעצטער באַזוך ביי אים שטייט מיר פאַר די אויגן:

דאָס דינסטמיידל קומט אַריין: „איין הערר לעווין האָט זיך געמעלדעט". בערגלסאָן, אָן אַ וואָרט צו רעדן, זוכט עפּעס אויפן טיש. נעמט אַ דיקן מאַנוסקריפּט און גיט עס דעם מיידל — כ'דערקען ס'איז „די לעגענדע", וואָס שמואל האָט מיר פאָרגעלייענט, פאַרשאַרצנדיק זיך דערביי די אַרבל ווי צו אַ הייליקער עבודה: „כ'וויל איך עפּעס פאָרלייענען פון מיין ,שאַפן', מטעים זייענדיק מיט אַ מין פיזישע הנאה דאָס וואָרט „שאַפן".

„וואָס זאָל איך דעם הערן זאָגן?"

„ניקס!" קומט דאָס וואָרט אַרויס ווי אָפּגעשניטן מיט אַ קניפּל־מעסערל.

כ'שטעל מיר פאָר שמואל לעווינען דרויסן אין זיין גאַנצער צוגעגלעטער, קינסטלערישער טראַכט ווי ער בלייבט שטיין, דער „שעפערישער" שריפט־שטעלער הינטער דער פאַרקלאַפּטער טיר פונם דינסטמיידל: נישט אַריבער־צולאָזן צומאָל איבער דער שוועל, אָן אַ וואָרט צומאָל דורכן דינסטמיידל . . . איך זע זיינע אויסגעשטערבעטע, געלאָמעוועטע אויגן, זיינע פאַרקרומט־צעביסענע ליפּן.

איך קוק אָן בערגלסאָנען, פרוי בערגעלסאָן קוקט אונז ביידע אָן: „אַזוי איז ער שוין, מיין דוד. כאָטש האַק און בראַק".

און ער, בערגלסאָן, ווי ער וואָלט אויף זיך אַליין געבייזערט, באַוועגט שווער זיין אַראָפּהענגעדיקע, שווערע ליפּ: „אין רחמים בדין!"

„זאָל ער זיך אויסשרייען, וועט אים בעסער ווערן" . . .

מיך צוהערנדיק צו דעם שומען און רוישן פון דרויסן קומט די שטאָט

אַלץ נענטער־צו. אין בילד יאָגט דאָס צווייטע אָן און איינס מעקט ס׳אַנדער אָפּ. און דער קליינער רוים ווערט אויפגעלייזט אין אַן אומענדלעכער פינס־טערניש, אַ גליטשיק זיך טאַפּנדיקע ביי די קאַלטע ווענט. פאַר מיינע אויגן אָבער שטייט אַלץ שמואל לעווין ווי ער שטייט פאַר דער טיר און דאָס דייטשע דינסטמיידל גיט אים, אָן אַ וואָרט דערביי צו זאָגן, צוריק זיין מאַנוסקריפּט און פאַרקלאַפּט אים די טיר דירעקט פאַר דער נאָז.

ער, שמואל לעווין, דרויסן פאַר דער צוגעהאַקטער טיר, טראַכט איך, און איך אינעווייניק אונטער שלאָס און ריגל — „אין רחמים בדין״ . . .

די גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעמאַכט, נאָר אין דער אייז־ערנער טיר האָט זיך אייניקע מאָל אַ לאַך ווי אַן אויג אָן עפּן געטון און אַ שאַרפער ליכט־שטראַל האָט אָן רחמים די אומענדלעכע פינסטערניש, בלוטלאָז אַדורכגעשניטן.

איז עס באמת געווען אַ נס, אַז איך האָב באַמערקט באַלד אין דער ערשטער נאַכט, אַז ס׳איז פאַראַן דאָ אַ רואה ואינו נראה; אַז יעדע רגע קאָן זיך אַן עפן טון דאָס אויג אין דער טיר און דאָס עין רואה זעט אַלצדינג וואָס מען טוט: מ׳איז קיין איין רגע נישט מיט זיך אַליין, ווי גרויזאַם!

יעצט, צוריק אַריינקומענדיק אין מיין צעל דעם דריטן טאָג נאָכן „שפּאַ־ציר״ איז מיין ערשטער בליק געווען צום וואַסער־קרוג — מאלע וואָס כ׳האָב מיט וואָס צו שרייבן, מ׳מוז אויך האָבן אויף וואָס צו שרייבן! — צי ס׳איז דאָרטן עפּעס געבליבן פון די „אשר־יצרלעך״, וואָס מ׳גיט יעדן פרימאָרגן אַריין צוזאַם מיטן קרוג־וואַסער. מיין פרייד, מיט וועלכער כ׳בין אַריין אין דער צעל, האָט זיך צוגעשפּיצט צו אַן אַשמיליש־שדיש שפּיציק אויפלאַכן: נישט בחינם, משמעות, הייסט עס „אשר־יצר פּאַפּיר״ — יעצט קאָן איך מיך אַנידער־זעצן „שאַפן״ —

און פון פערטן טאָג אָן איז שוין מיין טאָג געווען איינגעטיילט צווישן די לוטער־ביבל און מיינע סודות־פאַרבאָרגענע שרייב־אינטעגזיליען. ווען כ׳האָב געלייענט בין איך געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר — זאָל טאַקע דאָס רואה ואינו נראה־אויג זעען ווי דער „באָלשעוויק״ איז עוסק יומם ולילה אין הייליקן טעסטאַמענט. ווי נאָר אָבער כ׳האָב דערשפּירט, אַז עפּעס קומט פאָר אין מיר, ווי ס׳אַרבעט אין מיר, ווי עפּעס „שאַפּט״ זיך אין מיר, האָב איך נאָך שנעל געזדאַנזשעט דאָס בענקל אויסצודרייען — אזאשא! ווען מען דאָס פּיצעלע בליי פון מיר אַרויסקריגן.

מאָדנע, הונדערטער לידער פאַרעפּנטלעך און דווקא אַזאַ תפיסה־לידל איז אָפּגעדרוקט צענדליקער יאָר שפּעטער אין רומעניע אין אַן אַנטאָלאָגיע מיט לאַטייניש אותיות. ווי סימבאָליש. ווי האָט דאָס לעבן זיין סודותדיקן גאַנג.

* * *

אַן אויסגעדלוביעט, אַן אויסגעקאַלופּעט פּיצעלע בליי און גאַנצע תפיסה אַרום מיט די הויכע שווערע מויערן אַרום, מיט די אייזערנע טירן און קראַטן, פאַרשווינדן, הערן אויף — מ׳איז באַפרייט; מ׳איז אין אייגענעם רשות —

מ׳„זיצט“ נישט, מ׳איז באַזעסן! — מ׳איז לפני ולפנים פון אייגענעם איך. מיט דעם פּיצינקעלע קומט אַ סדר אַריין אין גערענגל פון יעדער רגע.

און דאָס אויסערלעכע, ווי איז עס געאָרדנט — ס׳איז „מלאכתו נעשה על־ידי אחרים“: די „מאָלצייטן“ צו דער מינוט, די „שפּאַציר־גענג“ אויפן זייגער און דאָס גיין יעדע נאַכט צו בעט און אין באַגינען דאָס אויפשטיין — קיין רגע גייט נישט פאַרלוירן.

אין איינעם אַ טאָג רופט מען מיך אַראָפּ אויף אַ „זעאונג“ — מאַקס בראָנשטיין (מרדכי ארדון) שטייט אויף יענער זייט באַריערע: די אייגעלעך שווישטשען אים, די ליפּן ציטערן מיט טויזנט שמייכלען — ער זעט דאָך, אַז איך בין פריי, פרייד־באַלעבט; אַזוי זעט אויס אַ מענטש ווען מ׳רייסט אים דרינגענדיק אַוועק פון דער אַרבעט, אינמיטן „שאַפן“ — איך שפּרייז אַריבער די באַריערע ווי זי וואָלט דאָ גאָרנישט עגזיסטירט! איך שפּרינג אַריבער די באַריקאַדע, ווי קיין תפיסה־שומר, וואָלט דאָ נישע געווען... ער שטייט און קוקט זיך באַגייסטערט צו, ווי מיר ציטערן ביידע ברידערלעך און פריידיק איינער אין צווייטנס אָרעמס. ביים געזעגענען זיך האָב איך אים געבעטן צו גריסן שמואל לעווינען.

צומאָרגנס קומט צוגיין גוסטע. אַ גאַנצער קויבער טראָגט זי פון פויגל־מילך ביז מאַרציפּאַנעס. דער שומר באַוואַכט אונזער „זעאונג“. ער זעט ווי איך בלייב שטיין פאַר דער פאַרצוימונג, גיט ער ווינקענדיק אַ מאַך אויף תפיסה־לשון... ווי איינער זאָגט: וואָס באַלעמוטשעסטו, כאַפּ אַריין וואָס דו קענסט — איך פאַרמאַך אַן אויג! זע נאָר וואָסער פּרוילײן און וואָסער קארב...

יאָ, אין מיין נישט־אַריבערשפּרינגען וויפיל פרייהייט, וויפיל גייסטיקע באַפרייאונג! ווי קאָן אַזאַ שפּרונג עלול זיין צו פאַרפלאָנטערניש, צו פאַלשע פאַרבינדונגען מיט אַ שלייף און מיט אַ קניפּ.

ווי האָב איך מיך געהיטן צו גיין אויף פּלעצער. — צו לעווינען, צו מאַקסן —מורא האָבנדיק זי דאָרטן צו טרעפן. און יעצט שטייט זי פאַר דיר לייב־האַפטיק... איר בלוי־פאַרנעפּלטער בליק קוקט אויף מיר מיט אַזויפיל זאָרג און גוטסקייט... דער ווייסער שריינט אין אירע בלאָנדע האָר זע איך ווי ר׳איז זאָרגפעלטיק געצויגן עקסטרע פאַר מיר: זי וועט בעטן איר פאָטער, ער זאָל צושיקן זיין אַדוואָקאַט... און „אפשר אויף קויציע“...

„די זאַך איז צו פאַרפלאָנטערט“... לאָז איך אַראָפּ מיין בליק — זי פאַרשטייט וועלכע זאַך...

קאָן דען אַ טרער כורכבויערן דאָס פאַרשטיין פון אַ האַרץ? גיי איך טרויעריק צוריק אין מיין צעל.

ס׳איז שוין די זיבעטע וואָך ווי איך זיץ. כ׳האָב שוין אַ דערלויבעניש צו קויפן פּאַפּיר אין דער תפיסה־קאַנטין און בליישטיפטן וויפיל נאָר איך וויל, און אין דער געפענקעניש־ביבליאָטעק זענען אויך פאַראַן יידישע ביכער. וואָס נאָך קאָן אַ מענטש וועלן? אָבער דאָך, אַזאַ „געשלאָסן“ לעבן האָט אויך

זיינע סיורפּריזן . . .

איך קום אַרונטער צו מיין טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג, וואָס זע איך? וועם זע איך? וואַוטשען! וויעוויארקען!!

וואָס איז? ער איז, משמעות, געקומען קיין בערלין און זיך דערוואוסט, אַז איך דער און דער שעה קאָן ער מיך טרעפן דאָ און דאָ אויף מיין רעגל־מעסיקן שפּאַציר־גאַנג . . . איז ער אַהערגעקומען מיך אָפּוואַרטן, מיך איבער־ראַשן . . .

איז אַנשטאָט מיך אַריינצושטעלן אין דעם זיך פאַרמענדיקן ראַד, לויף איך צו אים צו מיט אַ ברייטן שלום־עליכם: „וואַוטשע!!"

נו, האָט זיך עפּעס געטון — ס'איז געוואָרן אַ טרעוואָגע, אַ געלויף פון די וועכטער, פון די זעלנער מיט די ביקסן, פון די וואַכטמייסטערס. דער תּפיסה־דירעקטאָר אַליין איז אַרויסגעקומען צו לויפן. מיין סדר־היום איז צעשטערט געוואָרן. איך האָב שוין דעם טאָג נישט געמאַכט מיין טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג. און ווער ווייסט, צי דורך מיין „באַזעסנקייט" האָבן די הונ־דערטער תּפיסה־זיצערס נישט פאַרלוירן אין דעם טאָג זייער האַלבע־שעה שפּאַציר.

. . . אויב מ'האָט מיך דאָך צוריקאַרויפגעפירט אין מיין צעל, לפני ולפנים פון מיין יחוד־שטיבל, אין מיין אַרבעטס־צימער און נישט אַראָפּ אין קעלער אינם שטראָף־קאַרצער, איז עס געווען אינם זכות פונם גוסטע־קאַרב, וואָס כ'האָב דאָך געהאַט „שכל" געגוג איבערצולאָזן דעם וועכטער פאַר אים און פאַר די איבריקע משרתים און יוצר־משרתים?

אינטימע באַלאַדע

1

פון זיין חורבה, זיין מפּולת,
אַרויסגעצויגן דער פּאָעט;
בלויז פאַרוואָס אַזוי טרויעריק
אין רחבותדיק־גרוימען „פּלעט"?

אויף וואַנט זיין שאָטן גאַנצע טעג
וואַרפט זיך אַ שוואַרצער זעלבסט־פּאָרטרעט,
און אין די נעכט, ווי אַ גוסס,
אַ בר־מינן שוין אין זיין בעט —

2

עס האָט אים קיינער קיין בלימל
אין זיין נייער דירה געבערענגט;
אָדער אויף לײדיק־קאַלטער וואַנט
אַ רעמבראַנדט־בילדל אויפגעהענגט.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 448) דרייסיקסטע יאָר אַפּריל 1969, לאָנדאָן

April

אינהאַלט :

וואַריאַציעס לכבוד פסח תשכ״ט, 19־אַפּריל 1969 3

דער סאָציאַלער באַטייט פון פסח יעקב ריכטיגער 8

די כעלמער קאָסמאָנאווט (ליד) הערי פאַצאַנאַווסקי 11

מיינע צוויי חדשים אין ישראל דוד בערמאַן 11

נאָכאַמאָל ד״ר עליאַשעוו, עזה כמות אהבה, די פטירה פון קאַצקער, דאָס נסתלק ווערן פון חדושי־הרים (פּראָזע און פּאָעזיע) א. נ. שטענצל 14

יידיש סימפּאָזיום אין פּאַריז מ. ז. 23

איך געהער צו קיינעם נישט (ליד) עלא זילבערג

תפילה (ליד) רחל

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאַגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, בערנער סטריט 33 — 3 אַזייגער)

שבת דעם 12־טן אַפּריל, 54־סטע יאָרצייט פון י. ל. פּרץ. ס׳באַטייליקן זיך: יעקב ריכטיגער, נעט רובין, מאיר באָגדאַנסקי און משה רעגן.

שבת דעם 19־טן — פּראָגראַם: די שאַפונגען פון די קדושים־שרייבער.

שבת, דעם 26־טן: יום העצמאות־פּראָגראַם: רעדנער, ח. נ. בענקוויטש.

שבת, דעם 3־טן מאַי אַ פּאָרטראַג פון סעם לעף, לייענען די לידער פון איציק מאַנגער און אלחנן וואָגלער זכרונם לברכה — באָגאַדאַנסקי און י. גרינבערג.

הזכרה פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד

איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון, בונד־גרופּע און יידישן „רידינג־רום״

רעדעס, רעציטאַציעס, די הזכרה וועט מאַכן דעם גוט־באַקאַנטן זינגער און אַקטיאָר לעאָן בלומענזאָן

זונטיק, דעם 20־סטן אַפּריל 3 אַזייגער, אין אַדלער־האַל, אַדלער סטר. א.1.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פּרייז 2 שילינג

אבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַ־רעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

ביים קעמעל־באַרג. דער קליינער לאסט־אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און נאָך פונדערווייטענס האָב איך שוין געקענט זעען די הייל. זי איז געווען צוואַנציק פוס די ברייט און פינף און צוואַנציק פוס די הויך און מסתמא אַ פופציק פוס די לענג.

איך האָב געהאַט מיט מיר אַ קעסטעלע מיט פּירות און מאכלים, אָבער דאָס קעסטעלע איז כסדר מיר געוואָרן שווערער און שווער צו טראָגן. האָב איך עס גענומען אויפן אַקסל, גייענדיק אַלץ העכער און העכער אויפן באַרג צו דער הייל. אָט בין איך שוין אין דער הייל גופא און מוז אַראָפּלאָזן מיין שווערע לאסט אויף דער ערד און מיך אַנידערזעצן אַ ווײַלע אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

אין דער הייל האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אַן אויסגראָבונג אין שייכות מיט דער שטיין־עפּאָכע פון אַן ערך צען טויזנט ביז צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק. איך פערזענלעך האָט אַנטדעקט אַ שטיינער־קרייז, שטיקער ביין פון חיות און קראַמען שטיינער. די אַרכעאָלאָגן איז עס געלונגען צו געפינען דריי גאַנצע סקעלעטן, וואָס איינער פון זיי איז מסתמא צוואַנציק טויזנט יאָר אַלט. עד־היום האָבן זיי געפונען נישט ווייניקער ווי ניין אַזעלכע סקעלעטן, אָבער מען האָפט צו געפינען מענטשלעכע ביינער פון אַ צייט פון פערציק טויזנט יאָר צוריק און מער.

די אויסגעגראָבענע ערד האָט מען געמוזט אַדורכזיפּן מיט אַ קליינער זיפּ מחוץ דער הייל. אַלס פועל־יוצא האָט מיין פּנים אויסגעזעען ווי דאָס פּנים פון אַ קרוימענקערער, ווײַל דער ווינט האָט מיר כסדר געבלאָזן דעם שטויב אין די אויגן און אין פּנים אַריין.

בשעת כ׳בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער אַרבעט איז אַן אַראַביש ייִנגל, אַ פּאַסטוכל, אַריינגעקומען אין דער הייל און זיך צוגעקוקט ווי מיר אַרבעטן. ווײַל איך אַליין האָב מיך אויך אַמאָל פאַרנומען מיט פּאַשען בהמות, האָב איך מיך פאַראינטערעסירט מיט אָט דעם אַראַבישן יונגן פּאַסטוך. האָב באַמערקט ווי זיינע שאָף וואַנדערן איבער פעלד און טאָל. אָבער מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: „אררר־אררררר!“ און אַלע שאָף האָבן זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט זיך צעלאַכט און איז אַוועק צו זיינע בהמות.

זייענדיק אין קבוץ, האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט אויסזאָרטירן און רייניקן די קראַמען שטיינער, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער הייל.

(שלוס אין קומענדיקן נומער)

א. נ. שטענצל

נאכאמאל ד״ר עליאשעוו

ביים אַרויסגיין פונעם תפיסה־טויער, וואָס האָט זיך באַלד הינטער מיר פאַרהאַקט מיט פאַרזשאַווערטן קלאַפּ, האָב איך מיך געפילט די ערשטע רגע ווי אדם — אַן אַרויסגעטריבענער פון גן־עדן. די זיבן וואָכן האָבן געאַרבעט אין מיר מיט זייער אינערציע־כוח; דער אַנדערער אַרום, די פרעמדע לופט —

כ׳האָב געמוזט דעם אָטעם כאַפּן! באַלד האָט זיך געהערט דאָס זשאווערנדיקע געקריץ פון זאוויאסעס ווי די חרב־המהפכת — דאָס געפּענקעניש־טויער האָט זיך ווידער געטון אַן עפן־אויף און אַרויסגעקומען איז אַ מענטש, אַ ריז מיט אַ קאַנטיק פּנים — אַן אמתער אדם־הראשון, אַן אדם־הקדמון, אַ תושב דאָ מן־הסתם שוין פון כמה יאָרן. אים האָט אָפּגעוואַרט טאַקע זיין חוה. און שוין שלענגלט זי זיך אַרום זיין האַלז. זייער פרייד־געשריי, און דעם טויער־שליסערס לאַכנדיקער אויסרוף צו מיר: „דו שטייסט נאָך היער?!" האָב איך אַ שמייכל געטון צו מיר: באמת, ס׳וואָלט נישט נאַר ראָמאַנטישער געווען ווען גוסטא וואַרט מיך אָפּ דאָ, נאַר ס׳וואָלט לייכטער געווען און לייטישער אויסגעזען. טאַקע, וואָס שטיי איך דאָ? אָבער וואוּהין גיין אַצינד? אין דער האַנט האָב איך נאָך געהאַלטן פאַרקוועטשט דעם צעטעלע, וואָס מ׳האָט מיר געגעבן אין דער תפיסה־קאַנצליי: „בינען דריי טאָג פאַרלאָזן דאָס לאַנד".

כ׳האָב טיף איינגעאָטעמט די שאַרפע, פרישע לופט, אריינעמענדיק אין מיר דעם אָפענעם אַרום פאַרלעגן געשמייכלט, אָבער מיט הנאה: יעקע — און אין קאָפּ האָט מיר אַ בליץ געטון דאָס לשון־קודשדיקע „איכה" פונם וואָרט „וואו ביסטו?" פון לוטערס תפיסה־ביבל . . .

מ׳האָט מיך פאַר קיין געריכט נישט געברענגט, אָבער דער געפּענקעניש־באַאַמטער, מיר געבנדיק דאָס צעטעלע, מיך אָנקוקנדיק מיט שאַרפע, ביסטרע אויגן, האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלע מיינע געננג דאָ זענען באַקאַנט . . . דייטשלאַנד איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד . . . און אַזעלכע פאַר־שוינען זענען בכלל אומגעוואונטשן . . .

איך שטיי נאָך אַלץ ווי אַ נאַר אויפן מאַרק און קוועטש דאָס „צעטעלע", דעם וויראַק הייסט עס, צווישן מיינע פינגער. איך קוועטש עס, אָבער עס וויל נישט צעגיין; עס איז אַלץ דאָ צווישן מיינע פינגער. „יעקע נאַר", שעפּטשען שוין מיינע ליפּן, אָבער נישט מער פאַרלעגן — די אינערציע, אַפּנים, האָט אָפּגעלאָזט, איז שוואַכער געוואָרן און די פיס ווערן נערוועז.— הכלל, וואוהין לאָזט מען זיך? אפשר אַראָפּגיין אין אויגוסט־שטראַסע צום יידישן אַרבעטס־אַמט און זוכן הילף? . . . ווידער אָנהייבן פון בראשית? . . . שמואל, מאַקס, מאַסטבוים, שיע, און אויסלאָזן וועט זיך מיטן געשלאָסענעם שידוך — אברהם מרגליות האָט דאָך דעם יידישלעכן שכל־הישר . . .

כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז קריגנדיק צוריק מיינע זאַכן ביים אַרויסקומען פון דער צעל, איז צווישן מיין ביסל פּאַפּירענע מאַרקן אויך געלעגן ד״ר עליאשעווס אַדרעס פון כלל־פאַרלאַג, וואָס ער האָט מיר געגעבן מיט אַן אָנדייט, מיט אַ וואונק: קומט אַרויף. אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן.

כ׳האָב מיך געלאָזן אויף גאָטס באַראַט, מיך שטיצנדיק אויפן מאמר: בדרך שאדם רוצה לילך רגליו מוליכין אותו. די נערוועזיטעט פון מיינע פיס האָט שוין אָנגעשטעקט מיין גאַנצן קערפּער. —

קודם די אויגוסט־שטראַסע. בין איך דאָך שולדיק מאַכן אַ באַזוך . . .

און גוסטען בין איך נישט שולדיק ? . . . און אפשר גאָר אין יידישן אַרבעטס־אַמט, אָדער גאָר ביי שמואלן וועל איך געפינען וואוטשעס אַדרעס.

אָבער פאַרבייגייענדיק פאַרן הויז, וואו בערגעלסאָן האָט געוואוינט, האָב איך דערפילט, אַז איך קוועטש נאָך אַלץ דאָס „צעטעלע" צווישן די פינגער. איך האָב עס שנעל אין דער הויזן־קעשענע אַריינגעשטופּט: אַז איך זאָל פאַרבייגיין פאַר דער טיר, וואָלט דאָך עס געהייסן, אַז איך מייד זי אויס . . . איז עס די מעשה פון די שמואל־„לעגענדע" אָדער שוין אַרעס־טאַנטן־פּסיכאָלאָגיע ? . . .

בערגעלסאָן האָט זיך מיט מיר דערפריידט! אין דער איינזאַמקייט דער פריידט מען זיך מיט אַ קרבן, האָב איך אַ טראַכט געטון. דאָס וואָרט „קרבן" וואָס האָט אויף קאַוויאַרניע־זשאַרגאָן געמיינט האָבן אַ מענטש מ'זאָל אים פאַרנודיען מיט רייד, האָט אין מיין געדאַנק איצט אָנגענומען דעם טייטש — אַ געליטענער, אַ קרבן — צי דערקענט ער אין מיר פון וואו איך קום איצט ? . . . שמעקט איך נישט מיט תפיסה־לופט ? . . .

אין זיין אַליין זיין אין די ערשטע פּאָר חדשים, אינמיטן דער פרעמדער, רוישיקער שטאָט, וואַרטנדיק אויף די פּאָר אָוונט־שעה אין ראָמאַנישן קאַפע, האָט ער זיך דערפריידט, האָבנדיק וועם זיך אָנצוואָרפן מיט זיין גאַנצער שיחה־חולין באַריידעוודיקייט. די שורה גרויסע צייך איז אים תאוודהיק אַרויס פון דער אונטערשטער, שווערער ליפּ און ליכטיק באַשטראַלט זיין מיט קנייטשן צעריסן פּנים און זיינע באַריידעוודיקע קלוגע אויגן — זיי חלשן ממש נאָך עפּעס אַ שמועותל

— וואו שטעקט איר ? מ'ברויך זיך נאָר צו פאַרשטעקן, זוכט מען שוין איינעם אַרום ווי מיט שטעקבריוו . . .

קודם בין איך געוואויער געוואָרן, אַז די קולטור־ליגע האָט אויך שוין געגרינדעט אַ פאַרלאַג און עס גרייט זיך עפּעס אַ קונסט־זשורנאַל, אַן עס־טעטישער, אומפּאַרטייאישער און דער נאָמען איז טאַקע „כצפיחת בדבש" — „דער מילגרוים"! און אַז די היגע, די תושבים, „דער וועג" פון די קליינ־בירגערלעכע פּועלי־ציון האָט אויך דאָ צוריק אויפגעוואַכט — אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, ס'זאָל זיך נאָר נישט צו גיך אויסלייטערן — דאָס זענען אַלץ בליץ־אַפּלייטערס . . .

ווען כ'בין אַראָפּ פון בערגעלסאָנען, האָב איך שוין געהאַט אַן אויס־געלייענטן נומער פון „וועג" מיט מיר. און ס'איז שוין געווען נאָך אַ טעם, אַז מיין וועג זאָל מיך פירן צו דער אויגוסט־שטראַסע.

טאַקע אויפן זעלבן שטאָק פונם יידישן אַרבעטס־אַמט איז אויף אַ טיר געווען צוגעקלעפּט אַ שילדל: רעדאַקציע — „דער וועג".

באַלד ביים עפענען די טיר זעענדיק דעם בעל־הביתיש באַלייבטן, שווער־זיצנדיקן, גאַנץ אויספילנדיקן דעם ברייטן זעסל „שווערן ייד", מלך ניישטאַדט, מיך אויפנעמענדיק מיט אַ קראַקעווער „ברוך־הבא"־העפלעכ־קייט, האָט מיך אַ היימישקייט אַרומגענומען. איז עס געווען מיין ברייט־

זאגלעמביער לשון אין זיין מויל אָדער זיין קראַקעווער צעלייגטקייט? . . .

דער שרייבטיש איז געווען באַלייגט מיט קאָרעקטור־בויגנס און האַלטנ־דיק אַזאַ בויגן אין דער האַנט, איבעררייסנדיק אינמיטן לייענען, האָט מען נאָך געזעען די פיזישע הנאה אויף זיינע פּולע ליפּן וואָס ער האָט געהאַט בשעת מעשה.

עס איז שוין געווען בכדי־שיעה, אַז איך זאָל כאַפּן אַ בליק צו זען, אַז ס׳ווערט געפייערט אַ בעל־מחשבות יובל, אַז ד״ר עליאשעוו פייערט די טעג זיין פופציקסטן געבוירן־טאָג און איידער נאָך ער איז געקומען מיט זיין שאלה, וואָס מיין בקשה איז, האָב איך אים געזאָגט כ׳האָב אים אַ ליד געווידמעט, דעם בעל־יובל. ער האָט זיך זער דערפרייט. ס׳איז אים ממש אַריינגעפאַלן ווי אַ געבראָטנס — די ליפּן אויף זיין קיילעכדיק, ברייט פּנים האָבן זיך צעגלאַנצט מיט פיזישער הנאה.

איך האָב אַרויסגענומען פון מיין בוזעם־טאַש ס׳ביסל לידער, געשריבן אין מיין תפיסה־צעל געמישט און מיך אָפּגעשטעלט אויפן „איוב־ליד״, ווי ער זיצט אויף אַ קופּע צעבראָכענע זונען און לבנות און ער קראַצט מיט די שאַרבן זיין קרעציק לייב — ס׳איז מסתם געווען ס׳בעסטע ליד פון דער סעריע — ס׳איז אָבער אויך געווען מיין געפיל, אַז עס איז דאָס פּאַסיקסטע פאַר עליאשעוון, כאָטש ס׳איז גאָרנישט אַזוי פייערלעך פאַר אַ ווידמונג, פאַר אַ יובל־שמחה.

כ׳האָב מיט מיין ביישטיפט צוגעשריבן די ווידמונג אויפן ליד, אויף אַזאַ אופן, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל מיינען, אַז כ׳בעסער אויס אַ פּערז; נישט מערקן, אַז דער ווידמונג־איינפאַל איז מיר ערשט איצט געקומען . . . וואו האָב איך דאָס געשטעקט די גאַנצע וואָכן, אַז איך — אַ יונגער פּאָעט! — האָב לגמרי גאָרנישט געוואוסט פון דעם ליטעראַרישן יום־טוב, וואָס גרייט זיך דאָ.

אַפּנים דער אַרעסטאַנטן־דעפעקט אַרבעט נישקשהדיק אין מיר! . . . איך האָב מיך וואָס שנעלער געוואָלט אָפּטראָגן פון דער העפלעכער, קראַקע־ווער אַטמאָספערע; פון דעם שווער־לייביקן, האַרציקן ייִד, אַז איך זאָל נישט, חלילה, קומען לידי־נסיון אַרויסכאַפּן דאָס „צעטעלע״ פון מיין הויזן־טאַש . . .

* * *

אין יענע יאָרן, אין דער ענגשאַפט פון דירות אין בערלין, האָט מען פון בוידעמער, פון שטאַלן געמאַכט וואוינונגען. די טיכטיקע גיטעלע, וויעוויאָרקעס אשת־חיל, האָט פון אַ פינסטערן קעלער אין אַ ליקל הינטער דער גרענאַדיר־שטראַסע — ממש אַ קעלער אָן פענסטער, אָן אַ פּאַדלאָגע—צונויפ־געבאַדעוועט אַ דירה.

די טיכטיקע גיטעלע האָט דעם שוואַרצן קעלער־באָדן אויסגעשיט מיט געלען זאַמד, אים באַלויכטן מיט אַ קאָפּטשעדיקן נאַפט־לאָמפּ. אַ וואַרעמע אַרבעס־זופּ האָט כסדר געפּאַרעוועט אויפן רייכערדיקן, אייזערנעם אויוועלע און מיט אירע פאָלקסלידער־געזאַנגען, איינוויגנדיק איר וויינענדיק עופהלע

אין אַרעם, איז פול געווען דאָס אָרעמע חדרל — ס׳איז פול געווען מיט אַ מין היימישע שבת־שטימונג געמיטלעכקייט.

דאָס חדרל איז געווען פול מיט פּאַפּיראָסן־רויך, מיט פּאַרטיי־דיסקוסיעס, מיט ליטעראַרישע מחלוקהלעך, רכילותלעך און מיט אַ קערטל, אויב ס׳איז נאָר געווען אַ פערטע האַנט. מ׳האָט די לופט געקענט שניידן ווי מיט אַ מעסער! און וואָוטשע איז זיך געזעסן כמלך בגדוד, געררייכערט אַ ציגאַרעטל נאָך אַ ציגאַרעטל און די מונדשטיקלעך נאָר אַזוי געשפּיגן, מיט אַ קלוג־ביטער שמייכעלע, אויף דער זאַמדיק־גאָלדענער פּאַדלאָגע.

דאָ האָב איך מיך ווידער צונויפגעטראָפן וויינטרויבן — דאָס זעלבע קיילעכדיקע קאָפּעלישל אויפן קאָפּ, קייענדיק דאָס פּאַרחלשטע פּייקעלע און ציענדיק דאָס עליוש־פאַרשאַרצטע נעזעלע בהלם־אחת, נישט אַרויסלאָזנדיק די לעדערנע אַקטן־טאַש פון אונטערן אָרעם — שוין אַ האַלבער דאָקטאָר און אַ גאַנצער ליטעראַט און געהייסן שוין האָט ער זיוו. נאָך די סטודענטן־מיטאָגלעך האָט ער זיך ערשט דערוואַרעמט דאָ מיט אַזאַ הייסן, בטעמטן טעלער אַרבעס־זופּ. און איך, שוין בענקענדיק אַ גאַנצן טאָג נאָך דעם חזירשן נזיד־עדשים פון געפענקעניש, האָב ערשט דערפילט וואָס עס הייסט אַ געשמאַקער טעלער אַרבעס־זופּ מיט אַ כשרן מאַרך־ביין.

שפּעט ביינאַכט, חברה איז זיך צעקראָכן, אַראָפּגעדרייט אַ קאַפּעטשקע דעם לאָמפּ, אויפגעעפנט אַביסל די טיר, האָט זיך ערשט אַרויסגעזען, אַז ס׳איז פאַראַן אין שטוב אַ בעט. די צוויי קליינע מיידעלעך, וואָס זענען געזעסן שטילע, פאַרשלאָפענע, זיך טוליענדיק אין אַ פינסטער ווינקל, האָט מען אויסגעבעט אויף בענקלעך, און איך בין אויך שוין אַזוי געבליבן זיצן אויף אַ בענקל ביז ס׳האָט גענומען „טאָגן" — ביז דאָס קינד אין קייבערל האָט גענומען וויינען, די מיידלעך אויף די אויסגעבעטע בענקלעך האָבן זיך גענומען אַרומשלאָגן, דער נאַפט לאָמפּ אויפן טיש גענומען קאַפּעטשען און דאָס שטיבל איז פול געוואָרן מיט געזאַנג פון יידישע פאָלקסלידער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מירביידע געבלאָנקעט אין די הינטער־געסלעך, אַרויסגעקומען אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, זיך אָבער־און־ווידער אַריינגעכאַפּט צו יאַנטלען אויסצוטרינקען אַ גלאָז ביר — די קעלן זענען אונז אויסגעטרוקנט געוואָרן פון אַזויפיל וואָס מיר האָבן זיך געהאַט צו דערציילן איינער דעם אַנדערן. ס׳איז געקומען אָוונט, איז וויעוויאָרקע געגאַנגען צו דער חברה, וואָס וואַרטן אונטן אין קעלער און איך האָב מיך געלאָזן גיין צום ראָמאַנישן קאַפּעע.

אַריינקומענדיק דורך דער דריי־טיר, האָב איך געזען ד״ר עליאַשעוון זיצן הינטן אונטערן שפּיגל אויף דער פּליושענער באַנק. ער האָט געקוקט אויף דער דריי־טיר, גלייך ער דערוואַרט עמיצן. כ׳בין צו אים צו און אים באַגריסט צו זיין ווערן אַ בן־חמישים, און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו דער אָפיציעלער שמחה. פּלוצלינג אָבער אַנשטאָט מיך איינצולאַדן צו זיצן צו אַ טעפּעלע קאַווע מיט געבעקס, ווי תמיד, שפּרינגט ער גיך אויף

און זיין גלאַט־ראַזירט פּנים באַקומט אַן ערנסט אויסזעען. איך, מיט מיין פּריש־געבאַקענעם קאָמפּלעקס, האָב שוין ווידער געגומען מיינען . . . ער אָבער שטייט אין זיין גרויסן ערנסט, פאַרויס קוקנדיק און רעדט צו מיר מיט געציילטע ווערטער: „איר זעט, אויבן איז אַריינגעקומען נחום סאָקאָלאָוו. פאַר דעם גרויסן ייד מוז מען זיך אויפשטעלן“.

ס׳האָט אַ ווייל געגומען ביז סאָקאָלאָוו איז מיט זיינע בנעימותדיקע תלמיד־חכם שריט צוגעקומען. האָב איך דערווייל צייט געהאַט מיך אַרומצו־קוקן, און דערזע די לאַסקער־שילער ווי זי זיצט, אַ שוואַרצע, אַ טרויעריקע, אַ פאַרצווייפלטע, אַ פּון „גאָט־פאַרלאָזענע“ . . . איך האָב מיך שנעל געזעגנט און בין צו איר אַהין. כ׳האָב אפילו נישט געמערקט די באַגעגנג נחום סאָקאָלאָווס מיט ד״ר עליאַשעוו.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָך חצות ווען כ׳בין אַרויס פונם נאַלענדאָרף־האָטעל, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט; די הענט טיף אין די טאַשן, האָב איך דערטאַפּט דאָס תפיסה־צעטעלע“. ס׳איז שוין געווען דער סוף פונם דריטן טאָג. אין די דריי טעג איז עס אפילו געווען אַ גוטע שמירה ביי אַן אבלאווע — כ׳האָב מיט שמייכלענדיקער הנאה געלאָזן עס אויפפליען אינם קאַלטן ווינט: „יעקע נאַר“ . . .

די יובל־שמחה האָט געטראָגן אַ יעקישן כאַראַקטער. די בני־ברית לאָזשע־מיטגלידער זענען געווען די מחותנים און מיר די געסט—אַ מין חתונה אויפן בית־החיים! שוין פּאַ־כּופּיע, נאָך די גראַטולאַציעס און דרשות, זע איך דעם בעל־היובל שטיין אין סמאָקינג — דאָס שוואַרצע שלייפל אויף דער ווייס־געקראכמאַליעטער ברוסט ווי ס׳וואָלט געציטערט אויפן שוואַרצן שנירל, וואָס הענגט אַראָפּ פונם צוויקער — די פּריש־פּריזירטע האָר גלאַנצן נאָך מיט זייער גראַדן שרינט, אָבער דער בעל־השמחה, שטייט אַן אויס־געלאָשענער מיט עפּעס אַ מין רעם אין דער האַנט. איך קוק צו אים צו, נעמט ער מיך אונטערן אָרעם. איך וויל נעמען די רעם פון זיין האַנט, ווייל איך שפּיר דאָס נעמען מיך אונטערן אָרעם איז ווייל ער זוכט אַן אָנלען — זיין זיך פאַרשאַרפטע קראַנקהייט, דאָס נעמען איצט אפשר אַן איבריק גלעזל . . . דער עיקר, מסתם, דאָס זיין באַגומען מיטן גרויסן כבוד, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטון . . . ווייל אין תוך איז ד״ר עליאַשעוו געווען דער עניוותדיקסטער מענטש, וואָס איך האָב געקענט; אַן אייראָפּעאישער עסטעט און אַן איידעלער בעל־מידות.

מיר זענען געווען די לעצטעביים פאַרלאָזן דעם גרויסן, טונקעלען זאַאַל. די צוויי־דריי מנינים אַרום ביים עלעגאַנטן, געדעקטן טיש, זענען עפּעס ווי אין געהיים פאַרשוואונדן איינער נאָכן אַנדערן. איך הער דאָס נערוועזע שלעפּן פון זיין פוס . . . ער זעט אויס ווי אַ פאַרלוירן יינגל, אַ פאַר־לוירן סטודענטל, איבערגעלאָזן אין אַ פרעמדער שטאָט אויף גאָטס באַראָט.

„איר האָט געזען מיט וועם מיין פרוי איז אַוועקגעגאַנגען, ווער ס׳האָט זי באַגלייט? דאַכט זיך שניאור?“ . . . הער איך אומבאַהאָלפענע, אויס־

געלאַשענע ווערטער.

אַרויסקומענדיק אויף דער קלייזט־שטראַסע, אויפן אָפענעם וויטנבערג־פּלאַץ, אין געבלענד פון די לעמפּ, פון די רעקלאַמעס, פון זיין רעיונות, שטייט ער אַ נישט דאַאיקער. וואו איז ער דען אַריינגעפאַלן? ס׳רוישן פאַרביי די קלינגענדיקע טראַמווייען, די שופר־בלאָזענדיקע אויטאָס. פּלוצלינג וואַקלט פאַרביי אַ דראָשקע. ער ווערט אויפגעלויכטן, באַלעבט און שרייט הילכיק היימישלעך אויס: „איזוואָשטשיק!"

מיר זעצן זיך אַריין אין דער דראָשקע. דער דראָשקאַזש דרייט אויס דעם קאָפּ פרעגן „וואוהין?" איך ווייז אים: „קורפירסטן־דאַם". ער דרייט מיטן קאָפּ: „צוויי באַשוויפּטע רוסן". רעדט ער צו זיך שטיל, צוריק אויס־דרייען און גיט אַ קנאַל מיט דער בייטש: „צום לונא־פאַרק, יאָ?"

עליאַשעוו איז נאָך אין דער אויפגעלויכטענער, באַלעבטער שטימונג:

„צוויי זאַכן האָבן מיך היינט אָוונט געפריידט. שלום אַש דעפּעשע . . . אַז ער האָט געדענקט אין מיר, נישט מיך פאַרגעסן . . . און דאָס בילד פון שאַגאַלן . . ." ער האָט עס די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט, ווי אַ קינד, וואָס פריידט זיך מיט זיין געבורטסטאָג־געשאַנק. ער האָט דעם רעם אויסגעדרייט. ס׳איז געווען אַ פאָרטרעט־צייכנונג פון דר. עליאַשעוו,גע־מאַכט אין אַ פאַרהונגערטער, קאַלטער נאַכט אין מאָסקווע" . . .

ער האָט מיך נאָכאַמאָל געפרעגט צי כ׳האָב געזעען מיט וועם זיין פרוי איז געגאַנגען. צי ס׳איז טאַקע געווען שניאור. „אים פאַרגין איך . . ." כ׳האָב געפילט ווי זיין פּוס צוקט אים . . .

נאָך איין מאָל האָב איך אים געזעען. אַפּאָר חדשים שפּעטער אין אַ סאַנאַטאָריום אין טעגל יום־כפּור, אין דער נעילה־שעה. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן נאַכט, איז ער אַרויס אין קאָרידאָר צום טעלעפאָן און צוריקגעקומען אַ צעשטראַלטער: זיין זון, וואָס איז דאָס יאָר, מסתם, געוואָרן בר־מצווה האָט דעם גאַנצן טאָג געפאַסט.

איז געווען די שמחה ווייל זיין זון איז אַזוי יידישלעך, אַז ער האַלט פונם תענית און געפאַסט דעם גאַנצן טאָג, צי ווייל זיין זון איז אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ געזונטער און אויסגעהאַלטן איבער אַ מעת־לעת, זעקס און צוואַנציק שעה צו פאַסטן און גאָרנישט טועם צו זיין? ער האָט געשטראַלט פאַר שמחה?

דאָס דעפּיבערטע פּנים מיט די צעשטראַלטע אויגן דורכן צוויקער זע איך תמיד, ווען כ׳דערמאָן מיך אין אים, אין ליבן ד״ר עליאַשעוו, דעם ערנסטן בעל־מחשבות, דעם געטרייען דינער פון דער יידישער ליטעראַטור.

דריי לידער

גאָלדן אויפגעגאַנגען די בעז־צווייגן,
ווי ווייס צעטויטן וועט באַלד דער יאַסמין;
ווען דו נישט געווען, זיי׳ס דען נישט געטון?
נישט געזומט, געטאַנצט אַרום די בין?

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 6־5 (העפט 50־449) דרייסיקטע יאָר מאַי־יוני 1969, לאָנדאָן

May-June

א י נ ה אַ ל ט :

ערב יום־העצמאות, קבלת־התורה, 1969 ** 3
לכבוד יידישע אויפשטענדלער יעקב ריכטיגער 7
האַנס הערצל (ליד) יוסף לעפטוויטש 10
דער אורח (פּאָעמא) אריה שמרי 12
מיינע צוויי חדשים אין ישראל דוד בערמאַן 13
צו דער גאָלדענער חתונה (ליד) י. ל. פיין 15
מיין אסתרל (ליד) שמואל ווהייט 16
נישט דערפארן, אלדד הדני (פּראָזע און ליד) א. נ. שטענצל 16
ישראל 21 יאָר (ליד) עלא זילבערג 24
צום זכרון פון שמואל יעקב האַרענדאָרף מאיר גערטנער

רעדאקציע־נאָטיץ: מיר בעטן אונזערע לייענער זיי זאָלן זיך אָבאָנירן וואָרים דער פאַרקויף מיטגליד ווערט אַלץ שווערער בפרט אין די ווינטער.

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 הענריקעס סט., א.1. 3 אַזייגער)

שבת דעם 14טן יוני — אַ רעפעראַט פון סעם לעוו

שבת, דעם 21סטן, לייענען א. מ. קייזערס הומארעסקעס לכבוד דער יאָרצייט פונם שרייבער.

שבת, דעם 28סטן, שמריס באַזוך אין לאָנדאָן רעציטירן פון זיינע ביכער.

שבת, דעם 5טן יולי, דאָס יידישע פאָלקס־ליד: סעם גאָלדבערג און עלען ווינאגראַד, איצט צוריקגעקומען פון ניו־יאָרק.

שבת, דעם 12טן לכבוד אַש׳ס 13טער יאָרצייט לייענען פון אַש׳ס ווערק —נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג, און מאיר באָגדאַנסקי.

שבת, דעם 19טן — הערצל־ און ביאַליק־שבת, רעדנער ח. בענקאָוויטש.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

מיך מיט זיינע געזאַנגען באַהעפטן;
און ווי שלומה המלך מיט זיינע שיר־השירים געזאַנגען;
וועל איך מיך ווי די שרון־רויז דופטענד צו עפענען.
קיין דיכטער ווי וואָרדסוואָרטה, קאָלדריזש, טיילאָר,
בייראָן, שעלי און דאַנטע, אויך היינריך היינע
און אַנדערע זיינען ניט בכוח מיינע נשמה עמאָציעס צו שילדערן.
און ווי דער סנה ברענט אָן אויפהער, דאָס פייער וואָס ברענט,
און קען ניט פאַרלאָשן ווערן אַזוי ברענט דער פלאַם אָנאויפהער אין מיר.
און מיינע ליפּן, וועלן דאָס ניט דערזאָגטע אויסהויכן,
וועט עס מיט זעליגקייט דיין נאָמען רופן: „מיין אסתרל״.

א. נ. שטענצל

נישט דערפאַרן

אין ראָמאַנישן קאַפעע האָט זיך נישט נאָר באַזעצט אַ יידישע קאָלאָניע, נאָר ממש געוואָרן אַ קבוץ־גליות — דאָס פלינקע לויפן טשעריקאָווערס פון טישל צו טישל; יעקב לעשטשינסקיס באַוועגלעכקייט — אָבער נאָך מער דאָס מרה־שחורהדיקע, שווערע זיצן בן־אדירס — אַ מצבה נאָך די פּאָגראָם־קרבנות אין דער אוקראַינע. מען האָט זיך גרופּירט לויט פּאַרטייען... ביי יעדן טישל האָט זיך עפּעס געפּלאַנט! שוין געוועןן אַדרעסן, אפיסעס... דער תושב, אהרן סינגאַלאָווסקי, מיט זיין שאַרפן חתוך־הדיבור, האָט ביי צוויי צונויפגערוקטע טישלעך געפירט „פּאַרלאַמענטאַרישע״־זיצונגען.

אין אַ ווינקל, אין זיין פּעלערינע איינגעהילט, ביי אַ טעפּעלע קאַווע אַלאַ טערקיש, קנעלט דאוויד טריטש זיין „ציפערן־סיני־פּלאַן״ מיט שמריהו גארעלקין; זיין צוגעשפּיצט, צוגעשוירן בערדל האַלט אַלץ אין איין באַווייזן און גארעליק האַלט אין איין גלעטן זיין צעשויבערטע באָרד און טרינקט צו בניחותא זיין ווארעם גלאָז מילך און „אייגנט״ זיך צו אַ ניי דייטש וואָרט...

פונקט צו דער באַשטימטער מינוט באַווייזן זיך „די ענציקלאָפּעדיסטן״ און ד״ר קלאצקינס פילאָזאָפישער קאָפּ, וואָס הייבט זיך שוין אָן צו פליכען, באַשיינט מיט זיין אַלץ־גרעסער־ווערנדיקן שטערן זיין פלעיאַדע, וואָס רינגלט אים אַרום ווי סאָקראַטעסן בשעתו.

אַמאָל באַווייזט זיך אויך ביאַליק, אָבער נאָר אַמאָל, ווייל ער איז שוין „איינגעשפּאַנט אין די האלאבלעס״ — ער „רייזט״ ווי אַ שליח...

שפּעטלעך, שוין פון אַ „געמיינדע״־זיצונג, מיט זיין ברייטלעכן גאַנג, ווי די גאַנצע בערלינער יידישע קהלה וואָלט אַריינגעקומען, לאָזט זיך אַריין ד״ר וויזשניצער און זוכט דאָס קינסטלער־טישל, וואו זיין פרוי, אַ פאַר־ליבטע אין אַלט־יידישער קונסט, זיצט אין קרייז פון צעפּלאַמטע קינסטלער און פלאַנט די צווילינג־זשורנאַלן, „רמון״ און „מילגרוים״, גלייכצייטיק איןביידע לשונות און גיט שוין פאַרויס אָן אַדערויף פאַר אַ לידל, פאַר אַ צייכענונג.

אין איין טאָג פאָרט אָן פרץ מאַרקיש אויף באַזוך פון וואַרשע און ביי

די „כודאושניקעס" גייט אַדורך אַ שטורעם, די קינסטלער־קעפּ צעוויגן זיך און ביי אונזער טישל הייבט קולבאק אָנצו ריידן פון אַהיימפאָרן אין זיין ווילנע . . . און זיין פּאַטלע האָר פּאַלט אים איבער די אויגן . . .

מיט לאצקי־בערטאלדיס אָנקומען ווערט ענג אין קאַפע און אַ „מאַסן"־פאַרזאַמלונג ווערט איינגעאָרדנט אין מזרח־געגנט פון בערלין: „מ׳מוז זאַמ־לען אַרום זיך ס׳פאָלק!"

דער זאַאַל איז פול געפּאַקט. אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע האַלט לאַצקי־בערטאָלדי זיין יידישלעך־צעשטורמטן רעפעראַט און הינטן ביי דער טיר רייסט מארקיש מיט זיין מעלאָדיש־קלינגענדיק קול די „מאַסע" צו זיך. ס׳ווערט אַ טומל, אַ רעש און מארקיש פּאַלט אַוועק מיט אַ האַרץ־אַטאַק — בערלין ווערט אַ שטאָט! . . .

די דאָזיקע נאַכט, דירעקט פון דער פאַרזאַמלונג, בין איך שוין אַוועק מיט וועווטשען. ער, זעענדיק אַזאַ יידישלעכן עולם, האָט באַקומען אַ פולן קאָפּ מיט פּלענער. די אַמאַליקע אידעע פונם דאָרטמונדער זשורנאַל איז אַרויפגעשוואומען מיטן גאַנצן שטורעם — די ציגאַרעטלעך האָבן זיך גע־צונדן איינס נאָכן אַנדערן און די מונדשטיקלעך געשפּיגן מיט אַ שפּריץ:

„אַן אַדרעס איז דאָ, אַ רעדאַקציע איז דאָ, מיינסט, אַז אין דער היים איז אַמאָל אַנדערש געווען?"

צומאָרגנס, אַן אויסגעשלאָפענער מיט אַ פולן קאָפּ מיט וויעוויאַרקעס פּלענער און מיט נאָך אַ פולערן בויך מיט גיטעלעס באַטאַמטע אַרבעס־זופּן, האָב איך מיך געלאָזט אין ראָמאַנישן קאַפּעע אַריין, שוין כמעט ווי אַ פאַלנער מיט־רעדאַקטאָר, צו טאַפּן דעם דופּק מכוח מיטאַרבעטער פאַר דעם שוין אַלטן, געפּלאַנטן ליטעראַרישן זשורנאַל.

עס איז נאָך געווען העלער טאָג, דאָס קאַפּעע האַלב ליידיק, אָבער די לעמפּ האָבן שוין גרעל געברענט ווי פאַר אַ גאַלאַ־פאַרשטעלונג.

פון הינטן אויף דער רויטער, פּליושענער באַנק, אונטערן ברייטן, ליכ־טיקן שפּיגל, הערט זיך אַן אַמפּערניש, אַ גערודער. עס שאַלט אַרויס שניאורס סאָפּראַן און באַלד דערנאָך אַ געדעפּט בייז קול, אַן איינגעהאַלטענס. עס ווערט דערשראָקן שטיל. די לעמפּ האָבן ווי אויפגעציטערט.

פון שפּיגל קוקן אַרויס נייגעריקע פּנימער, ווי זיי וואָלטן געזוכט וועמעג־ען מיט זייערע שפּיציק־צעגלאָנצטע אויגן. —

הינטן אויף דער פּליושענער באַנק אונטערן שפּיגל זיצן דריי יידן, צוויי צעקאָכטע, כאָטש צו פאַלן זיך ווי די הענער אין די נעזער אַריין — אַ גאָרשט באַנקנאָטן וואַלגערט זיך ביי זייערע פיס! דער דריטער, אַ קליינער, אַ בלאַסער — אַן איינגעשרומפּנס, אַ פאַרשעמטס, בייגט ער שנעל אַראָפּ ס׳קעפּל אויפצופּיקן דעם צעשאַטענעם גאָרשט איידער די קעפּ פונם שפּיגל בייגן זיך אַראָפּ און דערזעען אים . . .

דאָס קאַפּעע איז האַלב ליידיק, ס׳איז די פריע שעה, ווען די אַלטע „שטאַמגעסט" פון פריערדיקן „קאַפּעע דעס וועסטן" זיצן דאָ געמיטלעך ביי

אַ טאַסע קאַפע, ביי אַ שוימיקן קופּעל ביר אײדער מ׳גייט אין טעאַטער אַריין אָדער צו אַ קאָנצערט.

אַ ווײַלע שפּעטער קומט נאַמבערג צו, אײַנגאַנצן אַ צעבראָכענער ווי ער וואָלט אַדורכגעגאַנגען צווישן די רייען טישלעך אונטער „שפּיז־רוטן״. ביי קולבאַקן, אײַנגעשטאָכן די אויגן אין טעפּל קאַווע, שטאַרטשען די קינבאַקן נאָך שפּיציקער. איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער און געקוקט אין גרעל־צעגלאַנצטן שפּיגל אַריין אויף די נײַגיריקע אויגן ווי זיי וואָלטן געזוכט ווּעמענען, אַ פאַרשוואונדענעם . . .

„אַקוראַט פאַרדינט אַ בוררותל״, האָט נאַמבערג געזאָגט ווי פאַרשעמט פון דעם, וואָס אַקאָרשט געשעען אָדער פון דעם, וואָס ער טוט איצט, שטופּנדי צעקנייטשטע באַנקנאָטן אונטערן אַשטעצל.

„כ׳מוז צוריקגיין״ . . . אויף זײַנע פאַרשנירלטע ליפּן קרײַזלט זיך אַ הלצהלע, אָבער ער פאַרבײַסט זיי.

קולבאַק האָט אויסגעלאָזט דעם כעס צו מיר: כ׳האָב שוין גענוג, ס׳מעסטל איז שוין פול! גראַטשט צוזאַם ס׳ביסל פּאַפּירלעך און קומט אַריבער צו דער באַן־קאַסע. מ׳וועט קויפן אַ בילעט מיטן שנעל־צוג — וואָס שנעלער, וואָס גיכער! — און ס׳איבעריקע לייגט אין טאַש אַריין״.

טאַקע פון אָט דעם איבערבלײַבעכטס, פון „בוררותל״ בין איך מיטגעגאַנגען שפּעט אין דער נאַכט מיט איינעם אין אַ פּאַנסיאָן אַריין, וואו ס׳איז דאָ אַ ליידיק צימער און מיט אײַנמעלדן איז מען אויך נישט דאַרט מחמיר . . . און צומאָרגנס האָט מען „באַגאַסן״ די נײַע שטוב מיט אַ „ברוך הבא־באַנקעט״ לכבוד מאַרקישן.

איך האָב אין דער שטיל געוואוסט, אַז ס׳איז אויך שוין דער לך לשלום פאַר קולבאַקן. אָבער דער עיקר איז עס געווען ביי מיר כדי אַביסל אויפצוהייטערן די לאַסקער־שילער פאַר איר אַוועקפאָרן אין דער שווייץ אַרײַן צו איר קראַנק־געוואָרענעם איין אײַנציקן זון, וואָס ליגט איצט דאָרטן, אַ טובערקאַלאָזער, אין אַ סאַנאַטאָריום.

דאָס קערמעשל איז געוואָרן אַזוי בגילופינדיק, אַז מ׳האָט געטאַנצט אַ קאַזאַטשאַק אויפן שרײַבטיש אין די שקאַרפּעטקעס און מ׳האָט שיער נישט ווידער געדאַרפט לויפן נאָך אַ דאָקטאָר צו מאַרקישעס אַוועקגעפאַלן האַרץ.

ווי לאַנג קאָן מען שוין לעבן פון אַ בוררותל און פון אַ צופעליק האָנאָראַרל אין אַ פּאַנסיאָן, וואו מ׳איז נישט מחמיר מיטן אײַנמעלדן, אַז מ׳האָט נישט די אַמעריקאַנער דאָלאַרן?

אָבער ס׳איז נישט געווען נאָר דאָס!

נאַמבערג איז אַוועקגעפאָרן, קולבאַקן האָב איך זייט דעמלט אויך מער נישט געזען. פון דער לאַסקער־שילער איז אָנגעקומען יעדן טאָג אַ פּאָר קאַרטלעך, איינס טרויעריקער און נערוועזער פון אַנדערן. אַדלער איז פון זײַן היים, און עסן נישט צוריקגעקומען.

און צו וואָס זאָל ישראל גלאַטשטיין אַראָפּקומען פּיפּקען איראָניש זײַן פּיי־

קעלע? אַז ס׳איז דאָ אַ דריטער ביים טיש און זיי אַמפּערן זיך, דרייט ער ס׳פּאַקלדיקע פּיקעלע פון איין זייט גאמבע צו דער צווייטער און פּיפּקעט צו, אָבער אַזוי זיצן מיט איינעם ביים טישל און מיט פאַרויכערטע אייגעלעך שווייגן?

האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט צו די וויעוויארקעס אין אָנגערויכערטן קעלער אַריין. באַין ברירה געוואָרן אַ פּערטטע האַנט און בין פּרשה לפּרשה מיך צוגעהערט ווי וועווטשע פלאַנט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל, און ער צאַרשפּריצט דערווייל די גאַנצע ליימענע פאָדלאָגע מיט מונדשטיקלעך פון ציגאַרעטלעך. גיטעלעס געזאַנג האָט אָנגעפילט די קעלער־שטוב.

אין איינעם אַ פאַרטאָג, אָפּזיצנדיק אין דער ספּרוזשינע־צעבויגענער „פאָטערשטול“ אַ גאַנצע נאַכט, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ צעבראָכענעם רוקן, אַ נישט־דערשלאָפענער, און אַריין אַ נישט־געוואַשענער אין אַ רעסטאראנדל צו כאַפּן עפּעס ווארעמס, צו כאַפּן אַ דזשים . . . בכל־אופן אויסצוגלייכן אַביסל די פּלייצעס!

ס׳איז געווען נאָך צו פרי, אַז ס׳זאָל שוין דאָרטן ווער זיין. אָבער דאָך ביי מיין אַריינקומען איז שוין געזעסן אַ בחור און זיינע היימישע אויגן האָבן זיך דערפריידט צו זען וועמען. איך האָב מיך געזעצט ווי איינער וואָס קומט צו דער דערוואַרטערטע מינוט, ווען אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן.—

ער קומט פון רוהר געביט, פון געלזן־קירכן, ער אַרבעט אין אַ קוילן־גרובן. די יידישע אַרבעטער זענען זיך טאַקע צעקראָכן, קיין פראַנקרייך, קיין בעלגיע, אין די דאָרטיקע קאָפּאלניעס, „די מערסטע“, צעלאַכט ער זיך, „דאָ אויף די מערק!“ אָבער דאָך איז נאָך געבליבן אַ שפּאַר ביסל און האַלט זיך צוזאַם — „פּרלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט אייך.

מ׳האָט אַ שטיקל ביבליאָטעק, אַ שטיקל כאָר און אַן אַמאַטאָרן־גרופּע. די בונדישע צייטונג קומט פון ווארשע, די פּועלי־ציוניסטישע הייבט אָן דאָ איצט אַרויסצוגיין . . .

און נאָך איידער איך וויל אים זאָגן, אַז אין לעצטן נומער האָב איך געהאט אַ ליד, נעמט ער שוין איילִיק דערציילן פון אַן „איוב“־ליד, וואָס ער האָט דערין געלייענט; און מאַנכע שירות דערפון רייסן זיך אים בשעת ער קלאַפּט מיטן האַמער אין דער קוילן־וואַנט.

ער האָט עס זער אייליק. צווישן איין שיכט און אַ צווייטער האָט ער אַהערגעאיילט אויף אַ זיצונג פון פאַרטיי־קאָמיטעט.

איך שטעל מיך מיט אויף: „נאָר אַ פראַגע צי קאָן איך דאָרט אין די גרובנס קריגן אַרבעט און זיך איינמעלדן?“

און שוין גייענדיק, מיט אַן אויסגעדרייט פּנים, חבריש און פריילעך: „אַז מ׳איז אויפן פּלאַץ קאָן מען אַלץ!“

איך האָב וואַרשע נישט געקענט, ווילנע אודאי נישט, אָבער ווען קולבאַק האָט גערעדט פון זיין ווילנע, פון די הארעפּאשניקעס אין די ליקלעך; ווען מאַרקיש האָט זיך באַגייסטערט מיט די יידישע פּראָלעטאַריער פון די וואַרשעווער געסלעך. — —

דער בחור, וואָס איז אקארשט דאָ געזעסן, איז עפּעס ווי אַ שליח פון דאָרט . . . ווי אַן אליהו הנביא . . . און אפשר חלום איך גאָר ...... כ׳זיץ נאָך אויף דער „בראָך־שטול״ אין קעלער? איך טאַפּ אין דער הויזן־קעשענע די געלד־פּאַפּירלעך . . . ס׳זענען די לעצטע! ס׳וועט אפשר גראד נאָך סטאַיען אויף אַ באַן־בילעט. — — —

ווי נאָר איך בין אַריין אין צוג, האָט מיך אַרומגענומען אַ היימישקייט . . . איך פאָר אַהיים, קיין זאגלעמביע, קיין טשעלאַדזש, אויף דער „סאַטורניע״ . . . פעלד? ערד? דאָס איז אויבערפלעכלעך, אַ בלומעלע, אַ פייגעלע — „אין דער סאכע ליגט מזל ברכה:״ דער פולער „זאשעק״ . . . אוממיטלבאר אין דער טיפעניש מיך באַגראָבן און דערגראָבן — לעבן אָדער טויט!

און מיטן האַרטן ריטם פון די נישט־געשמירטע רעדער האָב איך שוין געפילט ווי כ׳קלאַפּ מיטן האַמער אין דער קוילן־וואַנט, פייערדיקע אותיות שפריצן מיר פון די אויגן . . . ס׳איז נישט דער בארג מיאל אין דער היים אין קוילן־סקלאַד, דאָס „נס״ אין די מלחמה־יאָרן . . . כ׳בין אַ האַרעפּאַשניק, אַ פּראָלעטאַריער; מיט־באַטייליקטער אין דער פּראָצעס פון דער שווער־פּראָ־דוקציע — — — כ׳בין איינער מיט אַלע — „צוזאַם״! „אַלע מענטשן ווערן ברידער״: נישט דער צוג לויפט אויף די נישט־געשמירטע רעדער, נאָר מיין קאָפּ גייט אויף רעדער. אַ גאַנץ אַנדערער ריטם, אַ שווערער, אַ האַמעטנער; נישט נאָר מיין אויפגערעגטע פאַנטאַזיע — מיינע נערוועזע פינגער אַרבעטן שוין מיט! איך הער מיך צו, איך צייל . . . עס רייסט זיך איבער — — איך דערפיל ווי דער אַקייגנאַיבער מיר זיצנדיקער באַאבאַכט מיך, „שטודירט״ מיך . . . אונזערע אויגן באַגעגענען זיך.

„זינט זי איין מוזיקער?״

„ניין, איך האָב אַ פריינט אַ מוזיקער״.

פון אונזער שמועס דערוויסט ער זיך וואהין איך פאָר און נאָך וואָס איך פאָר. האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול, אַז די פּאַסאַזשירן אין קופּעע האָבן זיך אומגעקוקט.

„אונד מיט די קלאַרנעטן־פינגער?״ האָט ער שוין שטיל צו מיר גע־לאַכט: „פּאַרוקט״, „אַבסורד, דאָס איזט זעלבסטמאָרד!״

זיין „אבסאָלוטקייט״ און זיין פריינטלעכקייט האָבן מיך איבער־צייגט און איך בין שוין, אויפן האַלב וועג, אין האַנאָווער, מיט אים אויסגעשטיגן.

אלדד הדני (באַלאַדע)

וויאַזוי צוקומען צו די רויטע יידעלעך,
דער סמבטיון וואַרפט זיך דאָך גאַנצע וואָך מיט שטיינער?
און שבת־קודש? אויב קיין ערוב נישט געלייגט איז,
פון אונז צו זיי, פון זיי צו אונז, קומען קאָן קיינער.
אָבער דאָך איז עמעצן אַמאָל דאָך געלונגען,
סמבטיון מיט איין שפרונג אַריבערגעשפרונגען.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 451) דרייסיקסטע יאָר יולי July 1969, לאָנדאָן

א י נ ה אַ ל ט :

איכה, גאָלדענע מאיר, ירושלים	**	3
דער לעצטער פעלץ (דערציילונג)	יוסף ה. באַסט	5
אסיסי (פּאָעמע)	יוסף לעפטוויטש	8
דער אידעאַל פון תורת משה (עסיי)	י. ריכטיגער	8
פּופּציק יאָר (ליד)	אייזיק גאָלדבערג	12
יום־העצמאות	ח. נ. בענקאָוויטש	12
תמוז־טאָג, זיך אַרויסגעפּלאָנטערט (ליד און פּראָזע)	א. נ. שטענצל	13

קדוש לבנה מנחם־אב תשכ״ט

האָבן נישט מאַמעס אונז שוין צוגעזאָגט,
ס׳שטערצל פון הימל אַראָפּצוברענגען ?
נישט ראַקעטס, נישט טעלערס טויט־באַצילק,
איבער מענטשלעכע קעפּ לבנה הענגען.

נישט איבער־מענטש איינער איבער צווייטן,
אַלץ וואָס געחלומט, וואָס מוחות דערגרייכן —
„כשם שאני רוקד כנגדך״,
ווי גאָט, מיט ראַקעטס הערשן פון די הייכן ?

„שלום עליכם, עליכם שלום״!
קדוש־לבנה אותיות געשריבן ווערטער,
אַז קיין פּגם ס׳זאָל חלילה נישט געשען,
די ערד — א טעלער אַן איבערגעקערטער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

ס׳פייגעלע וואס זינגט צו זון אונטערגאנג?

מיט לעצטער אוונט־צייטונג לויפט פארביי,
א ייִנגל מיט א יאמערלעך געשריי,

הארך, ווי ס׳כארכלט די גאס א פארגאזטע,
מיט טויזנט אויגן קוקט אויף איר דער בלאק;
די זון ליגט ערגעץ א פארבלוטיקטע —
זיך ארויפגעווארפן פון צענטן שטאק.

און ראד און רעדל, אהער און אהין,
דרייט זיך און יאגט די שטאט — א גיליאטין.

VIII

ווי לאנג ער ציט זיך מיין שאטן - -
און ווען איך וועל אין שטוב אריין,
מיך דערשלעפנדיק קוים צוריק,
וועט ער פריער שוין דארטן זיין.

בענזין־געברויז טומלט די גאס,
איין ריר — און חלילה וחס.

ווי דושענע — פון אלע פענסטער,
הילכן ראדיאס — כוואלעס־געוויין;
אין א יאמער ים פון אנגסטן,
פאל איך אין שווערן שלאף אריין.

נישט לבנה־שיין — ס׳בלישטשעט א טרער,
אין חלום נאך ס׳געוויין איך הער.

זיך ארויסגעפלאנטערט

די כחות ווערן שוואכער, די מעגלעכקייטן שרימפן איין, וויאזוי נאך האפן ארויסצוארבעטן דאס ביסל, וואס זיך דאך פארנומען? עס גייט לגמרי נישט אינם סוביעקטיוו־פערזענלעכן. ס׳איז אן אוממיטלבאר געראנגל פארן ביסל אייגנס, וואס מ׳טראגט אין זיך — געברענגט עס פון ערגעץ און ערגעץ־וואו עס דערטראגן.

כאטש געוואלט נאך ענדיקן דעם צווייטן טייל „געראנגל“, צופירן כאטש צום יאר 1924. די זעקס חדשים אין לייפציג, וואו ס׳זענען דערשינען מיינע ערשטע דריי ביכלעך — מיך דערגראבלט מיט מיין ביסל לידלעך ווי א הונט, וואס ראטעוועט זיינע אויסגעטראגענע הינטלעך אין א פינסטערן קעלער וואו.

אמת, נישט ביי יעדן „ויסעו ויחנו“ מוז מען זיך אפשטעלן — שרייבן אויטאביאגראפיש איז ווי דרייען א פילם פון א נאוועלע: קאן מען דען יעדן מאמענט ארויסהויבן, יעדעס בלעטל באלויכטן; מען סקיצירט און מ׳ווארפט

אויף א טייל דאס ראמפן־ליכט און ס׳באקומט זיך א גאנצקייט — מ׳מוז ארויסארבעטן פון צען ווארשיינלעכקייטן איין ווארהאפטיקייט. אין דעם גייט עס דאך.

I

ווען כ׳בין צוריקגעקומען א נישט־דערפארענער, א פארמוטשעטער פונם פרעמדן, אומהיימלעך־געמיטלעכן האנאווער צו דעם מיר דאך שוין אביסל שטורמיש־היימלעכן בערלין, איז שוין געווען פארנאכט. איז וואו לאזט מען זיך? בין איך אראפ צו די וויעוויארקעס אין קעלער אריין. דא פרעגט מען נישט ביטרע־רחמנותדיק „וואו ביסטו געווען, וואס האסטו געטון, קוק דיך נאר אן ווי דו זעסט אויס״. דא אין דעם אנגערויכערטן קעלער־שטיבל שפילט מען אן אפענע קארט ... דאס איז נאך וועווטשע, דער אלטער חבר פון דער היים, פונם טשענסטאכאווער בית־מדרש, דא צענעמט גיטעלע דאס הארץ מיט אירע יידישע לידלעך זי וועט דיך שוין אנקארמען מיט אירע באטעמטע ארבעס־זופן. און וועווטשע, מיט זיין היימיש־סקעפטישן שמייכעלע, וועט דיך שוין ברענגען צוריק צו דיר...

כ׳קום אראפ אין קעלער, איז ער ליידיק; אלץ איז ארויסגענומען, ס׳גאנצע ביסל ארעמע בעבעכעס. נאר איין „מעבל־שטיק״ איז געבליבן שטיין — דער „פאטערשטול״ מיט די ארויסגעזעצטע ספרענזשינעס־ביעדרעס. אפנים אויף דער שברי־כלי איז שוין, אפילו אין די ארעמע געסלעך דא ארום, אויך נישט געווען קיין בעלן.

אדער האבן זיי אים געלאזט שטיין, וויסנדיק, אז כ׳וועל מסתם צוריק־קומען, זאל איך האבן וואו דעם קאפ אנידערצולייגן?...

כ׳בין ארייגעפאלן אין אים א געהרגעטער. מיך איינגעמאסטעט אין דעם ארויסשטארטשענדיקן פערדהאר און אין די עלאסטיש־פארזשאווערטע ספרענ־זשינעס — מיינע אויסגעדארטע ביעדרעס האבן זיך ארייגעפאסט.

...יא, וועווטשע שפייט שמייכלדיקע מונדשטיקלעך, נישט אויף דער ליימענער פאדלאגע, נאר דירעקט אינם איבערגייענדיקן טעלער ארבעס־זופ, ווי ער וואלט זיך געצילט מיט א שפיי אויפן גאנצן ביסל לעבן!

ווען איך האב אויפגעכאפט, איז שוין געווען מסתם דרויסן העלער טאג — דער שיך־געגיי פארן פארשטויבטן קעלער־פענסטערל איז שוין געווען אין רעכטן גאנג.

איך האב מיך אויסגעניכטערט א פריילעכער, א צופרידענער. איז עס געווען דער חלום, איז עס געווען וואס איך בין צוריק אין בערלין? קודם האב איך א טאפ געטון ביי דער בוזעם־טאש ווי איינער, וואס וויל זיך איבערצייגן צי דער פולער טייסטער איז נאך דא...

יא, די לידלעך זענען דא און נאך מיט א שפאר ביסל מערער. צוויי פון יענע לידלעך, טאקע געשריבענע אין האנאווער, זענען אפגעדרוקט געווארן אינם „מילגרוים״.

אבער דאך וואוהין לאזט מען זיך? די בוזעם־טאש איז טאקע א פול

געשטאַפּטע און כ׳וועל זי נישט אויסטוישן פאַרן דיקסטן טייסטער, אָבער אין דער קעשענע איז פאַרט קיין פעניג נישטאָ — די פריילעכקייט אין מיר הערט דאָך נישט אויף!

ס׳איז שניט־צייט דרויסן אויף די זוניקע פעלדער און ביים שטעטינער באַנהאָף, צוויי שריט פון דאָ, ס׳אַרבעט פאַרמיטלונג־ביוראָ גיט דיר אַ בילעט און טאַשן־געלט פאַרויס. אויפן וועג דריי איך מיך אַריין אין דער אויגוסט־שטראַסע הערן ביי שמואלן, ביי מאַקסן, וואָס איז געשעען מיט די וויעוויאַרקעס און מיטנעמען אַ פּאָר ביכלעך אויפן דאָרף.

ווי תמיד, געטראָפן מאַקסן אַן איילנדיקן, אָבער שוין נישט מער אין דער שוישפּיל־שולע, נאָר אין דער מאָלער־שולע צו גיין. ער מיך דערזעענדיק, מיין שוואַרץ־אויסגעצערט פּנים, מיט מיינע גרויס־אַרויסגעשטאַרטשעטע בלויע אויגן האָט מיך אָנגעקוקט מעשה מבין: „אורבין, איך האָבע עס! גייסט מיט מיט מיר, וועסט זיין אַן אויסגעצייכנט מאָדעל״ און די אייגעלעך האָבן אים געשווישטשעט...

אַרטור סעגאַל, קליין, קיילעכדיק, באַוועגלעך. די רויטע בעקלעך, דער גרויסער, שוין גרוי־ווערנדיקער קינסטלער־קאָפּ, די קלוגע, גוטע אויגן — אַ האַרמאָנישער זעלבסט־פּאָרטרעט, אַרויסגענומען פון שפּיגל, כאַטש נעם און ראַם אים איין אין אַ גאָלד־ראַמען. אַרטור סעגאַל, אַ באַקאַנטע קינסטלער־פּערזענלעכקייט אין בערלין אין יענע יאָרן.

געקומען נאָך מיט אַ דור פריער פון אַ רומעניש שטעטל, מיט אַסך גלויבן אין זיין ביסל אייגנס. זיין טיכטיקע פרוי, שוין אַ בערלינערקע, אַ טאָכטער פון שוין אַן איינגעזעסענעם קרובֿ דאָ, האָט געמאַכט פון אים דעם פּראָפעסאָר און זיין ביסל אייגנס איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ סך פרעמדס — ער האָט „געאַרבעט״ אין אַלע זשאַנערן, אַפילו מחדש געווען אייגענע טעאָריעס: „דער בליק־פּונקט״, „פונקטואַציאָן״. זיין טעכניק איז געוואָרן אַ נאָמען: „אַרטור סעגאַלס מאָלער־שולע״.

האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אונז, מיט דעם דור שפּעטער־געקומענעם, מיט אונז יונגע, פון די יידישע היימישע שטעטלעך. איז „פּאַפּאַ סעגאַל״ ווידער געוואָרן אַ „יינגל״, געשטראַלט און ווידער זיך גענומען אַליין צום פּינזל — מיט יוגנטלעכע כּחות.

מאַקסנס אידייע איז אים זער געפעלן און אַחוץ מיין געהאַלט, קאָן איך אין די נעכט שוין בלייבן אין אַטעליע, אויב פרוילין באַרטש וועט מסכּים זיין, ווייל איר אַטעליע און „די שולע״ האָבן איין קאָרידאָר.

„פרוילין באַרטש״ האָט מסכּים געווען! איר חתן איז נישט אַהיימגע־קומען פונעם קריג און איר גאַנצע ליידנשאַפט האָט זי אויסגעגאָסן אויף די לייוונטן. כּדי די נאַקעטע טעמעס צו פאַרגיסן זיי זאָלן נישט משוגע־ווילד אַראָפּשרייען, האָט זי די צעדרייט־צעקרומטע פּענזיל־שטריכן, וואָס האָבן זיך געקאַרטשעט אין זייערע ווייען, פאַרגאָסן מיט גאַנצע „טובן״ רויטער פאַרב — פרוילין באַרטש האָט געמאָלן עקספּרעסיאָניסטיש! זי איז אַן שום

ספק געווען א קינסטלער־נאטור, נאר זי גופא איז זיך געשטאנען אין וועג...

די שולע, אחוץ מאקסן און נאך אפאר יונגע קינסטלער, איז ס׳רוב באשטאנען פון אזעלכע פרײליינס ... „פאפא סעגאל“ האט פרווידיש־פסיכיש פארשטאנען ארײנצוברענגען „ארדענונג“ נישט נאר אין זייער מאלעריי, נאר אויך אין זייערע געמיטער.

די פאר שעה, וואס איך בין געזעסן מאדעל, האב איך צייט געהאט זיי צו „בעאבאכטן“.

צווישן די גאנצע „געניאלע“ חברותא, מיט זייערע עקספרעסיאניסטישע שטיק: רוק—צוק! מיטן פענזל איבער דער לייוונט און א גאס מיט דער „טובע“ אויף דער פאלעטע מיט אקער־רויט, וואס האט מיר געשווינדלט אין די אויגן ווי אן אקס דאס רויטע טוך, איז זיך געזעסן א צעוואקסן, שטאלטנע מיידל, מיט שווארצע רענדער אונטער די נאך שווארצערע אויגן און שטיל באדאכט געצייכנט מיט א בליישטיפטל — איר שטילקייט האט מיר גוט געטון! מ׳האט געזען, אז מיט יעדן שטריכל, וואס זי טוט, נעמט זי זיך פריש אין די הענט ארײן — ס׳האט דער מעקער ביי איר מער געארבעט ווי דער בליישטיפט. אונזערע אויגן האבן זיך אפט באגעגנט.

פאר די אלע שילער בין איך געווען א מאדעל, נאר פרוליין בארטש האט געוואוסט ווער איך בין פונם שמועס מיט „פאפא סעגאל“, כדי זי זאל מיר געבן דעם שליסל פונם קארידאר...

דאס צעוואקסענע, שטאלטנע מיידל מיט די שווארצע רענדער אונטער די אויגן איז געווען א שווייצערין פון סאנט־גאלען, טרודע יעני, מיט א נטיה צו מרה־שחורה און צו צייכענען — דאס געראנגל צווישן די צוויי האט זי שטיל געמאכט, באחנט געמאכט.

זי זעענדיק אזוי, אין איר הארמאנישער שטילקייט, האט זי מיך דערמאנט אין דער מאמען אין אירע „שווערע טעג“, ווען זי זיצט ביים פענסטער מיט א טישטוך־צערעלע ...

איינמאל, נאך דער שולע, האב איך זי אפגעוואַרט. ווען זי איז ארויסגעקומען, האבן אירע גרויסע, שווארצע אויגן געבלאנדזשעט, זיך געדרייט אין די שווארצע, גרויסע רענדער ווי זיי זוכן וועמען. מיך דערזעענדיק, זענען זיי שטיל געווארן — איך האב איר דאס צייכן־ביכל גענומען פון אונטערן ארעם. עס איז געווען פול מיט מיין פארטרעט. ווי א יונג מיידל האט זי פארשעמט אראפגעלאזט די אויגן.

מיר האבן דעם גאנצן נאכמיטאג שפאצירט אין טיער־גארטן, געזעסן אויף דער ווערענדע פון ראמאנישן קאפעע. זי האט דערציילט פון סאנט־גאלען. יעדעס מאל, ווען זי האט דערמאנט דאס ווארט „סאנט־גאלען“, האט עס געקלונגען ווי א גלאק: סאנט־גאל־לען. מ׳האט ארויסגעהערט איר בענקשאפט נאך דער היים ... זי האט געוואוסט ווער איך בין ... איר חברטע בארטש האט איר פון מיר דערציילט ... איר וואלט באדארפט קענען דאס שטעטל, נאר פאר א פאעט איז עס צוגעפאסט: סאנט־גאל־לען.

ווען כ׳בין אהיימגעקומען בײנאכט, באגלייט פון טרודע יעני, האט זיך די טיר פון פרוליין בארטשס אטעליע נערוועז אן עפן־אויף געגעבן.

דערזעענדיק מיין באגלייטערין, האט פרוּיליין בארטש, מיט א היסטעריש געשריי, זי פלינק צוגעקלאפּט. דאס געשריי איז זיך פאַרגאַנגען אין א געהייל.

איך האב געלאזט שטעקן דעם שליסל אין שליסל־לאך און בין אראפּ שנעל פון די טרעפּ מיט מיין באגלייטערין — דאס געהייל, ווי א שטיל וואיען, האט אונז באגלייט.

ס׳האט לאנג געדויערט ביז כ׳האב זי בארואיקט. פון איין קאפּעע ארויס אין אנדערן אריין ביז מיר זענען זיצן געבליבן ביים טייכל אין טיער־גארטן. די לבנה איז אראפּ פּונם בריקל און זיך געמומען שפּילן אין די שטילע, קוים באוועגלעכע וועלן און טרודע יעני, אן הארמאניש פּארטרוימטע און נאך בחנטער, האט שטיל גענומען דערציילן פון איר סאנט־גאל־לען. ס׳האט גע־פּלעשטשעט ווי די לבנה אין טייכל: איך מוז לערנען, שטודירן, קענען די קלאסיקער און אזא שטעטל ווי סאנט־גאל־לען איז ממש צוגעפּאסט דערצו. מ׳קאן נעמען א בילעט דא אין באנהאף־צא און מארגן זענען מיר אין סנט־גאל־לען.

ווי טרויעריק־פארבענקט, ווי לאשטשעדיק־ליבלעך דער רעפריין האט אריינגעקלונגען אין דער שטילער לבנה־נאכט: סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען.

עס איז געווארן טאג. די שטאט האט אונז אויפגעוועקט מיט איר גערויש. מיר זענען ארויס ווי א יונג, נישט־דערשלאפן פּארל פון טיער־גארטן. מיר זענען געגאנגען צו דער שטאט צו. ארבעטער האבן געשטראמט צום צוג, צו דער אונטערגרונט־באן. איך האב אויך גענומען דערציילן פון מיין „נישט־דערפאַרן" קיין דארטמונד אין די קוילן־גרובנס... פון מיין נישט דערגרייכן פּאלעסטינע ווי א חלוץ... וועל איך יעצט דערגרייכן?

זי איז ארויפגעפאלן אויף מיר מיט א געוויין. כ׳האב געפילט איר היסטעריש ציטערן — —

מיר זענען געשטאנען פאר א „פּארמיטלונגס ביורא פון לאנד־ארבעטער". איך האב אנגעהויבן צוגיין אין דער ריכטונג. כ׳האב מיך שנעל צוריק אויס־געדרייט, געגעבן איר דעם צייכענונג־בלאק, וואס געהאלטן אונטער מיין ארעם: „כ׳האב שיער נישט פאַרגעסן. דאס איז דאך דיינס". זי איז שטיין געבליבן אזוי מרה־שחורהדיק שיין און הארמאניש־שטיל, אז א ציטער האט מיך ארומגענומען.

דאס מאל בין איך אוועקגעפאַרן אויף לאנד־ארבעט. כ׳גלויב צום לעצטן מאל, אבער נישט פון שטעטינער באנהאף, נאר פון לערטער.

—המשך פון קאפּיטל אין קומענדיקן נומער—

מזל־טוב

א הארציקן מזל טוב צו מיין פלימעניק נחום און זיין פרוי מרתא שטענצל, צו דער חתונה פון זייער טאכטער מרים מיט ראובן אברהם בעקער — בשעה מוצלחת!

א. נ. שטענצל

די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס, נאך די פיר וואכן וואקאציע, הייבן זיך ווידער אן דעם 23׳סטן אויגוסט.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־452) דרייסיקסטע יאר אויג־סעפט. 1969, לאנדאן

Aug–Sept

אינהאַלט:

ראש־השנה תש״ל׳ החיים והשלום ביד הלשון, „דער הייליקער קריג״, שמע ישראל, כל־נדרי־נאכט אין קאצק, א.א.		3
דער כוח פון יידישקייט (עסיי)	שמואל גאלדשמידט	10
א תפילה (ליד)	שמואל ווהייט	13
מיין תפילה, לאז די ערד מיין קערפער היילן (לידער)	עלא זילבערג	13
א געהיימע פייערונג אין ווארשעווער געטא	מיכאל זילבערבערג	14
שבת־זייד (ליד)	דוד אפאלאוו	17
זיך ארויסגעפלאנטערט, א שיר־המעלותל פאפורי (פראזע און פאעזיע)	א. נ. שטענצל	17
באלעסלאוו לעסמיאן	יוסף ד. באסט	27
דער אלטער טעמפל אין פראג (ליד)	עלזא לאסקער־שילער	28
על מות חבר (אויפן פריצייטיקן טויט פון משה חיים ליכטנשטיין)	י. ח. קלינגער	30
יידיש טעאטער אין לאנדאן (באריכט)	י. פ.	32
ריישל סאראקין ע.ה. (עקראלאג)	בערנארד מענדעלאוויטש	34
21 יאר (ליד)	אייזיק גאלדבערג	35
שופר של משיח (מיניאטור)	יאסל חריף	36

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט 33 העענריקעס סטר. א.1.—3 אזייגער)

שבת, דעם 27'סטן סעפטעמבער — סכות פראגראם; ס'באטייליקן זיך מיט רעדן ציטירן און זינגען: יעקב ריכטיגער, מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

שבת, דעם 4'טן אקטאבער — לכבוד שמחת תורה: רעדנער ח. ז. בענקוויטש.

שבת, דעם 11'טן — יעקב ריכטיגער — די סדרה בראשית.

שבת, דעם 18'סטן — מאיר באגדאנסקי — פון זיין נסיעה אין ישראל.

שבת, דעם 25'סטן — יעקב ריכטיגער פון זיין נסיעה אין ישראל. עלא זילבער וועט לייענען אירע ישראל־לידער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

די קרבנות פון דער אקציע, ארום הונדערט יונגע מענטשן, זיינען גלייך אפגעשיקט געווארן מיט טויזנטער אנדערע קרבנות קיין טרעבלינקע.

דוד אפאלאוו

ווי שבת-זייד

א טאג איז ווייס,
ווי שבת-זייד,
און קליידט זיך
אין געזאנגען,
ער נעמט מיך
גנעדיק פאר דער האנט
און וועקט אין מיר פארלאנגען.
מירביידע
גייען אויף שפאציר
אין בליענדיקן
זונגאלד-ציר.
דער טאג איז יונג,
און העל — צעגרינט,
איך שרייב א ליד
מיט לילא טינט.

אי. נ. שטענצל

זיך ארויסגעפלאנטערט

II

דער בילעט פון „פארמיטלונגס-ביורא פאר לאנד-ארבעט" איז פון דער פערטער קלאס. די גאנצע קופעע איז פול מיט אזעלכע סעזאן-ארבעטער — ס׳איז דער סעזאן, די זשניווע-צייט אויף די פעלדער. כדי נישט אנצוקניפן קיין שמועס כדי צו זיין מיט מיר, האב איך מיך געשטעלט ביים אפענעם פענסטער. א שווייסיקע חמימה, און אנגערויכערטקייט פון ביליקן טאבאק, און פון אפענעם פענסטער יאגט אזא ליכטיקע פרישקייט! איך האב אבער אין דער צוויי-שעהדיקער רייזע כמעט נישט געזען דעם דרויסן — עס ווייעט ווי דורך א קיל ווייענדיקן שלייער. די שטאט פארענדערט יעדע מינוט איר אויסזען; זי לאזט זיך אויס מיט אירע גארנדיקע הייזער, מיט אירע הויכע פאבריק-קוימענס; די פארשטעט הייבן זיך אן מיט זייערע ווילעס צווישן אלייען און גערטנער; אפענע הימלען וויקלען זיך אלץ ברייטער. ס׳הייבן זיך שוין אן די תבואה-פעלדער, וואס בייגן זיך אונטער די שווערע זאנגען — זיי׳ווארטן אונז אפ, זיי זענען אונז מקבל-פנים; אונז, די שניטער . . . אין קופעע ווערט פריילעכער, גזאנג דערהערט זיך — זאלן זיי הערן, די צייטיקע פעלדער אז מיר קומען!

דאס באנדל נעמט גיין פאמעלעכער. מען הערט נישט נאר דאס קלאפן פון די רעדער, אויך דאס אנקלאפן שוין פון איין וואגאנדל אין צווייטן — אלע פאר מינוט שטעלט עס זיך אפ, אביסל חברה לאזט זיך אראפ מיט א שפרונג אין פרייען פעלד אריין. זיי לאזן זיך מיט א גערויש אין א גוט, אין א פאלווארק. פעטע, גרינע לאנקעס, מיד-קייענדיקע קי — איינע, א פעטע, א בייכיקע, הייבט אויף א דריי-גארנדיקן גוידער מיט א פארשלאפענעם מיד-

אויסגעצויגענעם „מו־ו־ו" מיך צו באגריסן: אפנים, איך בין טאקע אנגעקומען.

איך בין דער איינציקער, וואס שטייגט אויס דא אויף דער פרייער לאנקע. איך פארשטיי, אז איך מוז צוגיין צום דערפל הינטן; צום קירכעלע מיטן הויכן צלם, צום אלטן קלויסטערל, וואס שטייט ווי א פאסטוך געבויגן איבערן סענקעוואטן שטעקן צווישן זיין סטאדע שאף — אינמיטן די נידריקע דארף־כאטעס — און דארטן וועל איך שוין אויסגעפינען.

דאס באנדל לויפט שנעל ווייטער. איך ווייס נישט וויאזוי איך שטיי דא פלוצלינג און נאך וואס איך שטיי דא. ווי אראפגעפאלן פון הימל, ווי אויפ־געריסן אינמיטן שלאף. דאס פארן איז פארבייגעלאפן מיט פארחלומטער שנעלקייט, מיט שטיקלעך דא און דארט — פאר מיינע אויגן אבער האט זיך רק כסדר געמיניעט, געמישט דער בלאק מיט די צייכענונגען, ס'האט גאר קיין סוף נישט גענומען; יעדע איינע איז אנדערש פון דער אנדערער.

מאדנע דאס זעלבע פנים די זעלבע אויגן און דאך אנדערש. א שטריכל אונטער דער אונטערשטער ליפ און שוין אנדערש; א דיק פינטעלע אין אויג און שוין נישט ס'זעלבע. א שאד וואס זי זעט מיך נישט איצט! שמייכל איך.

און וואלט איך נאך דארטן געזעסן אזוי ביים „פאפא סעגאל" אין דער שולע, וואלט דער בלאק נאך דיקער געווארן — א געדאנק, א געפיל און מ'איז נישט דער זעלבער! און אנדערער!!

און צי בין איך איצט דער זעלבער ווי פאר א יאר ביים ארויספארן אויף סעזאן־ארבעט? פול פרייד בין איך פאר א יאר געווען, פילנדיק די דארף־ערד אונטער מיינע פיס, די פרייד פון ארבעט, פון חלוץ־עצמות, די פרייד פון צעפירן די הענט, צו זיין א יגיע־כפימניק —

אדער צי איז דען אט די פרייד אליין נישט געווען א טאפלטע? די פרייד פון א חלוץ — ארץ־ישראל און דאס געפיל: כ'בין א הארעפאשניק, איינער פון אלע — „אלע מענטשן ווערן ברידער" — — שוין דעמאלט?. . .

או תמיד קומט עס ביי מיר טאפלט די תאוה און די ליבשאפט . . . או תמיד קומט עס ביי מיר אין צווייען — אלצדינג! און ווי זי האט מיך דאס דערטאפט — אינגאנצן!! נאר אין צווייען? און נישט נאר איך . . . מיין יעדער געדאנק, יעדעס געפיל! און איך פיל ווי יענער ציטער נעמט מיך ארום, ווי אין דער פרי פונקט, ווען כ'האב זי שטיין געלאזן א מרה־שחורהדיק־פארגלי־ווערטער פארן „פארמיטלונגס־ביורא" און אין די אויערן קלינגט עס מיר: „סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען". . .

ס'איז געווען דאס קלויסטערל, וואס האט אנגעהויבן צו קלינגען — צום מיטאג געבעט — ס'האט מיך אויפגעוועקט.

פון דער ווייטנס דערקען איך, אז דאס מוז זיין דער פאלווארק, דאס גוט, וואו איך מוז צו גיין; און נעם גיין שנעלער און עפעס פיל איך מיך ווי א רוצח וואס לויפט אין אן עיר־מקלט אריין: כ'וויל מיך ראטעווען, כ'וויל ראטעווען עמיצן, א צווייטן אין מיר — כ'וויל ראטעווען מיין נשמה! עפעס וויל איך מיך פון עפעס ארויספלאנטערן . . .

ווי פארקניפט, ווי פארשלייפט, ווי פארקאלטנט! איז אבער נאך דא א דריטער אין מיר, מיין טאטנס תהלים־ניגון, זיין ברכי נפשי ליבשאפט צום ארום, צו יעדן גרעזעלע, וואו א מלאך שטייט דערונטער און שרייט: „וואקס! וואקסן!“ זיין „לית אתר פנוי מניה“, וואס האט זיך אין מיר געריסן שוין אין טשעלאדזש, ווען כ׳פלעג שפאצירן מיטן טאטן אויף די סטעזשקעס צווישן די צייטיקע פעלדער, א ליבשאפט צו יעדן בוים, צו יעדן נפש. — און שוין שפרינגט מיר אקייגן פון צעפראלטן טויער א הונט, א דאקל — יא, „וואלדי!“, ווי ער פינקלט מיט די אייגעלעך, ווי ער שפיצט מיטן עקל, ווי ער וואקלט מיר אקייגן מיטן לאנגן, פולן בייכל אויף די נידריקע פיסלעך—ער ווייסט מסתם אויך אז ס׳מוז יעצט אנקומען א וויכטיקע פערזאן, א סעזאן־ארבעטער, העלפן אריינברענגען די זשניווע.

אפגעמאכט מיטן בעל־הבית, אז מיינע שכירות זאל איך קריגן אויסגעצאלט ביים שלוס פון סעזאן. וועל איך קאנען בלייבן דערנאך, אין הערבסט, אפאר וואכן פריי פון פיזישער ארבעט און קאנען עפעס טון פאר מיר; טון מיין עבודה—כ׳מוז דאך אמאל צוזאמען גארבן, אז נישט גייט אלץ אין ניוועץ!

פאר א שיבוש וועל איך באקומען ביי א פויער אין דארף א שטיבל און ווי לאנג דאס געלט וועט סטייען, וועל איך דא בלייבן און שורותוויז וועל איך עס פון מיר ארויסציען, ארויסדריוולען, ארויספלאנטערן קנוילוויז, פאסמעסוויז — אפילו דער וועג דא אהער, וואס איז געלאפן ווי אין א חלום, ווי א זיך־רייסנדיקער, שפינענדיקער חלום, שטייט דאך מיר אזוי קלאר, אזוי זיידן־שיינענדיק, זוניק־מיניענדיק —

דאס אלטע, צעצלמטע קלויסטערל — א פאסטוך איבערן סענקעוואטן שטעקן געבויגן איבער זיינע פיטערנדיקע שאף.

כ׳ברויך עס דאך נאר צוזאמענצוהאלטן, צוזאמענצוהאלטן! ס׳שטייט דאך פאר מיר, פאר די אויגן. ס׳ציט זיך פארחלומט אזוי מיטן בלוי פון די קוימענדלעך, מיט די ריחות פון די שטאלן, צומאל, מיטן גנאי —

איך מוז אוועק פון מיר! פון מיר מוז איך אוועק! נישט פון די מענטשן, נישט פון די פלעצער — לית אתר דפנוי מניה!! די זאכן פעסטהאלטן, די זאכן — אין דעם גייט עס! אין זיי זיך ארייגלייגן, און ווי צעפיצלט און צעריסן מען איז — מ׳בלייבט אין זיי! דער איך איז א ווירבל־ווינט אין „הויזן“; ער דרייט זיך, דרייט זיך און פארשווינדט.

די ליבע? ווער קאן דאס ווארט עפענען? עס עפנט זיך אויף ווי א גאלדן שמוק־קעסטעלע און ס׳מאכט זיך צו ווי אן אפן קבר —

עס האט געזאלט ארויסקומען א פאעמע, אן עפאפייע. קיין נאמען האב איך נאך נישט געהאט, אבער די הקדמה דערצו, די פתיחה, די אווערטורע — דעם טאן!

נאכט נאך נאכט, נאך די שווערע „סעזאן־ארבעט“ — מ׳יאגט, מ׳שוויצט די זשניווע וואס שנעלער אריינצוברענגען, די איבערצייטיקע קערנער זאלן זיך נישט פון די זאנגען ארויסשיטן, א שלאקסרעגן זאל די פולע דראבינע־

וועגענער אויפן וועג צו דער סטאַדאַלע נישט כאַפּן — אַ גליִענדיקער אין די נעכט אויף מײַנע שטרוי־בינטן מיט די הענט צוקאָפּנס האָבן זיך געוויקלט, די בלעטלעך, די קאַפּיטלעך זענען מיר געשטאַנען פאַר די אויגן: בחלום און בהקיץ האָט עס זיך מיר געמישט פיבערדיק פאַר די אויגן — ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, פונם קלינגענדיקן גלאָק צו דער אַרבעט, האָט דאָס קלויס־טערל געהאַלטן שוין אין איין קלינגען: סאַנט־גאַל־לען, סאַנט־גאַל־לען, סאַנט־גאַל־לען.

ס'איז געקומען דער לעצטער טאָג פונם סעזאָן. פאַרנאַכט וועל איך באַקומען אויסגעצאָלט דעם לוין פאַר מײַנע צוועלף וואָכן פּראַצע. אַ שטיבל אין דאָרף האָב איך שוין געזען וואו בײַנאַכט וועל איך מיך אַרײַנציִען. מיר זיצן גוט געלױנט אַרום מיטאָגס־טיש, — די זשאַניווע איז געווען אַ ברכהדיקע, אינמיטן טיש די שיסל קאַרטאָפל מיט קלויסקעס פאַרעט ווי אַן אויפגייענדי־קער קלויסטער־ווײַרױך — קלאַפּט עס אין דער טיר און ס'קומט אַרײַן צו גײן פּרויליין באַרטש און מיט איר גאַנצער קינסטלערישער היסטעריע — געמאַכ־טער און עכטער! — פאַלט זי אַרויף אויף מיר.

די בעל־הביתטע האָט צוגעשטעלט אַ טעלער צום טיש, און נאָכמיטיק האָט דער בעל־הבית מיר אויסגעצאָלט פאַר די דרײַ חדשים שווערע עבֿודה, מיר צוגעלייגט אַ נאַגראַדע נאָך אַ פּאַפּירל און מיך שוין באַפרײַט פון דעם האַלבן טאָג, לכּבֿוד דעם גאַסט, וואָס אים קומט אַ רעשט פון מיר.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דעם אַדרעס פון דאָרף האָט איר געגעבן טרודע יעג.י און זי, טרודע, האָט אים באַקומען פונם אַרבעטס נאָכוויִיז, וואו זי האָט מיך, בײַם געזעגענען זיך, געזען אַרײַנגיין. מען האָט איר אויך געזאָגט, אַז פּאַרדונגען האָב איך מיך אויף דרײַ חדשים.

נעכטן איז זי, די טרודע, אַרויפגעקומען אין אַטעליע — די גאַנצע דרײַ חדשים האָט זי זיך נישט געוויזן! — זי האָט זיך געזעגנט מיט איר און געלאָזן פאַר מיר דעם בילעט נאָך סאַנט־גאַלען.

„וואו וועל איך דיך געפינען אין גרויסן בערלין? איך האָב געוואוסט, אַז היינט איז דײַן לעצטער טאָג אין דאָרף, האָב איך מיך נישט געקענט אײַנהאַלטן מער . . . בין איך אַהערגעקומען דיר ברענגען דעם בילעט קיין סאַנט־גאַלען".

דאָס אײַנגעפאַלענע קלויסטערל האָט נישט געקלונגען ווען מיר זענען געזעסן אין זײַן שאָטן אויף דער אומענדלעך־אויסגעשפּרייטער זון־צעגליטער לאַנקע, און דער לעצטער זאַץ אירער איז געווען אַזוי קלאַנגלאָז, צעריסן פון אַזויפיל היסטערישן צער.

ווי „פאַרצערט", ווי צעריסן איר פּנים איז! האָט מיך אַ רחמנות־געפיל צו איר וואַרעם אַרומגענומען: זי איז אָן ספק אַ קינסטלער־נאַטור, נאָר זי גופא איז זיך תמיד אין וועג . . .

ליבע? תאווה? וואָס ווייסן מיר וואָס דאָס איז אַזוינס? וואָס ווייסן מיר דערפון? מיר שטייען מאָדעל פאַר דער נאַטור. מיר זענען די פאַרב, דער

פענזעל און די פאליטרע — ווי צו אונז, וואס מיר לעבן אין דער צייט פון עקספרעסיאניזם, קוביזם, דאדאיזם, און ס׳קומט אלץ ארויס אזוי צעריסן, צעשטיקלט, צעפיצלט, עקיק און שפיציק—א בלוט־אייטערדיקער קאשמאר!

ליבע, תאווה — וואס איז דאס אזוינס? וואס ווייסן מיר דערפון? און צי קאן מען זיך דען אויסבאהאלטן פון זיך אליין? אז אליין איז מען א פינסטערער קבר . . . אז מ׳קאן זיך נאר אויפעפענען און א צווייטן אין זיך אריינעמען — גאנץ, גאנץ מיט אלע זיינע עקן, שפיצן, און צעפיצלטקייטן.

ווען מיר זענען אין שפעטן נאכמיטאג אהיימגעפארן, זענען מיר געזעסן אויף דער ווייכער, אויסגעבעטער באנק אין קופּע פון ערשטן קלאס (ביז מיר וועלן אנקומען קיין בערלין וועט די דיפערענץ פון א בילעט פערטן קלאס ביז ערשטן קלאס סאי־ווי־סאי שוין זיין פארשוואונדן — נישט בחינם איז דעמאלט, אין יענע יארן, אזוי פאפולער געווען דאס ווארט „רעלאטיוויטעט"...) מיר זענען געזעסן ווי פון הימל דער אראפגעפאלענער „מזל־תאומים". פונם ריטמישן קלאפן פון די רעדער איז פרוילײן בארטש איינגעשלאפן און איר קאפ איז געפאלן אויף מיין אקסל — ווי רואיק, ווי אימפרעסיאניסטיש־הארמאניש, ממש קלאסיציסטיש־סענטימענטאל האט איר פנים אויסגעזעען און אינם ריטם פון איר הארמאניש־שטילן אטעמען האב איך אויסגעפיעט אויפצושרייבן א לידל פון צוועלף שורות — יוסף דילה רינה".

די דריי סטראפעס זענען געווען אלץ וואס איך האב „אפגעשפארט" אין די צוועלף וואכן סעזאן־ארבעט.

א קנאפ יאר שפעטער, אין מיינע פאר רואיקע חדשים אין לייפציק, האב איך אויך די געדאכטע „אוווערטורע" אויפגעשריבן; כמעט א יאר דערנאך זי צוגעשיקט דאכט זיך צו ראוויטשן קיין ווארשע פאר א זאמלונג דעמאלט.

סאי דאס „אפגעשפארטע" לידל האב איך פארלוירן סאי די „אוווערטורע", וואס האט געהאלטן א שפאר ביסל סטראפעס איז אויך אוועקגעקומען.

ווען מיר זענען אריינגעקומען אין אטעליע, האט עס געטונקלט. דער שיין געגרייטער טיש, ליכטיק־פארביק אינם אויסטערלישן בין־השמשות־ליכט, וואס האט מרה־שחורהדיק אריינגעקוקט דורכן גלעזערנעם דאך, האט גיכער אויסגעזעען ווי א שטיללעבן טונקל איינגערעמט אין די פאנטאסטיש־שטאנדיקע, שיף־ארומרינגלדיקע ווענט. הינטן אין דריי־עק, וואו די דריי דאך־ווענט קומען זיך צוזאם, האט זיך פרוילײן בארטש געפארעט א רגע בשעת איך האב מיך ארומגעקוקט, און א גראמאפאן האט אנגעהויבן שפילן „כל־נדרי" —

שטעלט זיך ארויס, אז היינט און מארגן איז די סעגאל־שולע געשלאסן, ווייל היינט ביינאכט הייבט זיך אן יום־כפור.

יא, ס'איז געווען א גרויסע „איבערראשונג"!! אזוי וויט שוין האלט עס נישט צו וויסן צומאל ווען ס׳פאלט אויס יום־כפור . . קיין ווינטשקארטל אפילו נישט אהיימגעשיקט . . .

זי האט אויף מיר געקוקט ווי איך קוק א נישט־דאאיקער אויפן טיש . . . ווען פונם טונקלען דריי־עקיק געשפיצטן ווינקל ס׳האט זיך געהערט דער

שארפער דריי פונם „דאנדרנא" האט עס מיר א דריי געגעבן און איך בין נשתנה צורה געווארן.

איר בליק אויף מיר איז געווארן אנגעפילט מיט שרעק און מיטאמאל געקוקט אזוי מענטשלעך־טרויעריק: איך האב געוואלט אזוי שיין מאכן . . . און תמיד קומט עס ארויס פארקערט — זי האט דערפילט איר שטיין תמיד זיך אין וועג . . . זי האט לייבהאפטיק דערשפירט איר גורל . . .

ס'האט מיך אזא רחמנות צו איר ארומגענומען, געוואלט א שמייכל טון, אבער ס'איז ארויסגעקומען קרום, שפיציק, עקיק.

כ'האב נישט געוואוסט וואו אנצוהייבן: „פארשטייסט, איך מוז יעצט אוועקגיין . . . אומבאדינגט . . ." געוואלט ווייטער ריידן, נאר נישט געקענט. געזעען דרייען די פלאטע און די מעלאדיע מער נישט געהערט . . .

כ'האב ליגן געלאזן דעם בילעט קיין סאנט־גאלען אויפן טיש, שנעל ארויס און נאך שנעלער די טיר צוגעמאכט הינטער מיר —

איך האב געוואוסט, אז איר אייפערזוכט, די קנאה צו טרודע יעני איז גרעסער, שטארקער ווי איר ליבע צו מיר.

אויף די שפיץ־נעגל ממש בין איך שטיל אראפגעגאנגען פון די שטיגן. פון דער פארמאכטער טיר האט זיך גארנישט געהערט . . .

א שיר - המעלותל - פאפורי

א כתיבה טובה פאר אלע חברים בכל מקום שהם:

„הזורעים בדמעה ברינה יקצורו".

א.

„. . . אויף גאניקל ארויס,
שטעטעלע באקוקן",
נעמט הארץ צארנען צעצערט,
צאפלדיק צו צוקן.

פאר גרויס ווייטאג אויסגייט,
שטערנדל נאך שטערן,
ווען זיי א וויינינדיקס,
דער פאווס דערהערן.

„געשטארבן", „פארדארבן",
קיינער נישט געבליבן;

ווער לעזן בריוועלע,
געליבטער געשריבן?

— קיין בן־אדם, אפשר
בריוועלע קאן ליינען,
אבער אונזער וויג־ליד,
מלאכימלעך ענטוויינען.

„ראזשינקעס מיט מאנדלען",
די שטערן זיך שיטן;
וו, ס'לבנה־פנימל,
ווי ס'וויגט זיך אין מיטן.

ב.

קלאפט שמש אין שול אריין,
אדער דעם שוסטערס העמערל?
צום טאקט זינגען סמוטענע צו,
דריי נייטארנס אין קעמערל.

קרעכצט מאניש אונטער חורבה,
ציט דער פרוש שווער זיין ניגון?
אונטער שרה בת־טובים,
קרעכצן די וויבער־שול־שטיגן:

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־11 (העפט 5־454) דרייסיקטע יאר אקט־נאוועמבער 1969, לאנדאן

Oct–Nov.

אינהאלט:

ווייטשעפל באלאדע, צייט־לידער, „שלום שלום ואין שלום" ** 3

דער אקסיאם וועגן אן אלמענטשלעכקייט (עסיי) יעקב ריכטיגער 7

א בריוו צו א מאמע פון א ישראל־סאלדאט (ליד) הערי פאצאנאווסקי 9

אינסטיטוט יחזקאל קארנהענדלער י. ח. קלינגער 11

די באבעניו ליבע (פאעמע) עלא זילבערג 13

זיך ארויסגעפלאנטערט, א חשון־טאג, דעם בעל שם טוב׳ס

קרייטעכצער און דער קאריצער (פראזע און פאעזיע א. נ. שטענצל 14

דער לאנדאנער יידישער מענער־כאר אין בערלין שמואל פידערער 25

ס׳איז גוט זיך צו באשיצן אין גאט (ליד) עמנואל הרומי 26

דער שאפער פון ליד —מוזיק מאיר באגדאנסקי, טעקסט—דוד אפאלאוו 27

ווינטער (ליד) שמעון וווזעק 27

סירל גרינבי הערי אריעל 28

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת דעם 29׳טן נאוועמבער אייזיק גאלדבערג לייענען ביעטש דערציי־לונגען צו דער יארצייט פון מחבר.

שבת, דעם 6׳טן דעצעמבער יעקב ריכטיגער, א רעפעראט איבער די חשמונאים־עפאכע, מאיר באגדאנסקי וועט זינגען חנוכה און פאלקס לידער.

שבת דעם 13׳טן דעצעמבער רעציטאציעס און געזאנג די באקאנטע אק־טיארן עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג.

מזל טוב

צו דער חתונה פון יעקב דוד דאמב און לאה רייזל ראזענבערג ווינטש איך חתן כלה און די עלטערן פון יינגן פאר א הארציקן מזל־טוב.

א. נ. שטענצל

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

זי קאכט און זי באקט מאכלים,
דער טיש איז מיט זילבער באדעקט,
די שבת׳דיק ליכטלעך זיי פונקלען,
די שטוב פון געווירצן פארשמעקט.

חלומ׳ט זי ווייטער און שמייכעלט,
זי גלויבט זי איז ווידער צובליט,
זעט זי איר מאן א פאריונגטן,
די אויגן ווי קוילן צוגליט.

שטרעקט זי צו אים אירע ארימס,
זי פילט ווי ער נעמט זי ארום,
פארציטערט איר הארץ פון נחמה,
און ווערט באלד פארשוויגן און שטום.

א. נ. שטענצל

זיך ארויסגעפלאנטערט

III

צוגעקומען צו דער גרענאדיר־שטראסע, האט עס גערוישט פון זיידענע אטלאסענע קאפאטעס און קליידער, געלויכטן פון ווייסע זאקן און פון ימים־נוראים ווייבערישע הויבן. מ׳איז געגאנגען פון די שטיבלעך און פון די ווייבער־שולן מיט היימישקייט און יום־טובדיקן געגיי. ס׳איז שוין געווען נאך כל־נדרי. און נישט נאר דער צעפראלטער עולם, נאר די גאס איז געווען באפרייט און דערלייזט.

די ליכטיקע לבנה איבער די דעכער גייט זיך אויך מיט אזא מחותנתדיקן און מתינותדיקן גאנג — אפגעקלאפט, אויסגעווייִנט, שטראלט זי איצט א ליכטיקע אן מינדעסטן פגם.

איך, אין מיין וואכעדיקן הילוך, לויפנדיק אין איין העץ פון וויטנבערג־פלאץ ביז צום אלעקסאנדער־פלאץ, אריינקומענדיק אין דער גרענאדיר־שטראסע, נעם איך מיך שטיל שארן ביי די ווענט ווי א שייגעץ מיט די הענט טיף־גראבנדיק אין די טאשן ווי כ׳וואלט דארט געהאט עפעס גנבישס, פארבאַטנס — מ׳זאל מיך נישט דערקענען.

צווישן עולם זע איך היימישע מענטשן פון דער אויגוסט־שטראסע, פון ראמאנישן קאפע. טייל קומען כלומרשט זעען דעם עקזאטישע, טייל — אז יא שוין גיין דאווענען, איז נישט אין יאהודישער סינאגאגע, וואס איז קאלט און קלויסטערלעך־פרעמד — אז יא שוין איינמאל אין יאר גיין דאווענען, איז אין א היימיש שטיבל צווישן שטעטלדיקע חסידים. עס דערמאנט אין דער היים, אין טאטע־מאמע — מען דערמאנט זיך אין זיך!

— 36 אין גדערענג זיך ארויסשטופנדיק פונם אפענעם טויער נומער

דאס באַרימטסטע חסידים־שטיבל אין דער גרענאַדיר־שטראַסע — מיט אויפֿגעשטעלטע קעלנער, מיט „יעלה״־שרעק נאָך אין די אויגן, זע איך יעקב לעשטשינסקין מיט נחום שטיפֿטן. זיי איילן זיך ווי צוויי דערשראָקענע יינגלעך, וואָס ווילן ערגעץ אַנטלויפֿן.

איך דריי מיך טאַקע עפּעס אַרום ווי אַ פֿאַרבלאָדזשעטער פּאַראַבעק אין אַ יידיש שטעטל, אָן אַ היטל, די הענט פֿאַרגראָבן אין די הויזן־טאַשן, אַז אַ ייד גיט אַ קוק אויף מיר דערשרעקט ער זיך: ווער ווייסט וואָס ער האָט דאָרט שטעקן? ער קאָן נאָך אַרויסכאַפּן אַ מעסער . . .

כ׳דריי מיך אַרום ווי אַ גלגול אויפֿן עולם־הדמיון: איך האָב דאָך שוין כל־נדרי געהערט! אויבן אין אַטעליע . . . מיט די אָפֿענע פֿענצטער צום הימל . . . „דאַנדרנאַ״! גיט עס אַ דריי אין מיר, און איך שפּיר ווי איך ווער נשתנה צורה . . . פֿאַר מיינע אויגן זע איך פֿרויליין באַרטשס מענטשלעך־טרויעריקן בליק, אַ פֿאַרגאַסענעם מיט טרערן . . .

מאַסטבוים, אַנגעטון יום־טובדיק, אין אַ פּילצענעם קאַפּעליוש, נישט קיין גאַליציאַנער, אָבער דערמאָנט אין אַזאַ, דערזעט מיך און דערפֿריידט זיך מיט מיר און פֿירט מיך שנעל אַרויס אויף דער מינץ־שטראַסע, אָבער נישט אין דער זייט, וואָס פֿירט צו דער לינדען־און אויגוסט־שטראַסע, וואוהין דער יום־טובדיקער שטראָם כוואַליעט, נאָר קערעוועט אויס צום וואַכעדיקן אַלעקסאַנדער פּלאַץ און נעמענדיק מיך אונטערן אָרעם פֿירט ער מיך אַהין אין פֿינסטערן געסל אין דער זייט צום שלעזישן באַנהאָף. איך בין שוין גרייט ער זאָל אָנהייבן איינעם פֿון זיינע פֿילאָזאָפֿישע שמועסן און איבערגיין אין הויך־דייטש און ריידן איבער געדיכטן — דער פּילצענער קאַפּעליוש מיטן דיכטערישן קנייטש און די שטיל־קוקנדיקע לבֿנה אין דעם פֿינסטערן געסל איז ממש צוגעפּאַסט צו אַזאַ שמועס, אָבער ער קוקט מיך אָן מיט זיינע אויסגעטריפֿטע אויגן, צי פֿונם מאַרק היינט, אינם קאַלטן הערבסט־ווינט, צי טאַקע פֿונם כל־נדרי: „איך זע דאָך, אַז דו ביסט גאַלע, האָב איך עפּעס און דו קאָנסט שוין אָנהויבן״. זיין וואָכעדיק קול האָט מיך אַ טאַרע געטון . . .

כ׳קוק אים שייגעצדיק אָן: „יום־כּפּור אויף דער נאַכט, תּיכּף נאָך כל־נדרי?״

איך וויל ווייטער ציען. אין מיין „תּיכּף״ פֿילט ער שוין די איראָניע און לאָזט מיך נישט ווייטער: „איך האָב מיר געעפֿנט דאָ אונטער דער בריק אין די בוידן אַ היטן־געשעפֿט. דו קענסט דאָך די געגנט אַרום דער יאַנאָוויץ־בריקע, צוהעלטערס און גאַסן־פֿרויען. זיי קאָנען טאַקע זיין גוטע קונים, אָבער זיי קאָנען זיך אויך אַליין ביינאַכט אַרויסנעמען אַ הוט פֿונם שויפֿענסטער . . . איז גוט, אַז ס׳שלאָפֿט ווער דאָרטן. קאָנסט שוין דאָרט בלייבן היינט ביינאַכט, און אַ ברייטל מיט אַ פֿערטל מאַרגאַרינע איז דאָך די פֿעסטסטע וואַלוטע . . .״

כ׳שפּיר ווי זיין האַנט אונטערן אָרעם וואַלט מיך ווי געקיצלט, כ׳האָב הנאה, ווייל ער מיינט, אַז ער ווייסט ווי מיך צו כאַפּן . . .

„הער, מאַסטבוים, איצט נאָך נישט. מאָרגן וועלן מיר אַלץ באַשטימען.

איצט געב מיר דיין קאפאלאטש, כ׳וויל מיך ארומשלעפן איבערנאכט איבער די שטעבלעך״.

מיר זענען צוגעקומען צו די בוידן אונטער דער בריק, פון איינער אזא האט ארויסגעבלישטשעט א שיין פון אן אפן קעמערל אין געשעפט אריין. ס׳האט זיך ארויסגעזעען א קאפ פון א בעט — מאסטבוים האט הנאה געהאט פונם איינפאל.

מיין שטימונג איז אויך גאנץ אנדערש געווארן. צי פון דעם „איינפאל״ צי פון דער זיכערער „וואלוטע״. כ׳האב אנגעטון דעם פליושענעם הוט מיטן קינסטלער־קנייטש אויף א זייט און אנגעהויבן שמועסן מיט מאסטבוימען האך־דויטש איבער געדיכטע . . . געטעס „ערל־קעניג״, שילערס „גלאקע״. . .

* * * *

ס׳איז געווען א וואכט־נאכט: אלע לעמפ ברענען, הונדערטער אנגעצונדענע יום־כפור ליכט. יעדעס האלב־ליידיקע שטיבל איז אנדערש צעפאכעט מיט אן אנדער מין ווארעמקייט. דא ווערט נאך געזאגט פון א מנין עלטערע יידן „שיר היחוד״ פערז נאך פערז און כ׳הער אינם מטעים זיין ווי די זאגערס פארשטייען און זענען שטאלץ און די הערצער וואקסן זיי מיט יעדן פערז — מ׳מוז נאר טרעפן אין פינטל אריין, טראכט איך: „קול העם כקול ש די״. . . פראסטערע יידן דערזאגן תהלים פסוקים־ווייז מיט פרומער מתיקות — זענען דאס נישט די שענסטע פערזן, וואס מ׳קאן שרייבן? כ׳לאז מיך אראפ אין א ווינקל און וויל צוהערן, זע איך ווי א ייד אין טלית און קיטל נאך אנגעטון לערנט זוהר מיט גרויס התלהבות און ביי יעדן „תא חזי״ הייבט ער די אויגן אויף און איך זע ממש ווי ער זעט עפעס. יא, און איך האב אויך „עפעס״ דערזען.

אין „נומער 36״ איז היי אויסגעשאטן אויף דער פאדלאגע. און א בינטל יידן אין די זאקן אויף א באנק, אט־אט לאזן זיי זיך אראפ אין היי אריין און שלאפן אייך, הערן זיך זיי צו צו איינעם ווי ער דערציילט: דער הייליקער בארדיטשעווער איז געקומען קיין לעמבערג אויף יום־כפור און פון גאנץ לעמבערג איז געווארן איין גרויס חסידים־שטיבל . . . אנגעצונדן אין זיין התלהבות . . .

א מידער בלייב איך זיצן אויף א באנק, כ׳בין אין דער היים, אין לעמבערג, אין בארדיטשעוו, אין טשענסטאכאוו, אין ראדאמסקער שטיבל. כ׳הער דעם טאטנס לערנען זוהר . . .

ביים שולחן זיצט א ייד מיט א יינגל און לערנט מיט אים משניות און דערקלערט אים האר־גענוי וואס דער כהן־גדול האט צו טון פון דעם מארגנדיקן טאג . . . דאס יינגל זאגט נאך ווארט ביי ווארט און קאן קוים אויפרייסן די אויגן —

איך בין דאס יינגל, נאך אין טשעלאדזש אין חסידים־שטיבל אויבן ביי אונז אין דער אפיצינע: „און נאך א ווייב מוז מען אים אנגרייטן, טאמער וועט זיין ווייט שטארבן . . .״ איך זיץ מיט די פיס אין א מעשענעם בעקן און ס׳קלינגט: סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען — גאנץ לעמבערג ברענט!. . .

כ׳כאפ מיך אויף, טאגט עס שוין. דאס בית־מדרשל איז ליידיק. די גרעלע

ליכטיקייט פון די לעמפ מיט די הונדערטער ליכט, די טישן אנגעלייגטע מיט קיטלען און טליתים. דער שארפער ריח, וואס גייט פונם היי, ווי א צעמישטער לויף איך ארויס און ס׳יאגט מיך נאך א געוויין פון א תהלים־זאגער, וואס שטייט ביים ארון־קודש.

מוצאי יום־כפור האב איך מיך אריינגעכאפט צו יאנטלען אין שענק אריין און איך גלויב מיינע אויגן נישט — אויבן אן ביים טיש מיט א פעטער כפרה־פולקע אין דער האנט, פארטיפט אין דער אכילה נאכן שווערן תענית, דאס קאפל פארוקט הויך אויפן שוויצנדיק שטערן, זיצט משה זלאטא.

דער ערשטער געדאנק איז, זיך שנעל א דריי־אויס צו געבן. זאל ער מיך נישט זעען אין מיין הולך — דעם פילצענעם האלב־גאליציאנער האלב־קינסטלער קאפעליוש האב איך שוין מאסטבוימען אפגעגעבן — אבער די נאטירלעכקייט, די נאנסקייט, די נייגעריקייט האט גובר געווען.

משה זלאטא, דאס איז געווען אן עילוישער קאפ אין דער היים, אין היימישן בית־מדרש, ווו מ׳האט אים געכאפט, אלס בחור, נישט מיט קיין טריפה־פסול, נאר מיט א בתולה און טאקע פון א פיינער משפחה, וואו ער האט געגעסן א טאג. האט מען נישט געמאכט קיין גרויס גערודער. מ׳האט דעם אנגעפארענעם ארעם־בחור פון א פראווינץ־שטעטל מלביש־ערומים געווען און געפירט דאס פארל אונטער דער חופה.

אינמיטן די קעסט, שוין געהאט אנגעפליאדעט א שטוב מיט קינדער, האט אויסגעבראכן די מלחמה. דער רייכער שווער — א יורד, איז צו וואס נעמט מען זיך? האט ער אנגעהויבן פון זיינע שענק מיט ספרים — אנגעזאמלט אין די גוטע יארן! — צו ברענגען אין בית־מדרש אריין, אין שטיבל אריין — אבער נישט אזוי גלאט א ספר, נאר אן אנטיק, א „זעלטנהייט״ — א „ישועות יעקב״, א „שאלות ותשובות מרומא״, ר׳ יעקב עמדינס סידור פון ערשטן דרוק — און אפגעזעצט פאר גוט געלט.

אזוי איז ער געווארן א סוחר פון אנטיק־ספרים און אריינקומענדיק אין רייכע חסידישע הייזער און מיט זיין שארף אויג אלץ געזעען, איז ער בינו־לבינו געווארן א שטיקל לאנד־שדכן . . .

אז א בחור אין בית־מדרש, אין שטיבל, איז לאנגוויליק געווארן ביי דער גמרא, האט ער זיך אריינגעכאפט צו משה זלאטא, געזוכט אין די ספרים־שענק, געשמועסט אין לערנען, אריינגעווארפן א מילתא־דבדיחתא. משה זלאטא, מיטן שארפן מח, האט שוין דערשמעקט מיט זיין חוש ווי דער פעפער וואקסט און אוועקגעשיקט א בריוו אין דער וועלט אריין: „לכבוד הנגיד והחסיד מהור״ר״. . . און אויף די מיידלעך אין די רייכע הייזער איז ער דאך שוין בחורוויז געווען א מבין . . .

אזוי איז משה זלאטא געווארן בארימט איבער א שטיק פוילן ווי א גרויסער ספרים־אנטיק סוחר און אויסצוגעפונען א בחור אן אנטיק פאר א מיידל, א יקר־המציאות . . . ער האט שוין געוואוסט וואו מ׳זוכט „תורה מיט געפוצטע שטיול״, און א מיידל אן אנטיק צוצופוצן . . . ער האט געקענט

די קונץ א ספר עלטער צו מאכן מיט א הונדערט יאר און ביי אן עלטערער בתולה אראפצונעמען א צען יאר . . .

משה זלאטא, מיך דערזעענדיק, איז ער פשוט פון דער הויט ארויסגע־שפרונגען. די ארומגעגריזשעטע פולקע האט א קלונג געטון אויפן טעלער און פון זיינע גלאנציק־פעטע לעפצן דער „וראות פניך לא פללתי" האט די גאנצע שענק זיך אומגעקוקט.

משה זלאטא איז טאקע דא אהערגעקומען, אזש קיין בערלין, אין א שליחות פון א טאטן א גביר, וואס א טאכטער א „שטודענטקע, א „קינצלערקע" האט געמוזט נעלם ווערן פון דער היים — „יהיה מה שיהיה ער מוז אהיים־ברענגען א קאפיע פון א תנאים". . .

דער עולם אין רעסטאראן האט שוין געהאט אפגעגעסן. געגאנגען אויף א שפאציר נאך דעם שווערן תענית און א גאנצן טאג זיצן אין די שילן; ארויס אויף די הייף אריינקלאפן א פלאקן פאר דער סוכה — זענען מיר געזעסן געמיטלעך ביי צוויי קופלעס ביר:

„ווען דו וואלטסט געוואוסט ווי דיין טאטע וואלט דיך געוואלט זען. זיין הארץ גייט דאך ממש אויס נאך דיר. כ'ווייס נישט צי ער האט דיין ברודער זצ"ל, אזוי ליב געהאט. ס'איז ממש נפשו קשורה בנפשך".

איך קוק אים אן פון דער זייט: מסתמא ארבעט שוין זיין שארפער קאפ, ער פלאנט שוין . . .

„אזוי איז עס שוין, ר' משה, יצחק האט אויך עשון ליבער געהאט".

„חס וחלילה, ס'יידישקייט לייכט דאך ארויס פון דיר. עינים של אדם זענען זיינע עדות".

ער קוקט מיך שארף אן, מסתם האט עס צו טון מיט א פרישן איינפאל, מיט א שפאגל נייעם פלאן . . . נאך אן עלויש־שארפערן:

„מיינסט טאקע, אז בארד און פיאות זענען שוין אלץ? . . מיר דארטן ווייסן אלץ . . . מ'קאן אונז נישט נארן . . . און דו טוסט גוט אזוי ווי דו טוסט . . . זיך לאזן אנוואקסן א יום־כפור־בארד און אהיימקומען 'פראווען' כבוד־אב? דער לובלינער רב האט איבער זיין בנאק געמוזט עוקר זיין, די חרפה האט אים אויפגעגעסן".

איך וויל אים איבעררייסן.

„דערמאן מיר אפילו נישט זיין נאמען". זעענדיק ווי ער בייסט בייז די פעטע אויבערליפ און קוים וואס ער קאן אריינכאפן די וואנסע צווישן די ציין, זע איך, אז דא איז אים ארויסגעפאלן א פעטער ביסן . . . ס'איז נישט אזוי דאס פארדינסטל . . . ווי דער וואזשנער פלאן — דער אנטיק פון א פלאן! וואס איז צעשטערט געווארן . . . אזוינס און אזעלכעס! איבער האלב פוילן וואלט מען דעריבער געשמועסט.

„ר' משה, מיינט נישט, אז ס'איז אזוי לייכט; אז מ'פארפלאנטערט זיך דא, איז עס מיט א קנופ און מיט א שלייף . . . גלויבט מיר, ווי מ'טוט איז מען נישט יוצא". . .

ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף — עפּעס איז מיט דעם פֿויגל שוין אויך עפּעס דער מער:

„ס'איז דאך היינט מוצאי יום־כפור, לאמיר בעסער נישט ריידן" און ארויסבעקאפּט אייניקע דאלאר — אמתע גרינע, אמעריקאנער דאלארן! — און מיר געגעבן: „זארג דיך נישט, איך וועל מיך שוין מיט דיין טאטן אין דער היים צערעכענען" —

דאס מאל האב איך אים שארף אנגעקוקט, ער זאל געגוי וויסן, אז די דאלארן זענען נישט אן אדרויף אויף „עפּעס"...

* * * *

די כוואליע אין יענע צוואנציקער יארן, דאס אנטלויפן פֿון דער יידישער יוגנט פֿון שוין בארואיקטן און זאטן פּוילן, די מאסן־עמיגראציע, דאס לויפן איבער אלע גרענעצן און דאס אנפּילן פֿון יידישער יוגנט, בחורים און מיידלעך, אלע אוניווערזיטעטן אין אייראפּע און בעיקר אין דייטשלאנד — ווייל איר וואלוטע איז נאך געווען אזא ווי זי איז געווען — האט שוין געטראגן אן אנדער כאראקטער ווי דאס לויפן מיט קוים אייניקע יארן פֿריער.

נישט בחורים זענען געלאפֿן פֿון האלערס קאזארמעס, וואו דער יידישער סאלדאט איז ממש פּארפּייניקט געווארן, נאר אנשים ונשים זענען שוין געלאפֿן, כדי נישט געכאפּט צו ווערן אין תפיסות אריין און פּארפּייניקט צו ווערן פֿאר קאמוניסטישע חטאים. ס'זיגערישע פּוילן האט אויפגעהויבן איר דישנדיקן קאפּ.

רייכע טאטעס האבן לכתחילה שוין אוועקגעשיקט זייערע טעכטער „שטודירן" אין אויסלאנד, נישט געכאפּט צו ווערן אין לינקיזם, און מער נאך כדי צו „כאפּן" א בחור...

די נייע עמיגראציע איז געווען אן אנדערע און די יידישע „קאלאניע" האט זיך אנגעהויבן צו געשטאלטן אויף גאנץ אנדערש... אויף א גאנץ אנדערן אופן...

דרך אגב: פֿון יענע יארן מסתם נעמט זיך די ביטערע שנאה, א ממש פֿיזישע, פֿון שניאורן צו אשן, וואס אש האט תמיד אויסגעשטעלט אפּאר גרויסע אויגן און געגלאצט תמעוואטע: פֿון וואו נעמט זי זיך?

זיצנדיק ביי אונזערס א טיש, שטעלט אש אפּ דעם נערוועז־אדורכלויפּנדיקן שניאור, דאס בכבודע לאפּעטע־בערדל אביסל שמאלער, יוגנדלעכער, צוגעשפּיצט:

„וואס לויפסטו אזוי?"

אויף שניאורס ענטפֿער, אז א דאמעווארט אויף אים דרויסן, שרייט אש אים נאך,

„מ'קען שוין דיינע —"

שניאור, גוט הערנדיק דאס נאכקומענדיקע ווארט און נישט אויסדרייענדיק זיך אים ארויסצורופֿן אויף א דועל, האט פֿארביסן זיינע ליפּן אין אזא שנאה.

אינדרויסן איז טאקע געשטאנען און אויף אים געווארט זיין צוקונפֿטיקע פֿרוי, א נגידישע טאכטער פֿון ווארשע.

אבער ווער האט דאס געקענט וויסן, אז דער גרויסער דיכטער, זלמן שניאור, האט עס געהאלטן פארהאנגען אונטער זיבן שלייערס . . .
אנדערע צייטן האבן זיך אנגעהויבן.

— שלוס אין קומענדיקן נומער —

א חשוון-טאג

1

פון צווישן געצווייג ווו,
ווי געוויין וואלט זיך הערן;
אין לויטערן ארום —
אין א שאל פון קריסטאל,
פאלן טרעלן ווי טרערן.

דארט אויבן מסתמא,
פויגל-מאמע געבליבן,
כוחות איר אויסגעפעלט,
ווען מחנות פייגל,
אין וועג ארייך זיך געקליבן.

פארברויכט, שוואך, אן כוחות,
ווער ברויך נאך אזא לעבן ?
אז אין די הימלען הויך,
נישט אויפהויבן מער מ׳קאן,
פליגלען צעשפרייט און שוועבן.

כ׳בלייב שטיין און הער מיך צו,
געשוויטש שטילער נעמט ווערן.
בלויז פון ווו די ווערטער,
און אלץ העכער, העכער,
און ווילן נישט אויפהערן ?

2

ס׳בלעטערט דער שקיעה־בוים,
אן אלט פארגעלטער ספר;
כ׳לייען ארויס פון אים :
„וואס איז ער דען דער מענטש,
ס׳ביסל עפר ואפר ?

פון שטויב ר׳איז געקומען,
און צו שטויב ווידערקערן.
כ׳קוק פארטראכט אויפן בוים
און האלט אין איין שעפשען :
ווי שיין דער טויט קאן ווערן".

פריילעך אונטער מיין טראט,
קניסטערן די וועלק בלעטער :
דאס טאקע שוין דער טויט ?
„ליבלעכער ווי ס׳לעבן — —
מיט שטראלן־פינגער גלעט ער."

פארגאנגען אין די זון,
באהאנגען בוים מיט שטערן;
פון געצווייג א שעפטשען,
סודות פארחלומטע,
אין אזא נאכט מ׳קאן הערן.

3

נישט דער טויט — דאס לעבן,
דער סוף פון אלע סופן !
צוריק זיין א טראפ ים,
שטויבל ערד — איז אלץ וואס
הארץ טרוימען קאן און האפן.

מיטן נאכט אויפגעוואכט !
נישטא הימל מיט שטערן —
פייערדיקן „בעזעם",
האלט גערטנער אין דער האנט,
און האלט רק אין איין קערן.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 9־478) 31־סטער יאר אויג.־סעפ. 1970, לאנדאן

Aug-Sept Numbering sequence jumps from 473

אינהאלט

ראש השנה תשל״א, דוד המלכס לעצטע תפילה, „עגל המשולש״,
„כי עמנו״ א־ל, „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב״ .... ** 3
ביים כינרת שטייט א יתום (ליד) .... שמואל ווהייט 10
די יידישע צייט־רעכענונג (עסיי), ... יעקב ריכטיגער 11
מאמע מיינע (ליד) .... י. ה. בינענפעלד 14
אן אנדער תפילה (ליד) .... עלא זילבערג 15
אויפן לאפּציקער יאריד, ווייטשעפּל־לידער .... א. נ. שטענצל 19
ברכי נפשי, תהילים קאפּיטל ק״ד .... יידיש יהואש 30
לעא קעניג (נעקראלאג) .... איזיק גאלדבערג 32
טשארלס דיקענס .... דוד בערמאן 33
דיקנס 100 יאר, יהואש 100 יאר, עד מאה ועשרים ש,
יידיש טעאטער .... הארי אריעל 38
די זון פארגייט שוין נאנט (ליד) .... שמעון ווזעק 39
עס וויגט זיך א שיף (ליד) .... אברהם זאק 39
מוזיק .... מאיר באגדאנסקי 40

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אַ־רעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

אינהאלט:

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־
מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַ־בעט

אן אויפלויף אין די סינאַגאָגן־צענטערס,
אַמאָל דאָ ביים חזנס ראש־חודש בענטשן,
„ליידי־שילד״, „היברו־סקול״ צו פינאַנסירן,
אין די פּויזעס בלומס וואָרשטן אָקציאָנירן.

8

ווי די ראַטן פון אַ געלעכערטער שיף,
ס׳ביסל ליטעראַטן פון דאָ אַנטלאָפן
(גאָט, ווי ס׳גראַמט זיך, „שטראָם גראָם, מאַך מיר אַ לעטניק״)
פון לעצט לאַך נאָך געבליבן אָפן.

צו פאַרשטאָפן, ווי נישט איז צו פאַרלאַטן,
כ׳פייף אַרויס: אַ רוח אינם טאַטנס טאַטן!

און אַז דערשווימען שוין צו גרינע ברעגעס,
וועט דען מער פון אונדז ווי שוים איבערבלייבן?
און ווען פאַרזינקען טיף אינם תהום שוין,
צי קאָן מען נישט די בעסטע פּערל קלייבן?

כ׳בין יענע קאַץ ביי דער שוועל דאָ געבליבן,
וואָס זוכט ס׳הייזל דעם רוקן ד׳רין געריבן.

9

אויף דעם וויטשעפּלער יידישן געטאָ
נישט אויסגעגאָסן געוואָרן גאָטס צאָרן;
עפּעס ווי אַליין, ווי אַן אַלטער בגד,
וואָס איז פון מאָלן צעקראָכן געוואָרן.

די ברייטע, די לאַנגווייליקע טראָטואַרן,
ווי אויף וועמען וואָרטן וואַלטן און האַרן.

נאָר ווען ס׳קומט אָן דער שבת־קודש,
באַקומט עס צוריק די נשמה יתירה —
ס׳געזאַנג פון לכה דודי, להבדיל, האַכט זיך
צו הערן אין די מאַרק אויסרופן זייערע.

דער פּאַטשערקע־קלאַנג, די ראַמשן־קאַלירן,
היימישן נאָכוויי כ׳וואָלט פלוצלינג דערשפּירן.

אויפן לאַפּציקער יאַריד

3

ווען ד״ר זהל איז אַריינגעקומען אַ האַפּערדיק־צעשטראַלטער, מיט אויפּגעלויכטענע, גרויס־אויפגעריסענע אויגן, מיט זיין פריידיקן שמייכל אויף זיינע פולע ליפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט מיט ליבשאַפט פון זיין באָרד און וואָנסעס, אין דער האַנט דאָס אָקאַרשט־דערשינענע בוך „און דו ביסט

ג׳אט״ מיט זיין, ד״ר זוהלס, זילבער־גראווירונג אויפן גרינלעכן איינבאנד: א נאקעטער, שלאנקער „יינגלינג״ מיט צעשטרעקטע הענט, וואס רייסן זיך פארבענקטע צו די הימלען —

און נישט ווייניקער צעשטרעקט מיט זיין גאנצער צערטלעכער פריינט־שאפט האט דאס בוך געציטערט אין זיין אויסגעצערטער, געלעמטער האנט ווי די צווייטע, די שטארקע, די געזונטע — אויף זיין שווערן, געזונטן שטעקן אנגעלענט מיט זיין האלבן, געלעמטן קערפער — האט עס מיר א שניט געטון אין הארץ:

אן דעם צווייטן טייל — ריכטיקער נאך, ערשטן טייל — איז דאס בוך אזוי פארקריפלט, ווי מיין פריינט דא וואס שטייט פאר מיר . . .

דווקא דאס פליישלעכע, דאס תאווהדיקע, גופניותדיקע, דאס צעריסענע מאכט עס ערשט וואר . . . אז מ׳זעט דאס צעריסענע, גלייבט מען די גאנצ־קייט . . .

אן דעם „זוך איך דיך״ איז די גאנצקייט נאר א געץ . . .

דער מאמענט האט נישט געדויערט לענגער ווי צוויי־דריי רגעס, אבער דער שווערער, שטארקער שטעקן האט נישט אויסגעהאלטן דעם דרוק און א וואקל געטון.

ד״ר זוהל איז געבליבן זיצן אויפן בענקל און דאס בוך איז אים ארויס־געפאלן פון זיין געלעמטער האנט און געבליבן ליגן אויפן טיש.

דאס איז געווען דער נומער איינס פון די פינף און צוואנציק נומערירטע ביכער, וואס איך האב געזאלט אונטערשרייבן—דעם נומער איינס האט זוהל געוואלט באהאלטן פאר זיך.

דער נאקעטער „יינגלינג״ מיט די צעשטרעקטע הענט, א זילבערן־צע־שטראלטער פונם גרינלעכן הינטערגרונט האט געציטערט פאר מייבע אויגן — ס׳איז געווען דער שלאנקער, געלעמטער גוף פונם פריינט, וואס איז געזעסן אויפן שטול.

זיין שטימונג, און נאך מער מיינע צו פארדעקן, האט ער אויפגעעפנט דעם שווער־אנגעפאקטן פארטפעל מיט סויבל־און טכויער־„פראבקעס״ און ארויסגענומען דעם „דראכן״ מיט דעם אפגעדרוקטן ליד פון עלזא לאסקער־שילער צו מיר און די „לייפציגער יידישע וואכנצייטונג״ מיט זיין ארטיקל איבערן דערשיינענעם בוך און מיר אנגעוויזן אויפן אנאנס מיט פעטע אותיות:

א מאטינעע אין לייפציקער שטאאטס־טעאטער לכבוד דעם דערשיינענעם בוך „און דו ביסט ג׳אט״, מיט דער באטייליקונג פון די פראמינענטע אקטיארן פון טעאטער. זיי וועלן רעציטירן ד״ר זוהלס דייטשע איבערזעצונגען פונם בוך.

דער ראמאנטיש־באגייסטערטער, דער קאנסטאנטין ברונער „יינגער״ — די דייטשע פאעזיע און פילאזאפיע, די באגייסטערטע און הויך־צעפלאטערטע אין יענער סענטימענטאלע אינפלאציע־צייטן! — האט זיך דעם „גרויסן מאמענט״ גאנץ אנדערש פארגעשטעלט.

מיר זענען אפילו נישט ארויסגעגאנגען באגיסן די שמחה מיט א טעפעלע קאווע צומאל — מסתם ווייל די צייט איז שוין געווען א סטאבילע?. . .

שפעט אין אונט, ווען זוהל איז אוועקגעגאנגען, האב איך גענומען דאס ביכל, וואס איז געלעגן ווי א פארלאזן נפשל אויפן טיש און געשפירט ווי א לעבעדיקן ציטער אין דער האנט. עס גענומען פאמעלעך מישן. מיט יעדן שארכנדיקן מיש פון יעדן בלעטל האט זיך פון מיר ווי עפעס אפגעריסן — עס איז דאך נאר דער וועלקנדיקער נמשל, און וואו איז דער זאפטיקער משל? דער עיקר איז דאך חסר מן הספר.

ווען כ׳האב די לידער געטראגן צעבלעטערט אין מיין בוזעם־טאש האט איין ליד געדעקט דאס צווייטע — איינס איז ארויסגעוואקסן פון אנדערן.

נאך א משוגענער נאכט, נאך א טאפנדיקער פינסטערניש, איז אויפגע־גאנגען אן אומבאגרייזלעכע ליכטיקייט, א הכנעהדיקע גאנצקייט . . . ווי מא־גער די פרוכט, אבער די בליט ווי האט זי געקנאספעט . . .

אזוי האט עס געוואקסן אין בוזעם־טאש — אין הארץ! — טאג איין טאג אויס גאנצע פינף יאר.

מישנדיק די בלעטלעך, איז דאס בוך מיר ארויסגעפאלן פון דער האנט און די וואכע טרוימען האבן גענומען זייער אויבערהאנט: דאס שווער־צע־אקערטע יאר אין האלאנד, די הזורעים־בדמעה יארן אין רהיינלאנד, אין הא־נאווער, אין בערלין . . . איז דאס טאקע דער ברינה יקצורו?

די פאר חדשים אין לייפציק ווי א פראווינצער בארימטקייט האט מיר, דעם יונגן מענטש, קיין גרויסע טובה נישט געטון . . . די דלילהס האבן צו ליב די קענזשערלאקן, זיי זאל זיי נישט אויספליקן?

צו ציען די לעצטע קאפיטלעך — אויב איך וועל עס נאך בכלל בכוח זיין?! — פון דעם בוך „געראנגל״, וואס איז דאך נאר אנצוצייכענען דאס שמאלע סטעזשקעלע פון א לידל־שרייבער, וועלכער וואגלט אין א פרעמדער וועלט, אן אפגעריסענער, ברוחניות ובגשמיות, פון זיינע היימישע און אייגענע.

ביי אזא אויסגעווארצלטקייט, וויאזוי צייטיקע, זאפטיקע פירות?

שילדערן יוגנט־אוואנטורעס געהערט דאך צו די אלו דברים שאין להם שיעור — און אויב דאס ליד האט נישט געהאט דעם כוח זיי כולל צו זיין, וואסער ווערט האבן זיי געהאט? . . די „אוואנטורעס״, מישטיינסגעזאגט . . .

אבער דאך: דער לעצטער שטריך, דער סך־הכול אונטער די וואכע טרוימען אין יענער נאכט איז געווען: איבערוואכן די פאר שעה ביז ס׳וועט טאגן און מיך לאזן צום וואקזאל און איבערלאזן דעם גאנצן לאפציקער יאריד אן א זיי געזונט.

מיט באגינען האב איך, אפנים, געמוזט איינשלאפן און א קלאפ אין טיר האט מאך אויפגעוועקט —

אויף דער שוועל איז געשטאנען ד״ר לאליע עפשטיין און געלאכט ווי א צעמישטער. ער האט ארויסגערעדט עפעס איבער דער פלייצע און פון דרויסן האבן אפגעענטפערט צוויי לאכנדיקע קולות — ס׳איז געווען דער

„מעצענאט" מיט דער „פלימעניצע" — דער „פעטער" איז געגאנגען גע־בראכן ביי דער סטאביליזאציע פון גאלד־מארק, און זיי זענען שוין געגאנגען סטאביל. . . — די דריי זענען דאס געקומען מיך נעמען צו דער מאטינעע — דער דערפאלג איז געווען א קאלאסאלער! מ'האט די אקטיארן אייניקע מאל „ארויסגערופן" און איך האב מיך געמוזט „באווייזן" פארן גרויסן עולם. דער עיקר: פונם פארקויף פון די ביכער איז דער חוב ביים דרוקער געדעקט געווארן.

דאס נס איז געשען! ווען נישט, האט שוין אונזער קאן געהאט גרייט איינעם פון זיינע „געניאלע" איינפאלן:

מיט דעם צוויי צענדליק נומערירטע ביכער זאלן מיר זיך לאזן צו די רייכע — נישט־געבראכענע! — פעלץ־סוחרים און אלץ וועט ארויסקומען „טוב".

„גוט", האב איך אים געענטפערט, „הויזירן האב איך נישט געלערנט, אבער נאכטראגן א פעקל א הויזירער, יא". . .

טראץ די אלע גליקן האב איך דאך אליהו הנביא אויפן לאפציקער יאריד נישט באגעגנט! אחוץ אפשר ווי עס דערציילט זיך אין דער מעשה פונם בעל־שם־טוב פון איינעם א ר' ליבער: „וואלט ער באגעגנט אמאל אליהו הנביאן, וואלט ער, ר' ליבער, נישט געהאט גילוי אליהו, נאר אליהו — גילוי ליבער"...

איך וואלט מסתם געבליבן א תושב אין א יידיש געסל ערגעץ דארט ארום וואקזאל אין דער שטאט לייפציק ווי דער אקטיאר פון דער ווילנער טרופע, דער טאלענטירטער, ליבער שעפטל; מיך גערדרייט צווישן די קארטן־טישלעך אין די יידישע רעסטראנדלעך און, כדי צו דערלייכטערן דעם עול־הפרנסה, געלאפן אין די פארטאגן צום וואקזאל און מיך אריינגעכאפט צווישן די „האזן" און אפשר, ווער ווייסט, דאס מזל וואלט מיר צוגעשפילט אויפן בריל און געווארן גאר א „לייב" צווישן די „לייבן" — נישט צו איינעם אזא האט זיך עלענאווי בעווזן אויף דער לייפציקער־„מעסע". . .

עס איז שוין נישט געווען מער דער פרץ־קלוב און אויך נישט די ציימונג אין יידיש, וואס לעווי האט ארויסגעגעבן, וואס האבן מיך נאך גע־האלטן אין לייפציק — ביידע, מיטן עטאמלירן דעם גאלד־מארק, האבן זיך שוין געהאלטן אויף היגערישע פיסלעך; נאך א וואך, נאך א וואך און ביידע וועלן צוזאמענפאלן ווי קארטן־הייזלעך . . .

עס איז געווען דער צוגעגרייטער הזכרה־אוונט לכבוד ד"ר עליאשעוו, דערהערט די טרויעריקע ידיעה, אז ער איז נישטא מער, און אויך דעם כאשין־פארטראג איבער דער מאדערנער, סאוויעטיש־יידישער פאעזיע, צו וועלכע דער האטום איז שוין געווען באשטימט — זאלן נאך די אוונטן אדורכגעפירט ווערן.

אין צווישן איז געשען א גרויס געשעעניש. ביאליק איז געקומען קיין לייפציק אין שליחות פארן פארלאג „דביר". וועל איך קודם ציטירן א שטעל

פון מיינס אן עסיי איבער ביאַליקן און אויב ס׳וועט נאָך סטאַיען, אויך נאָך עפּעס איבער דער באַגעגעניש אין לייפּציק —

„מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק ביים ערשטן מאָל דערזעען ביאַליקן, און ס׳איז ביי מיר געווען כראות פני אלקים, אָבער ער האָט זיך אויך געפרייט אין זיין גלות־בערלין מיט א בחור, וואָס שרייבט לידלעך אין יידיש. מיך איינלאַדנדיק צו לייענען אים מיינע לידער, איז אַנשטאָט איך זאָל אים פרעגן: „ווי געפעלן זיי אייך?", פרעגט ער גאָר מיך — דאָס איז מסתם געווען א מין אוקראַאיניש ישיבה בחורישער טריק . . . — „נו, ווי געפעלן אייך מיינע פּאָעמעס?" און איך, אין מיין פּויליש־ייִנגלישער פשטות: „אייערע יידישע געפעלן מיר בעסער".

ער קוקט מיך אן מיט זיינע גרויסע אויגן, אָבער נישט ברוגז, נישט איראָניש אפילו—ער דערקענט אַז ס׳איז נישט עפּעס א מין אויבער חכמה פון מיר, רעד איך ווייטער: „עס פעלט אין זיי, אין די יידישע, דער האַרטער געפלעכט פון פּסוקים". ער קוקט מיך שטאַרק אָן, ווי ער וואָלט עס פּלוצלינג געכאַפּט— און אָן א וואָרט איז ער צוגעגאַנגען צו דער ביכער־שאַנק, אַרויסגענומען א דיקן באַנד זיינע געזאַמלטע שירים, צוגעקומען צום טיש, מיך אָנגעקוקט ערנסט: „אדרבא נתא ספר ונחזה".

„אינמיטן לייענען, וואו ס׳איז געקומען צו אַזא פּסוקים־געפלעכט, האָב איך מטעים געווען. איך האָב דערשפּירט א מלמדישן קניפּ איבערן דיקן פלייש פון מיין קני.

„דעם קניפּ וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אָבער אויך נישט מיינע טרעפונגען מיט ביאַליקן נאָך דעם".

* * *

. . אַריינקומענדיק אין האָטעל, וואו ביאַליק איז איינגעשטאַנען, האָט מען מיר געגעבן דעם נומער פון זיין צימער. אָנגעקלאַפּט און קיין ענטפער.

אַראָפּגייענדיק פון די שטיגן, גייט מיר ביאַליק אַקעגן מיט א פּנים־שוחקות פון א טישל מיט אַנגעכמורעטע יידן, צווישן וועלכע כ׳דערקען פון דער ווייטנס אונזער „שוועבן־קעניג".

„זייט זיך מרחם אויף מיר, ראַטעוועט מיך, זיי מאַכן מיך קעלביק . . . איך הער: „כ׳בין אין א שלעכטער צייט געקומען". . . „האַלב לייפּציק איז באַנקראָט". . .

ביים טישל, צווישן די אַנגעכמורעטע יידן, האָט זיך מיט גרויס איינגעהאַלטנקייט אויפגעשטעלט א שלאַנקער יונגער מענטש, מיט שטילע באַוועגונגען; אַלץ אין אים, זיין אויסזען, זין הילוך, שלאַנק און עלעגאַנט און שטיל; ער האָט באַמערקט ביאַליקס התלהבות, און מיט פאַרגיכטע טריט צוגעקומען און אים אָנגעקוקט מיט א שטילן, איינגעהאַלטענעם בליק.

ביאַליקס אויסזען: א קינה. אַט וואַרפט עס זיך אויף דער פּאַדלאָגע און הויבט אָן צו רייבן זיינע שיכלעך מיט אַזעלכע יעלות, אַז די גאַנצע וועלט

ווערט זיך צונויפלויפן. אבער אנגענומען האט ער דעם עלעגאנטן, שטילן מענטש ביי זיינע שלאנקע אקסלען און בעטנדיק שטיל ארויסגערעדט:

„כ׳קאן מיך פארלאזן אויף דיר, וועסט שוין מיט זיי אדורכקומען. דאס זענען ממש . . . כ׳קאן נישט מער״. .

מיר זענען אלע דריי, מיטן ריטם־שריט פון דעם עלעגאנטן, שלאנקן מענטש צוגעגאנגען צום טישל פון די פאר אנגעכמורעטע יידן. דער „שווענק־קעניג״ האט זיך מיט מיר ארומגעכאפט ווי מיט אן אלטן באקאנטן און די גאנצע זיצונג איז געבליבן שטיין . . .

ווי א יינגל, וואס איז פריי געווארן פונם חדר פרייטאג נאכמיטאג און לאזט זיך ארויס ווי א לאשעקל אויף דער פרייער לאנקע, אזוי האט ער זיך, ביאליק, ארויסגעלאזן מיט מיר צו באקוקן די שטאט — די יידישע געסלעך ארום וואקזאל אין דעם בארימטן „בריל״, די בערזע פון די יידישע פעלץ־סוחרים.

דא און דארט געטראפן איינעם פון פרץ־קלוב און איינער דעם צווייטן האט מודיע געווען, און ביאליק איז שוין געגאנגען ארומגערינגלט מיט חברה; און דערשפירנדיק אן עולם, איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו — ער איז געווען אין אדעס, אין תל־אביב, אין אמאליקן לאפציק אויפן יארמארק מיט הונדערטער יארן צוריק.

און דער, וואס איז נאכגעגאנגען ביחידות, ווי מן־הצד נאכן רוישיקן, גערעמל, איז געווען דער שלאנקער, צוריקגעהאלטענער, עלעגאנטער יונגער מענטש מיט די שטילע אויגן — א ווארט ער זאל ארויסריידן, א ווארט ער זאל פארהערן עס איז געווען גרינבערג, דער גייסטיקער איראפעער, דער רוסישער ייד; שפעטער דער אמעריקאנער אינטעליגענט — דער רעדאקטאר פון „קעמפער״.

אדורכגייענדיק פאר א פאטאגראף־געשעפט, האט זיך דער גאנצער עולם אריינגעקיילט, מיט ביאליקן בראש, ממש ווי אפגעשמועסט.

דער מענטש אבער איז געבליבן שטיין שלאנק און שטיל, איינגעהאלטן־שטייף, א הייליקער קנעכט, וואס שטייט פארן געצעלט — על פתח האוהל: ער זאל וועלכן בליק נישט איז צווארפן ?. . .

די פאטאגראפיע פון חברים פון פרץ־פאריין אין לייפציק, אויפגענומען מיט ביאליקן, האב איך געזען אין יאר 1950 אויפן הר־הכרמלביים באקאנטן מאלער אברהם יאסקיל — איינער פון יענע אקטיוויסטן.

יאסקיל האט אויך געמאלן פון א פאטאגראפיע דאס בילד פון ד״ר עלי־אשעוו) וואס איז געהאנגען אויף דער בינע בשעת דעם הזכרה־אוונט.

אויף דער לעקציע, וואס כאשין האט געהאלטן איבער דער סאוויעטיש־מאדערנער יידישער דיכטונג, בין איך שוין נישט געווען, ווייל איך בין געלעגן קראנק אויף געלבזוכט אין לייפציקער יידישן שפיטאל. ביים באזוכן מיך, אויף כאשינס לאכנדיקער פראגע, „איז עס טאקע יענע מעשה? זענט איר דאך שוין טאקע א פאלנער פאעט!״

„עס איז ווייל דער עיקר המעשה איז חסר מן הספר״, און אים דערלאנגט

דאס דערשינענע בוך. ער האט געקוקט אויף דער גראווירונג און צעצויגן אדורכגעלייענט דעם נאמען פון בוך: „און דאס זאל זיין אן ערשטער ארויס־טריט אויפן פעגאסוס צום אלימפּ אין צוואנציקסטן יארהונדערט פון א יונגן״—

דער זאץ איז איבערגעריסן געווארן, ווייל די שוועסטער איז שוין גע־שטאנען אין דער טיר און געבעטן צו מאכן דעם באזוך וואס קירצער.

שלוס פון קאפּיטל אין קומענדיקן נומער

ברכי נפשי תהילים ק״ד

1 לויב גאט, מיין זעל;
השם מיין גאט, ביסט גרויס ביז גאר,
אין גאנץ און שיינקייט ביסטו אנגעקליידט.
2 דער וואס וויקלט זיך אין ליכט ווי אין א מאנטל;
וואס שפּרייט אויס די הימלען ווי א פארהאנג.
3 וואס באלקנט מיט וואסער זיינע אויבערשטובן;
וואס מאכט וואלקנס פאר זיין רייטוואגן,
וואס גייט אויף די פליגלען פון ווינט.
4 וואס מאכט זיינע שלוחים די ווינטן,
זיינע משרתים—פלאקעריק פייער.
5 ער האט געגרונטפעסט די ערד אויף אירע געשטעלן,
זי זאל זיך ניט וואקלען אייביק און שטענדיק.
6 דעם תהום, אים האסטו ווי א קלייד איבערגעדעקט;
איבער די בערג זיינען געשטאנען די וואסערן.
7 פון דיין אנגעשריי זיינען זיי אנטלאפן,
פון קול פון דיין דונער האבן זיי אוועקגעאיילט—
8 בערג האבן זיך אויפגעהויבן, טאלן האבן געניידערט—
צו דעם ארט וואס דו האסט געגרונטפעסט פאר זיי.
9 האסט געמאכט א גבול וואס זיי זאלן ניט אריבערגיין,
כדי זיי זאלן ניט ווידער באדעקן די ערד.
10 (ער איז) דער וואס שיקט קוואלן אין די טאלן,
זיי זאלן גיין צווישן די בערג.
11 זיי טרינקען אן אלע חיות פון פעלד,
די וואלדאייזלען שטילן זייער דארשט.
12 לעבן זיי רוען די פויגלען פון הימל,
פון צווישן די צווייגן גיבן זיי ארויס א קול.
13 ביסט דער וואס טרינקט אן די בערג פון זיינע אויבערשטובן;
פון דער פרוכט פון דיינע טואונגען ווערט געזעטיקט די ערד.
14 ער מאכט שפּראצן גראז פאר דער בהמה,
און היי פאר די ארבעטפי פון דעם מענטשן,
כדי ארויסצוציען ברויט פון דער ערד;
15 און ווייז וואס דערפרייט דעם מענטשנס הארץ,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־10 (העפט 480־2) 31־סטער יאר אקט.־דעצעמ. 1970, לאנדאן

Oct-Dec.

א י נ ה א ל ט

כותל מערבי, אויב נישט שלום . . ., לכבוד חנוכה .... ** 3
מיין טאטע יעקב יוסף בענקוויטש .... ח. נ. בענקוויטש 8
אז איך וועל דערציילן, גרא ווי דער הערבסט (לידער) .... עלא זילבערג 12
דער ערשטער קולטור קאמף (עסיי) .... יעקב ריכטיגער 13
אויפן לאפציקער יאריד, ביים ים. (פראזע און פאעזיע) א. נ. שטענצל 17
מנשה ווייסגראז ע״ה .... אייזיק גאלדבערג 29
שמואל ווהייט .... מ. מארגנשטערן 31

יידיש ליטעראַרישע שבת - נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א. 1. — 3 אזייגער

מיר בעטן די צייטונגען און זשורנאלן וואס באקומען „לשון און לעבן“, אונז צוצושיקן א טויש־עקזעמפלאר.

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

א י נ ה א ל ט :

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

מענטשנקינדער זענען געוואָרן ערדאַרבעטער און זיך באַזעצט אין דערפער ווען מען דערפון, וואָס אומעטום ווו אַרכעאָלאָגן אַנטדעקן אַלטע ישובים געפינען זיי אויך בילדלעך פון געטער, אָבער צווישן די אויסגעטשעשעטע מעסער און העק פון פלינט אָדער פייער שטיינער, וואָס זיי אַנטדעקן אין די ערטער ווו די פאַרצייטישע פאַסטוך משפחות האָבן אויפן וואַנדערונג גערועט, געפינען זיי ניט קיין געטער בילדלעך. דער ערשטער מערדער וועגן ריטואַלן פאַנאַטיזם האָט דעריבער נאָר געקענט זיין דער ערדאַרבעטער, און ווי מען וועט ווייטער זען האָט זיין ריטואַל מאָטיווירטע שנאה צום שאָף פאַס־טוך פאַרגיפטעט די מוחות פון אַ סך דורות נאָך אים.

ווען יוסף האָט איינגעלאָדן זיינע ברידער, וואָס זענען געקומען קויפן תבואה אין מצרים, אויף אַ מאָלצייט, ווערט איבערגעגעבן אין תורת משה, אַז די דינער פון יוסף האָבן סערווירט באַזונדערע טישן פאַר אים, פאַר זיינע ברידער און פאַר די מצריים, ווייל די מצריים איז ניט דערלויבט געווען צו עסן צוזאַמען מיט די עברים. (בראשית מ״ג) און ווען יוסף איז געגאַנגען פאַרשטעלן זיינע ברידער צו פּרעה, האָט ער געזאָגט צו זיי, אַז פּרעה וועט אייך פרעגן וואָס אייער באַשעפטיקונג איז, זאָלט איר אים ענטפערן, איר זייט הענדלער פון בהמות, ווייל שאָף פאַסטוכער ווערן באַטראַכט אומווירדיק אין מצרים. (בראשית מוו)

א. ני שטענצל

אויפן לאַפּציקער יאַריד

4

נאָך האַלבער נאַכט, אין ייִדישן שפּיטאָל אין לייפּציק. כ׳ווייס נישט פון וויפל אַזעלכע שטובן דאָס „בית־החולים" איז באַשטאַנען, נאָר דאָס חדר, אין וועלכן איך בין געלעגן, איז געווען אַזאַ מין פאַרצייטיק הקדש — פון אַלטן לאַפּציק. די טראַדיציע נאָך פון ר׳ לייב שרהס צייטן, וואָס פלעגט זיך דאָ נישט איינמאָל באַווייזן ווי אַ שטורמווינט און פאַרשווינדן ווי אַ בליץ.

די ריחות דאָ זענען געווען נישט נאָר די געוויינטלעכע שפּיטאָל־גערוכן, נאָר די ווענט זענען געווען אַנגעזאַפּט מיט אַזעלכע אַלטע באַקאַנטע טוכלע ריחות מדור דורות.

אין די בעטן זענען געלעגן צוקער־קראַנקע חולאים מיט אויפגעשוואָלענע בייכער און די בייכיקע פלאַשן אונטער די בעטן, נאָך גרעסער, נאָך אויפ־געשוואָלענער, פולע מיט אורין.

דער השתנה־גערוך איז ממש אויפגעגאַנגען ווי אַ דיקער וואָלקן ביז אונטערן באַלקן. און אויבן, פונקט אינמיטן, האָט געברענט אַ קליין לעמפּעלע, אַ רויטס, וואָס איז אַלץ קלענער און קלענער געוואָרן, פּיטשעדיק, שפּיציק — אַ רויט, קראַנק, ביז אויג, וואָס שטעכט טיף אַדורך ביז צו דער לעבער, ביז צו דער גאַל און נעמט איינעם אַדורך.

דער חלומות־קאשמאר. דאס קראנקע געקרעכץ פון די שוויס־דאמפיקע בעטן; דער ריטמישער כאר פון די שווער־אטעמענדיקע פאלט אלע ווילע אריין מיט א גרויסן באס — מ׳זעט ממש ווי דאס רויטע לעמפל אין דער נעפל־כוואליענדיקן קאשמאר גיט א ציטער ווי א קראנק אויג, אן אויפגעריסנס אינמיטן א בייזן חלום.

באמת, פון דעם ריטם אליין און פון דעם שווערן ריח, וואס ליגט זיך ווי א משא אויפן מוח, אויפן הארץ, וואלט מען בטבע געמוזט פארדושעט ווערן און איינשלעפן. אבער מיין קרענקלעך־קלארער בליק, וואס ציט זיך פון מיינע געל־פארנעפלטע, גרויס־אויפגעריסענע אפלען צו דעם שפיציק־רויטן ליכט אויפן סופיט, ווערט אלץ שארפער און קלארער:

די פינף־זעקס חדשים מנוחה אין לייפציק נאך די פינף־זעקס יאר דערשפירן אויפן אייגענעם לייב דעם „קוץ ודרדר" אויף גאטס ערד, איך די פעלדער אין האלאנד און אין דייטשלאנד זענען אבסאלוט נויטיק געווען אויסגעשפאנט פונם אקעראייזן, ליגנדיק אין די נעכט אין שטאל מיט זיינע אפענע, גרויס־גלאציקע אויגן. פארדייעט דאך ערשט דער אקס דעמאל וואס ער האט געמעלה־גירהט גאנצע טעג.

. . . און אפשר זענען עס ערשט די צוויי וואכן דא אין שפיטאל — ס׳ערשטע מאל ווי איך ליג אין א שפיטאל — און דער עיקר די נעכט, וואס איך האב זיי פאר מיר אליין — אן די אריבעררופן פון די קראנקע פון די בעטן און אן די פיל באזוכער — אבער גענוג, איצט איז אלץ מיר קלאר!

לאזט מען נאר צו, שטייט ער תמיד אין וועג, דער קראנקער ווי דער געזונטער גוף — יא, צומאל נאך מער דער געזונטער! מען מוז נאר האבן דאס ביסעלע כוח אים גובר צו זיין.

און איך האב באשלאסן: אין דער פרי, ווען דער דאקטאר וועט קומען, זאל איך מיך לאזן אויסשרייבן פונם שפיטאל און באלד אין זעלבן טאג אפפארן קיין בערלין.

ווארום עס נאר אפלייגן אויף איין טאג, וועלן מיינע באזוכער עס זיך דערוויסן און זוכן כל הפעולות צו פארמיידן.

די סענטימענטאלקייט ארום מיר וועט מיך צעפרעסן! דאס צימער האב איך אויפגעגעבן, אפגעזאגט, און גיין וואוינען ביי איר?. . .

ביים בעט אקייגנאיבער מיר הער איך ווי א ייד קרעכצט און גראבלט ביי דער בייכיקער פלאש אונטער זיין בעט. איך פארבייס די ליפן און דאס רויטע לעמפל אויפן סופיט קוקט אויף מיר רויט, שפיציק ווי א בייז אויג פון דעם גרויי־געלן נעפל ארויס —

שטייט נישט שוין אין דר גמרא, אז ניין און ניינציק פראצענט פון די מענטשן שטארבן פון ——

וואס גייען מיך די מענטשן אן, און ווי האלט עס מיר מיר?

איך האב עס: מיט תאווה באפרייט מען זיך פון צווייטן; מיט ליבשאפט

באהעפט מען זיך איינער מיטן אנדערן — והיו לבשר אחד! דאס איז מסתם דער צוועק, די גרויסע חכמה פון דער בריאה, דאס געראנגל פון מענטש צו גאט. „און דו ביזט גאט״, ווערסט א טייעל פון אים — א ניצוץ!

. . . און צי איז דאס נישט דער גרויסער סוד און ציל פון דער געט־לעכקייט אין דער נאטור? די ליבשאפט איז גובר די ליידנשאפט און איז באהאפטן און איינס מיט איר. אזויארום דערפילטע מענטש דעם מענטש!

אזוי איז דער גאנג פון געשלעכט, פון געשלעכט צו געשלעכט. אויב נישט, גייט עס אויס שלעכט; איז געשעכט פון מענטש מיט מענטש — ווערט אפגעמעקט דער צלם־אלקים . . . הערט אויף די אחדות . . .

כ׳הער ווי דער ייד קרעכצט נאך שטארקער. כ׳הער דאס פאמעלעכע טראפן אין דער בייכיקער פלאש אריין.

פיל איך מיט מיט דעם דעם ייד, איך שפיר זיינע ווייטאקן? האט מען דען נישט זיך אויסגעקוילעט אין דער מלחמה אין די מיליאנען, ווייל די ליבשאפט האט געפעלט? ווייל די ליידנשאפט האט געהאט די אויבערהאנט?

מיט דער ליבשאפט פון איינעם צום צווייטן ווערט געבוירן דאס, וואס האט ליב; וואס מ׳האדעוועט מיט געטריישאפט, מיט ליבשאפט; פון ליידנ־שאפט איז דער פראדוקט ליידנשאפט!

אין מיין טאטנס הויז ווי איז די זאך געווען צוגעשפיצט פון לעצטן סעיף אין „אבן העזר״ ביז צום חריפותטן פילפול פונם „תומים״, פונם סוד הזיווג אינם זוהר ביזן „שער הגלגולים״ פון ר׳ חיים וויטאל — יעדער ריר פון גוף האט זיינע נצוצין . . . „אבער צו דער פשטות פון דער נאטור ווי קומט מען צו? וווּ דער משל מיטן נמשל, דער פתרון מיטן חלום זיינען שוין איינס — וווּ יעדע קשיא הערט אויף, וווּ קיין שום תרוץ איז נישט מער נויטיק, וווּ די נאטור אליין ווערט די העכסטע מיסטיק; וווּ נישט מיט קאפ פאלט מען צו צו יעדער זאך — הארץ צו הארץ אין טיפער, — אין העכ־סטער! — תפילה — מ׳ווערט דמיונדיקער דומם . . .

דער קאפ פאלט מיר אנידער מיד אויפן קישן, אבער די אויגן קוקן אלץ שארף אנגעשפיצט אויפן רויטן ברענענלעכן שפיץ אין דעם גרוי־געלן נעפל —

די אסטא וועט נעבעך ווארטן איין טאג נאך א טאג . . .

דאך „נעבעך״ — — —

ניין כ׳טאר נישט מער טראכטן: די געדאנקען מישן זיך, די אויגן־לעפלעך פאלן מיר צו אבער דאס קרענקלעך אנגעצונדענע אויג אויפן סופיט גיט אויף מיר א שארפן בליק און כ׳בלייב ליגן וואך ווי באוואכט פון עמעצן . . . איז עס נישט נאדיא, וואס שטייט לעבעדיק פאר מיינע אויגן, איר בליק שארף פון נעפל ארויס: א ליד איז א תרוץ אויף א קשיא — ס׳איז א תשובה אויף א שווערן חטא . . . וווּ איז זי? דער חיבור איז צעריסן . . . אן דעם צווייטן טייל זיך „זוך איך דיך״ איז דאס בוך — — —

אפנים איך האב געמוזט אין מיינע דמיונות איינדרימלען . . .

קוים מיך דערוואַרט אין דער פרי אויפן דאָקטאָרס באַזוך ; צוקומענדיק צו מיין בעט, האָב איך אים געזאָגט פון מיין באַשלוס. ער האָט אויפגעריסן אויף מיר אַפּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, מיינע זענען שטיל געבליבן.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ היימישער מענטש, ליב געהאַט יידיש צו רעדן, רעדן פון קונסט, זיין פרוי מאָלט, האָט ער מיר דערציילט. און ער האָט עס באמת געמיינט גוט מיט מיר. ער האָט מיך, ווי יעדעס מאָל, צו־קומענדיק איצט צום בעט, אָנגענומען ביים דופק, זיך צוגעהערט צו אים און גערעדט צו מיר ווי צו אַ זייטיקן, ווי צו עמעצן:

„דורך די פּאָר טעג, וואָס איר זענט דאָ, איז נאָך אַפילו נישט געווען גענוג צייט פעסטצושטעלן די דיאַגנאָזע. דאָס געלקייט איז נאָר אַ סימפּטאָם, אַז ס׳איז שוין אַריין אין בלוט . . . די וואַרעמקייט אַליין קאָן שוין גוט טון, ווייל ס׳קאָן זיין ס׳איז אַ פאַרעלטערטע דערקעלטונג. ס׳קאָן אויך זיין פון שלעכטער דערנערונג״, אַ גרויסע אַנטוישונג, אַ נערוועזקייט, אַ פאַרביטערונג.

ער האָט מיך פריינטלעך אָנגעקוקט, אַפלאַזנדיק דעם דופק: „מיר וועלן האָפן דאָס בעסטע״. אָבער תוך כדי דבּיר האָט זיך דאָס קול געענדערט, אויך דער בליק ווי ער וואָלט עפּעס געפאַרשט:

„אָבער אונטער אַזאַ סימפּטאָם קאָן אויך ליגן באַהאַלטן, עפּעס טיפעס, אַ קראַנקע לעבער, אַ וועגערישע זאַך . . . עס האַלט שוין ביי 80 פּראָצענט איצט נאָך דער מלחמה ביי אונז דאָ אין לאַנד און מיר מוזן זיין אויף דער וואַך״.

די לאַנגע דרשה מיט דאָקטאָרישער מתינות, מיט אַ ליידיקייט, אויף זיין קיילעכדיקן, פריינטלעכן פּנים, האָט מיך אויפגערעגט. אָבער דער עיקר, דער צו פריינטלעכער, שמייכלדיקער דריי מיט זיינע גוט־אויסגעראַזירטע ליפּן, ביי דעם וואָרט עפּעס „טיפעס״, האָבן מיך דערמאָנט כאַשינס נעכטיקן אויסזען ווער ער האָט זיך מיט מיר געווייצלט . . .

דער דאָקטאָר האָט געזען מיין אויפרעגונג און אַז איך גרייט מיך עפּעס צו זאָגן, האָט מיך פאַרמעדט און שאַרף אָנגעקוקט און פאַרויס פאַרכאַפּט און שוין אויף דייטש:

„ווען איך וועל פאַרענדיקן מיין רונד, קום איך צוריק״.

עס האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע האַלבע שעה און צוגעקומען צו מיין בעט איז חנה זוהל, די פרוי פון ד״ר זוהל.

* * * *

ס׳איז געווען ביי זיי אַ ליבע אויפן ערשטן אויגנבליק! ער איז געווען אַ יונג־געענדיקטער דאָקטאָר פילאָזאָפיע, אַקאָרשט אַהיימגעקומען פון זיין שטודיום אין דער שווייץ, מיט אַ שטאַרקער נטיה צו עסטעטיק, צו קונסט און זי — אַ בעל־הביתטיש, יידיש מיידל פון לאָדזש, מיט אַן עלעגאַנט־ענטוזיאַסטיש אויסזען, תמיד באַגייסטערט און צעפלאַמט — דאָס קוועק־זילבער האַלט כסדר אין שטייגן . . . פון לויטער לייַדיקייַן און פון זאַט־זיי־איז זי אַריינגעפאַלן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. איר אויסזען און פריי־

באנומען האט זי געמאכט פאר א נוצלעכער, געשיקטער האנט אין וויכטיקע שליחותן . . .

ביז אויף איינמאל האט איר א שפיג אנגעהויבן נאכגיין. האט זי זיך שנעל צו אים אויסגעדרייט און אים געפרעגט צי זי זאל צורופן א סטראזשניק — זי איז נישט אזא ווי ער מיינט . . .

ער האט זיך פארלוירן אין דער ערשטער רגע, און זי איז אריין אין א טויער פון א גרויסן הויף און ארויס אויף דער אנדערער זייט אין א צענטער גאס.

און נאך אין דער זעלבער נאכט האבן זי די עלטערן געברענגט צו דער גרענעץ און אויף א „לעגאלן“ אופן געשיקט קיין לייפציק, ווייל זיי האבן דארט א שטיקל וייטן קרוב.

צו איר עלעגאנט קאפערל אין איין האנט האבן זיי איר אויך דערלאנגט א פידל אין א פוטעראל אין דער צווייטער. עס זאל הייסן זי איז א מוזיק־סטודענטין און פארט טאקע קיין לייפציק, ווייל דארט איז דאס בארימטע קאנסערוואטאריום.

אנגעקומען בשלום קיין לייפציק און ארויס אויף דעם אטעם־פארכאפנדיקן וואקזאל, איז זי א באפרייטע, אן ענטוזיאסטיש־באגייסטערטע, — ווי נאך א וויכטיק־אפגעטוענע קאנספיראטיווע שליחות! — מיט איר גאנצער שווארץ־חנוועדיקייט און שלאנקע עלעגאנץ, דאס עלעגאנטע קאפערל אין איין האנט, די פידל אין דער אנדערע, איז זי — ווי א יונגע ארטיסטין צו איר ערשטן אויפטריט! — אריין אין ווארטע־זאאל ערשט קלאס נעמען א טעפעלע קאווע. עפענען דאס קאפערל און אויסזוכן דעם אדרעס פון דעם נאנטן־וויטן קרוב.

אזוי ווי ביים ארויסגיין פון שפיטאל איז צווישן אונז געווען גרויס דער ספק צי גיין אהיים צו זיי, צו די זוהלס וואוינען, צי פארן קיין בערלין, האבן מיר זיך דערווייל אויסגעגליכן, א פשרה געמאכט: אזויווי מיר זענען נישט וויט פונם וואקזאל וועלן מיר דערווייל אריינגיין אויף א ווייל נעמען ביים בופעט א טעפעלע קאווע.

„איר זעט, אויף דעם פלאץ, וואו איר זיצט, איז אברהם געזעסן און איך האב מיך אנידערגעזעצט פונקט אים אקעגנאיבער, נישט ווייל ס׳איז נאר געווען דער איינציקערליידיקער פלאץ. דער וואקזאל איז געווען פונקט אזוי ליידיק ווי איצט. נאר באלד ביים אריינדרייען מיך דורך דער זיך־דרייענדיקער בופעט־טיר, האב איך אים דערזעען. זיינע גרויס־שווארצע אויגן ברענענדיק בשעת ער האט דיסקוטירט מיט וועם, קוקנדיק פארויס. מיך דערזעענדיק, האט זיך זיין רעדן נאך מער צעהיצט און זיינע אויגן האבן געפלאקערט, זיי האבן מיך צוגעצויגן ווי א מאגנעט“.

פאר מיר איז נישט מער געזעסן פרוי ד״ר זוהל — א מאמע פון דריי קינדער, איינס שענער פון אנדערן און אלע דריי זעען אויס ממש ווי פון איין פארעם ארויס, ווי זייער טאטע, ד״ר זוהל.

פאר מיר איז נישט מער געזעסן קיין פרוי פון א מאן א קאליקע, וואס

שלעפט די פרנסה נישט פון זיין „דאקטאריי", נאר פון מעקלעריי אויפן „בריל", א „קאמיסיאנער" בלע"ז, וואס דאס פאך איז נישט דאס קענען, נאר דאס דרייען זיך צווישן באקאנטע סוחרים און „קאלעכן", שלעפן פעלעכלעך־מוס־טערן פון ביכער־פארטפעל; שלעפן א סוחר אין א ביורא אויפן פינפטן שטאק אדער אין א קעלער־לאגער, וואו מ'האלט אין איין „מישן" . . . און אין קאפ מישן זיך אים די כלערליי טעאריעס איבער עסטעטיק, פראנ־צויזישן אימפרעסיאניזם, איבערן דייטשן עקספרעסיאניזם, קוביזם, בלאק, סטראווינסקי . . .

פאר מיר איז געזעסן יענע אקארשט אנגעקומענע לאדזשער פאניענקע, אן ענטוזיאסטיש־עלעגאנט פריילין, מיט אלע קאנספיראטיווע ראפינעסן, אז נישט נאר א רוסישער שפיג קאן פארלירן דעם קאפ אויף א רגע . . .

נישט איך קום אקארשט א קראנקער, א געל־זיכטיקער פון שפיטאל ארויס, נישט זי, וואס אין איר קאפ שווארצע האר וויזן זיך שוין גרויע פעדעם און מוז יעצט אהיימלויפן גרייטן מיטאג פאר א מזומן קינדער. וואס קומען פון דער שקאלע; פאר א מאן א געהעצטן — א פרינץ פון עסטעטיק און קונסט, יאגט ווי א הונט נאך א ביין אין רינשטאק אויפן בריל; וואס זיינע ליידנשאפטלעכע, פולע ליפן פון קריסטוס־פנים ארויס, — ביי א דיסקוסיע ווערן זיי נאך פולער און רויטער, — מוז יעצט „קאלעכן" פון רוסישע „פיקסן", פון אלפן מארדער, פון „צוגעפארבטע" פערסיאנער . . .

יא, איז עס געווען א ליבע צווישן זיי פונם ערשטן אויגנבליק: טאקע דאן ביי דעם דאזיקן טיש אין וואקזאל אין דעם ערשטן קלאס — אן ערשט־קלאסיקע ליבע. אבער ווי ער האט זיך נאר געגעבן א שטעל אויף מיט די צוויי שטעקנס אויף צוויי אויסגעדרייטע פיס . . .

ס'איז געווען א ליבע צווישן זיי פונם ערשטן אויגנבליק! אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז די פידל אין פוטעראל איז נאר א „דאמי", לייכטער אריבערצוגיין די גרענעץ, דעם באאמטן אפצונארן . . .

יא, די ליבע האט נאך א רגע נישט אויפגעהערט, אבער דאס געראנגל אויך . . . „מירע דארפן נאר זיצן ביים טיש ווי־זא־ווי און דיסקוטירן . . ." בלויז, גיט ער זיך נאר א שטעל אויף: צו די קאנצערטן געפינט ער שוין תמיד זיינע תרוצים און פאר מיר האט שוין ריכארד תמיד א בילעט . . .

„איר ווייסט, אז אין די ערשטע וואכן בין איך געווען אויך אייפער־זיכטיק אויף אייך — כ'פלעג צושליסן די טיר אייך נישט אריינצולאזן" . .

* * * *

געהאט האב איך באשלאסן צו פארן מיט א נאכט־צוג. קודם איז ביליקער, והשנית מ'קומט אן פרי און מ'האט צייט זיך ארומצוזעצן.

אז פרוי זוהל האט א דערשראקענע זיך געכאפט: „די קינדער שטייען שוין פאר דער פארשלאסענע טיר!", האב איך שוין געוואוסט, אז איך פאר נישט מיטן נאכט־צוג; ווי זי גייט נאר ארויס פון בופעט, גיי איך צו דער קאסע נעמען דעם בילעט און מיטן ערשטן צוג . . .

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1־2 (העפט 4־483) 32־סטער יאר יאנו.־פעב. 1971, לאנדאן

Jan–Feb.

אינהאלט:

בײם מאנדלבוים טויער א.א. *** 3
די קאנסאלידאציע פון דער איצטיקער קולטור־עפאכע יעקב ריכטיגער 12
דער באלעט בײם סערפענטײן־טײכל .... דוד בערמאן 15
צוריק געקומען, מאמע יידיש א.א. (פראזע און פאעזיע) א. נ. שטענצל 17
רעיה — טשארלז דיקענסעס שלימותדיקער ייד — אלגא סומך־פיליפס 25
ביאליק און חיים גרינבערג א.א. .... פאטא 39
אויף קוצו של יוד (ליד) .... הירש אשעראוויטש 40
מוזיק .... מאיר באגדאנסקי 40
וואס איז געווען און וואס איז געבליבן נעט רובין
דאס לעצטע ליד פון שמואל וואהייט

יידיש ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1—3 אזייגער

מיר בעטן די צײטונגען און זשורנאלן, וואס באקומען „לשון און לעבן“ צוצושיקן טויש־עקזעמפלארן אויף אונזער נײעם אדרעס.

פרייז 10 פענעס

דעם בחור הבר-מצוה דוד יותם, דעם גרעאטענעם זון פון דר. מאיר און טעא גערטנער ווינטשן מיר עולה צו זיין לתורה ולגדולה צום נחת פון זיינע עלטערן און אלע זייערע גוטע פריינט.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנא־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

פענעס, נײַן פענעס, נײַן פענעס!"

מיט א שוידער האב איך מיך אויפגעכאפט פון שלאף, זעענדיק פאר מיר א בילעטן פארקויפער פון פארק. ער איז געשטאנען אריבערגעבויגן איבער מיר און געמאנט נײַן פענעס פאר דער שטול, איבערחזרנדיק כסדר „נײַן פענעס, סיר, פאר דהי דעק־טשעיר!"

איך האב אים באצאלט דאס געלט און גענומען דעם בילעט פאר דער שטול און מיך אנטשולדיקט פארן כאפן א דרימל. ער האט א לאך געטון, גענומען דאס געלט און זיך געגאנגען זײַן וועג, איבערלאזנדיק מיך צו מײַנע חלומות.

איך האב נאך בלויז מיך געקאנט צוקוקן ווי גראציעז און אנגענעם דער שוואן שווימט זיך אזוי גליטשנדיק איבערן וואסער אוועק אויפן האריזאנט.

א. נ. שטענצל

צוריקגעקומען

1

נאך דער צעריסענער, שלאפלאזער נאכט אין שפיטאל, נאך דעם פאר־מאטערדיקן טאג פון גערעדעריי, בין איך ארײַנגעפאלן אין א כמעט לײַדיקן צוג א „געהרגעטער". ס'איז געווען א שלעפ־צוג און פון דעם מאנאטעם גע־דריי און געקלאפ פון די רעדער בין איך ארײַנגעפאלן אין א פעסטן, געזונטן און א חלומלאזן שלאף — ממש אין „הינערפלעט".

ווען כ'בין אויפגעוואכט האב איך געשפירט, אז דער פעסטער באשלוס „אהיים" צו פארן און נאך מער, מסתם, דער פעסטער, אויסרוענדיקער שלאף, האבן מיר געזונט געמאכט — א ווארעמקייט ריזלט איבער מיר; ווי כ'וואלט א פרישע הויט איבער מײַן לײַב ארויפגעצויגן; ווי בלאנעס וואלטן פון מײַנע אויגן אראפגעפאלן — זע די געלקייט פון צווישן מײַנע פינגער איז ווי אפ־געווישט! און נאך איידער כ'האב מיך אויסגעניכטעט, די הענט מיט א גע־זונטן ראזמאך צעשטרעקט, האט שוין די פלאטפארמע פון א בערלינער וואקזאל ארײַנגעקוקט מיט „א היימישן" טומל אין קופע־פענסטער ארײַן.

געווען נישט ווייט פון דער יידישער געגנט: מינץ־שטראסע, גרענאדיר־שטראסע, ליניען־שטראסע — אלט־אײַנגעזעסענע, אײַנגעבאקענע, ווי מיט נאנט־באקאנטע איך דערפריי מיך: א פרייער פויגל צוריק אנגעפלויגן! קיין עול, קיין געפעק; אפילו אויסגעליידיקט פון מײַן פעקל כתב־ידן, וואס יארן געטראגן אין מײַן בוזעם־קעשענע. אין הויזן־טאש קלינגען א שפאר אביסל מארקן, וואס האבן שוין א געלד־ווערט, וואס אין א שעה שפעטער וועל איך פאר זיי קאנען באקומען דאס זעלבע, וואס איצט; עס האט צייט, עס יאגט נישט. און אין די האטעלעכלעך דא ארום וועל איך נאך האלבער נאכט נאך באקומען א געלעגער און מיך, ווי אן אלט־אײַנגעזעסענער, אײַנמעלדן — ווארום א פאס האב איך דאך אויך! האב איך געשפאנט מיט א לײַכטקייט, מיט א פלאטער גאס־אויס גאס־אײַן, ווי אײַנער וואס קומט „אהיים" פון

ערגעץ, פון ווייטע מקומות, פון מדינת־הים.

פארן בראונשטיין־הויז, אין דער אויגוסט־שטראסע, בין איך שטיין גע־בליבן אויף איין פוס, א פויגל וואס דערקענט זיין נעסט און אט פליט ער דערין אריין —

ניין, נישט קיין שטוב איז עס מיט צעפראלטע פענסטער, צוויי אויגן זענען עס, וואס קוקן ארויס; וואס ווייסן מיין אנקומען און ד׳זרווארטן מיין אהיימקומען.

מיט איין שפרונג, צו צוויי־דריי שטיגן נעמענדיק, שטיי איך שוין ביי דער טיר און שיע מיט אפענער פרייד, מיט צעפראלטע צוויי ארעמס, טראגט מיך ממש אריבער איבער דער שוועל.

איך ווייס שוין אלץ: מרדכי האט חתונה געהאט מיט מרימען, זי האט אן אפן געשעפט נישט ווייט פונם אלעקסאנדער־פלאץ און מרדכי איז אין ווײמאר, אין „בויהויז״ — ער „וואקסט א גרעסע״. העלא האט אויך חתונה געהאט מיטן לאנגן רייך, זיי האבן א ווײן־געשעפט ביים שטעטיגער באנ־האף. די גאנצע וואוינונג איצט דא באשטייט פון אים מיט חזקלען — אפילו נישט פון זיי, ווייל א גאנצע וואך איז ער, שיע, אויף מערק און אין די זונ־טאגן איז ער אויך נישט אין דער היים — ער האט אויך „עמעצן״. . . און חזקלע? ער שלעפט זיך נאך אלץ ארום ווי אויפן עולם התוהו.

„אלץ וואס ס׳איז דא איז דיין, באדין דיך אליין — קאלעגע, זעסט איך קאן שוין אויך גראמען . . . כ׳מוז לויפן, זיווארט אויף מיר!״

דער קלאפ אין טיר, שיעס היימיש, פריילעך קול, די באקאנטע שטוב, דאס ממש אויפגעציטערטע,—פונם קלאפ !—איינגערעמטע בילד אויף דער וואנט „די קאץ״ מיטן הויך־פינקלענדיקן רוקן, מיטן ציטערדיק־אויפגעהויבענעם עק, דאס צייטיק בילד מרדכיס פון יענע יארן, האבן אויפגעוועקט „די פאר־גאנגענהייט״ — די יארן 21־24 ווי עפעס א פארגאנגענע עפאכע, וואס ליגט הינטער מיר נישט ווי יארן, נאר ווי גאנצע דורות.

און ווי דעמלט זיצנדיק אפגעשלאסן אויפן רעוויר אין דער האאג — געפרוווט צוזאמענצופאסן די צוויי געלעבטע יארן אין האלאנד אין דעם פארפאסטן ראמאן „שניטצייט״, וואס קוים צוויי קאפיטלעך דערפון זענען געדרוקט געווארן און איבערגעדרוקט געווארן און דער איבריקער כתב־יד איז צוזאם מיט ד״ר עליאשעווס טויט פארפאלן געווארן — האב איך מיך אן שום שהיות אנידערגעזעצט צום טיש, וואו טינט און פעדער, פאפיר צום שרייבן, ליגן ממש ווי צוגעגרייט —

מאדנע ווי „די זאכן״ ליגן אזוי נאנט, ווי איינס איז געקייטלט אין צווייטן: ארויס פון שפיטאל, אריין אין צוג און דירעקט דא צום טיש —

ניין, איך מוז געפינען דעם וועג, די פארם, אין פופצן־צוואנציק זייטלעך מוז אלץ זיין אפגעשלאסן, גאנץ ווי אין א ליד; כ׳טאר נישט ווארטן אויף די מגלעכקייטן — כ׳מוז זיי מיר אליין באשאפן !

בכלל, צי זענען דען נויטיק פרטים, פינקטלעך־אויסגעפינטלטע רעאלי־

טעט? עס מוז זיך ארויסרייסן ווי טליענדיקס פון אונטער אש —

צי איז דען נויטיק און צי מעג מען דען אפילו אלץ אויפדעקן? מ׳מוז זיין מכסה צוויי טפחים, כדי צו קענען מגלה זיין איין טפח . . .

דאס בילד פון קאנדינסקי, וואס קוקט אראפ פון דער וואנט, עס איז דאך בלויז א געמיש פון קאלירן, גארנישט דערציילט עס און אלע פרטים וויסן מיר — נישט נאר אין דער מאלעריי מוז אזוי זיין, נאר אויך אין שרייבן.

און דאס קליינע בילדל פון פאיל קלעע, זע איבער דער גאנצער וואנט צעוויקלט עס — א גאנצער ראמאן!

„שוין, איך האב עס, אפילו דעם נאמען — ׳וועלקנדיקע בלעטער אין ווינט׳ און נישט מער ווי פופצן־זעכצן זייטלעך, העכסטנס.״

נישט כ׳האב געקוקט אויפן זייגער, נישט כ׳האב אים געהערט גיין; נישט כ׳האב געזען ווי ס׳איז נאכט געווארן, נישט ווי סהאט אנגעהויבן טאגן — ווי סטרענגעס פון ארבל ארויס זיך געצויגן די שורות!

ווען שיע האט געעפנט די טיר און געזען מיך אזוי א שרייבנדיקן געבויגן איבערן טיש, און די פלינק־אנגעפינטלטע מיט „קאטשערעס און לאפעטעס״ צעווארפענע זייטלעך, האט ער געגעבן דעם זעלבן פריילעכן קלאפ מיט דער טיר ביים צומאכן ווי נעכטן ביים אוועקגיין און ווען איך האב אויפגעהויבן דעם קאפ, האב איך געזען דאס זעלבע שיע־פנים, דאס הנאה־דיקע, דאס פריידיק־צעשטראלטע — ווי מיט זיין שטיין אזוי וואלט די צייט מיט אים שטיין געבליבן . . .

„שוין, איך האב עס —״ האב איך מיך אינמיטן זאץ שרייבן א כאפ־אויף געגעבן, אבער תוך כדי בליק נאך א טראכט געטון:

טאקע אזוי, אינמיטן נישט־פארענדיקטן זאץ זאל עס זיך אויסלאזן . . .

טאקע אזוי וועט די גאנצע דערציילונג ערשט טאפלט קלארער ווערן . . .

איך בין אים אקייגנגעלאפן מיט א פריילעך פנים, מיט צעשטראלטע אויגן — מיט דער אפשפיגלונג פון זיין פריידיקייט; מיט דער פרייד פון מיין הארץ, וואס האט עס דאך געשאפן מיט ווייניק זייטלעך צוזאמענצוהאלטן אונזער צעריסענער חברותא פון איידער מיין אוועקפארן —

יא, מ׳האט אונז אלע געזען, ווי אין א רעגן־קאלוזשע אין א סעפטעמ־בער־טאג; שטיקער שפיגלדיקע זון, וואס צערייסן זיך און באהעפטן זיך . . .

יא, א קופע צונויפגעשארטע וועלק־בלעטער, ווילד־אויפגעפלאטערט אין א ווירבל־ווינט . . .

די טעמע איז אזוי רעאל, אזוי פרטימדיק, איך דערקען יעדן איינעם, מיט דער האנט אנצוטאפן, אבער דאך פארשווינדן זיי איינער אין אנדערן — ס׳איז דאך איין חברותא, געטראגן פון איין געדאנק: אלע בליקן געוואנדן צום מאדעל.

אויבן אין פראנט זיצט נאך דאס מאדעל און דאס בילד איז שוין פער־טיק. חברה שטייען ארום און ווילן וויסן דעם נאמען.

„וועלק־בלעטער אין ווינט!״ כאפט זיך ארויס ביי איינעם.

„פון וואו ווייסטו ?!“ שרייט דער קינסטלער באגייסטערט.

אין דעם אקארשט אויפגעשריבענעם זענען מיר אלע געווען: פאפא סעגאל, מרדכי, טרודע זשעני, פריילין בארטש.

ארויסגעלויכטן — א „בליקפונקט אין צענטער“! — האט א פליך־קעפל, וואס האט אויסגעזעען ווי דאס הינטערשטע פון א פעטער הון, וואס א באלע־באסטע בלאזט דערויף בשעת זי דינגט אויס דעם פרייז —

די פאר שורות כאטש האב איך שיין געוואלט פארלייענען, אבער ער מיט א שטארקייט, מיט א מין איראניע אינם קול: „מען ווייסט שוין, ׳די פאר שורות׳ מיט די אלע קאטשערעס און לאפעטע וועסטו מיך קאלביק מאכן, איך וועל מאכן א שטארק טעפעלע קאווע און מיר וועלן זיך די הערצער דערכאפן. דו האסט געארבעט די גאנצע נאכט, מ׳זעט דאך. גלויב מיר איך האב אויך קיין אויג צוגעמאכט . . גוטער ברודער, פארשטאנען?“. י .

יא, שיע האט זיך „גערעטעוועט“, האט די זאך נישט געוואלט הערן, אבער ביאליק האט זיך יא צוגעהערט און מיט קאפ ווי כ׳האב עס אויפגע־כאפט מיט א זייטיקן בליק.

* * *

ארויס פון דער אויגוסט־שטראסע, צוקומענדיק מיט א מין רחבות צום אלעקסאנדער־פלאץ און שפירנדיק, אז מיין בוזעם־קעשענע איז נישט מער ליידיק, האב איך מיך צעלאכט:

„שני שדיך . . .“ — מסתם שטעקט אונטער יענעם מגידישן טייטש אויך עפעס א מעשה שהיה . . .

אבער וואו גייט מען יעצט? אין ראמאנישן קאפעע איז נאך צופרי; ארויפ־גיין צו פאפא סעגאל אין איטאליע? האב איך מורא, ס׳וועט זיך ווידער אויפסניי אנהויבן . . .

יא, כ׳וועל גיין מיט א באזוך צו ביאליקן. ער האט דאך מיר געגעבן זיין אדרעס אין לייפציג און מיך איינגעלאדן אים צו באזוכן ווען כ׳וועל זיין אין בערלין.

און צי איז ער דען נישט טאקע דער מרא־דאתרא, וואס אז מען קומט אין זיין שטאט אריין מוז מען ביי אים טאקע קודם־כל אפשטאטן דעם ערשטן באזוך — מיין פריילעכע שטימונג נעמט נאך שטייגן:

ניין, כ׳וועל נישט אראפ אין דער פינסטערער אונטערגרונט־באן. איך וועל מיר אזוי צושפאצירן „ווי ביים טאטן אין ווייגארטן“ ביז צו דער שענעבערג־שטראסע און דערנאך, נאכן באזוך, וועט טאקע זיין גראד די צייט צו גיין אין קאפעע אריין.

ביאליק האט זיך מיט מיר געפריידט; ווען די פרוי האט מיך פון קארי־דאר אריינגעברענגט אין שטוב עריין, האט ער פריילעך צו איר אויסגערופן: „דאס איז דאך דער לייפציגער!“

מאדאם ביאליק האט מיך אנגעקוקט ווי א באקאנטן און געזאגט מיט היימישקייט: „איר וועט שוין מיט אונז מיטהאלטן דעם מיטאג“.

איך האָב מיך געוואָלט פאַרענטפערן, אַז איך בין נישט געקומען אין דער ריכטיקער באַזוך־צייט, אָבער געזאָגט האָב איך:

„רבינו ביאַליק, דערפאַר וועל איך אייך פאַרלייענען מיינס אַן אָקאָרשט אָנגעשריבענע דערציילונג".

„א, א" האָט ביאַליק געזאָגט מיט אַ יידישלעך־קאַטאָוועסדיקער, גע־מאַכטער איראָניע: „פון וואַנען זייט איר שוין אַזוי זיכער, אַז אייערע פּרפּראָות וועלן ווערט זיין מיין פלוניתטעס מאַלצייט? — אירע מאַכלים זענען איינס אין דער וועלט:, און פון דעם בעטעמטן סמאַטשק מיט די ליפּן האָט מען עס בפירוש געזען.

יאָ, ס'איז געווען אַ מיטאָג איינס אין דער וועלט — אויף אייביק עס צו געדענקען.

און נאָך אַלעם שוין, אפילו נאָכן גלעזל טיי מיט וואַרעניעס, זאָגט ביאַליק:

„כדי זיך אַביסל איבערצוגיין נאָכן מאַלצייט — איר זעט, אַז מ'העלפט צו, גייט עס טאַקע געשמאַקער" — די העלפט זאָץ איז געווען מיר צו פאַר־שפּאָרן זיך אַסך צו באַדאַנקען — „וועל איך אַראָפּ מיט אייך אין גאַס אַריין".

זענען מיר אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און ביאַליק האָט גערעדט ווי אַ מעין הנובע וואָס אַזוינס איז פּראָזע צום אונטערשיד פון פּאָעזיע . . . און צי איז באמת דאָ אַ ממשותדיקער חילוק . . . ער האָט אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט איבער מיין פאַרגעלייענטע „אָקאָרשט אָנגעבאַקענע" זאַך . . . פּאָעזיע ברויך מען אפשר נישט אַסך איבערצואַרבעטן, אויסבעסערן — מ'קען גיכער קאַליע מאַכן . . . אָבער פּראָזע מוז מען פּיילן, פּיילן, פּיילן — דער זיידע איז נאָדאַלץ כשר געגעכט.

מיר זיינען אָנגעקומען פאַר דער דרייענדיקער טיר פון ראַמאַנישן קאַפע.

כ'האָב געגעבן אַ שאַרפן דריי די טירע, כדי צו מאַכן אַ ברייטן פּלאַץ ביאַליק זאָל רחבותדיק קאָנען אַריינגיין

„ניין, איר זעט, איך האָב אפילו קיין רעקל אויף מיר . . . געכאַפּט אַזוי דעם אויבער־מלבוש בלויז".

איך האָב מיך גענומען צוריק אויסדרייען כדי אים אהיים צו באַגלייטן.

„ניטאָ", האָט ער צוריקגעהאַלטן די טיר: „ניין, איר גייט אַריין. איך וויל זיין מיט זיך אַליין", און דאָס קיילכדיקע, שטראַלנעדיקע ביאַליק־פּנים האָט עפּעס מיט איינמאַל אַ גאַנץ אַנדערע מראה באַקומען ווי ס'וואָלט זיך אויסגעצויגן און דאָס קול איז אויך ווי אַנדערש געוואָרן:

„איך וויל מיך מיט אייך געזעגענען, איך פאָר קומענדיקע טעג אָפּ קיין ארץ־ישראל און דאָס מאָל שוין אויף תמיד".

איך האָב אים אָנגעקוקט, זיין פּנים ווי מיט עפּעס פאַרדעקט עס זיך, און די ווערטער, ווי אויסגעהוילט, ווי זיי וואָלטן גערעדט צו זיך:

„זיי ווילן מיך איינשפּאַנען אין די האַלאַבלעס".

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אַ הערשראַקענער אַפּווענדן . . . יידישלעך־היימישלעך אַנווינטשן, אָבער ער איז שוין מער נישט געווען.

צי האט ער געשפירט, אז ער האט זיך צופיל ארויסגעכאפט ? צי בין איך עס געווען דער חייב פון זיין שטימונג — דערשפירט דעם איינגעהאלטענעם לאשאק-געהירזש אין מיר . . . און דורך דעם האט זיך אים ארויסגעכאפט דער זאג . .

איך האב מיך ארייגעדרייט אין קאפעע א פארלוירענער — יא, א לאשאק וואס בלייבט אליין בין השמשות אויף א לאנקע און די זון איז אין טיפער שקיעה . . .

איך בין אריין, נישט אין גרויסן זאאל, וואס ארייקומענדיק גייט מען אקייגן דעם גרויס-ליכטיקן שפיגל איבער דער גאנצער וואנט . . . איך האב קיינעם נישט געוואלט זען, אויך נישט מיך אליין . . . (המשך קומט)

מאמע יידיש

זאגן אזוינס אויף יידיש, אז עס „פגרט",
דאס קאן נאר בלויז א מין פארסרחהטער שינדער;
זיין נאז שטינקט רק פון נבלות און פגרים,
פון געפאלענע פערד, פון טריפהנע רינדער.

אזא סינאנים פאר טויט, נאר טויט-שונאים
ברענגען קענען פאר זייערע בייזע מיילער;
תמיד גרייט שטייט דער שינדער מיטן מעסער,
ווען די ארבעט שוין אפגעטון ס'האט דער קיילער.

אמת, פארמוטשעט ליגט די מאמע יידיש,
א צעממיטעטע, צעקיילט, צעביילט, צעשטאכן;
קיין גאנץ אבער דער מערדער איר געלאזן,
א פארחלשטע ליגט זי צוזאמענגעבראכן.

די קינדער אבער ארום קראנקער מאמען,
די לעצטע טראפן בלוט איר אוועקצוגעבן,
ארום געלעגער שטייען פארציטערטע —
מיט די אטעמס צו פארלענגערן איר לעבן.

פארמוטשעט ליגט זי, א שווער צעכארכלטע,
בלויז איר בליק ווי גוט, ווי טוליעדיק-באשיידן;
און ווי אומשטערעבלעך אלצדינג ארום איר ווערט,
ווען אירע ווערטער מאמעדיק זי נעמט ריידן.

איביק אזוי ארום דער קראנקער מאמען
לעבן פון איר לעבן די לייבלעכע קינדער —

* * * *

זאגן אזוינס אויף יידיש, אז עס פגרט,
דאס קאן נאר א מין פארסחרהטער שינדער.

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4-3 (העפט 6-385) 32-סטער יאר מערץ-אפריל 1971, לאנדאן

March-April

Numbering sequence goes back 100 numbers

אינהאלט:

חג-החרות, לכבוד פסח און דעם 19'טן אפריל ... * * ... 3

שטעט און שטעטלעך ... אסתר ערלעכמאן ... 13

פארגעסענע געשטאלטן, וויגן ליד (לידער) ... עלא זילבערג ... 17

נאך קבורה ... שמעון ווזעק ... 18

א טאפלטער ווונטש (ליד) ... אייזיק גאלדבערג ... 20

צוריקגעקומען, פון פורים-רבס דרשות ... א. נ. שטענצל ... 21

די אקטריסע עלען ווינאגראד ... נעט רובין ... 32

עלעגיע נאך א פארלוירענעם עדווארד (ליד) ... אסקאר טאפער ... 33

תפילין (ליד) ... שאול טשערניכאווסקי ... 34

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(יעדן שבת, 3 א זייגער בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סט. 33, א.1.

אבאנאמענט-פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :-

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ-מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט

Published and Edited by A. N. Stencl, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

אנגעזאפּט מיט לייד און פריידן,
וואס באגלייט האט אונזביידן.

ווען מיר בליקן אויף צוריק,
באגלייט האט אונז אויך ליבעס־גליק,
מיט שטאַרקע שטריק פאַרקניפּט, פאַרבונדן —
האט אפט געהיילט אויך שטאַרקע וואונדן.

יא, יוגנט־לעבן איז אוועק,
און מיר שטייען ביי א ברעג,
וואו מיר ווילן ווייטער שווימען,
נישט געקוקט וואס ס'זאל קומען.

זאל דער גורל כוח נאך געבן,
ווייטער שפּינען אונזער לעבן;
זיין צוזאַמען ביז אויף גאַר,
מיט פיל געזונטע, גוטע יאָר!...

א. נ. שטענצל

צוריקגעקומען

II

אז דער „משולח" צו ברענגען קיין בערלין מיין „און דו ביסט גאָט" זאל דווקא זיין אלכסנדר כאשין און דער ערשטער לעזער דווקא נחום שטיף איז שוין מער איראַניע ווי א מזל־זאַך.

מיט וועלכע ציין בייסט מען איין אזא מין פּאַעזיע נאָך דער סאוויעטישער דיכטונג? מ'פילט אבער דאך, אפּנים, אויף דער שפּיץ־צונג, אז עפּעס אַן אייגענעם טעם האט עס —

עס מוז דאך אויך זיין א טעם דערין וואס גראַד דער פּראגרעסיווער שרייבער אהרן בעקערמאַן איז געווען דער ערשטער, וואס האט געשריבן איבער דעם בוך.

און אז מיט דער דייטשער ליריק האבן די לידער קיין שייכות נישט, דאס ווייזט דאך בפירוש ד"ר זוהלס ממש וואָרט־ווערטלעכע איבערזעצונגען, וואס דרוקן זיך כסדר שוין חדשים אין דייטשע צייטונגען און זשורנאַלן.

די דראַמע „אין אויפגאַנג", פון חלוצים־לעבן אין פּוילן, וואס איין עקזעמפּלאַר געפינט זיך אין דער „שאָקן־ביבליאָטעק" אין ישראל צווישן די „אוניקומס"! — לויט ווי דער ביבליאָטעקאַר, דער ביבליאָגראַף, א. מ. אבערמאַן, האט מיר אַמאָל געזאָגט — איז געוואָרן אויס מיוחס, ווייל מ'האט זיך אָפּגעזוכט נאָך אַן עקזעמפּלאַר. וויאַזוי? (אז מ'וועט האַלטן דערביי און, אי"ה עס דערלעבן) נעבעך, אפילו דעם יחוס האט זי אויך פאַרלוירן...

די דאָזיקע „דראַמע", וואס האט זיך געדרוקט אין פאַרטזעצונגען אין לעווים „לייפּציקער יידישע וואָכנצייטונג", האט שוין פריער זוכה געווען,

אז זי זאל זיך לאזן הערן און מ׳זאל זי „טראגן אויף די הענט" — נישט זי, נאר די רעצענזיע־פלאכטע אין דער „יודישער רונדשוי", וואס לויט ווי מ׳האט מיר געזאגט האט זי דער רעצענזענט באוויזן אין קאפּע און מ׳האט זי געטראגן פון האנט צו האנט . . .

ביים טיש פון יאנקל אדלער און ישראל גלאטשטיין, ארום דער לאסקער־שילער, האט מען נאר אנגעקוואלן: א יונג פאלט ווי אין וואסער אריין און ס׳שווימען גאר ארויס גאנצע לידער־זאמלונגען, דראמעס — „מעשוגע!"

דירעקט טאקע, אין דער נאכט פאר מיין צוריקקומען, האט יאנקל געמוזט צוברענגען צום טיש דאס בוך פון כאשינס טיש און זי האט זיך גארנישט געקענט זאט אנקוקן אויף דעם טיף בלויען איינבאנד מיטן זילבער־גראווירן: א נאקעטער, שלאנקער יונגלינג מיט צעשטרעקטע, פארבענקטע הענט צו א זילבערנעם שטערן —

„אך, ווי נידליך, ווי הערצליך קיטשיק — פאבעלהאפט! . . . יא, „און דו ביסט ג אט", יא, ווארהאפטיג, דער ריכטיגער נאמען . . . יא, אבער וואו איסט די בעטאנונג? . . . יא, דאס איסט דאך גראדע דאס מיסטישע אין דער קאבאלא . . די בעטאנונג". .

מ׳האט געמוזט צורופן כאשינען און ער האט דערציילט גענוי יעדע איינצלהייט, מיט אלע פרטים, פון דער קולטור־ארבעט, פון דער יידישער ציימונג, פון פרץ־פאריין און אז יעצט ליג איך אויף „געלבזוכט" אין שפיטאל.

„אינגאנצן גאלד געווארן, דער האמיד". . . האט זי מרה־שחורהדיק אין זיך אריינגעשעפטשעט און אירע שווארצע, גרויסע אויגן זענען ווי מיט רויכלעך בלוי איבערלאפן — „איך האבע עס געוווסט".

די סצענע ווי יאנקל האט זי היינט, מיט אלע פארבן, אויסגעמאלן איז געווען בסך־הכל איין נאכט פריער. היינט, ווען כ׳בין אריינגעקומען אין קאפּע, אין גרויסן זאאל, א צעצונדענער אויף אלע לעמפּ, האט מיר עפּעס־וואס געפעלט. „פנה זיווה פנה הדרה" — אן אנדערע קאנסטעלאציע!

מיט דער סטאביליזאציע פון גאלד־מארק זענען אסך פון די מאלער און מיט זיי א טייל פון די פאעטן זיך צעפלויגן — ס׳איז בילעכער יעצט צו זיצן אויף די „ווייכע" אין קאפּע־דאם, אויפן מאנפארגאס, ווי אין ראמאנישן קאפּע.

יא, ס׳איז נאך אלץ א קאכעניש דא ביי די יידישע טישלעך, אבער נישט מער ווי אין א קעסל, נאר ווי פון טשייניקן — די „מיניסטארן" מיט זייערע „סעקרעטארן" פארשטענדיקן זיך פון טיש צו טיש, א לויפן ווי פון דער „אונטערשטער פלאטע" צו דער „אויבערשטער". עס זשומט „אזע", „דזשוינט", בראמסאן, לאצקי־בערטאלדי, און טשעריקאווער איילט פון טיש צו טיש מיט א נייעם פארטפעל —

אט שטייט ער צווישן כאשינען און שטיפן, ער רעדט שנעל, גיך; שטיף שאקלט מיטן קאפּ: יא, יא, און כאשין — אויף גיין! און שוין זיצט ער א צעסודעטער ביי לעשטשינסקין און סוועט בייגט צו אן אויער.

פון דער סאפע אונטערן שפיגל א צעגלאצטער מיט טויזנט לעמפלעך, אונטער וועלכע עס זיצט טאקע כאשין מיט שטיפן, פאלט מיט א פארוואונ־דערטער, פריילעכער בליק אין די בלענדנדיקע אויגן אריין און אין הארץ ווערט מיר פריילעך —

נאך כאשינס ברייטן „שלום עליכם!", איז שטיפ'ס אפרייסן זיך ווי עפעס מיט א מין רוגזה: „ווייסט איר נישט, לכל־הפחות, אז דאס ווארט „גויקעץ" שטאמט נישט פון גערמאנישן „נייגע", נאר פונם העברעאישן „עקץ"?!"
יא, איר ייוואט שוין טאקע?! שמייכלט כאשין שפיציק.

נישט וויסנדיק, אז די רוגזה שטיפס און כאשינס סארקאזם קומען פון א סכסוך, וואס איז איצט צווישן זיי און אז דאס ווארט „ייוואט" איז נישט קיין רוסישע קללה, נאר גאר א ראשי־תיבות נאמען פון א קולטור־אינסטי־טוציע, וואס האלט זיך אצינד אין גרינדן, ביך איך אויך ארויס אין א „הויכן טאן":

„און עפעס אנדערש האט איר נישט אויסצוזעצן? טא לוינט אפילו נישט צו א טעפעלע קאווע זיך אנידערצוזעצן".

„נו, קענט איר דאך יא גראמען, טא וואו זענען זיי אין בוך?"

כאשין מישט זיך אריין ווי א מליץ־יושר אויף ביידע צדדים: „איינס א קליינס דווקא אויסגעהאלטן נאך אלע געזעצן פון ריים און ס'איז טאקע דאס שענסטע".

„ווען איר וואלט געוואוסט וויפל טרערן מ'מוז אין זיך אונטערדריקן, כדי אפצואווישן די פאלשע גראמען — דאס זיינען גאלדענע ציין, אבער פרעמ־דע". . מיט דעם „ברוך הבא" האב איך מיך גענומען אפרוקן פונם טישל.

כ'האב דערזעען אדלערן מיט גלאטשטיינען. אדלערס ווארעמקייט, זיין קול שוין, און די פריילעכע לצנות־אייגעלעך גלאטשטיינס, און איך בין שוין אין דער היים.

ס'ווערט לעבעדיק ביי אונזער טישל — יאנקל קוקט מיך אן ווי איינעם, וואס קומט פון יענער וועלט: „מ'האט דאך דיך ערשט געזען נעכטן שוין אינגאנצן געל אויפן טויטנבעט אין א לייפציקער שפיטאל". און צעלאכנדיק זיך מיט זיין געזונטן געלעכטער, נעמט ער נאכמאכן די סצענע „אין גאנצן געלד געווארדן, דער האמיד", און גלאטשטיין לאזט ארויס רעדעלעך רויך פון זיין פארשנירלט מויל, דיריגירנדיק מיט זיין פייקעלע.

דער נסתר שטעלט זיך אפ ביי אונזער טישל, מסתם געזוכט וועם און נישט געפונען: „איך האב וויכטיקע נייעס. אורי צבי גרינבערג קומט א ליאדע טאג. טשארני האט מיר אקראשט טעלעפאנירט. איר הערט, ער שטעקט אייך אלעמען איין אונטער זיין גארטל". ער זעצט זיך צו אונז צו, מסתם נאך געהאט אויפגעכאפט דאס ווארט לייפציק:

„יא, אן די שטעטעלעך, אן דער ליבער פראווינץ, איז נישטא קיין שטאט; וואס וואלט ווארשע, ווילנע, אדעס געווען אן זיי?. . כאשין האט אונז

דערציילט פון אייער לייפציק — אפנים טראדיציע — לאפציקער יאריד!״

„געווען אין רהיינלאנד ביי איירע קוילנגרעבער — אלע ארויס שוין פון די טיפע שאכטן, אפגעוואשענע פנימער, שטייען זיי שוין מיט געגרייטע טישלעך אויף די מערק . . . נישט קיין ווארט־שפיל, א שפיל פון איראניע — פון קוילן־גרעבער איז געווארן קליינבירגער״. . .

„אן דער פראווינץ זענען מיר בדחנים אויף א פרעמדער חתונה — אן אפנעמער וואס נוצט פראדוקציע? . . מ׳שמועסט, אז דער שטראם ציט יעצט נאך פראנקרייך, כ׳מיין די ארבעטס־לאזע מאסע פון פוילן.״ וויל ער ווי צוגלעטן זיין אויפגערעגטקייט . .

וואס וועל איך אים נאך שווערער מאכן דאס הארץ און אים דערציילן, אז איך בין נישט געקומען אויף א באזוך . . . אז דער פרץ־פאריין אין לייפציק איז שוין עליו־השלום . . . אז די יידישע וואכנצייטונג גוססט, נאך א וואך, נאך א חודש; דער רעדאקטאר לעווי „ציט נישט מיטן שטראם״, נישט קיין פראנקרייך און נישט אין די קוילן־שאכטן פון ליעזש, נאר ער עמיגרירט קיין פאלעסטינע . . . און די צוויי לייפציקער פארלאגן, „מענעס־פארלאג״, „שמש־פארלאג״, זענען נעמען פון דער הפטורה . . .

כ׳האב דערזעען די צוויי באטיק־מאלערינס, די צוויי ווארשעווער יידישע מיידלעך, צווישן א כאפטע בלאנדע בחורים, מסתם אקאדעמיע־חברים, און נישט געברויכט אפילו מיך צו אנטשולדיקן וואס איך דריי מיך אוועק פון אונזער טישל און גיי צו זיי אריבער.

איינער קאכט זיך: „מיקעל אנדזשעלא? רעמבראנדט? זאגאר אונזער פראנץ מארק — פארגאנגענע צייטן! נייע הימלען, נייע פארבן — דאס באוהאוז אין ווײמאר מאלט נישט, עס באוט, קאנסטרוקציע, טעכניק!״

איך ווער מיט־ארייגעצויגן אין דער דיסקוסיע: „די גרעטל קאנסטיטוציע״. „דו מיינסט די ווײמארשע״. . ס׳ווערט א געלעכטער.

פלוצלינג זע איך ווי איינער בויגט זיך איבער מיר, דעם קאפ גענייגט אזוי אויף א זייט — א ווירטואוז וואלט געסטראיעט זיין וואלנטשעל און דאס יידיש מיט אזא דין ציענדיקן רוסישן אקצענט:

„מ׳האט מיר אנגעוויזן אויף אייך, כ׳האב צו אייך א טובה״.

כ׳הויב אויף די אויגן און כ׳וויל מיר נישט גלייבן: כ׳דערקען יענעם טשערניכאווסקי־קאפ נאך פון די פאטאגראפיעס, נאך פון דער היים — א לייבן־קאפ מיט לאכנדיקע טורטל־טויב אויגעלעך; כ׳שטעל מיך אויף כעבדא קמי מרא: „איר צו מיר?״

זיין פנים צעשטראלט אין גרוילעך־בלאנדלעכן לאקן־שלל: „מ׳האט מיר געזאגט, אז איר קענט מיר געבן אן אדרעס פון אן איבערזעצער אויף דייטש״.

איך האב מיך דערפילט אזוי קליין פאר מיר, פאר אים, פאר אונז אלע . . אים צוגעפירט צוריק צו זיין טישל און אים געגעבן דעם אדרעס פון ד״ר זוהל.

ווען כ׳האב אים שפעטער באגלייט צו דער באן, האט ער מיר געגעבן דעם אדרעס אים צו באזוכן, אבער בקרוב, ווייל ער „זידלט איבער״ קיין ארץ־

ישראל — אמבעסטן קומענדיקן זונטאג־נאכמיטאג.

ס׳איז נישט געווען קיין פאראַרט פון בערלין, נאר א ריכטיק דארף, א גאנצע נסיעה מיט דער „קליינבאן״. אויפן וואקזאלעכל נישט געטראפן קיין לעבעדיק נפש, אפילו נישט קיין פארטער אפצונעמען דעם בילעט. איך גיי ארויס — א געדיכטער וואלד.

איך גיי צוריק אריין אין וואקזאלעכל. צוויי שלאנקע יונגע מענטשן קומען מיר אקעגן; די פנימער יידישלעכע. מיר קוקן זיך לאכנדיק אן: „מסתם צו טשערניכאווסקין?״

דאס איז געווען דער יונגער ד״ר שמעון ראווידאוויטש, מיט זיין יונגער פרוי שוין, צי מיט דער כלה נאך — צוויי מענטשן, נאר א ברכה איבער זיי צו מאכן.

כ׳דערמאן מיך מיין טאטנס ווארט: „בחמרא טבא דבי תחדין נפשין״ — אין א גוטן חומר איז דא א שיינע נשמה.

מיר האבן גענומען זוכן די דארף־ווילע, וואו טשערניכאווסקי וואוינט. אבער אפנים אויך ער האט ארויסגעקוקט פון פענסטער אונז צו דערזען — כדי אונז צו „כאפן״, כדי צו פארכאפן א סקאנדאל . . .

ווען מיר זענען אנגעקומען איז ער שוין געשטאנען דרויסן, אנגעטון אין הוט און פאלטן ווי גרייט צו „אנטלויפן״; „קומט, קומט שנעל, איך האב דא א פיין רעסטאראנדל״. ער האט אפנים נישט געוואלט, אז מיר זאלן דער־זען ווי זיין פרוי שטייט אן „אנגעלאדענע״ אין דער אפענער טיר מיט א גרויסן, גאלדענעם צלם אויף דער ברוסט. ער באמבלט זיך פון כעס . .

טשערניכאווסקי איז שנעל געגאנגען, ממש א יינגל וואס אנטלויפט. מיר איילן נאך אים, קוים אים נאכיאגנדיק . . .

נאך א וויילע האבן מיר געהערט דעם פעסטן קלאפ פון דער טיר.

* * *

מיין „וואכנטלעכן האנאראר״ קריג איך נאך אין דער ערשטער צייט פאר די זוהלישע איבערזעצונגען און די טעג ציען זיך מיט זייער „נארמאלן״ גאנג . . . און די נעכט? אז איין דיסקוסיע ביי א קאפעע־טישל, איין שפאציר אונטערן שטערן־הימל קאן זיך ציען אין העלן טאג אריין . . .

קום איך איינמאל אין די ליידיקע שעהן, ווען עולם איז אין די טעאטערס, ביי קאנצערטן און אין האלב־ליידיקן קאפעע זיצט די לאסקער־שילער אליין, א מרה־שחורהדיקע, א פארצווייפלטע, ווי א שיף מיט זויער־מילך וואלט איר אונטערגעגאנגען — מסתם מיט וועם זיך באשטעלט און יענער האט דעם „פרינץ יוסף״ געלאזט ווארטן.

איך גיי צו איר צו, איר גאנצע היסטעריע אויף מיר כאטש אויסצולאזן:

„אויף דיר ווארטע איך עבען! געקאמען איין ראטער פאן פאלען אונד וויל מיך ערשיסן!! זאלכע ראטע הארע״. . .

איך קוק זי אן און קען קוים עפעס פארשטיין.

„ווי אומפארשעמט, דער „מוזיקער" בראכטע איהן אין האטעל קאשעל".
איך האב מיך געגומען עפּעס משער זיין. דעם נאמען „מוזיקער" ברויך זי פאר גלאטשטיינען ווען ער האט זיין האצקישע לייכטיקייט און דרייט צווישן די ציין ס׳פּייקעלע מיט זיין איראנישן שמייכעלע. אבער ווער איז דאס „דער ראטע מיט די פלאמען־האר"? דער „אינדיאנער", וואס וויל זי דערשיסן?
זי האט ליב זיך צו שפּילן מיט פאנטאזיעס, מיט זיך ווי א קינד, ווי מיט פארבן און ווערטער . . און זענען זיי דען — די שטריכן, די ווערטער! — נישט פּיילנבויגנס צום אויסשיסן? אבער דער „פּרינץ יוסף" בלייבט פּרינץ: איין טריט נאנט און צוויי פון דער ווייטנס . . . מאיעסטעט באליידיגונג!!
דער „פּרינץ יוסף" איז אפנים געווארן טיף באליידיקט!
דאס טאפּלטע שפּיל אין זיך דאס איז דאך איר קונסט — איר אינדיאנער־פאנצער! — זי שפּילט אויס איינעם קייגן צווייטן אין זיך און זי בלייבט גאנץ — איינציק אין איר ארט. פאנטאזיע, איינבילדונג? און וואס איז דאס לעבן? שויך ביי די נביאים שטייט: „משוגע איש הרוח."
און דא זיצט פּרינץ יוסף און ווארט — שוין א דריי פון דער טיר קאן משוגע מאכן . . . איך ציטער מיט איר מיט אויף.
. . . ווי זאגט דער רמב״ם: „לולא האי כת משתגע היה עולם נחרב"! מ׳מוז זיי לאזן זייערע משוגעתן, זיך אויסלעבן אין זייער היסטעריע . . .
און צי איז דען נישט דאס גאנצע לעבן אן איינריידעניש, א שפּיל אזא? מ׳מוז זיי לאזן אויסשפּילן די צעריסנקייט, ווערן זיי גאנץ . . . פון די אלע אינדיאנער־מאסקעס ווערט איין מאיעסטעטיש מענטשלעך פּנים — —
און זע, פארן גלאז פון דער דריי־טיר שטייט טאקע א רויטער. די האר פלאמען איבערן פארביסענעם לאנג־אויסגעצויגענעם פּנים. ער איז פּארטראכט. קוים ער דרייט מיט דער טיר — דאס איז ער, מסתם, דער וואס וויל זי שיסן! שיסט עס מיר אדורך דורכן קאפּ.
ער קומט אריין. ער זוכן עמעצן, משמעות זיך אפּגעשמועסט מיט וועם זיך צו טרעפן — ער גייט אונזער טיש פארביי — זיין פּנים נאך אויסגעצויגענער, נאך פּארטראכטער.
מיר זעען אין שפּיגל ווי זיין פּנים פלאמט פּלוצלינג, עס ווערט ברייטער, צעשטראלטער, די רויטע האר ברענען — מסתם אין ווינקל דערזעען וועמען ער זוכט.
„דו, איך גיי צו אים צו, איך האב א מעסער אין טאש, איך וועל אים דערשטעכן. דעם רויטן". איך האב שוין פארשטאנען ווער ער איז.
זי האט געציטערט און מיך פעסטגעהאלטן ביי דער האנט, מיין האנט האט מיטגעציטערט . . .
דעם אוונט האט עס געקאכט אין ראמאנישן קאפע ווי אין א קעסל! אלע לעמפּ אנגעצונדן, זיי פינקלען יום־טובדיק צעשטערנטע פונם שפּיגל ארויס. אויף דער פליושענער זאפע קיניגט דוד בערגעלסאן צווישן כאשינען

און שטיפן.

ווי־זא־ווי אונזער צערווישט טישל אונטערהאלטן זיך סטאטעטשנע נסתר־קוויטקא־טשארני —

דער גאסט, אורי צבי גרינבערג, שוועבט פון טישל צו טישל, געטראגן פון זיינע פלאמען־פאטלעס — אט דרייט זיך זיין צעשטראלטער קאפ מיטן צעלאכטן מויל דא אהער און ריידן רעדט ער גאר דארט אהין.

די דאלאר־פאעטן זיצן טאקע אויפן מאנפארגאס — די „לאקשן״ פאר־דייען זיך דארט איצט בילעכער, אבער מיט אונזער פלעיאדע האבן מיר זיך אויך נישט צושעמען —

שוין לאנג נאך האלבער נאכט. ס׳קאפעע נעמט זיך אויסליידיקן, ס׳ווערט שטיל שוין ווי אין אן אויער — „אין אומר ואין דברים״ — דער חשובער גאסט וועט שוין מיט מיר גיין שלאפן —

מיט מיין לייפציקער איינמעלדונג האב איך נישט געוואגט צו נעמען אין בערלין א דירה, וואו איך האב אן אויסוויז. אבער פאר די ביליקע האטע־לעכלעך איז די איינמעלדונג די־והותר און אזויפיל „גאלד־מארקן״ האב איך אויך נאך אין טאש.

אין צוואנציק מינוט זענען מיר ביים שלעזיען באנהויף. א גאנץ אנדערע מדינה — „די פאלאקיי״! נישט נאר די טונקעלע באלויכטונג, נאר עס שמעקט אנדערש — „עס שמעקט מיט היימישקייט!״...

עס האט זיך גארנישט געגלוסט צו גיין שלאפן — פון יעדן טויער און ראג פינקלען אויגן אויף אן אנדערן אופן —

„דא קאן מען באמת קריגן מיט א מעסער אין דער זייט״...

„נו, לוינט זיך אריינצולייגן אין א בעט און צו באצאלן, אז וואנצן זאלן דיך בייסן?״

אבער מיין בוזעם־טאש, וואס האט שוין צוריק אנגעהויבן געשוואלן צו ווערן מיט נייע לידער און, דער עיקר, מיט דער אנגעשריבענער דערציילונג, „וועלק־בלעטער אין ווינט״, האט אנגעהויבן צו רייצן א „צוהעלטער״, באַ־האלטן אין א טויער, געמיינט וואסער אנגעשטאפטער טייסטער מיט „ווייכע״ און „הארטע״ — און דאס פעקל פון מיין בוזעם א צי־ארויס געגעבן.

די שטימונג איז אוועק, אבער אזויפיל איז דאך נאך געבליבן רחמנות צו האבן אויפן טאשן־גנב, וואס האט, נעבעך, געמאכט אזא גראבן טעות:

„וואס וועט ער האבן פון דעם גאנצן גראבן פעקל, אפילו נישט אויף אפאר ביליקע זאקן־בענדלעך צו קויפן ביי „טיצן״ פאר זיין „געליבטער״...

פון פורים־רבס דרשות

א.

איז דאך ג׳אט מקיים אלע מצוות,
ווי אין דער הייליקער גמרא עס שטייט — — —

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 385־6) 32־סטער יאר מערץ־אפריל 1971, לאנדאן

Incorrectly numbered as: Heft 385-6, March-April
Should be — May-June (Heft 387-388)

אינהאלט:

צום פערטן יאר ירושלים השלימה ... * * * 3
דער יידישער סידור ... דר. מאיר גערטנער 9
צום יארטאג פון די געטא אויפשטאנדן ... מאיר באגדאנסקי 12
צוויי עקזאדן — ערב שבועות ... אסתר ערלעכמאן 14
דאס פארלאשנע ליכטל (ליד) ... סעם גאלדבערג 16
דער נייער אנהייב, ווייטשעפל (פראזע און פאעזיע) ... א. נ. שטענצל 17
יידישע שרייבער אין דרום אפריקע ... י. כעלאוו 28
קאנדאלענץ־בריוו צו סעם גאלדבערג ... 29
בעקי גאלדשטיין ע״ה ... הערי אריעל 30
יעקב ריכטיגער ז״ל ... ש. 31

פרייז 10 פענעס

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער
זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

זונטיק, דעם 20־טן יוני, 1971, פונקט 3 א זייגער

21 DEAN STREET, LONDON, W.1

„דער יידישער סידור"

רעדנער:

סידור — די ערשטע יידישע איבערזעצונג — **ד״ר מאיר גערטנער**
אנדערע ספרים — אין יידישע איבערזעצונגען — **ד״ר ב. האמא**
ד״ר י. מייטליס

פארזיצער: **יוסף פרענקעל**

איינטריט פריי — קומט אין צייט

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

געקומען א ווינד פארלאשן דאס ליכטל פון מיין הויז,
מיך געלאזט אין דער פינסטער מיין ווייטאג איז גרויס.
איך קען ניט פארגעסן אויף איין מינוט,
דער שטורעמווינד האט אויסגעטריקענט אין מיר מיין בלוט.

טא וואס זאל איך טון אין די יעצטיגע טעג,
מיינע געדאנקען לויפן ווי אין א שרעקליך געיעג.
מיין ליבשאפט צו מיין חיה׳לע ברענט ווי פייער,
די ערד ווי זי ליגט איז מיר געווארן הייליק, טייער.

כ׳וועל קישן דאס ארט וווּ זי ליגט אײנד,
ווּ אהין ס׳האט זי פארטריבן דער בייזער שטורעמווינד.
פאר מיר לעבסטו אפילו נאך איצט,
שטורעם זיך ניט לאזן פאריאגן — ווי בייז נישט צעבליצט!

וואכן לאנג ניט געגעסן: ניט געשלאפן: געוואכט ביי דיין בעט,
אפילו נאכן טויט האב איך דיך געקושט און געגלעט,
דאס איז דער סוף פון א גרויסן גענוס ביים לעבן,
וואס דער ליבער ג-ט האט אונז ביידע געגעבן.

האסט מיר א שיין גליקלעך לעבן געשענקט,
כ׳וועל דיך קיינמאל נישט פארגעסן כבוד דיין אנדענק.

א. נ. שטנצל

דער נייער אנהייב

1

אין טאש האט אנגעהויבן צו טאגן, אויף דעם אדרעס, אויגוסט שטראסע, האט דער לייפציקער *האנאראר״ אויפגעהערט אנצוקומען. אין ראמאנישן קאפעע איז פון אונזער חברה אלץ ווייניקער געווארן; יעדער האט געזעען וואו און ביי וואס זיך איינצוארדענען, געפינען א מקום מנוחה.

אנשטאט די קינסטלער האבן זיך אנגעהויבן דרייען כלערליי מינים אנטדעקער, דערפינדער, פיזיקער, כעמיקער, מאטעמאטיקער, מעכאניקער — די מלחמה־אנטדעקונגען האט מען גענומען אויסנוצן פארן טעגלעכן גע־ברויך — ראדיא, כל־המינים פלאסטיק, קאוטשוקס, דראגערי — עס האט אנגעהויבן לוינען! די דייטשע מארק האט עס די ווערט געהאט, די דייטשע טעכניק האט גענומען בליען — „די קונסט גייט בעטלען!״

ווי פריער די צעפלאשעטע קונסט ארום עפעס אן עלעגאנט מאגנאטל, אצינד די וויסנשאפט ארום דעם רוישיקן אקציאנער.

יאנקל אדלער האט זיך צוריקגעצויגן אין „זיין״ עססן־וועסטפאלן. דוד בערגלסאן האט זיך אין א פאראַרט ארויסגעצויגן צו זיינס א משפחה א כעמיקער א פלאסטיק־אנטדעקער — ד״ר מלמד.

דאס ראמאנישע קאפעע האט מער נישט געצויגן זענען די יידישע

געסלעך ארום דער גרענאדיר־שטראסע געווען היימישער און אייגענער.

איך פארנאכט טרעף איך אלטערן אין יידישן סטודענטן־היים אויף דער פרידריך־שטראסע און מיר האבן זיך געהאט צו דערציילן גאנצע פעק.

נאך האלבער נאכט דער לאקאל שוין געשלאסן, דריקן מיר זיך נאך אלץ אויפן ראג אינם רוד ארום די „שטונדן־האטעלעכלעך“, אינם ריח פון די „ביליקע פארפומען און ווארעמע קנאק־וואורשטלעך“. ווען ס׳האט שוין אנגעהויבן אויף אן אמת צו טאגן זאגט צו מיר אלטער:

„וויסטו וואס, דו ווערסט שוין בלייבן ביי מיר איבערנאכט. עס וועט טאקע זיין אביסל ענגלעך פאר צוויי אין איין שמאל בעט, אבער ווי זאגט דער פסוק: ׳טוב שנים מן האחד׳.“

אז מיר זענען אנגעקומען צו זיין פראלעטארישער מלוכה, האט זיך שוין געהאט דער „רויטער וועדיג“ אויפגעכאפט און מיט אימפעט געאיילט צו דער ארבעט. די געסלעך ארום האבן געקאכט — פאר מיר איז דער טומל־דיקער ארום געווען א ניי דערלעבעניש: די ביליקע, ברידערלעך־צעשריגענע רעסטאראנדלעך, די קאמעראדיש צעפראלטע רוישיקע „קנייפעס“.

„וויסטו וואס, אלטער, אויף א צוויי ביר האב איך נאך אין טאש. לאמיר זיך אריינכאפן — אנשטאט פארשלאפן די צרות, זיי פארטרינקען.“

אויף צוויי האב איך געהאט, אויף צוויי אלטער, אויף דריי אלטערס א „קאמעראד“, וועלכן ער האט דרינען געטראפן. ווען מיר זענען ארויסגע־קומען איז שוין געווען ווייט אין העלן טאג אריין. די שעה, ווען די ווייסע קעלנער גייען שוין געמיטלעך צו זייער ארבעט.

מיר גייען זיך אביסל בגילופין, — נישט חלילה שכורלעך, נאר ווי צוויי יידן וואס האבן אויסגעטרונקן זעקס קופלעס שווערן בייערישן ביר, — הער איך א באקאנט קול שרייען:

מתחילה מיין איך, אז דאס קאן קומען פונם „גלעזל“ — דער „האפמאן־קעלער“ אין לייפציג! איך דריי מיך אויס, ס׳איז טאקע ריכארד מילער.

די פרייד אונזערע, פון ביידע זייטן, איז געווען אן אמתדיקע. אלטער מאכט א מינע זיך אפצוטראגן. מילער האט אונז ביידע פעסט אנגעקוקט מיט א פארדריקטן בליק אראפגענומען, די פארהויכטע ברילן־גלעזלעך געמיטלעך אויסווישנדיק:

„איך מוז יעצט גיין אויף מיין פראקסיס און מיין פרוי איז שוין אין דער שולע. אלזא, איך קורצן, וויסטו שוין מיין גאנצע ביאגראפיע. איך האב געהייראטעט, מיין פרוי איז א לערערין.“

ער דערלאנגט מיר זיין וויזיטן־קארטל, מיך גוט אנקוקנדיק דורך זיינע פריש־אויסגעווישטע ברילן באטראכט מיך „מעשה דאקטאר“:

„מענטש, וואו האסט דו דיינע בלאוע אוגען?“

פארן געזעגענען זיך ווער איך אויך נאך געוואויער, אז זיין פרוי איז נישט נאר א לערערין, נאר אויך א זינגערין: „אומבאדינגט הויטע אבענד“. די קאוויארניע־„קאנוואלעסצענץ“, דאס אומנאטירלעך און אינטענסיוו

לעבן, די שלאפלאזע נאכט היינט און ס'ביסל אלקאהאל האבן, אפנים, א שלאג געטון די געלקייט צוריק אין מיינע אפלען אריין.

די שרעק אין מיר האט זיך אפגעשפיגלט אין אלטערס אויגן:

„ווייסט, דיין אויגן־דיאגנאסטיקער האט אביסל רעכט". מיר האבן גע־נומען אויפזוכן די גאס, דעם נומער פון הויז, כדי כ'זאל ביינאכט נישט דארפן צו זוכן — אלטער גיט מיר ווידער א קוק אין די אויגן . .

נישט ווייט איז געווען דער רייניקנדארף־פארק. מיר האבן זיך אנידער־געזעצט אויף א באנק. ער האט פארצויגן א ציגארעטל נאך א ציגארעטל און איך האב ווייטער געצויגן מיין שמועס. פון דא האט ער זיך געלאזן אויפן מארק, וואס איז נישט געווען ווייט, וואו ער האט שוין זיינע פארדינסלעך און מיר צוגעזאגט עפעס צו געפינען אויף א צוויי־דריי מאל אין דער וואך: „דעם מינימום מוז יעדער מענטש האבן — איך בין טאקע א טראצקיסט, אבער א מארקסיסט בלייבט שוין אויף תמיד אזא".

די פאר שעה האב איך פארברענגט אביסל ביי שמואלן און ער אין זיין שטייף־ארטיסטישן ערנסט האט צו מיר געהאט די אמתע טענה: „א קאלעגן נישט מיטברענגען זיין אקארשט דערשינענעם בוך?"

גיי דערצייל אים, אז איך אליין האב עס אויך נישט — עפעס אפגעשלאסן און אין וואסר אריין . . און אפגעשיילטע הויט פון א שלאנג — —

ביי שיין האב איך געפונען א בריוו פון טאטן — איך בין שוין אויף דער זאפע נישט געשלאפן — די בריוו פון דער היים פלעגן מיך משוגע מאכן!

דעם טאטנס פארטיפטע אהבת־נפש מיט די אפגעטאקטע שורות, דער מאמעס באטשאנעס צעפליגלטע מיט דער ווילדער ליבשאפט און צימעלעס תמימותדיקע צוגעבינדנקייט. אסתר האט נאר צוגעשריבן, ווען שוין געמוזט!

ווען כ'האב אזא בריוו אדורכגעלייענט, בין איך שעהן־לאנג געבליבן זיצן נישט אויף דעם עולם — עפעס איז פאראנען א וועלט, וואו הערצער זענען פארבונדן מיט טויזנטער פעדעם און וויפל דו זאלסט זיך נישט רייסן פון זיי, ווערן זיי אלץ שטארקער צוגעקנופט — ווי איך א נעץ צאפלסטו און ווערסט פארזונקען אין אייביקן תהום פון ליבשאפט און פון אייגענער שנאה צו דיר.

ווען כ'האב דעם בריוו נאכאמאל אדורכגעלייענט, האב איך נישט גע־וואוסט צי זענען די פלעקן געווען פון דער מאמעס טרערן, צי פון מיינע. דעם טאטנס אויגן האבן פון יעדן ווארט ארויסגעקוקט מיט אזא קלארקייט, מיט אזויפיל קלוגקייט — מיט אזא מין הייליק געבעט.

אין דעם בריוו האט ער געוואלט וויסן:

ער האט געלייענט א רעצענזיע אין א ווארשעווער צייטונג איבער א בוך פון מיר. מאנכע ציטירטע שורות האט ער פארשטאנען, מאנכע נישט. און פארוואס שיק איך עס אים נישט? און דער עיקר וואס מיינט דער נאמען פון בוך?

קאן איך אים שרייבן, אז דאס איז א לעצטער ווייאיקדיקער, בלוטיקער ריס פון דעם וואס געווען — פון מיין גאנצן וועזן? — אז דער אנוכי, מיין

גאנצער „איך" האלט זיך אין ענדערן — מוז זיך ענדערן! און אפילו דער „דו", וואס שוין געמיינט, אז דאס איז עס, האט אויך נישט קיין האפט — קוים געפיל . . מיינט טאקע געשטאלטונג, פארמונג, זיך שפיגלען אין א מענטש, אויב שוין נישט אינם איך, איז אין א דו?. . זיך שאטענען אין א לויפנדיקן טייך?. . ווי איינער יאגט דעם צווייטן איינס צו ווערן — —

אירע בריוו טאר איך נישט ענטפערן. זיי ווערן תיכף צוריקגעשיקט פון שיען. און די בריוו אהיים, צי מעג איך דען אויפעפענען, קאן מיין מוח, מיין הארץ זיי אויפנעמען; אזא ליבשאפט קאן מען מיט ווערטער ענטפערן?

אפנים איך בין טאקע קראנק, עס הייבט זיך ווידער אן . .

* * *

ווען כ'האב אנגעקלונגען, האט מיר געעפנט די טיר א שלאנקע, בלאנדע פרוי, מיט א שארפן כאראקטער-צוג אין פנים; דאס וועלן דורכאויס בלייבן יוגנטלעך האט זיך פונם מענלעך-שיינעם צוגעגלעטן שטערן פעלדלדיק אראפ־געגליטשט איבער דער אביסל שטייף-געבויגענער נאז און זיך דין פארגלעט געפעלדלט אין די דינע ליפן: פרראו דאקטארר מיללערר!"

די בלויע מענטשעלעך אין די אויגן, פריילעכע, פולע מיט איינפאלן — אט האבן זיי א צוק געטון מיט א „געניאלן" איינפאל . .

אויסדרייענדיק דעם קאפ, האט עס א געשריי געטון מיט צווי גרונט־טענער: „פע-טערר!"

אויף דעם רעפליק איז ריכארד געקומען אנצולויפן צו דער טיר מיט צוויי איינגעשטרעקטע אראמס מיך ארומצוכאפן. צוקומענדיק צו דער טיר האט ער ארומגענומען די פרוי, אויסזינגענדיק צו מיר אויף זאקסיש, אויף וואגנעריש: „דאס איז מיין געליבטע הע-לע-נע".

העלענע האט שוין אלץ געוואוסט פון מיר, (ער האט שוין געהאט דער־ציילט פון אונזער טרעפן אין דער פרי און אז ער האט מיך איינגעלאדן), אבער איך האב שוין אויך אלץ אלץ געוואוסט פון איר, שוין שטייענדיק ביי דער טיר —

ער איז טאקע א מעדיצינער, זי א לערערין, דאס איז זייער פאך. — ווי האט אלטער געזאגט, „ס'ביסל אויסקומעניש מוז א מענטש האבן געזיכערט"—. אבער דער עיקר איז זייער „הייליקער" בארוף — זייער בארופונג! זיי זענען קינסטלער פון „ג אטעס געגנאדן": זי שטודירט געזאנג, א צוקונפטיקע אפערע־זינגערין? און ער שרייבט מוזיק.

קומען זיי אהיים, אין זייער „ליבעס-נעסט", איז ער נישט נאר אויס דער הערר דאקטאר, ער איז אויך אויס ריכארד — ער איז איר פע-טערר און זי זיין הע-לע-נע. נישט זענען זיי נאר מאן און פרוי — זיי זיינען די דערגענצונג איינער פארן צווייטן, איינער דעם אנדערס מוזע . . איינער דעם אנדערנס „ליד אנע ווארטע". איינער דעם צווייטנס „טאן-לייטער" — — א, זיי וועלן דערקלעטערן, זיי מוזן דערקלעטערן! .

ביים ערשטן אויפטריט ביי דער טיר האב איך שוין אלץ געוואוסט.

און אפשר האב איך, איבערטרעטנדיק די שוועל, א טראכט געטון: אפשר איז איר אמתער נאמען אויך גאר אן אנדערער? אלץ איז דאך דא עפעס אזוי אנדערש . „איבערגעשנאפט“? געשפילט . אומעטום אין סאלאן, אין שלאפצימער, אין קיך געזאנג־און מוזיק־ביכער באשריבענע נאטן־בלעטער. אלץ אזוי עטיש־פאעטיש, דאס צוגרייטן אין קיך, דאס זעצן זיך צום טיש — דאס עסן ממש מיט נאטן־גאפלען — „גוטן אפעטיט“! דער אדאוור „שמעקט“ שוין א ביסל זיסלעך קיטשיק . .

געזאנג, מוזיק, דער עכא פון טאן־לייטער קלעטערט „הימליש“, שוועבט עטריש — צו „גרעסע“, צו „געניאליטעט“, צו רום . .

דער פליגל פארנעמט א האלבע שטוב, אין זילבער־ראם ריכארד וואגנער טרוינט אויפן „בעכשטיין“ א גרזאלבטער.

אפשר טאקע דערפאר פעטער? דעם נאמען נישט ארויסצורײדן, אויף די ליפן נישט צו ברענגען — ס׳וואלט געוועזן מאיעסטעט פארלעצונג? אדער אים גאר וועלן אים באשיצן, נישט פארדעקט צו ווערן פון זיין גרויסן לאנדמאן, צו באהאלטן די גלייכגעוויכט . . די הארמאניע — —

דער ארטיסטיש באהעמישער גערא נגל — איין צעריסענע „זעעלע“ אין צוויי געזונטע קערפער . .

פאר מיר איז ער געבליבן דער לייפציקער מילער (דער פארנאמען נישט מער צו געברויכן) און זי, פרוי דאקטאר מילער — ביי דער גאנצער גרויסער פריינטשאפט אויך צו איר דאך, א ביסעלע פרעמד.

אזוי פון מיין ערשטן „אויפטריט“ אויף דער שוועל אין דער רייניקנדארף־ווינונג 1925, ביז צו פארמאכן זייער טיר אין דער קייזער ווילהעלם שטראס 1936 — די שווארצע פארהאנג איז געפאלן. (המשך קומענדיקן נומער)

ווייטשעפל

1

ווי טייער מוז זיין א שטיקעלע ערד,
וואס געיאגטע ראטעווען זיך אויף איר;
פארן טויט מ׳אנטלויפט, פאר הונגער, פאר רוצחים,
און — ס׳עפנט זיך אויף אן אויפגעפראלטע טיר.

נאך היינט, אז איך גיי אויף דיין גאס, ווייטשעפל,
דיין גוטסקייט אונטער מיינע טריט נאך כ׳שפיר —
נישט נאר צו רשעות, צו מענטשלעכער בייזקייט,
אויך צו גוטסקייט עס איז נישטא קיין שיעור.

ווי לאנג איז עס, אז געיאגט, געפלאגטע
פון טויט מיר זיינען געלאפן צו דיר?
ליכטיק שיינט זון היינט איבער דיר, צעשפיגלט
אין פארשטיינט פנים פון גראניט־קאליר —

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

July–August

נומער 8־7 (העפט 90־389) 32סטן יאר יולי־אויגוסט לאנדאן, 1971

אינהאלט

„שערי־ציון" באלאדע, ירושלים א.א. .... *** 3

דריי און צוואנציקסטע יאר מדינת־ישראל .... ה. ב. בענקוויטש 10

א טרויעריקע דאטע! .... אסתר ערלעכמאן 12

בערעלע דער טרעגער (דערציילונג) .... שמעון וווזעק 13

די הויפטזאך איז רייפקייט (דערציילונג) .... וויליאם גאלדמאן 16

דער עגאאיסט (ליד) .... עלא זילבערג 23

דער נייער אנהייב, שוואנען־געזאנג־באלאדע .... א. נ. שטענצל 23

י. ל. פיין ע"ה .... אייזיק גאלדבערג 33

א שלעכט באצאלטע רעקלאמע (סאטירע) .... ש. 36

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנא־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ־בעט.
שיקט צו ראש־השנה־וווּנטשן פארן קומענדיקן נומער

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

אין גאנץ ענגלאנד!"
איך אליין בין געווען א טייל פון דעם באטלאק, עדות פון אט דעם זעלטענעם פארגעניגן ווי דער טאטע מיינער א גליקלעכער רופט אויס „רייפע שפּילצייג!" אויפסניי בקול־רם, צוליב וועלכן נישט בלויז וואס מען האט אים מער נישט געמאכט קיין שום פארוואורפן, נאר מ'האט אים נאך באצאלט טאפלט פאר זיין ארבעט. און הגם ס'איז ביי אונז, א יידישע פאמיליע, נישט קיין מנהג צו פייערן דעם געבורטסטאג פון קריסטוסן, האט עס אונז אבער נישט געשטערט פונקט ווי פאר אונזערע גויאישע שכנים, אט עס זאל אויך פאר אונז זיין זער פריילעכע ווייַנאכטן.

א. אלמוג איבערזעצט פון ענגלישן אריגינאל.

ע ל א ז י ל ב ע ר ג

ד ע ר ע ג א א י ס ט

וואס מיין איז גוט,
וואס מיין איז שיין.
וואס מיינס איז וויכטיק,
וואס מיין איז רייך.
וואס יענעמס,
האט פאר מיר קיין ווערט.
מיך ארט נישט,
אויב עס ווערט צושטערט.

איך נוטץ די פריינט,
פאר מיין באגער,
איך לאך פון זייער
פיין און טרער,
מיך ארט נישט
וואס עס טראכט די וועלט
אבער איך קריג,
וואס מיר געפעלט.

א. נ. ש ט ע נ צ ל

ד ע ר נ י י ע ר א נ ה י י ב

2

אז ס'איז מיר דאך געלונגען אין די לעצטע צען יאר די קנאפע טויזנט זייטלעך „גזע און ירושה" אויפצושרייבן און דערלעבט זיי צו זעען אפגעדרוקט נאך אין „לשון און לעבן" איז טאקע נאר עפעס א נס מן־השמים. די גזע־גאנצקייט פון די געהייליקטע מענטשן, זייער ירושה־עכטקייט ווי מ'זאל זיי נישט פעלשן, בלייבן זיי אין זייער שטאמיקער גראדקייט — אויסצוטראגן צומאל זייגע זויערע בית־קבורת־עפעלעך כאטש . . .

דעם שטאם פון פארוואָרצלטן בוים, מ'קאָן אים מיט אַ האַק אונטערהאַקן, דעם פניאַק פון דער טיפעניש אויסקאַרטשען; אמת, ס'עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים, אָבער עס פאַלט, עס פאַלט, עס פאַרקייקלט זיך העט העט ווער ווייסט ווי ווייט . . עס ווערט ווערעמדיק . עס פוילט, פוילט.

די זוימענדלעך, וואָס דער ווינט פאַריאָגט, צעפּלאָשעט, צעשפּרייט—ווער ווייסט ווי ווייט אין וואָס פאַר אַ ערי חושך . . . אָבער זיי ווערן דאָך וואו פאַר־זייט. דאָס ליכטיקע אויג פון דער זון זעט זיי, די פייגל הערן דאָס געבלעטער, זינגען צום טראַפּ צו אונטער די צעוויקלטע יריעה־הימלען . . קאָן דען זיין אַ צוועק גרעסער ?

אָבער דער תכלית פונם טייל „גערהאַנגל" איצט, וואָס ברויך זיך צו ענדיקן מיטן יאָר 1936, איז דאָך נישט מער דער צוועק די מענטשן, די געשעענישן — אויפוויקלען די איכה־מגילה פון דער פינסטערער־פאַרוויקלטער ערד ווער קען דען? עס ווילט זיך דאָך פאַר זיך אַליין כאָטש קלאָר מאַכן, אַז אַלץ איז נישט פאַרטאַכלעוועט געוואָרן . . . אַז דאָך, ווי נישט איז, איז עפּעס געלונגען צו „מאַכן"; איז דאָך עפּעס אַרויסגעקומען — אַרויסגעשפּראָצט! — און טאַקע אינם זכות פונם ביסל ירושה, וואָס אינם ווייסטן ווילדן וועג מיטגענומען.

ס'לעצטע ביסל כחות האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז מ'מוז זיך שוין רעכענען מיט יעדן טאָג, מיט יעדער וואָך — מיט יעדן נומער „לשון און לעבן"! וואָלט זיך געוואָלט כאָטש צופירן קודם צום יאָר 1926, צו מיין „פישער־דאָרף" — אַ מיילשטיין אויף מיין וועג! געמיינט ער וועט זיך ציען און ציען, געפינענדיק — אויב נישט אַ דרך־המלך — אַ דאָרף־סטעזשקעלע, וואָס וועט זיך ציען און ציען און דערפירן צו אַ זיכערן מקום — —

לאָמיר גייך כסדר:

דאָס גערהאַנגל אין „און דו ביסט גאָט" איז נאָך געווען אין מיר — איך בין געווען דער פּלאַץ פונם גערהאַנגל! ס'איז געווען אַ באַרען זיך, אַ זיך ראַנגלען מיט דער סטרא־אחרא, מיטן שטן — מיט מיין אייגענעם שאָטן! איך האָב געזוכט דעם „איך", געוואָלט דערטאַפּן דעם „דו" און מיך ראַטעווען פון ביידע . . . יעדעס ליד איז געווען אַן אָנהאַלטן זיך און אַ זיך ראַטעווען — אַ גיין אויפן פאַרצויגענעם פּעטלע־שטריק . . . מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג דערפילן דעם טעם פון לעבן . . .

און ס'איז געווען, אַז דאָס בוך „און דו ביסט גאָט" האָט זיך דאָך, ווי נישט איז, אָפּגעראַטעוועט — דאָ און דאָרט געפינט זיך אַן עקזעמפּלאַר

און אַז עס טרעפט און איך זע איצט ערגעץ דאָס בוך און לייען דערפון צווישן אייניקע שורות, בלייב איך שטיין ווי פאַר אַ וואונדער: זע, די שוואַרצע אותיות האָבן דאָך עפּעס נישט־דאָ'איקס פעסט־געהאַלטן, יוירנדיקס צוזאַמענ־געקנאָטן, איך הער נאָך — נאָך אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט! — דאָס געשפּרודל אין מיין האַרץ. דער קוואַל טרערן־ נאָך נישט גאַנץ אויסגעטרוקנט . .

דאָס בוך „זוך איך דיך", ליבע־לידער, איז געבליבן אין בלוי ביים פאַרלאַג אין לייפּציג; איך האָב געהאַט אַיין קאָרעקציע־אָפּצוג דערפון. ווייזט

מיר עמעץ אין קאפּעע אן אנאנס: „ד״ר ווייכערט, אין וואַרשע, גייט אַרויס־געבן פּאעזיע־ביכער פון מחברים און בעט מ׳זאל אים צושיקן כתב־ידן״ —

איז וואס זאל איך מיך אַרומשלעפּן מיט דעם פּעקל, האב איך עס אים איזעקגעשיקט און — ווי אין וואסער אַריין! אינם האַרץ גיט א צאַפּל טיילמאל ווי עס דערמאַנט זיך א טאַטן אין א פארלוירן קינד . . .

טייל פון די לידער זיינען בשעתם געווארן געדרוקט אין ד״ר זוהלס איבערזעצונגען; איינס דערפון אין „מילגרוים״ און אייניקע אין „די ליטעראַרישע בלעטער״ — באמת, אז איך האב איין ליד געזען געדרוקט אין יידיש האב איך מער הנאה געהאט, ווי פון צען אין דייטש איבערזעצט.

יא, איך דערמאָן זיך נאך: א סעריע דערפון מיטן נאמען „פינגער״ האט לאַצקי־בערטאַלדי פון מיר גענומען פאַרן „וועג״ אין ריגע.

איז אַלץ וואס איז מיר נאך געבליבן דעמלט איז געווען אַפּאַר בראַקן אין האַרץ נאָך — די פאַרוואַגלונג אין דער פרעמד, די אָפּגעריסנקייט האט אַלץ צעפרעסן. א קול אן אן עכא איז ווי א מענטש אן א שאַטן.

איז אויף מיין ווילדן אוואַנטורע־וואַנדער דעמלט אינם האַרץ־געבירג, אין דעם פּרימיטיוון געקלאַנג פון די צעעכאָטע בלעך־קאַפּעלעס אין דעם מאַרש־געפּלאַנטער פון געדיכטע וועלדער פון זון־אויפגיי ביז אין פאַרגיי, אַרויף צו די הרי־חושך־טאַפּנדיקע וואַלפּורגיס־נעכט — צום נעבל־ניבעלונגען פאַרשלייערטן „בראַקן״, האבן זיך די לעצטע בראַקן נאך געזאַמלט אין מיין האַרץ און ס׳איז געווארן מיין בוך „בראַקן פון האַרץ״.

דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך נאך מסתם אין בערלין ביי עליזאַבעט וועהלער.

די אַריינפיר־לידער צום אויפמאַרש, די אוווערטירע, אזוי צו זאָגן, פון דער אוואַנטורע, זיינען געדרוקט געווען „אין נעסט״, וואס וועוויאָרקע האט דעמלט אַרויסגעגעבן אין פּאַריז.

א גרעסער קאַפּיטל דערפון האט שמואל לעווין, אין יענע יאָרן, מיט אן עסיי דעריבער, געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער־שטימע״—

האט דאך דאס בוך דערלעבט דעמלט אן אַרטיקל אין בערלינער „טאַגעבלאַט״ — עס איז מסתם געווען דאס יידישע וואָרטשפּיל „בראַקן פון האַרץ״, וואס א זשורנאַליסטקע האט אין קאַפּעע באַגייסטערט אויפגעכאַפּט, און אנשטאט מיינע יידישע איניציאַלן האט זי באַנוצט פאַר מיין פאַרנעמען „אַדאָלף״.

איך קוק זי אָן! „פאַר פּאעזיע פּאַסן נישט קיין איניציאַלן. א פּאעט מוז האבן א פאַרנעמען, ס׳מוז זיין אינטים, ס׳מוז זיין —״ אויף איר אופן א באַגריף מכוח אינטימקייט . . .

צייטן פון כאַאָס, פון תוהו־ובוהו, באַשאַפן זיך זייערע פאָרמען. נישט בחינם האט עס אין יענע יאָרן געגראַיעט מיט פוטוריזם, דאַדאַאיזם, עקספּרעסיאָניזם. מ׳האט געזוכט פאָרם פאַר דעם בלייאַיק־בריאַיקן, פאַר דעם צעגאָסן־צעגליטן, פון וואס יעדע פאָרם פּלאַצט־אויף.

שפּינגעוועבן האבן זיך געשפּונען, וואו זשומענדיקע פליגן האבן זיך

צום טויט פארצאפלט —

די ליריק ווערט א פארפלאנטערט געוועב פון סוף־זומער פעדעם, „באבע־יאכנעס", וואס פארשוועבן מיט לעצטן געשטראל —

אזא איז געווען מיין בוך דעמלט אין די הארבסט־און־ווינטער חדשים, 1925־6 — „בוידעם־קלאץ און לאקשן־ברעט".

וואלט איך עס נאך יעצט ערגעץ געפונען, איך וואלט עס נישט פאר־ברענט — די צייט דעמלט איז געווען אזא ברענענדיקע —

א דארן, מען ברענט און מען ברענט און מען ווערט נישט פארברענט! דאס אליין איז דאך שוין א שטיקל נס . . . און אז ס'גליקט נאך א רויז אפצורייסן, ווער קוקט דעמאלט אויף די פארשטאכענע פינגער . . .

אין יענעם ווינטער, איינגעלאדן פון דער שאקען־ביבליאטעק אין צוויקאו אויף א פארלעזונג, האב איך געלייענט דאס בוך.

איבער א שעה האט געדויערט דאס „רעציטירן" פונם בוך. א. מ. אבער־מאן, דער שאקן־ביבליאטעקאר, יעצט אין ירושלים, איז געווען דער פאר־זיצער פון אוונט. „דער אפלאוז איז געווען קאלאסאל" — איך ווייס נישט צי עמעצער האט עפעס פארשטאנען — צוזאמענגעפאסט דעם צוזאמענהאנג! אבער צי ברויך מען דען? מען האט געפילט מסתם דאס בלייאיק־בריאיקע, וואס האט גערונען פון דער צעפלאצטער פארם — פיל איך עס דאך נאך אצינד ביים שרייבן די שורות.

אבער דאס אלץ האט געלוינט און ס'איז כדאי געווען, ווען כ'דערמאן זיך דאס יאר 1926, ווען כ'האב געשריבן „דאס פישער־דארף". אלע גילגולים, אלע שבעה מדורי־גיהנום איז עס ווערט ווען מ'דערפילט פלוצלינג, אז פון די שפינגעוועבן איז ברייט אויסגעשפרייט פאר דיר א לייוונט, וואס שפאנט זיך פון שאול־תחתית ביזן זיבעטן הימל און דו קלעטערסט פון שטאפל צו שטאפל און פון אלע בילדער־מזלות אנטשטייען זאכן, לעבעדיקע זאכן, זיי באשטאנען דיין „איך", שטייסט פנים־אל־פנים מיט דייך „דו" ווי אין א ליכטיקן שפיגל — דווקא דאס נישט־רעאלע איז אזוי לעבעדיק, בולט מיט הענט ממש אנצוטאפן — די שנאפסט דעם ריח פון די זאכן, ווי דער הונט וואס טאנצט דיר אקייגן, ווי דער ביק וואס באהויכט דיך מיט זיין אטעם.

דו קנעטסט דיך אריין אין שטיקער ערד און דו דערטאפסט דיין אייגן לעבן — איך האב די זאכן דעמלט גערופן „שטיל לעבן".

אונטער דעם נאמען זיינען פערצן קאפיטלעך פון „פישער־דארף" גע־דרוקט געווארן אין דער „יידישער וועלט", ווילנע, אין יאר 1928.

נאר נישט כאפן די פיש פאר דער נעץ. האף איך דאך נאך צו קענען אנגיין ביז דעמלט, און אז גאט וויל אפשר נאך ווייטער.

איך האב נישט גערעכנט צוריקצוגיין צו אלטערן, כאטש אזוי איז געווען אפגעשמועסט, אז נאכן „באזוך" זאל איך קומען צו אים שלאפן; נאר ד"ר מילער, מיך באגלייטנדיק צום טראמוואי און ביי דער „האלטע־שטעלע" זיך אפגעשטעלט, מיך אנקוקנדיק פארוואס איך „שטייג" נישט איין און אויף

מיין ענטפער, „עס לוינט נישט, ווי ווייט איז דען פון דא צום וועדינג,“ פארשטייענדיק אבער דעם ריכטיקן טעם, האט זיך גענומען געמיטלעך אויסווישן די ברילן און מיך שארף באטראכט מיט איין אויג שוין, מעשה אויגן דיאגנאסטיקער.

„אויב ס'איז נאר צוויי־דריי „האלט־שטעלן“, וועל איך דיך שוין צובאגלייטן“.

איך האב אנגעהויבן ענטפערן . . .

„דו ווערסט מיר נישט „פארמאכן“, דו האסט איינפאך נישט די דריי פעניגע“, און אנקוקנדיק מיך, מיט נאנטקייט, דורך די פריש־אויסגעווישטע ברילן:

„די נאכט איז אדורך מיט דערינערונגען, מיט שטימונגען, אזוי, אז דער צוועק פון דיין קומען איז גאנץ פארגעסן געווארן — איך האב דאך דיך געזאלט אונטערזוכן“.

ער האט ווידער נערוועז אראפגעכאפט די ברילן, פארקוועטשט אן אויג: „יעצט זע איך עס נאך דייטלעכער — דו ביסט ווירקלעך קראנק, דו ביסט א פאציענט“.

„אלזא, מארגן ביי מיר!“ און מיטן זעלבן באשלוס פלינק ארויסגעכאפט פון בוזעם־טאש דעם טייסטער:

„ציטער נישט ווי דער טייוול פאר ווייררויך. איך האב א פעסטן געהאלט, העלענע אירן. דאס 'לייע' איך דיר נאר . . ביי דער ערשטער געלעגנהייט“.

„איך האב קיינמאל נישט געליען און וועל עס קיינמאל נישט טון — איך לעב מיטן טאג און דאס איז מיין גאנצער כוח“. ס'האט זיך מיר ארויסגעכאפט דער „ברוך ד' יום יום“, און כ'האב אנגעהויבן צו לאכן.

„וואס דו פלאודערסט הארט! דאס איז נישט קיין באנקנאט, דאס איז א רעצעפט — ווארשיינלעך די ריכטיקסטע“. . .

מיר האבן זיך ביידע בארויקט, די שטילע, ליידיקע גאס, די גייענדיקע לבנה איבער אונזערע קעפ האט אונז בארויקט. צוריק ארייגשטופנדיק דעם באנקנאט האט ער שטיל אנגעהויבן:

„ווייסטו ווי אזוי איך האב געמאכט מיין דאקטאראט? איך האב מיך פיר יאר דורכגעפרעסן מיט די יידישע סטודענטן אין לייפציג — צווישן זיי פראכט־קערלע געווען! פון די שווייגע רעדן מיר נישט — זאגאר זא ווייט געבראכט ביז צו א קליינער מאנאטלעכער שטיפענדיע פון א יידישן, רייכן פעלץ־הענדלער“ אויפן בריל.

ער האט געשוויגן א ווייל, נערוועז אויפגעווישט די ברילן און מיט א פארקוועטשט אויג אויף דער פולער לבנה, ווי ער וואלט צו איר דאס גערעדט:

„וויאזוי וואלט איך דען, ארעמער יונגע פון דרעזדען, צוריקגעקומען אן אויסגעהונגערטער, א נערוועזער אין צעשליסענעם שינעל . . . און אונזער שטוב, מיין צו שטילע מוטער, מיין צו רוישיקער פאטער“. . . ער איז פלוצלינג געווארן שטיל. מיר זיינען אבער שוין געשטאנען ביי אלטערס טיר.

איך האָב געזען, אַז אים פֿרייט וואָס ער האָט איבערגעהאַקט, וואָרום אַריינ־קומענדיק אין שטראַמיקן דערציילן, וואָלט ער, אין דער אינטימקייט, אַריין אין אַזעלכעס, וואָס מ׳באַהאַלט בעסער אין זיך . . .

„אַלזאָ מאָרגן ביי מיר אין הויז, אויב דו ווילסט נישט, אַז צווישן אונז איז אַלץ אויס״.

אַלטער האָט זיך דערפֿריידט מיט מיר. ער האָט אַפֿילו נישט געמוזט אַראָפּ פֿון בעט די טיר מיר אויפֿצומאַכן. דאָס שטיבל איז געווען אַזוי שמאָל, אַז פֿון דער אַקייגנאַיבערדיקער וואַנט האָט ער דערגרייכט מיט דער האַנט צו דער טיר.

דער געקרייזלטער קאָפּ אויפֿן נישט־באַצויגענעם קישן, ביז צום נאָפּל אַ נאַקעטער, אין ווינקל ליפּ ס׳ציגאַרעטל, אין איין האַנט אַן אַפּן בוך, האָט ער זיך צעלאַכט ווי אַ סאַטיר. ס׳צעקנייטשטע פּנים זיינס האָט זיך צעשטראַלט מיט אַלע הונדערט פֿאַלטן און פֿעלטלעך, אָבער זיין שפּיץ־נאָז נאָך שפּיציקער, ווי זי וואָלט זיך געגריבלט אין מיין פּנים, ווייל ס׳האָט אים אויסגעזען צו ערנסט: „וואָס האָט ער געזאָגט, דיין אויגן־דיאַגנאָסטיקער?״

איך האָב מיך אומגעקוקט, געזוכט אַ בענקל מיך אַנידערצוזעצן.

„וואָס זוכסטו? דאָ איז קיין צייט נישט צו זוכן, דאָ האַלט עס ביי דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע . . . וואַרף אַראָפּ די הויזן און קריך אַריין! ווי האָט שוין געזאָגט אונזער חכם פֿון אַלע חכמים: ׳כי טובים השנים מן האחד׳״

איך בין נאָך אַלץ געווען אין דער דרויסנדיקער שטימונג . . . און ליגנדיק אין דעם שמאָלן בעטל, די הענט אונטערן קאָפּ אויפֿן שמוציק־רויטלעכן, נישט באַצויגענעם קישן, האָב איך געקוקט אויפֿן באַלקן, ווי איך וואָלט דאָרטן עפּעס געזוכט.

אַלטער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו מיר, אַ רגע געקוקט און זיין פּנים האָט זיך ווי אויסגעלאָשן און זיין שפּיץ־נאָז ווי אַ בייזער מלמד־טייטל האָט זיך איינגעשטאָכן אין מיר:

„עפּעס געפֿעלסטו מיר נישט. וואָס האָט ער געזאָגט, דיין שטערנזעער? טאַקע ״יענע מעשה?״ . . .

„יענע מעשה, די מעשה — די מעשה טויג נישט! מיר וועלן דאָ אַלע קראַפּירן״.

„הערסטו, אין דעם גייט עס דאָך!״ האָט ער זיך צעלאַכט, אַז ס׳אייזערנע בעטל האָט זיך מיט אונז ביידע צעשאָקלט.

„אַלטער, וואָס פֿריידט עס דיך אַזוי?״

„איך לעב אין דער עפּאָכע פֿון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע — איך בין אַ גליד פֿון איר! דו וועסט עס היינט ביינאַכט נישט אויפֿנעמען, דו מוזט דיך קודם גוט אויסשלאָפֿן. מאָרגן וועסטו „קאַפּירן״ — קראַפּירן!״

איך בין נאָך אַלץ געווען אין מיין דרויסנדיקער שטימונג און געקוקט אויפֿן שאַקלענדיקן לעמפּל, — וואָס האָט זיך מיטגעשאָקלט צו זיין לאַכן, — ווי אויף דער וואַגלדיקער לבנה צווישן די וואָלקנס:

„אלטער, אפשר לאזן מיר זיך ביידע נאך פאריז, נאך ליעזש — דער שטראם גייט דאך יעצט דארטן אהין — משנה מקום“, ווייל איך וויטער ציען מיט דער לבנה און אלטער האקט מיך שארף איבער:

„ויקח יעקב מאבני המקום — פון אלע שטיינער מוז ווערן איין שטיין — אין דעם גייט עס. וואו מען איז, דא מוז עס געשעען. עס איז קיין צייט נישט מער צו לויפן — יעצט הייסט עס מארשירן! מיט די קעפ אדורכזעצן...“

ער האט איבערגעריסן, אויף מיר געקוקט. איך האב געמוזט אויסזעען זער טרויעריק, ווארום פון די אלע קנייטשלעך פון זיין גרויסן, איצט איינגעשרומפענעם פנים און שטערן האט מען נאר ארויסגעזען זיינע גרויסע, טרויעריקע יידיש אויגן. און מיט שפיץ־נאז, נאך געשפיצטער און שארפער, האט ער מיר איצט געטייטלט אין פנים אריין ווי א דרדקא־מלמד, וואס וויל קלאר מאכן א חמור־קאפ די צורה פון אן אלף—איך האב נאך אלץ געגאפיעט מיט מיינע גרויסע, אויפגעריסענע אויגן אויפן באלטן, אז דער מלאך־פאמפע זאל זיך באווייזן:

„כ׳פארשטיי, דיר פעלט די יידישע מאסע, עמך, דער הארעפאשניק ... ווארשע, ווילנע, די יידישע אינטעליגענץ, די אודיענץ. די סטודענטן־היים דא ווערט זיך דאך אויך באלד צעקריכן ווי אן אפגעטראגענע קאפאטע. מ׳וועט זיי, די סטודענטנלעך, חתונה מאכן מיט פארזעסענע מיידן“.

ער האט געזען, אז איך וועק מיך; אז מיינע גאפיענדיק־אויפגעריסענע אויגן קוקן אויף אים, האט ער שטארקער אנגעהויבן, טאקע ווי פאר אן אודיענץ:

„דאס איז סאי־ווי נישט דאס מאטעריאל — דאס איז גוט פארן קנס־מאל, פארן ברעכן טעלער ... די אמתע חתונה איז די גרויס־אינדוסטריע, די שווער־אינדוסטריע. מיינסט, אז איך זיץ דא אויפן רויטן־וועדינג בחינם? דא שפירט מען דעם אטעם. דאס אייזן איז צעגליט און מ׳מוז עס שמידן. מיינסט, אז איך וואלט אנטלאפן פון דער היים? פון מיין שטעטל, און וואס די געפארן זאלן נישט זיין ... ווען איך וואלט נישט דערזעען, אז אונזערע שוסטערלעך זענען גוט פאר בייזן חליצה־שיך“!

ער האט געזען, אז כ׳וויל עפעס זאגן. „וועסט מיר מוחל זיין: יידן שמידן, פאר א גראם צו א לידל טויג עס אפשר נאך — ס׳איז פארפוילט אדורך און אדורך! די קליין־בורזשואזיע, די גרויס־בורזשואזיע ... וויפל יידישע פראלעטאריער האסטו דא? דו וועסט זיי אפילו נישט אויף די פינגער אפציילן — יעצט מוז עס גיין מיט דער גאנצער פויסט ... מיט מאזאליעס!“

מיר האבן שוין די נאכט נישט געשלאפן. ס׳האט נישט אנגעהויבן צו טאגן אין שטיבל — מיט אונזער טרויער האבן זיך די ווענט גרוי איינגעהילט; אין איין ווינקל האט זיך א שאטן געשאקלט ווי אונטער א צעקראכענעם טלית ...

פלוצלינג האט א שארף פאבריק־סירענע־פייפן אלץ אויפגעריסן.

„איך מוז אויפשטיין!“ איז ער א שפרונג־אריין געגעבן אין די הויזן,

וואס ער האט זיי געהאט ליגן אונטער זיך, עלעהיי א ווייך־אונטערבעט אויף א דארער מאטראץ. ער האט דא מיך אנגעקוקט און דא זיך געשפיגלט אין די צעגלאנצטע הויזן: „זעסט, ווי פון אונטערק ביגלאייזן אפויער".

ער איז אריין נישט נאר אין די „אויסגעפרעסטע" הויזן מיטן שארפן קנייטש, נאר אלע זיינע הונדערט קנייטשן אין פנים האבן זיך שטראליק צעגלאנצט:

„הערסט ווי דער רויטער וועדינג לעבט? הערסט! דעם פראלעטארישן מארש?" די פאבריק־סירענעס האבן געפיפן איינע נאך דער אנדערער. „אז דו ווילסט, קאנסטו דיך דא אויסשלאפן. איך קום צוועלף אזייגער אהיים. אויב אבער דו קומסט מיט, וועסטו פטור בלא כלום נישט אהיימקומען — דאס מוז מען זאגן די מארק־שטייערס זענען געבליבן אייגענע מענטשן — „קרעווו טא ניע וואדא:" און דאס הימל־בעט קאן בלייבן שותפותדיק — וועט עס זיין עקאנאמישער". . .

איך בין ממש אנגעשטעקט געווארן פון זיין לעבעדיקייט און האב גע־וואלט א שפרונג־אריין געבן אין די הויזן אריין — כ'בין אבער געפאלן דערנעבן.

ס'שטיבל איז פול געווארן מיט זיין סאטיר־געלעכטער: „ברודער, דאס מוז מען קענען!". . .

— המשך — אין קומענדיקן נומער —

„שוואנען־געזאנג"־באלאדע

1

די אויגן וואלקענען זיך שוין,
דער קאפ — א כמארע, פול גרוי,
און יעדער אטעם פון דער ברוסט,
א כראפ, א זיפץ — אזא „אוי". . .

זיין פארמוטשעט־הוילער גוף,
אן אויסגעמליטשעטע שטרוי;
בלויז זע, מיטאמאל — גאנץ ראפטום,
און אלצדינג אנדערש אזוי.

אזויפיל גרין פאר די אויגן,
פון הימל — ימים פול בלוי,
און פון די וויעס די טרערן
טריפן אראפ — טראפנס טוי.

ניין, ס'איז נישט די זון, נישט דער בוים,
בליציקער בליק פון א פרוי,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

Sept-Oct.

נומער 10־9 (העפט 92־391) 32־סטער יאר סעפ.־אק. 1971, לאנדאן

אינהאלט

ימים נוראים, לאנדשאפט, תשליך א.א. .... *** 3
מיין טאטע אין לאנדאן. .... ח. נ. בענקוויטש 10
ווידער א תפילה (ליד) .... עלא זילבערג 14
ראש־השנה .... אסתר ערלעכמאן 14
ווו קיין מענטש נישט פארהאנען (ליד) .... י. ה. בינענפעלד 16
דער נייער אנהייב, אין היידפארק (פראזע און ליד) .... א. נ. שטענצל 16
די אלמנה .... ריימאנד לעוויך 25
אויב דאס איז לעבן—האב איך נישט מורא פארן טויט. מ. מארגנשטערן 35
עלען ווינאגראד ע"ה .... אייזיק גאלדבערג 36
א שטיקל חשבון־הנפש לשנת תשל"ב, אחר, רבינו אלעזר
ברבי שמעון .... ש. 38
א ייד פון לובלין .... יעקב גלאטשטיין 46
אז די פארצווייפלונג איז גרויס, ווערטער, שמואל ווהייט, מוזיק
.... מאיר באגדאנסקי 48

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

דעקאראַטיווער זייט. און בעטשן דעם אתרוג איז אויך נישט געווען קיין קלייניקייט. און דער טאָג שמחת תורה איז געווען העכסטער פּונקט פון פרייד און שטאָלץ איבערהויפּט ביי די הקפות. ווען מיין טאַטנס תלמידים האָבן עס אַרומגערינגלט און געזונגען אונזער רביניו, אונזער רביניו, אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל אין דער אַלטער היים ביי די פרומע יידן, און ווען מיר זיינען יונג געווען!

שפּעטער אין פרעמדע, ווייטע, לענדער, האָט זיך אַלץ געענדערט. אַ אַנדער גלויבן, אַ אַנדער שטייגער לעבן, דער גלויבן אין אַ גערעכטער וועלט, אין אַ וועלט פון פאַרברידערלונג אין שלום, אָבער אַ בענקשאַפט איז פאַרבליבן. ווייל דער חלום פון פעלקער פאַרברידערונג איז נאָך ווייט!

בלייבט מיר איבער צו ווינטשן אַז דער נייער יאָר זאָל דאָס אונז ברענגען. ווינטש איך אַלעמען שנה, שנה טובה.

י. ה. בינענפעלד

ווו קיין מענטש נישט פאַרהאַנען

מיין האַרץ איז צעריסן,
ס׳בלוטיקט פון אַלע זייטן;
איך קאָן מיר קיין אָרט געפינען,
נישט דאָ, נישט דאָרט, נישט אומעטום.

ווי די ערשטע שטערן אין הימל,
ליכטיק נאָר ווערן,
צו זיי וויל איך פליען,
ווו קיין מענטש נישט פאַראַנען,
און מיין נשמה אויסהויכן.

א. נ. שטענצל

דער נייער אָנהייב (שלוס פון קאַפּיטל)

3

אַרויסגעקומען מיט אַלטערן אויפן מאַרק, בין איך געווען „אינדערהיים״ — גאַנץ אין פראַנט מיט זיינע שטרויענע היטן און מיט זיין פילאָזאָפיש־צעשטראַלטן קאָפּ געקרייזלטע האָר איז געשטאַנען מאַסטבוים; ער האָט זיך געפּאַרעט אויסצושטעלן וואָס פּאַטישער זיין קראַם. די שיינע, יונגע צוהעל־פעריק, נאָך פון האַנאָווער, איז געווען די סאַמע סוחרטע, די באַלעבאַסטע — זי איז שוין געווען זיין געזעצלעכע פרוי.

ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיין „עסטעטישער״ אַרבעט, אינם אויסמאַרשירן די מוסטערן פון די רייען פון די היטן, אַז ער האָט קיין מענטש נישט געזען.

אבער נישט נאר ביי די ערשטע רייען פון די מארק־טישלעך, פון די ביידלעך פון די פוץ־זאכן און טואלעט — הינטן ביי די אונטערטישלעך פון קאַליִרטע מייטקעס און ספּודניצעס האב איך דערזעען דעם „דעלעגאט" פון רהיינלאנד ביי דער ארבעט־קאנפערענץ דעמלט מיט דריי יאר צוריק וואס האט „איינגענומען וועלטן" מיט זיינע פּראלעטארישע „סלאגאנס": „פּראדוק־טיוויזאציע", „קלאסן־באוואוסטזיין".

אין ערשטן מאמענט, מיך דערזעענדיק, האט ער די אויגן אראפּגעלאזט, דעם קאפּ אוועקגעדרייט, אבער באלד זיך געכאפּט, זיין שותף עפּעס איינגע־רוימט אין אויער און צו מיר חבריש צוגעלאפן:

„וואס טוט איר דא, מה לכהן בבית־הקברות? ווי האט איר דא פאר־בלאנדזשעט?"

אלטער, שוין העלפנדיק ביי זיין בעל־הבית, האט צו מיר א קוועטש געטון מיט איין אויג, ס'הייסט: זיי נישט קיין פרייער און ווייס ווי צו האנדלען מיט דעם יאלד...

דער דאָרטמונדער חבר אין זיין באגייסטערונג האט מיך ממש נישט „צוגעלאזן צום ווארט", מיר אנווייזנדיק אויף „נאך אייניקע רהיינלענדישע גענאסן", וואס האבן זיך געפּארעט ביים באפּעסטיקן די „קאזשלעס", די דרענגער.

זיי האבן מיך אויך דערקענט פון יענער דארטמונדער, קאכעדיקער צייט, געקומען אנצולויפן און אונז ארומגערינגלט:

„הא, געווען א צייטל, א לעבן? וואו איז אדלער? און וויעוויארקע לעבט נאך?"

„לאזט אים אפּ, ער איז מיין גאסט. נאך דער ארבעט טרעפן מיר זיך אין 'רויטן האן' און מ'וועט אלץ באשמועסן און מ'וועט פאסן באשלוסן" — ער איז אין זיין צעקאכטער באגייסטערונג אריין אין זיין אמאליקער טער־מינאלאגיע...

זיצנדיק ביים טישל אין א קניפּעלע, האט ער מיך אין זיין נערוועזקייט און אויפגערעגטקייט, גארנישט צוגעלאזט צום ווארט. אפּנים א דראנג זיך צו וועלן עפּעס פארענטפערן, דאס חרפה־געפיל צו וועלן פארדעקן, וואס פון א פּראלעטאריער פון דער ערשטער מדרגה פון פּראדוקציע, פון א קוילן־גרעבער אין א טיפער שאכט, איז מיצקע דריבען ארויסגעשפּרונגען א „קליינבירגער" פון לעצטער מדרגה — א מארק־שטייער מיט קאַליִרטע מייטקעס! — האט אין אים מער געבהענט ווי מיין זוכן א מין פארדינסטל אויסצוקומען דעם טאג.

ער האט דא ביים טישל, שוין ביי דער צווייטער טאסע קאווע, נישט נאר פארטיידיקט זיין כבוד, נאר פון אלע זיינע חברים, וואס שטייען דא ביי די טישלעך און רופן קונים מיט די יידישע אויגן, מיט די פּראלעטארישע הענט, מיט זייער גאנצן לייב און לעבן.

„איך פארשטיי איר קומט פון א לינקער צייטונג אונז צו באשרייבן —

כשר גערעכט! אבער האבן מיר אן אנדער ברירה געהאט? מיטן מאמענט ווי דער גאלדמארק האט זיך סטאביליזירט, האט מען ס׳גאנצע ביסל יידישע ארבעטער אפגעזאגט פון די קוילן־גרובנס, פשוט משלח געווען, ארויסגע־טריבן — „דער נעגער האט זיין ארבעט געטון, דער נעגער קאן גיין״.

ער איז אריין אין זיין עלעמענט ווי ער וואלט געשטאנען פאר אן עולם אויף א „קאנפערענץ״:

„אין דער מלחמה האט מען אונז געכאפט אין די שטעטלעך און דא אהערגעברענגט. כמעט צען יאר שוין — ביז זיך צוגעוואוינט צו דער שווע־רער הארעוואניע, צו די געפארן יעדע רגע. יעצט או דער דייטשער סאלדאט האט אויסגעטון דעם שינעל, די מאגנאטן שטייען אויף זיכערע פיס — אלץ נארמאליזירט! — האט מען אונז געהייסן גיין. אלץ, וואס מיר האבן געקריגן, איז געווען צוויי באצאלטע וואכן און וואינרעכט . . . אבער וואס הייבט מען אן צו טון?״

זייך טאן ווערט שטילער, פארמאטערטער, פארשעמטער:

„די שטארקע, די מער־באוואוסטע, די לינק־פראלעטארישע האבן זיך געלאזן נאך פאלעסטינע, נאך בעלגיען, נאך פראנקרייך. מיר האבן אויסגע־טון די שעם־היטלעך, צוזאמענגעקלאפט א ׳קאזשיאל׳, א ׳סטראגאן׳, סחורה געקריגן אויף בארג און, גאט זיי דאנק, נישט צו פארשעמען. מיר ארבעטן זיך ארויף״.

„אבער״, וויל איך אריינווארפן אווארט.

„וואס הייסט ׳אבער׳? ווי ווייט מ׳קאן, האלטן מיר זיך צוזאם. אין ערשטן מאי, למשל, זענען מיר געגאנגען א געשלאסענע חברה, מיט אן אייגענער רויטער פאן מיט גאלדענע, יידישע אותיות ׳פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאריייניקט אייך׳ ״ — האט זיין פנים ווידער גענומען שטראלן.

„אדרבה״, פאל איך אויך אריין אין באגייסטערונג: „וואלט איך דאס געוואוסט.״

דערזעענדיק מיין באגייסטערונג האט ער זיך ערשט צעהיצט:

„מיר האלטן ביים גרינדן א יידישן קולטור־קלוב, אבער דא רייסט מען זיך שוין ארום איבער דער ׳העגעמאניע׳.״

מ׳זעט ווי ער האט א הנאה פון דעם געלונגענעם ווארט ווי פון דעם שטיקל צוקער, וואס איז אים געבליבן אין מויל נאכן לעצטן שלוק ביטערע קאווע — ער האט עס ווי אויסגענאשט . . . ווי ער וואלט עס זיסלעך געזויגן.

„אבער מיר וועלן מסתם אדורכקומען! די בונדישע טוער ביים ׳שלום־עליכם קלוב׳ אקארשט געגרינדעט, ציען צו די פאר געוואסן זייערע און מיר, די לינקע פועלי־ציון און די קאמוניסטן, וועלן שוין אדורכקומען, געפינען א געמיינזאמע באזע. מיר האבן דא א חבר טורנער, ממש א טראצקי־קאפ.״

„און וואס איז מיט אלטערן?״

„דאס איז א יידישער עקשן. ער איז טאקע אן אמתער טראצקיסט! איך האב מיר דערמאנט אין אלטערס קוועטש מיטן אייגל און שוין

געוועז גרייט אנהייבן רעדן וועגן תכלית, אבער ער האט זיך פלוצלונג אויפ־גערעגט, א שטעל־אויף געגעבן:

„איך וועל ארויסלויפן אפלעזן מיין שותף. כ׳וועל אים אהערשיקן, אן אייגענער יאט. איר קאנט אים מסתם פון יענע יארן נאך אין רוהר־געביט.״

„ווייסט איר וואס, איך קום מיט אייך. כ׳וועל מיך אביסל ארומקוקן״. .

ווען מיר זענען ארויסגעקומען, האט דער מארק שוין „געזשאבט״. ער איז שנעל צו צו זיין שותף און איז אריין איך זיין עלעמענט. אלטער, מיך דערזעענדיק א פארלוירענעם, האט מיך א רוף געטון מיט בײדע אויגן און מיר אנגעוויזן וואו איך זאל שטיין בלייבן צו זעען מ׳זאל נישט „לאטכע־נען״ — פטור בלא כלום וועל איך שוין נישט אוועק.

נאכן מארק, ווען מ׳האט אנגעהויבן „פאקן״, האט אלטער מיר געגעבן א צי ביים ארבל: „קום שנעל, לאמיר ׳פארדופטן׳ פון די ׳יאלדן׳. זיי וועלן זיך מאכן ׳קעלביק׳ — אין ׳רויטן האן׳ קומען זיך צוזאם די ׳ריכטיקע גנאסן׳ — וואס בעסער דער מארק איז געוועזן, וואס מערלייזעכטס, אלץ ערגער לאזט זיך אויס. קום שנעל, יענער חבר דארט, ׳דער דעלעגאט׳, קוקט שוין אויף דיר . . לאמיר זיך אפטראגן . . מיר וועלן אריין ערגעץ אויפן וועדינג. די פונדע וועסטו היינט באצאלן פון דיין ערשטן פארדינסטל״ איז ער ארויס מיט א הילכיק געלעכטער ווי אין דער פרי ביים ארייניספרינגען אין די אויסגעפרעסטע הויזן: „ס׳איז א גאנצע מאטניא״!

אלטער איז ווידער געווען אין זיין עלעמענט, און איך נישט וויניקער.

* * *

ביינאכט, ווי אפגעשמועסט, אויף דער מינוט — מיט דייטשער פינקט־לעכקייט — מיט א זיכערקייט אין מיר ווי א פארדינער, בין איך אוועק צו די מילערס.

איך האב זיי געטראפן גרייט צום אוועקגיין! און אפשר זענען זיי אקארשט אנגעקומען? האב איך געטראכט. איך בין דאך איינגעלאדן צום אונטברויט . . . ניין, דאס עקסטראוואגאנטע, דעם קינסטלער־הוט זיינער אזוי אויפן אויער, ווי פארן שפיגל נאך שטייענדיק, דער פארפום־שפריץ אויף איר בלאנדער פריש־צו געקעמטער פריזור, ווי ער וואלט נאך איבער דער שטוב ארויס־געשוועבט . . .

מיך דערזעענדיק, איז דאס „גענזאלע״ פיגערל אין אירע אויגן לעבעדיק א שפרונג־אויף געגעבן, א סאלטא־מארטאלע געמאכט ביז אראפ צו דער שמאל־פארצויגענער ליפ און געבליבן דארטן סודותדיק באגראבן מיט אן איינגעהאלטענעם, דערשטיקטן קוויטש פון א האלב־טאן . . . עס צו פאר־טושן עס איינצושטילן אביסל, זיך גענומען ריכארדס קינסטלער־שלייף איבער־צובינדן . . .

מילער, ווישנדיק די ברילן, פארקוועטשנדיק די אויגן, עפעס אויך ווי ער וואלט אין זיי געוואלט וואס באהאלטן — נאר ס׳קומט אים שווערלעך אן: „ס׳איז געקומען אן אייל־בריוו פון א קאלעגע צו א פרעמיערע פון זיינס

א לידער־אוונט. אומבאדינגט מיר מוזן גייך. די שאנק־ביכער שטייט צו באדינונג . . פאר צוויי שעה וועט געניגן״.

„אויף־ווי־דער־זעען, הערר פא־עט!״ האט עס אויסגעזונגען אין אלע גאמען פונם טאן־שליסל און די טיר האט זיך צום טאקט פארהאקט. די צוויי אויגן־מענטשלעך האבן נאך ווי הורכן ,שליסל־לאך געניאל צו מיר צוגע־וואונקן—עפעס איז דער צו הויכער שלשלתדיקער „אויף־ווי־דער־זעען!״ דער דריי פונם בליק צו א זייטיקער טיר איז נישט געווען צו מיר . . צו עפעס א רואה ואינו נראה דא וואו . . איך האב מיך אומגעקוקט און געזען די שאנק מיט ביכער. גאנץ אין פראנט מיט גאלד־געליישטע ריקנס די געזאמלטע ווערק פון וואלפגאנג פאן געטע —

שטייענדיק א ווײלע ביי דער ביכער־שאנק, הער איך פלוצלינג דער־שראקן ווי „יענע״, זייטיקע טיר עפנט זיך אויף. איך דריי מיך פלינק אום און דערזע אויף דער שוועל, ווי איינגערעמט אין א רעם, א יונגע פרוי, — אינמיטן ארויסטרעטן איז זי שטיין געבליבן פון שרעק ווי פארגליווערט; א פריש־אויס־געצוואגענע, האס בלוזקעלע, האלב אפן. נאך נישט גאנץ פארקנעפלט, מיט קוים צוגעקעמטע, נאך נאסע האר. דער אויפגעריסענער צוק אין די אויגן הינטער די פונקלענדיקע ברילן א פארוואונדערטער, דאס מויל אפן, ווי צום אויסשרייען — א הענגא פון א רעם ארויס!. . .

איך בין באלד געקומען צו מיר: דאס הייסט געשפילט, דאס הייסט געשיבט קוליסן! א רגע געווארט אויפן רעפליק — ממש הארץ־פארכאפנדיק אינסצעניזירט.

דאס איז אפנים דער „געניאלער״ איינפאל אין פרוי מילערס בליק שוין ביי מיין דא זיין ס׳ערשטע מאל, דעמלט פאר דער טיר שטייענדיק . . .

כ׳האב געפרואווט שמייכלען, א שריט געמאכט צו דער טיר און דער פארגליווערטער פארטרעט, וואס איז פון דער רעם ארויס האט באקומען א מענטשלעך פנים.

איך האב מיך פארגעשטעלט מער מיטן צוזאמענקלאפן די אפגעריבענע אבצאסן ווי מיט ווערטער.

אזוי ווי די אקייגנקומענדיקע איז אויף דעם אויך נאך נישט „צוגעגרייט״ געווען, האב איך מאריאנעטיש־פלינק, ארויסצוהעלפן איר פארלעגנהייט אומבאהאלפן, ווייטער געצויגן:

„א שיינע ביבליאטעק. וואס קומט אבער ארויס, אז איך בין נאך שטומפיק ביים לעזן. פארשטיין פארשטיי איך שוין, אבער די אותיות זענען מיר פרעמד״.

„איך בין דאך שליסליך איינע לערערין . . צוואר . .״

פון הינטער די ברילן האט עס א בליץ געטון, אבער דער זאץ איז אומבאהאלפן אינמיטן שטעקנגעבליבן . . . פלוצלינג, אין דער רגע דערמאנענ־דיק מיך — דאס דייטשע ווארט וואס די לאסקער־שילער פלעגט אפט בא־נוצן! — ווי דאס וואלט טאקע געווען דער רעפליק צו דער איצטיקע סצענע: „פא־בעלל־האפט!״ האב איך דאס ווארט טעאטראל אויסגעשריגן.

„אבער טוען זי דאך, ביטע אום גאָטעס ווילן, אויס די ברילן,“ האָב איך מיטאמאל געגומען ריידן „געבילדעט“ האָך־דויטש...

צי האָב איך איר געוואָלט זעען גוט אין די אויגן אויב זי איז נישט מיט־פארמישט אין דעם „געניאלן“ איינפאל? אדער איז דאס טאקע, אזא מין סצענע פונם געפילן־צעריסענעם נאכמלחמהדיקן, ווייטאר־דייטשלאנד?

דאס בוך, וואס איך האָב געהאַט ארויסגענומען פון שאַנק און געהאַלטן אין האַנט, איז געווען א בוך פון געטען — „פאוסט“.

איבער א שעה האָט די יונגע פרוי מיר געלעזן מיט א נאַאיוו־מיידלשער שטימע. אין אנהייב אביסל קינסטלעך, ארייכקומענדיק טיפער אין דער „גרעטל־טראגעדיע“, אבער וואס ווייטער אלץ אינערלעכער, אלץ פארטיפטער — די ווערטער, וואס איך האָב נישט פארשטאַנען, אבער איר אריינטייטש אין זיי האָב איך דערפילט.

— אייניקע מאָל אינמיטן פארלעזן האָב איך זייטיק אויפגעהויבן מיין בליק — די גלעזלעך פון די קלאָר־בליציקע ברילן זענען אלץ מער איבערגעלאָפן געוואָרן פונם פארלייענען געפיל־וואַרעמען פון מיין טיף־אָטעמדיקן פאַר־כאַפּטן צוהערן.

אין הייד־פּאַרק

פאַר בריאיק וואָרט אָרט נאָך געבליבן קוים
עס אויסצובראַמען ווי ביך אונטער בוים,
עק הייד־פּאַרק אין כרך־לאָנדאָן אינמיטן.
אז ס'קומט זונטאג, עולם נעמט זיך שיטן.

ווי אַרבעס פון א צעריסענעם זאַק:
א באַרועסער „היפּי“, א לאָרד אין פּראַק,
שוואַרצע, ווייסע, געל־פארבלאַסטע, ברוינע,
און אנגעפּודערטע אלטע זונה.

אז ווער־זשע עס קומט אלץ נישט דא אַהער?
דאָרט שטייט דיאַגענעס אונטער א לאַמטער!
זע, סאָקראַטעס מיט פאַרקנייטשטן שטערן!!
ער רעדט שוין נישט, שטייט בלויז צוצוהערן.

ס'קלבען זיך ווערטער — אַרבעס צו דער וואַנט.
און אַט הייבט שוין אייגער אויף גאַר א האַנט!
דאס שנאה־געררויש, דאָס האָס־געררודער
צווישן מענטש און מענטש, ברודער און ברודער.

פּראָפּאַגאַנדע צעהיצט — די רויטע פאַן!
די בלוי־ווייסע ביבליש גרויס אויבנאָן,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

Nov-Dec.

נומער 12־11 (העפט 94־393) 32־סטער יאר נאוו.־דעצ. 1971, לאנדאן

אינהאלט:

חנוכה־און צייט לידער, ואדאם מושקא אין בן־אורי, דר. ישראל פעלדמאן
און סיריל ראס בני שמונים עד מאה ועשרים .... *** 3
נס גדול היה שם יוסף וויינשטיין 10
לכבוד חנוכה .... אסתר ערליכמאן 14
חתונה־ליד .... אייזיק גאלדבערג 15
ווער איז ווער ? .... יחזקאל קארנהענדלער 15
באנקראטירט (ליד) .... עלא זילבערג 17
אילוזיעס, אילוזיעס, ים־שפריצן, „די פינסטערניש" אין קאצק א. נ. שטענצל 18
יידישע טעאטער־אמאטארן אין לאנדאן .... נעט רובין 31
מיכאל זילבערבערג .... עדית ראמזיי 34
מיכאל זילבערבערג ע"ה, יעקב גלאטשטיין ע"ה, האלבמאסט ש. 35
די לעצטע שעה (ליד) .... יעקב גלאטשטיין 36
וועלט־קאנפערענץ פון יידישע זשורנאליסטן אין ישראל

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג — יעדן שבת 3 אזייגער
אין בערנארד בארון סעטלמענט, העניקעס סטר. 33, א. 1.

רעדאגירט: א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־
מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אויבעט

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

איז בעסער צו פארגעסן, וואס מען באזיצט ניט,
וואס געווען, קען מען ניט פארלירן,
זאל זיין גענוג, א טויטער גוף,
דאס קראנקע הארץ צו פרעסן. קען קיין ווייטאג מער ניט שפירן.

א. נ. שטענצל

אילוזיעס, אילוזיעס

1

די פאר חדשים הערן פארלייענען; דאס דערלעבעניש פון די הארצער־בערג, זאקסישער שווייץ און ריזענגעבירג; די פאר וואכן אינם פישערדארף און, דער עיקר, דאס נישט־צו־אפטע־זיך־באווייזן אין די קינסטלער־קאפעען, דאס ווייניקער זיך היצן מכח סאציאלע און קונסט־טעאריעס—האבן מיר גוט געטון.

ס׳קאנצענטרירן אין יענע חדשים אויף גרעסערע זאכן איז געווען דער בעסטער באווייז!

מיט יענע ארבעטן דעמלט און, דער עיקר, מיטן „פישער־דארף: האב איך מיך „געזונט געשריבן״. . .

דער האמאפאט, ד״ר מילער, האט גארנישט געקענט גענוג באוואונדערן דאס כסדר בלייער ווערן פון מיינע פארגעלטע שווארצאפלען.

אין דעם קרייז, אין וועלכן איך האב מיך דעמלט באוועגט, צווישן די ראמאנטיש־אטעאיסטישע לערער און לערערינס פון „דער פריי־וועלטלעכע דויטשע שולע״, ווער האט דערקענט אין מיר דעם „לעסטיקן אויסלענדער?״

צווישן די אלע „ריינע זאקסן״ און בייערן, ריינלענדער און „וואסער־פאלאקן״ און „עכטע״ פרויסן מכל המינים, האב איך מיט מיינע בלויע אויגן אויסגעזען דער ריין ראסיקסטער . . .

ווי צעקאליעטשעט מיין דייטש איז נישט געווען, האט מען מיך אויף מיינע וואנדערונגען—אין די קורצע הויזן און רוקזאק, אין די סטאדאלעס שלאפנדיק — אנגענומען פאר א „דויטשן וואנדער־בורשע״, וואס האבן דעמלט מכל המינים אויף אלע בערג־וועגן און וואלד־שטעגן, מיט זייערע היימאט־לידער, פארהילכט די הימלען.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דאס מיטלאלטערלעכע שטעטל גאס־לאר, די רעזידענץ פון די אמאליקע גערמאנישע קעניגע, — געראיעט מיט דויטש־נאציאנאלע עולי־רגל־יוגענד! דאס מאנדאלינען־גערימפל און „גייגן־שפיל״, — ביים ארויפשטייגן צו דער „וואלפורגיס־נאכט״ צום „בראקן״, און דאס שטעטל האלבערשטאט ביים אראפקומען פון הארץ־געבירג, וואס זיינע פאר יידישע געסלעך האבן ממש געווירקט ווי א געטא אין אלטערטום; וואו אין „יידישן גוט״ האבן געארבעט חלוצים. אין „הירש־הויף״ איז געווען א ישיבה דער בעל־הבית האט געהאט אן אייגענעם אונגארישן רב, און דער ד״ר ראבי־נער, אן אלטער יונג־געזעלע, האט נאך געצויגן זיין יחוס פון „נחל אשכל״—

דער אונטערגרונט, מסתם, אונטער מיינע וואנדער־פיס איז דאס געווען דאס עפישע, וואס האט אנגעהויבן רעאל ארייננצוהילכן אין מיין שטילן לירישן ליד.

— זאל מען מיר מוחל זיין דאס סענטימענטאלע דערמאנען „זאכן״ פון כמעט א האלבן יארהונדערט צוריק, וואס צוויי דריטל פון זיי זענען פאר־לוירן געגאנגען; דערמאנט מען זיך דאך אין א מצבהלע פון א פארלוירן קינד און ס׳ווערט סמוטנע אויפן הארץ —

אבער דער עיקר, מסתם, פון מיין מנוחת־הנפש אין יענע חדשים איז געווען די אילוזיע, אז איך שטיי אויף מיינע וואקלדיקע פיס אין סוף פון אן עפאכע, וואס ענדערט זיך און איך לייג אויך צו מיין מינדסט פינגערל —

שרייב איך דאך קינדלעך־סאציאלע לידער און שול־קינדער לערנען זיי און אין קינדער־זשורנאל פון זונטאגדיקן „פארווערטס" — דעם ארגאן פון דייטשן פראלעטאריאט! — לייען איך עס דאך אליין, מיין צעקאליעטשעטן דייטש אויסצובעסערן, די איבערזעצונג פון מיינס אן אייגן לידל.

איז דען נישט דאס גאנצע לעבן א מין אילוזיע? בפרט פאר א יונגערן לידל־שרייבער, א בעל־חלום, מיט גענ־פארנעפלטע אויגן, וואס ווערן פון טאג צו טאג אלץ קלארער...

אן אפגעריסענער פון שורש, פון סביבה און אט דאכט זיך אים אין זיין דמיון... אט־אט זעט ער עס דאך בפירוש זיין שטיקל אטעמדיקע ערד — עמלט א ין יענע סוף חדשים, 1926, האב איך געענדיקט די לעצטע קאפיטלעך פון מיין „פישער־דארף".

וואס איז דען ליריק? טאטע־מאמע, ירושה, גזע, לויטערער הימל איבערן קאפ און אט ליגט מען גאר טיף טיף אין שאול תחתיה —

און דערטאפט מען זיך שוין צום שטיקל רעאלן, צום איך־לאזן, ווי קאן מען דען דעמלט אנען, אז דא ערשט הייבט זיך אן די אמתע אילוזיע?

ווייט פון שטעטל, די צעריסנקייט צווישן חברים, אליין אפגעריסן פון שורש, איז דאס מסתם געווען די איינציקע רעטונג, אט דער טפח ערד אונטער די פיס. און מיינט נישט א מויל־ווארף אז ער דערגראבט זיך צו די טיפסטע טיפענישן?...

איז זיצנדיק אזוי אין פריער שעה ביי מיין „פישער־דארף" אין מיין חדרל, ד' על ד', אין א ווערדינג־געסל, ענדיקנדיק א „לעצט קאפיטל", קלאפט עס אין דער טיר.

ווער שטייט ביי דער טיר? עלזע לאסקער־שילער! הינטער איר, ווי א לייב־וואך, וואס איז גרייט יעדע רגע אויף טויט און לעבן צו ציען די שווערד צום געפעכט, דער דראמאטורג פון שילער־טעאטער, א פראגער ייד — ד"ר פיסער. (?)

„האמיד, איין זאך נאר וויל איך וויסן, גלאובסטו ווירקליך, דאס דו ביסט איין גראסערער פאעט אלס איך?"

איך וויל אויסשרייען: ביסט משוגע? אבער איך זע דאך די לייב־וואך, וואס שטייט הינטער איר...

מילא, דאס פרעגן איז אזא ווילד־צוגעשפיצטער איינפאל, אבער וואס פונקט יעצט אין אזא פריער מארגן־שעה?

שטעלט זיך ארויס, אז אין לעצטן נומער, „די וועלט־בינע", וואס איז נעכטן דערשינען, איז אפגעדרוקט אין אן איבערזעצונג פון ד"ר זוהל מיינס א ליד, וואס איך האב געשריבן צו איר מיט פיר יאר צוריק —

מיין ליד פון אויבן און אירס פון אונטן!

וואכן ווי איך וויז מיך שוין נישט אין קאפע, און נעכטן איז טאקע אויסגעפאלן איר 50סטער געבוירנד־יאר. האבן חברה־אקטיארן אין שילער־טעאטער אדורכגעהוליעט די נאכט, און אין דער באגלייטונג פונם דראמאטורג איז זי מיר טאקע געקומען שטעלן אט די קלאץ־קשיא.

מיר זיצן אלע דריי אויפן אייזערנעם בעטל, אויפן עלעקטרי־רינג זידט ס'קאווע־טעפל און איך בעט מיין פריינט מיר פארצולייענען די צוויי לידער — פריער אירס און דערנאך מיינס.

דאס וואסער אין טעפל איז שוין אינגאנצן אויסגעקאכט! און איך דריי

מיך אויס צו איר ווי אין יענעם פרימארגן, ווען כ׳האב דאס ליד צו איר געשריבן: „נון, אונד וואס זאגסט דו?"

ס׳איז אזוי היילק געווען די פרימארגן־שעה, ווען צוויי יידן, ברידער, האבן געפייערט דעם „פרינץ יוזוף׳ס" געבוירן־טאג:

„ווייסט, איך האב נאך נישט דערגרייכט מיין דרייסיקסט געבוירן־יאר און קאן שוין נישט מער אנשרייבן אזא ליד". . . מ׳ווערט ערדיש און מ׳פאר־לירט זיך אין די זאכן . . .

ביי איר טראגיש־שווער לעבן, ווי וואלט זי נאך געקענט אנגיין און ארבעטן צו ביסלעך אן איר פרינץ־אילוזיע? „גרעסן־וואהן"? . . . באגלייט עס דען נישט יעדן עכטן פאעט ווי א לייב־וואך?

ווי לאנג דאס אלץ האט געדויערט? קוים צוועלף־פופצן חדשים. אבער איך האב דאך געמוזט גיין אין שפיטאל אריין. די געלבזוכט איז טאקע האמא־און־פסיכאפאטיש ארויס פון מיינע אויגן, איז אלץ פאמעלעכער, פאמעלעכער אריין אין מיין גאנצן גוף.

ווען איך בין ארויסגעקומען פון שפיטאל, האט מיין פארלעזערין זיך געמוזט צוריקציען פון איר ארבעט אין דער שולע מיט א לונגען־קראנק־הייט און זיך געזעגענען מיט דער רויכיקער און רוישיקער כרך־בערלין אויף לאנגע, לאנגע חדשים.

ס׳האט זיך ווידער אנגעהויבן איבערחזרן דאס פריערדיקע כף־הקלע לעבן. אבער אז ס׳איז מיר דאך געלונגען אנצושרייבן אין יענע ערשטע טעג דעם „ר׳ אבישל דער ליכטיקער", וועגט עס דאך איבער די שאל פון אלע שוועריקייטן.

ווי „דאס פישער־דארף" איז מיר געווארן ליב פון מיין לייב, איז מיר דער „ר׳ אבישל" נאך נענטער געווען; ווי לייבהאפט אויף מיין כזיתל ערד יאן אין מארושיא און מיינע פערד און רינדער, איז דאך „ר׳ אביש דער ליכ־טיקער" געווען א שטיק פארהוילנס פון מיין איך — מיין במקום שטעטל.

אן איבערזעצונג איז געדרוקט געווען אין דער „יודישער רונדשוי" פון עטא פעדערן־קאלהאוז. א צווייט מאל אין א דייטשן זשורנאל מיט צייכ־נונגען. דער אריגינאל איז פארקומען מיט אסך פון מיינע כתבים אין היטלער־דייטשלאנד.

נישט איך בין בכוח אויפצואוויקלען יענע עפאכע מיט פופציק יאר צוריק, ווען דאס ווארט „סובלימירן" און דאס ווארט „רעלאטיוו" זענען אריין אין טאג־טעגלעכן געברויך פונקט ווי כ׳בין נישט ביכולת צו שילדערן דעם איפברויז פון יענע רעוואלוציאנערע יארן — עס וועט זיין ווי א שטורעם אין א גלאז וואסער! וואס איך וואלט יא נאך געוואלט פארצייכענען זענען עס די פאר מיילן־שטיינער אויפן וואגל צו מיין ליד.

א שנעק, א טשערעפאכע ארויס פונם הייזל וואגלט עס שטיל אויף זיין וועג; דער מדבר, דער מענטש, הייבט אן צו דיסקוטירן, צו שאפן טעאריעס, אילוזיעס . . .

אין מיין „ר׳ אבישל דער ליכטיקער" האב איך ס׳ערשטע מאל דערפילט א צווייט נפש ווי מיין אייגענעם און דאס איז דאך, מסתם, דער תכלית פון שרייבן ווי פון לעבן די ליבשאפט — דער תוך־תוכן פון מענטשליכן זיין. און אפשר איז דאס אויך נאר גדלותדיקער, אדער שפלדיקער איך־פארשטעל אין פרעמדע מאנטלען?

בעסער אויפהערן און איבערגיין צו עפעס ממשותדיקס!

ס׳איז ארום דער מיטאג־שעה אין ראמאנישן קאפע. פון אונזערע איז קיינער נישטא. פלוצלינג, ווי א מלאך פון הימל אראפגעפאלן, באווייזט זיך נאמבערג. מ׳זעט אקארשט פון צוג, דירעקט פון ווארשע.

יא, יעדער האט זיך זיינע אילוזיעס, אפילו דער ניכטערנער נאמבערג: דא, איצט וועט ער זיינע עולן פון זיך אראפוואַרפן, ווי א ווילדע קאטשקע וועט ער זיך אויפהייבן און געבן א פלי — ווי לאנג איז דען ערשט פון זיין „פליגלמאַן"? תמיד ווען ער קומט האט ער ליב צו דערציילן ביי „זיין טישל" פון זיין ליד, פונם סכנת־נפשותדיקן געקלעטער אויף די שווייצער־בערג־ארויף צו דער „יונג־פרוי"...

מיד איצט פון דער לאנגער נסיעה, וואקלט ער צו צו זיין טישל כאפן א קאווע. ס'ציגארעטל אין מויל, ס'וואלט געווען ס'לאקאמאטיוול פארויס..

מסתם ווארט זי שוין אויף אים אין דער „קאַווערנע"! עס ציטערט אים א קני? א קאַוועלע איז תמיד דערצו גוט...

כ'זע אים אפאטיש־מיד זיך אנידערזעצן און איך כאפ מיר פריילעך אויף! פאר מיר איז ער נישט א שרייבער צו כאפן א מוטל, א רכילותל — פאר מיר איז ער ווארשע, די פוילישע יידישע שרייבער — פאר מיר איז ער הערש דוד נאמבערג.

איך שטיי ביי „זיין טישל", קוק אויף זיין קלוג־פארשנירלט שמייכעלע און כ'הער ווי ס'ריינגלט פונם רויכל:

„און איר האלט טאקע דא אויס? און אפשר זייט איר גאר גערעכט... און וואס מאכט דא אונזער אוקראינער? ער שיקט רק יענעם דארטן אהין... מהיכא תיתי".

איך ווייס ווען ער מיינט און איך מאך מיך כלא ידע און פרעג מן־הצד: „וואס טוט קולבאק?"

דאס שמייכעלע אויף די פארצויגענע ליפן פארציט זיך אין א רויכיקער גרימאסע:

„וויפל נחת כ'האב נישט פון אים, אבער א ליטוואק אן איינגעשפארטער — סוף כל סוף האב איך מורא וועט עס אויסגיין צו זיין הארטן קאפ".

ער רופט צו דעם „אבער", וועלכער „וויטעט" זיך מיט אים און כא־שטעלט צוויי שווארצע קאַוועלעך.

כדי נישט ווידער ארויף אויף דער ווייאידיקער טעמע, הייב איך אן: „נאמבערג, אפשר פאר א קנוח־סעודה פארלייענען אן אקארשט־אפ־געבאקענע זאך?"... און שוין ציטערט „ר' אבישל" אויף מיין האנט.

געוואלט כאפן אפאר מאל א בליק אויף זיין פנים אינמיטן לייענען און דערזען זיין בערוועז קייען פונם מונדשטיקל, און איבערגעריסן אינמיטן לייענען.

„האבן מיר נישט אין אונזער פוילן אזעלכע ר' מאירלעך? מוזט איר זיי ערשט שלעפן ביי דער בארד פון פרעמישלאן? האבן מיר נישט א ר' יצחקל ווארקער? און אז דווקא א ר' מאירל — איז אפט!"

כ'דערמאן מיך, אז ביים אנהייבן לייענען האב איך נישט אנגערופן דעם נאמען פון דער זאך, און אין די ערשטע זייטלעך פיגורירט אינגאנצן נישט ר' אבישל, און אז ר' מאירל איז סך־הכל דער קעגנשפילער—כ'שווייג אבער.

ער רופט צו דעם „אבער": „ביטע צוויי קאפע". און פארוויכערט מניה־וביה א פרישן ציגארעטל — אפשר האט ער געמערקט, אז איך קוק צופיל אויף זיינע סמוטנע־פארשנירלטע ליפן?...

„ווייסט איר, מיר וואלטן גארנישט אויסגעהאלטן ווען ס'וואלט נישט געווען דאס־א". און איך האב נישט געוואוסט וואס ער מיינט: צי דאס ציגארעטל, אס ער האט געהאלטן צווישן די פינגער, צי דאס קאַוועלע, וואס דער „אבער" האט צוגעטראגן; צי אפשר גאר דאס־א וואס איך האב נישט דערלייענט... — המשך אין קומענדיקן נומער —

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

Jan-March

נומער 1־3 (העפט 97־395) 33־סטער יאר יאנ.־פעב.־מערץ 1972, לאנדאן

אינהאלט

„פארט א ייד קיין ארץ ישראל”, דער וועג ארויף קיין ירושלים א. ב. ג. ירושלים ** 3

ר' אלטער וולאשטשעווער (א קאפיטל יוגנט זכרונות) .... דר. י' מייטליס 24

הרב הגאון ר' שאול המכונה (פון דער סעריע יידישע טיפן פון אמאליקן

ווייטשעפל) .... ח. נ. בענקוויטש 26

דער צווילינג (ליד) .... רות באכנער 30

אילוזיעס, אילוזיעס (המשך) .... א. נ. שטענצל 30

צו דעם פאלקס מענטש (ליד) .... יוליאן טובים 30

אין זיך און פאר זיך (צום אנדענק פון יעקב גלאטשטיין ע"ה ש. י. גאלדשמידט 36

דער לערנער פון ליטע (ליד) .... שמעון ווזעק 38

וועגן דר. שעפלער .... אייזיק גאלדבערג 38

לאנדאנער קולטור ידיעות 39

אין לייוויק־הויז—בית לייוויק .... ש'

דאס פייגעלע אין שטייגל (ליד) .... הירש אשעראוויטש 40

מוזיק .... מאיר באגדאנסקי

יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

רות באכנער

דער צווילינג (אין פאלקס־טאן)

1

ביי דעם טייכל איינגעבויגן,
שטייט א ביימל גרין באצויגן;
עס קוקט אין טייכל טאג און נאכט,
וואס וועט דער סוף זיין ס׳ביימל טראכט.

הויך געוואקסן שיין געבליט,
אך, ווי שנעל דער פרילינג פליט;
באלד קומט דער הארבסט פארנעמט זיין ארט,
ווו זענען די פייגעלעך דארט ?

2

אין איר צימער צארט און איידל,
ביי דעם שפיגל שטייט א מיידל;
זי קוקט אין אים טאג און נאכט,
וואס וועט דער סוף זיין ? ס׳מיידל טראכט.

הויך געוואקסן שיין געבליט,
אך, ווי שנעל דער פרילינג פליט;
באלד קומט הערבסט פארנעמט זיין ארט,
ווו זיינען די יינגעלעך דארט ?

א. נ. שטענצל

אילוזיעס, אילוזיעס

2

די שווערע מלחמה־יארן, דאס ארייננוארפן זיך אין פלפולדיקע פארטיי־דיסקוסיעס שוין אין בית־המדרש, אין שטיבל, דאס פאליטישע פילאזאפירן מיט דויד ריכטערן, מיט וויעוויארקען; דאס שווערע ארבעטן איבער מיינע כחות ביי די פויערים, דאס ווילדע קאפּעע־לעבן שפּעטער, וואס האט ארומגעכאפּט א קנאפּן יאר־צענדליק —

וויאזוי איך האב האך אוספּיקעט אין די זעקס יארן פון 1920־26 אנצושרייבן דאס ביסל, וואס קוים א טייל הערפון איז אפילו אויך אפגעדרוקט געווארן — און נישט נאר אין יידיש — מיט לאגישע מאסן פארשטיי איך עס נישט עד־היום.

איך קאן נישט זאגן, אז אסך תורה האב איך מיך אנגעלערנט — דאס לערנען, האבן זיך די טישן געוויגט פון די שווערע שטויסן אנגעווארפענע ספרים און די סופיטן האבן זיך געהויבן פון די ווילדע פלפולים.

ווען איך מיין טאטנס שטוב אין טשעלאדזש, אין מיין ברודערס אין סאסנאווצע, ביי לייב הערשן אין מילאוויץ, מ׳האט אנגעהויבן ריידן אין לערנען, האבן זיך די טישן געוויגט פון די שווערע שטויסן ספרים, און די סופיטן האבן זיך געהויבן פון די ווילדע פלפולים.

די טיפע שמועסן, פון די הארץ־ציענדיקע ניגונים ביי די שלוש־סעודותן, ביים פראוועון מלווה־מלכהס עד שעלה עמוד השחר, דאס טאנצן שעהנווייז ארום מעלעמער ביזן זיבעטן שווייס אנגעגאסן —

א געשחטענע קאטשקע אין ווייק־שעפל ווערט דאך אויך כשר לכבוד שבת . . .

אין וואסערער יאוש־סיטואציע איך האב מיך נישט געפונען אין יענע יארן, אין שאול תחתיה שוין! מיט א מימרא פון דער גמרא, מיט א חסידיש ווארט, מיט א יידישלעכן טייטש, מיט א חסידישן קנייטש מיך געראטעוועט ווי א קאטשקע ארויס פון א באגנע, זיך אפגעשאקלט, זיך געקאטשעט אביסל און ווייטער געוואקלט.

מיין וועלטלעך וויסן? שוין זייענדיק יארן אין א גרויס־שטאט ווי טשענסטאכאוו, האב איך, א צוואנציק יאריקער בחור שוין, נאך נישט געקענט קיין צורת־אות פון לאטייניש אבעצע.

אין יענע יארן נאך שעהנדיקע שווערע דיסקוסיעס מיט דויד ריכטערן, מיט לאזער פלאצקער מכח ציוניזם, באלפור־דעקלעראציע, בונדיזם, קאמוניזם, פלעגט וועוטשע ארויפגיין מיט מיר אין פארלעגענעם קרימעלעווער שטיבל און מיר פארלייענען א פרץ־מעשה, א וויסנבערג־דערציילונג. איך ביך געזעסן מיט אפענעם מויל, מיט פארגאפטע, גרויס־אויפגעריסענע אויגן—

באמת, אין א שטיקל מהרש״א, אין „שאגת אריה״ האב איך מיך לייכטער אויסגעפונען.

ביי א בלעטל מענדעלע, ביי א ליד פון מאריס ראזענפעלד האב איך שוין אליין מיר אנגעהויבן ברעכן די ציין.

טרעפנדיק שפעטער אמאל זלמן רייזענען, פרעגט ער מיך אונטער וועמענס איינפלוס איך בין. האב איך טאקע פשוט געזאגט: אונטער מאריס רעזענפעלדס, ווייל דאס איז מסתם געווען דאס ערשטע, וואס איך האב אויפגענומען מיט מיר אליין, ביחידות.

רייזין קוקט מיך דערשטוינט און מיט א פראגע־צייכן — „מה ענין שמיטה אצל הר סיני״? ווארום דאס איז שוין געווען נאך מיינע „דערפאלגן״ אויפן דייטשן ראדיא מיטן „אריגינעלן״ „פישער־דארף״, ארויסגעגעבן ביית קארטעל פון דייטשע ליריקער ביים פען־קלוב, אין דער דייטשער איבערזעצונג פון פעדערן־קאלהאז, מיט א הקדמה פון ארנאלד צוויג, מיט א קריטיק פון טאמאס מאן או״ו.

לידער און יחידישן, און יעדן סאציאל צוגאנג; ריין מאלערישע איבער די
14 לידער אין „די יידישע וועלט" איז אפילו בפירוש געווען אויפגעשריבן:
„שטיל־לעבנס".

ענטפער איך אים „תיקו" — ס'בלייבט טאקע א קשיא; אבער צוריק גע־
שמועסט, צי מוז מען ערשט באאייגפלוסט ווערן פון וועמען? צי איז דען
נישט גענוג, צי איז דען ווייניק די ערד, די צעאטעמטע, וואס איך האב
זי אזוי דערלעבט מיטן שווייס אויף מיין פנים?

ער האט דערנאך אזוי קלוג אבער נאענט געשמייכלט צו מיר. אין דער
מינוט האבן מיר זיך ביידע אזוי ליב באקומען, נישט נאר ווייל ער איז
געווען אברהם רייזינס א ברודער...:

אין די יארן 1921־24 דאס ווילדע דערלעבן פון די תהו־ובהו צעלאזענע
גרויס־שטאט גאסן פון בערלין, האנאווער, לייפציג, די קוילן־גרובנס גע־
גנטן פון רהיינלאנד־וועסטפאלן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה — די
בענקעניש צו מיין טאטנס שטילער פארטיפטקייט, דאס איז מסתם דאס
ארגאנישע, וואס איז געבליבן שטעקן אין די „בילדער" דעמלט פון מאנכע
געלונגענע לידער.

האב איך דאך עפעס מיטגעברענגט פון דער היים, מיין מאמעס קלוג־
קייט אין איר יידישלעך־אריגינעלע שיינקייט, אסתר'ס צעריסנקייט, צימעלעס
תמימות — נישט נאר פסוקים־טייטשן און תורה־ווערטלעך.

„מקוה ישראל ה'" — גאט איז די מקוה פון א ייד, זאגט א רביש
ווערטל! זיך אפגעטובלט פון די נ' שערי טומאה און ווייטער געקלעטערט
אויף דער יעקב־לייטער.

באמת, ביזגל צום הימל פלעגט זי טיילמאל דערגרייכן, כאטש פון אלע
שטיינער איז נישט געווארן אין שטיין צוקאפנס, נאר איינער שטרויכלענ־
דיקער פארן אנדערן — מיילן־שטיינער! — איבער די נאכמלחמהדיקע,
צעקרימטע וועגן איז די מיטל־אייראפעאישע דייטשע שטעט —

„און דו ביסט גאט" און „דאס פישער־דארף" — צוויי מצבה־שטיינער
אויף מיין שווערן וועג „ממצרים ועד הנה" — ס'איז באמת פאלג מיך א גאנג!

דאס יאר 1926, דאס הערן פארלעזן! דאס קאנען „זיצן" געמיטלעך
ביי א געדעקטן טיש „ווי א מענטש", דאס קאנען ליגן בארואיקט, אויסגע־
צויגן אויף א ווייכער זאפע ווען מיינע חולאתן האבן זיך צו מיר ווידער
גענומען טשעפן — ליגן רואיק מיט געשטילט־פארוויגטע חושים און הערן
פארלעזן.

אויב אפילו נישט רעגלמעסיק, נישט סיסטעמאטיש, ווייל צו אזוינס בין
איך מסתם בכלל קיינמאל נישט מסוגל געווען! איז עס דאך געווען א מין
שטאפל אין מיין אויפנעמען עפעס נייעס.

דאס הערן פארלייענען מיט יוגנטלעכן געפיל פון א געשולטער לערער,
מיט סענטימענטאלע נטיות צו קונסט, צו עסטעטיק, דעם ערשטן טייל פון

געטעס „פאַאוסט" — „די גרעטל־טראַגעדיע"! — האָב איך דאָס יוגנטלעך־זינלעכע אויף אַ גאַנץ אַנדערן אָבער דאָך אויף אַן עכטן אופן דערלעבט — דאָס סענטימענטאַל־ליבלעכע האָט באַקומען ליריש־טראַגישקייט.

דער צווייטער טייל איז שוין פאַר מיר געווען אַן אַפּקומעניש! ס׳איז נישט געווען נאָר מײַנע צעשפּילטע מיחושן! דאָס ליריש־מוזיקאַלישע באַרואיקט די חושים, מ׳ברויך עס צומאָל נישט משיג צו זײַן . . .

דאָס חקיריש־געדרייטע, ווי כפל־שמונהדיק, תכלתדיק ס׳זאָל נישט זײַן, ווערט זשורנאַליסטיש; אויב שוין גאָר גוט — אַ פּובליציסטישער עסיי, אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג . . . אפשר שפּייז פאַרן מוח, פאַרן האַרץ צו טרוקן.

איך גלויב, אַז מײַן פאַרלייענערין האָט עס דערפילט און איז שטיל איבערגעגאַנגען צו אַ שעקספּיר־דראַמע — כ׳בין געלעגן ממש ווי אַ שטאָפּ־גאַנז, וואָס כאַפּט קוים דעם אָטעם.

דאָס ליד מײַנס, געשריבן דעמלט איבער שעקספּירן, האָט זיך נאָך אָפּגעוואָרטעט אין מײַן בוך „לאָנדאָן שטעטל ד׳בריטן" — ווהייטשעפּל, 1962 — און אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אין ענגלישן זשורנאַל „עלאָם".

איך געדענק נאָך פון יענער צייט פיל זייטלעך פון ערשטן טייל „דער וועג צו שוואַן", פון מאַרסעל פּרוסט.

אמת, נישט פאַרשטייענדיק אַלץ געניי, נישט שפּראַכלעך, נישט אין געפיל, אָבער דאָך „עפּעס" אַרויסגעפילט אינם באַטאַנען פונם פאַרלייענען און אינם בייעם ניגון פונם סטיל — כאָטש דער שליסל־טאָן אַ גאַנץ אַנדערער!

אָבער מײַן מייל־שטיינער־וועג איז פאַרוויסט, צעשאָטן — צעשטאַמטע — דאָרן־רויזן אַלייען אַזוי וואונדערלעך־פאַרפּלאָנטערטע, אַזוי קונציק־סיסטעמאַטיש באַשניטענע און באַהיטענע, נאָך אַזויפיל ווינטערס און איך דערשמעק נאָך איצט ווי זיי קנאָספּערן.

איז ער פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן — — דער וועג צוריק איז נישט מער מעגלעך געווען! ממש ווי אָפּגעשלאָסן . . .

אַז מ׳שרײַבט דאָס הונט־ליד „וואָלדי" — אַ פאַרלוירענער בית־המדרש און שטיבל־בחור אין אַ דייטש, פאַרלאָזן האַרף נאָך אַ שווערן טאָג פעלד־אַרבעט, שאַרנדיק מיט דער גראַבליע דאָס היי, בינדנדיק די בינטלעך מיט די האַרף־שיקסעס, בילט מען נישט נאָר ווי אַ הונט קעגן דער לבֿנה, נאָר מ׳רעדט זיך אָדורך מיט איר אויג אויף אויג . . . אינמיטן די טראַמוואַי־צעקלונגענע, יאָגנדיקע גאַסן. מ׳שרײַבט אַ „דבֿקות־טאַנץ" — אין „און דו ביסט ג־אָט", לייפּציג, 1924 — איז דאָס הינטישע לעבן ליב און טייער — דו דערקענסט דעם גלגול אין אים.

אָבער אַז מ׳ווערט ראַפּטום איבערגעריסן און מען דערזעט דאָס לעבן דערצווישן אויף אַן אַנדערן אופן און נישט נאָר מען זעט, נאָר מען דער־פילט עס — —

צוריק אויפן דאָרף איז אוממעגלעך געווען. ס׳איז געווען נאָכן סעזאָן, שוין אַרײַן טיף אין ווינטער. מיך אַרומשלעפן אין די טעג ווי אַ מאַרק־העלפער

און אין די נעכט אין די קינסטלער־קאפעען, אין די „קאשעמעס"?
און אז ד"ר זוהל זאל אפילו צושיקן אמאל פאר אן „איבערזעצונגל" . . .
וואו האט א הונט א הויז?

כ'בין עס שוין נישט געוועזן געוואקסן! אויב נישט פארוואָרצלט אין דעם נייעם לעבן, „קלעטער" איך א פלאנץ אויף א בלינדע וואנד . . .

כ'האב געפונען ערד־ארבעט, אבער נישט אין קיין גארטן — אויף א בית־החיים! נישט ווי א קברים־גרעבער — אויף דעם זענען דאס פאכלייכט! שטאבילע אנגעשטעלטע. איך האב באקומען טאג־ארבעט — לויט די שעהן פון די ווינטער־טעג! — צו „שטאמפן" די שוין פארשיטע קברים, פאר מצבות.

מ'מוז מיט א שטעמפע פארהארטעווען דאס בערגל־ערד, אז ס'זאל אויף זיך קאנען טראגן א מצבה־שטיין, א שווערן גראניט־מאנומענט.

דו שטייסט אין „גנוי" פון מענטשלעכן צעגאסענעם גוף און קלאפסט און „שטאמפסט" און שטינקסט.

דער הימל איבער דיר איז גרוי, עס טריפט פון אים, ס'טריפט פון דיר. די גאלד־צעשריבענע גראניט־מצבות ארום קוקן שווארץ אויף דיר, ווי זיי וואלטן זיך גערייצט: נו, נעם און שרייב א ליד — אן אומשטערבלעכס!

ווען נישט דאס אין שטאט דארפיש־פארלוירענע מיידל, וואס כ'פלעג מיט איר אין די אוונטן אדורכזיצן ביי „אשינגערן", ביי א שטארקער קאווע, ביי א קופעל ביר, וואלט איך זיכער פארקומען אין יענעם שווערן ווינטער.

ס'איז געווען דאס האלב־הינקענדיקע, האלב־פארקומענע מיידל, וואס האט מיך נאך דער ארבעט געמאכט ארומוואשן, מיך איבערטוען. אנישט, וואלט איך מיך ארומגעוואלגערט אין די נעכט ביז די „שווארצע מארי" וואלט מיך מסתם געבראכט צו פירן —

נאר דאס מאל וואלט מען מיר שוין קיין „אויסווייז" נישט געגעבן. כ'וואלט אין דער פרי, אן אויסגעשלאפענער, דירעקט פון פאליצי־צירקל געגאנגען אויף מיין בית־הקברות, ווייל כ'בין שוין געווען א בערלינער בירגער, אן איינגעמעלדעטער און געהאט „שטאבילע" ארבעט . . .

מיר זענען געזעסן ביי א טישל. זי האט גערעדט, איך האב געשוויגן. דאס איז מסתם געווען דאס שיינע. איז עס געווען די מידקייט? האב איך געטראכט?

„אדם לעמל יולד" . . . או אינו אלא לעמול בתורה?"

כ'האב מיך דערמאנט ביי א טישל אין ראמאנישן קאפע א דיסקוסיע מכוח ליבע ווי נאמבערג האט פילאזאפירט: „ליבע איז נישט די שיינע ליאלקע. עס איז דער פארבארגענער מיחוש, אויף וועלכן מ'קריגט קודם רחמנות . . . דאס מענטשלעכע געפיל, גוט, לאמיר זאגן דאס עסטעטישע, צעמעלה־גירהט עס און ס'ווערט דאס חן־גריבעלע, דאס פעפערל" — —

מ'האט פארשטאנען דעם סוף פסוק. ער האט נישט געענדיקט צי ווייל ס'איז נישט נויטיק געווען אזוי דייטלעך צו מעלה־גירהן, צי ווייל ס'איז אים ווער אריינגעפאלן אין די רייד.

אייניקע טעג פאר ווייַנאַכטן איז זי נישט געקומען צו גיין. איז זי אַהיים־געפאָרן אויף די יום־טוב פעריען? גיכער געטראָפן א לייטישערן פון מיר; אז נישט, וואָלט זי זיך דאָך געוויס געזעגנט מיט מיר . . .

אין די ווייַנאַכטן־טעג בין איך געווען פריי איך האָב מיך געלאָזט אין ראָמאַנישן קאַפּעע.

ס׳איז געווען ממש ליידיק.

אין קליינעם זאַאַל, דירעקט ביי דער דריי־טיר, אויף דער דריי־געזעסיקער האַלב־קייַלעכדיקער באַנק, האָב איך דערקענט א באַקאַנט פנים — אז מ׳זיצט אַליין אויף דער באַנק וויל מען, אז מ׳זאָל זיך צוזעצן . . .

כ׳האָב זי דערקענט פון דער צייט פון די צוויי וואַרשעווער יידישע מיידלעך — די „באַטיק־סטודענטקעס“. איך האָב מיך צו איר צוגעזעצט. זי האָט זיך דערפריידט מיט מיר. זי האָט געהאַלטן אין שטריקן א וואָלענעם דזשאַמפּער. זי האָט זיך אַנטשולדיקט און ווייטער געשטריקט —

זי איז איצט אַליין. „איר“ אַלטער פּראָפעסאָר, ביי וועלכן זי וואוינט, איז געפאָרן אויף די ווייַנאַכט־פעריען צו זיינע קינדער.

„מסתם שטריקסטו דעם וואַרעמען וואָלענעם דזשאַמפּער פאַר אים?“...

שמייכל איך אַרויסרופעריש.

„אַ, ניין, דאָס איז פאַר אַן אמתן פריינט“, און איר נישט דווקא גאָר שיין פנימל צעשטראַלט זיך מיט אַזאַ שיינענדיקער פייערלעכקייט:

„איך וואָלט היינט ביינאַכט נישט געקומען אין קאַפּעע אַריין, איך וואָלט שוין געפונען וואו צו ׳פייערן׳ ווייַנאַכטן, נאָר כ׳בין געווען זיכער, אז דער נאַימבערג וועט דאָ זיין ווי אַלע יאָר אין דער צייט“.

איך דערציילֹ איר, אז נאַמבערג איז געשטאָרבן.

א נס ס׳קאַפּעע איז ליידיק געווען; אז נישט, וואָלט א צוזאַמענגעלויף געוואָרן — ווי דעמלט, ווען א מיידל האָט זיך טאַקע אויף דעם דריי־זיץ בענקל אין ווינקל פון דער דריי־טיר דערשאָסן — ס׳איז א ליבע־פּלאַץ, א מוכן לפורעניות — אין אַזאַ געיאָמער האָט זי אויסגעבראָכן:

„דעם וואַרעמען דזשאַמפּער מאַך איך דאָך פאַר אים, דעם אָרעמען, ווי וואָלט ער זיך געפריידט, דער נאַימבערג, דער גוטער!“

ווי שיין איז דאָס פנימל, ווי ווייַנאַכנדיק־פייערלעך האָט עס געשטראַלט אין דעם ליידיקן, אויף אַלע לעמפּ אָנגעצונדן־ליכטיקן קאַפּעע.

— שלוס — אין קומענדיקן נומער —

יוליאַן טוּוויִם

צו דעם פאַלקס־מענטש

ווען נאָך אַמאָל מיט קלייסטער פרישן,
אויף מויערן קלעבן מ׳וועט אַפישן,
צו די בירגער, צו די סאָלדאַטן,
אַלאַרמירן זיי אויף פּלאַקאַטן,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

April-May

נומער 5־4 (העפט 9־398) 33־סטער יאר אפריל־מאי 1972, לאנדאן

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

א י נ ה א ל ט :

19׳טער אפריל 1972, ל״ג בעומר, לכבוד שבועות תשל״ב, צום פיפטן יאר ירושלים השלימה ... *** 3

צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, ... מאיר באגדאנסקי 9

1943 דער 19׳טער אפריל 1972, ... אסתר ערלעכמאן 11

נישט פאר מיר די בלומען (דריי לידער) ... עלא זילבערג 13

אילוזיעס, אילוזיעס, אז מ׳ווערט פינף און זיבציק (פעאזע און פאעזיע), א. נ. שטענצל 15

א ליבער יום טוב ל״ג בעומר, ... שמעון ווײנשטיין 25

מיין מאמע (ליד) ... רות באכנער 28

די אוצרות פון טוטאנקאמאן, ... דוד בערמאן 29

יאנקעל צימבאליסט (א קאפיטל פון פאן טאדעאיש) ... אדאם מיצקעוויטש 31

א ז״דע צום אייניקל, מיין אייגענער חבר, גוטסקייט ווו ביסטו (לידער) פייוול זיגלבוים 35

לאנדאנער קולטור־ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס — יעדן שבת 3 אזייגער אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. א. 1.

אונזער הארציקן מזל־טוב ח. נ׳ בענקוויטשן צו זיין פינפטן אור־אור אייניקל און שלמה דזשאקאווסקי און פרוי צו זייער צווייט אייניקל.

פריינט יוסף גרינבערג צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר ווינטשן מיר—עד מאה ועשרים—

מזל טוב צו דער חתונה פון מייקל אייזעק בענטלי מיט העלען גראנט — א גליקלעך און פריילעך לעבן !

א. נ. שטענצל

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

פאר שטענצל צו דעם 75טן געבורטסטאג

א פאכמאן מען ווערט נישט געבארן,
א פאכמאן מוז לערנען זיין פאך,
מיט מי, מיט געדולד און מיט יארן,
דערגרייכן קען מען א סאך.

דער אקטיאר, דער זינגער, דער מאלער,
דער מוזיקער און דער פאעט,
זיי ווערן געבארן מיט פליגלען,
פון הימל מיט שיינקייט באגלעט.

זיי גיבן דער וועלט א נשמה,
פארצירן דעם גוף מיט א שטראל,
זיי רייניקן אפ אלע פלעקן,
פארזיסן דעם ביטערן גורל.

די וועלט מוז דערקענען דעם קינסטלער,
וואס גיט זיין נשמה אוועק,
צו דערלייזן צו מענטשהייט פון יאוש,
צו ווייזן א ברייטערן וועג.

מיר זיינען שולדיק דעם קינסטלער,
וואס באשיינט אונז מיט אייביקער ליכט,
און העלפט אונז דערגרייכן דעם אמת,
אין וואס עס באשטייט אונזער פליכט.

א. נ. שטענצל

אילוזיעס, אילוזיעס...

3

די פארטייאישע אונטערשידן אויף דער יידישער גאס האבן זיך אויך געגומען אויסקלארן; די קאפעע־דיסקוסיעס האבן ביי אונז אביסל לענגער געדויערט, אבער עס האט געמוזט קומען צום „וכל עורב למינהו”; ווי שטייט עס דארטן שוין אין די ערשטע פסוקים: און עס האט גענומען קלאר ווערן צווישן די הימלען, צווישן יענע וואס איבער די וואסערן און די, וואס אונטער די וואסערן . . .

אלכסנדר כאשין האט זיך גענומען אפטער באווייזן אין „יידישן קולטור־פאריין”, אין די יידישע געסלעך וואו עס האט זיך געטומלט אינעווייניק, נישט וויניקער ווי אינדרויסן אין די גאסן פון מזרח־בערלין — די חברות איך די כלערליי ברוינע און שווארצע העמדלעך.

טיילמאל איז ער געקומען אין דער באגלייטונג פון דוד בערגעלסאן. ער

האט אים, דודן געוואלט ווייזן די מאסע . . .

דאס מאל האב איך זיי דווקא געטראפן אין „שלום־עליכם קלוב", אין דער גאלענדארף־געגנט פארטיפט אין א כשרן שמועס ביי א גלעזל טיי מיט לימענע — בערגעלסאן האט פשוט נויטיק געהאט א קרבן, אין וועמען ארייננצורייידן זיינע שיחת־חולין און כאשין, מיט חריפות, האט אלץ געוואוסט צוצופירן צו זיין קלארן שטאנדפונקט . . .

כאשין האט זיך גענומען איילן אוועקצולויפן: ער מוז גיין אפנעמען אברהם רייזינען פונם צוג, אויף זיין דורכרייזע קיין מאסקווע בלייבט ער דא איניקע טעג אין בערלין.

„איך בין אין דער גוטער לאגע נישט צו קאנען זיין אויפן באנקעט לכבוד דעם גאסט", האט שוין בערגעלסאן איך מיר ארייננגערעדט, ווייטער ציענדיק דעם שמועס. „איך פאר אפ מארגן אויף א טור לעקציעס אין מזרח איראפע".

ער האט מיך שארף אנגעקוקט מיט א „כע־כע"־שמייכעלע — צי איך בין עס טאקע מיט וועם ער רעדט — און געצויגן דעם זאץ פון אים א הנאה צו האבן, ווי פונם זופ זיסע לימענע־טיי, מיט וועלכן ער פארטרינקט אים, דעם זאץ, און אים אזוי פאראפראזירט, אז דער מיטשמועסער זאל אויך א הנאה האבן: „פאר איך איז רייזין מסתם, א פראזאאיקער און פאר מיר איז ער א פאעט". . .

„זייט מוחל, אין זיין תמימותדיקן פאלקסטימלעכן אופן איז ער דווקא ביידע. איר זעט דאך מ׳רופט אים ארויס קיין מאסקווע."

„און אז מ׳רופט, מוז מען שוין פארן? מ׳רופט מיך אויך".

„איר זאגט דאך, אז איר פארט מארגן אויף א סעריע לעקציעס".

„שטענצל!" איבערהאקט ער אינמיטן מיין זאץ, „איר טאפט שוין צופיל". .

בערגעלסאן איז שוין דעמלט געווען גאנץ אונטער כאשינס השפעה, אבער ער האט זיך נאך געאמפערט פון זיינע הענט ווי א יינגל, וואס מ׳שלעפט עס אין חדר אריין און עס רייסט זיך פון בעלפערס הענט.

דער שמועס האט זיך נישט מער געקלעבט. עפעס האט ער געפילט, אז ער האט זיך אין איין זייט צופיל, און אין איין זייט צו שארף, מיט אן איבריק ווארט ארויסגעכאפט.

ביים געזעגענען זיך האב איך אלץ נישט אפגעלאזט: „איר זעט, ס׳איז זה יוצא וזה נכנס" — אן אפשפיגלונג אויף „צדיק יוצא מן העיר": „איר פארט אוועק און אברהם רייזין קומט אנצופארן".

„מיר וועלן שוין פארענדיקן ביים צוריקקומען, יעצט מוז איך גיין פאקן דעם טשעמאדאן".

איך האב מיך געלאזט, א הייטערער, א פריילעכער, איבער די בערלינער גאסן אראפ אין דער יידישער געגנט אריין געוואויער צו הערן אין קולטור־פאריין מכוח דעם באנקעט — פאר מיר איז ער געווען איינער פון די דריי: אש, נאמבערג, רייזין! טאקע נישט קיין פוילישער, אבער אן אייגענער. אפשר מער נאך פון זיי — דאס דירעקטע! די גאלע פשטות.

אין „קולטור־פאריין" האט עס געקאכט: מאסקווע, רייזין — באנקעט! מ'האט זיך געגרייט ווי מחותנים, אויב נישט צו א חתונה איז ווי צו תנאים צו א קנס־מאל — צו טעלער־ברעכן!...

ווען איך בין געקומען, זונטאג אין אוונט, צום באנקעט, זענען געשטאנען צוויי חברים־שומרים ביי דער טיר — מ'האט אריינגעלאזט נאר מיטגלידער.

כאשין האט מיך דערזען, געהערט מיין האמפערן זיך ביי דער טיר, האט ער מיר געגעבן א וואונק מיט זיין חריפיש אויג צום פענסטער — ער האט עס פלינק געעפנט און איך בין נאך פלינקערער אריין.

די צימערן זענען געווען פול, די טישן געדעקט כיד המלך — מיט געהאקטע הערינגען! אזוי, אז דער ליטוואק אין רייזינען האט געשטראלט.

די רעדעס זענען געהאלטן געווארן העכסטן גראד! א גלעזל וואדקא האט ביים טיש אויך נישט געפעלט.

בשעת דער דיסקוסיע, ווען חברים האבן געפאדערט פארוואס ער שרייבט נישט פונם פראלעטארישן לעבן, נאר רק תמיד פונם שטעטלשן, קליינבירגערלעכן... „וואו איז דער בייער טאן פון דער רעוואלוציע אין זיינע לידער"? „אפשר איז עס דער ארעמער ישיבה־בחור, דער הונגעריקער טעג־עסער"? האב איך געזען ווי זיין צעשטראלט פנים פארציט זיך אלץ מער מיט טרויער, ווי זיינע אויגן ווערן אלץ קלענער. האב איך מיך געמאלדן צום ווארט.

ביים אויבנאן האט מען זיך געקווענקלט! איך האב נישט געווארט און בין ארויס „מיט לשון" — נישט ווייל כ'בין געזעסן הינטן פארשטעקט און מ'זאל מיך הערן — די פרייד מיינע צו שטיין רייזינען פנים אל פנים, און טאקע די שטימונג זיינע צוריק אויפצוהייטערן.

„ווי סמייעט עס א שוסטער־יונג ריידן צו רייזן, אין אזא לשון, צו אונזער גרויסן פאעט אברהם רייזין? וואס וואלט ער דען, דער הארעפאשניק, געוועזן אן רייזינס „העמערל, העמערל קלאפ?" וואס וואלט אונזער גאנצער מישטיינס־געזאגטער פראלעטאריאט געווען אן זיין געוואלטיק רעוואלוציאנער ליד 'די וואנט'?"

דער פארזיצער, דער געוועזענער קוילן־גרעבער אין רוהר־געביט, דער יעצטיקער מארק־שטייער מיט ווייבערשע מייטקעס, — דער שותף פון „מיין לינקן פועלי־ציון, וועלכן מ'האט מסתם אויך נישט אריינגעלאזן צום באנקעט, — האט געמוזט האמעווען די פאר שרייערס.

„יא, איך וועל'ס מאכן בקיצור: אז וואס איז דען דער 'מאי קא משמע לן', אויב נישט א פראלעטאריש ליד? פארן הארעפאשנעם, פראסטן ייד איז דער עולם־הבא נישט ווייניקער ממשותדיק ווי זיין ארעם, בידנע וועלטל. און דער ארעמער ישיבה־בחור פאר זיין 'טאג'־עסן ארבעט אים טאקע אויס א פלאץ אין גן־עדן".

עס איז געווען א געדריקטע שטילקייט ווען כ'האב געענדיקט. איין פאר הענט האב איך געהערט אפלאדירן און דאס זענען געווען — רייזינס! ער האט זיך אבער שנעל געכאפט און איז שטיל געווארן... זיין פנים האט

אבער נישט אויפגעהערט צו שטראלן.

ווען דער עולם האט זיך אויפגעהויבן פון טיש, האב איך זיך געגומען גרייטן צוצוגיין צו אים און אים באגריסן. אין געדרענג און טומל שפיר איך א האנט אויף מיין פלייצע. איך דריי מיך אום — ס'איז רייזין:

„אויב איר זייט סטענצל, קאן איך דאך אייך פון אייערע לידער אין „צוקונפט", פון אייער שטיק פראזע אין 'מארגן־זשורנאל'. למען השם דרייט זיך נישט אוועק. לאמיך נאר דא פטור ווערן, וועט איר מיך באגלייטן צום האטעל. איך האב אייך צו וויזן עפעס אזוינס, גאר וויכטיקס".

ווען מ'איז אריין. אין האטעל־צימער איז ער שנעל צו צו זיין קאפער און ארויסגענומען א ספר — איך האב געמיינט ס'איז א לעצטע אויסגאבע פון זיינע לידער און אפשר וויל ער עס מיר געבן א מתנה — ס'איז געווען דער תנ"ך: „איר זעט, דאס נעם איך מיט קיין מאסקווע".

ער האט א וויל געקוקט אין א זייט און הערנאך מיך טרויעריק באטראכט:

„איר זייט פונקט ווי איך, נאר אייך פעלט נאך א שטיקעלע. אבער אויף דעם פיצעלע, ווי שווער מוז מען הארעווען!"

איך האב אים אנגעקוקט מיט א „מאי קא משמע לן"־קוק.

,הערט, איך פאר אפ מארגן פרי, אין נאך אפאר שעה . . . בלייבט שוין ביז צום צוג. איך האב א שלאף־וואגאן גענומען. ווע איך האבן צייט מיך אויסצושלאפן ביז מאסקווע."

איך האב אלץ נאך געקוקט מיט מיין „מאי קא משמע לן"־בליק אויף אים.

„סטענצל, איך קען אייער בוך 'און דו ביסט ג־אט', אבער נישט אצינד איז די צייט הערפאר . . . איצט קומט אראפ און וויזט מיר אייער באקעט בערלין. איך וויל קומען קיין מאסקווע מיט א רואיקן קאפ".

נאך דער נישט־פארשלאפענער נאכט האב איך אים געבראכט צום צוג, ער האט זיך געלייגט אינם שלאף־וואגאן, וואס גייט דירעקט בערלין־מאסקווע, און איך בין דירעקט געגאנגען צו מיין בית־הקברות . . .

ניין, איך בין נישט געווען פארשלאפן. איך האב געהאט אסך נאכצוטראכטן.

אזוי דירעקט מיט א שרייבער, וואס איך האב ארויפגעקוקט צו אים, בין איך נאך נישט געווען — תמיד האב איך געזוכט צו באהאלטן דאס שטיקל דיסטאנץ . . . צו זען נאר דאס העכערע אין אים.

דאס אדורכשטאמפן היינט די קברים — דעם יסודו מעפר! — כדי די שווערע גראניט־מצבות מיט די גאלדענע אותיות זאלן זיך האלטן, איז מיר היינט שווער אנגעקומען . . .

אבער אז ג־אט באשערט, באשערט ער אלץ אויף איין מאל און ווי שטארק מען מיינט מען איז, ברעכט מען סוף כל סוף איין.

דער טאג האט זיך לאנג געצויגן, אבער סוף כל סוף איז ער מיט זיך פארטיק געווארן . . . איך קום ארויס פון טויער א טויט־פארמאטערטער און וויל לויפן עפעס איבערכאפן און מיך ווארפן אין בעט אריין, שטייט פארן

טויער די לאסקע־שילער מיט אן אויסזעען פון צען טויטע.

איך לויף צו איר צו א דערשראקענער!

„האמיד, איך האב געזען איין ענגל".

איך קוק זי אן. דאס מאל איז עס אן אמת — זי זעט אויס נישט פון דער וועלט . .

„קום דאך מיט מיר דא אריין אין א רעסטאראנדל. איך מוז עפעס עסן, בין טויט־הונגעריק".

„יא, מיין פאול, מיין פאולכען ליגט אין שטערבן. איך מוז הויטע נאכט נאך דער שווייץ אים ברענגען. ער וויל היר שטערבן. זיין לעצטער ווילן".

פאול איז א טאלאנטירטער צייכנער! וויאזוי זי האט אים אדורכגעשלעפט ביז איצט, ביי זייער ביידנס ארט לעבן? א לעמפערט, וואס ראטעוועט זיין לעמפערטל . . . צווישן לאווא און ערדציטערניש און ווילדע דזשונגל און חיות ארום — זי טראגט עס צווישן די ציין . . .

„געפאקט און געמאזלט" און איצט נאך די שווערע מלחמה־יארן, ווען ער האט שוין געגומען שטיין אויף די פיס, ליגט ער אין שטארבן אויף סוכאטעס אין א סאנאטאריום.

„ווי קאן איך מיט דיר מיטפארן? איך בין דאך אן אויסלענדער אן א פאס. און וואוהין וועסטו אים ברענגען, אין קאשעל־האטעל אין דיין צימערכען?"

„יא, יא," זי האט גארנישט געטראכט דערפון . . . יא, יא, האמיד וואס מאכט מאן? עס איסט בלאז זיין לעצטער ווילן!"

עס איז באשלאסן געווארן: ביי יוזוף אבו אין אטעליער אריינצושטעלן א בעט. עס האנדלט זיך דאך נאר אויף אייניקע טעג.

ווען איך בין אהיימגעקומען, דעם צווייטן פרימארגן פון באגלייטן זי צום צוג, בין איך שוין נישט פעאיק געווען, נישט פיזיש און נישט פסיכיש, צו גיין צו דער ארבעט. וויפל טעפעלעך שווארצע קאווע נישט אריינגעגאסן אין מיר, בין איך אהיימגעקומען א וואקלדיקער און ממש אריינגעפאלן אין בעט אריין א געהרגעטער.

אין דריטן טאג, ווען איך בין אויפגעשטאנען, בין איך אהין צו אבו אין אטעליע אריין, איז פאול געלעגן אין גרויסן הימל־בעט, שוין א גוססער און זי איז געשטאנען הינטער דער פארהאנג א פארגליווערטע.

קאפעע־פריינט קאלעגן, זענען געקומען. מ'האט זי אוועקגענומען ממש א טויטע. מיטן מת האבן זיך מטפל געווען חברה־קדישא.

צומארגנס, קומענדיק צו דער לוויה, דערזעענדיק די עלעגאנטע טרויער־געזעלשאפט אין שווארצן און זי א געשלייערטע אין די אבל־קליידער — ממש א דראטענע מאניקין, וואס שטייט אויפן קורפירשטנדאם אין א שוי־פענסטער, האב איך פארביסן א ליפ ביז וויטאק נישט היסטעריש אויפצולאכן. איך בין געבליבן שטיין אין מיינע בגדים פון דער זייט נישט מחלל־צו־זיין דאס פייער־לעכע — איך האב געבלאנדזשעט מיט די אויגן אין אלע זייטן און האב זי אבער דאך כסדר געזען:

זי איז נישט געגאנגען אין דעם שווארצן מארש, געפירט אונטערן אָרעם פון צוויי דאַמען, זי איז געטראָגן געוואָרן אַ לאַגל־טרעגן, וואָס ווערט פולער און פולער ביז צום אויספּלאַצן — ער פּלאַצט אָבער נישט אויף.

עס איז שוין געווען נאָך דעם גאַנצן „שפּיל". דער דייטשמערישער, פאַר־גווישטער „גאַטעסדינסט" האָט מיך אינגאַנצן פאַרטשמעליעט . . .

ביים מנחם־אבל־זיין, צוגייענדיק צו איר אין דער שורה, האָב איך זי געזעען נאָך אַלץ אין דער זעלבער פאַרגליווערונג ווי מיט אַ וואָך צוריק פאַרן בית־הקברות, וואַרטנדיק אויף מיר:

„האַמיד, איך האָב געזעען אייך ענגעל".

איך האָב איר געגעבן אַזאַ דריק אין דער האַנט, אַז אַ טויטער האָט געקענט אויפוואַכן. דער גלאַזערנער בליק אונטער שווארצן שלייער האָט ווילד געפונקלט.

איין דאַמע האָט איר געהאָלפן זיך אויפשטעלן. איך האָב זי אָנגענומען אונטערן אַנדערן אָרעם ביים אַרויסגיין פון בית־החיים. איך קוק זי שאַרף אָן און מיין ריידן קומט אַרויס נאָך שאַרפער:

„גאָט האָט דיר פאַרגינט צו דערלעבן טאַט און דו, און דו — —"

איך האָב דעם זאַץ נישט פאַרענדיקט מיט מיין גאַנצער „גבורה" ווי אַ מתים־שטאַמפער, ווי אַ גאַנצער בן־בית מיטן טויט, האָב איך דאָך מורא געהאַט, אַז איך וועל אַרויספּלאַצן מיט אַ געשלאַכץ, וואָס וואָלט לגמרי נישט אַריינגעפּאַסט אין דער שוואַרץ־פאַרשלייערטע זיידענע צערמאָניע.

איך האָב נאָך קוים געזעען, ווי איר אויג האָט ווילד אויפגעפונקלט און איך האָב מיך פלינק נאָך ווילדער אָפּגעטראָגן.

מאָדנע, ס'איז שוין קרוב אַ האַלב־יאָרהונדערט זייט דעמאָלט. און איצט נישט לאַנג צוריק האָט מיר דר. מאיר געָרטנער געוויזן אַ זאַמלונג, וואָס איז דערשינען צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון עלזאַ לאַסקער־שילער — אַ דיק בוך און דאָס איינציקע ליד דעריך, אַ לידל פון אַפּאָר שורות, געשריבן צו איר אין שייכות מיט פּאָולס טויט — מיין נאָמען איז איבער דעם ליד. אָבער נישט, אַז ס'איז אָן איבערזעצט פון יידיש.

ס'איז פון מיינס אַ זאַמלונג מיטן נאָמען „רינג דעס סאַטורנס", דערשינען אין בערלין 1930 אין „שטאַמפּס־פערלאַנג". אויפן שער־בלאַט שטייט בפירוש איבערזעצט פון יידיש ע. וועהלער.

פון די אַלע לידער האָב איך קיין איינס נישט.

וווּ זיינען אַהינגעקומען מיט אַלע מיינע כתבים פון יענע יאָרן?

כמו דאָס זעלבע האָט מיר שלמה אויערבאַך אַמאָל געוויזן אַ סעריע מיינע מלחמה־לידער אין העברעאיש איבערזעצט (איבער זיי זאָגט זיך כאַטש איבערזעצט) פון אברהם שלאָנסקי מיין נאָמען איז איבער זיי געשטאַנען, אָבער נישט אַז זיי זיינען אין אָריגינאַל געשריבן אין יידיש.

דער מצב פון יידיש איז אַזאַ, אַז מען פאַרשטייט שוין אפילו נישט אַז אַזוינס טוט ווי . . .

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

June-Aug.

נומער 6־8 (העפט 2־400) 33־סטער יאר יוני־יולי־אויג. 1972 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

ירושלים השלימה און די גאנצקייט פון יידישן פאלק, מאמע לשון,
„אך הפעם", דערלעבן ...... *** 3
ראש־השנה מחשבות, ... יוסף בן שמעון וויינשטיין 14
שלום כאמעלע, מענדל ביילעס (סקיצן) ...... יעקב דזשערנאווסקי 17
תשעה באב (ליד) ...... דערעק ריד 20
פעסימיסטישע געדאנקען, ... אסתר ערליכמאן 20
דריי שטערן (ליד) ...... עלא זילבערג 21
מר. קארט ...... ח. נ. בענקוויטש 22
מען ווערט עלטער (ליד) ...... אייזיק גאלדבערג 26
פארן לעצטן געראנגל, א מעשהלע פון א פארשווונדענעם למד־וואווניק,
אזעלכע פרילינג־סטראפעס היי־יאר (פראזע און פאעזיע)
...... א. נ. שטענצל 26
א גאלדן בלימעלע אין דער „איסט סייד" (מיין „טאטנס בית־דין שטוב"
פון יצחק באשעוויס), ... סעם גאלדבערג 36
יידיש (ליד) ...... רות באכנער 38
יידיש אין מדינת־ישראל ...... נעט רובין 39

די קולטור ידיעות מחמת, ענג אין פלאץ, וועלן קומען קומענדיקן חודש.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

עלא זילבערג ווינטשט א. נ. שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־
פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

גערופן דרכי־ציון און נס־ציון און אסף אנ.דערע, וועמעס נעמען זענען אויך פארגעסן געווארן.

אין בית־ציון האבן שוין געארבעט רב גאלדבלום, מאריס מייער, הרב סינגער און נאך פיל באוואוסטע ציונים.

אייזיק גאלדבערג

מען ווערט עלטער...

(געווידמעט מיין ליבע פרוי צביה)

יעדעס יאר, מען ווערט עלטער,
א געיאג, פון אונזביידן,
נישט מען לויפט, קוים מ׳גייט,
ווי א באבע מיט א זיידן...

מיר גייען ביידע, אזוי צוזאמען
יארן לאנג שוין, ווי די קינדער
געשפילט מיט פרילינג און מיט זומער
יעצט געקומען איז דער ווינטער...

ווען מיר בליקן אויף צוריק,
ווי גיך דאס לעבן איז אוועק;
יא, יארן פליען ווי די ווינטן
אז עס נעמט אזש אן א שרעק:

וואהין, מיר גייען ווייטער,
דאס איז א פראגע פונם לעבן;
טא לאמיר האפן, ווי קליינע קינדער,
נאך פיל גוטעס צו דערלעבן...

זאל אונז זיין, נאך באשערט,
זיין צוזאמען, ביז אויף גאר,
מיט נחת גליק, וואס מיר האפן,
אויף נאך לאנגע, גוטע יאר.

א. נ. שטענצל

פארן לעצטן געראנגל

1

צו דער ארבעט בין איך נישט געגאנגען, פול געווען מיט „מחיות": אין מזרח־בערלין אלטער מיטן ווערדינג, דער קולטור־פאריין און דער סטודענטן־פאריין; אין וועסטן דער „שלום־עליכם קלוב" און ס׳ראמאנישע קאפעע, און דאצווישן דער גאנג אין דער ערב־פרילינג זון איבער די שטאאטלעכע און פריוואטע גאלעריעס דורך די זיגעס־אלייע און טירגארטן — איין גרויסע דיסקוסיע: סאציאליזם, קאמוניזם, אנארכיזם און וואס זענען די עיקרים פון יידישקייט און על־כולם וואס איז דער עיקר פון דער קונסט?

עס איז געווען איין יומא אריכתא און צו די דיסקוסיעס האט גאר קיין סוף נישט גענומען; עס האט זיך געצויגן פון נאך האלבער נאכט ביז נאך האלבער נאכט.

ווער האט געהאט א קאפ צו שלאפן? אין די פרייע שעהן זענען געשטאנען פריי אלע בענק אין די גערטנער, די זאפע אין דער ליניען־שטראסע

ביי די בראַנשטיינס, דאָס בעט ביי אַלטערן אויפן וועדינג.

אַז אַנגעטראָפן די דריי גאַליציאַנער ברידער, זייער שוועסטער, אַלע ראַסישע, שיינע מענטשן מיט פרייד אויף זייערע פנימער; אַז כ׳האָב זיי געטראָפן אין דער סטודענטן־היים אויף דער פרידריך־שטראַסע, האָט זיך געצויגן איין גרויסער יום־טוב, קיינמאָל זיך נישט צו ענדיקן — אַלע דריי פּאָעטן: דער עלטסטער האָט געשריבן העברעאישע לידער, און די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור געקענט בעל־פּה; דער יונגסטער האָט געדיכטעט דייטשע לידער און כסדר דעקלאַמירט ניטשען; דער מיטלסטער, דער יידישער פּאָעט, תמיד אַ פאַרשוויגענער אין זיך, איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן ווי זיך נאָכגעשלעפּט — ווי ער וואָלט געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דער וועלט.

און אַז די שיינע שוועסטער האָט געגעבן אַ צעשאָקל איר שוואַרצן, צעלאָקטן קאָפּ און אים איינגעצויגן שטיל אין איר שלאַנקן האַלז און גענומען זינגען שטיל אין זיך דאָס ליד „וואַלד, אַ וואַלד, שכינה, אַ, שכינה: איז גאַנץ בערלין פאַרשוואונדן, האָט די גאַנצע וועלט אויפגעהערט — עס האָט זיך געצויגן מעת־לעתן — לא יום ולא לילה!

אין איינער אַ פאַר־פסח נאַכט, די לבנה איז געשטאַנען אויפן הימל ווי אַן אויסגעשטעלטע סדר־שיסל און דער גאַנצער אָרום אַ בלוי־פאַרשכורטער פון די איבערגייענדיקע, גאָלד־צעבעכערטע שטערן, האָט זי גענומען „זאָגן" שיר־השירים — איך הער נאָך אַצינד קלאַפּן דאָס האַרץ אין מיר, ס׳האָט ריטמיש צוגעקלאַפּט צו יעדער נקודה — די פייגל אין די נעסטן האָבן אויפגעוואַכט און פון טירגאַרטן האָבן מיר געהערט יעדע מינוט אַ געבריל פון אַן אַנדערער חיה, וואָס האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט —

„הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים!" וואו זענען די דריי ברידער געווען? אַלע דריי, די שלאַנקע, די גרויסע, די ראַסישע זענען געווען פאַרקראָכן אין זיך. די געוואַלטיקע שטילקייט אָרום, מ׳האָט געהערט אָטעמען די וועלט —

„מראש שניר וחרמון,
ממעינות אריות מהררי נמרים".

זייער פאָטער איז געווען חזן־שוחט פון אַ גאַליציש־קאַרפּאַטן שטעטל און ווען ער האָט געהערט, אַז זיין זון דער בכור איז נתפקר געוואָרן, איז ער אַריין מיטן בלאַנקן חלף אין שלאָפצימער פון די קינדער. משה האָט זיך געראַטעוועט אין איין העמד דורך דעם אויפגעריסענעם פענסטער, די איבריקע זענען אים נאָך מיט די קליידער אין די הענט.

אַזוי זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן אַנגעקומען קיין בערלין.

דער עלטסטער האָט זיך פאַרייניקט אין אַ שיר־השירים ליבשאַפט מיט אַ לאָדזשער סטודענקע, און ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע.

ווער קאָן און ווער מעג און ווער איז ראוי אַזוינס מיט ווערטער אויפצושרייבן —

איך בין איינמאָל געווען אין זייער מעבלירט צימערל בשעת טאַטע־מאַמע

— אויך זי, די מאמע, איז געווען א שלאנקע, א הויכע, א ראסישע — האבן זייער ייִנגעלע געצוואגן —

אין דער וואש־שיסל, און כסדר צוגעגאסן הייס וואסער פונם טשייניקל, וואס האט זיך געווארעמט אויפן גאז־רינג — די הייליקע ארעמקייט!

אזא לעבן „לא יום ולא לילה״ וואלט זיך דאך געקענט ציען אן אייבי־קייט, אבער פלוצלינג איז דער פרילינג דא געווען —

דאס פעלד האט גענומען ציען, די ארבעט אויף די אקערס, צעשמעקטע היי־לאנקעס, די וואונדערלוסט איז ווידער אריין אין די ביינער: דאס פישער דארף די הארץ־בערג, די זאקסישע שווייץ, די דרעזדענער גאלעריע.

אויף חול־המועד בין איך געווען פארבעטן קיין לייפציג פון ד״ר זוהל.

* * *

איך בין שוין פון לייפציג נישט צוריק קיין בערלין! אויסגעסטראיעט ווי א „וואנדער־בורשע״, מיט א רוקזאק אויף די פלייצעס, מיט א געציי־כנטער מאפע אין האנט: איבערן פראנקן־וואלד, איבערן שווארצוואלד. פון די בייערישע אלפן־בערג דורכן רהיינלאנד אריין קיין באזל —

איז דאך יעצט אין באזל די גרויסע וואן־גאך אויסשטעלונג פון אלע זיינע בילדער, וואס א רייכער אמעריקאנער האט אפגעקויפט, און ווער ווייסט ווען מ׳וועט זיי ווידער קאנען זעען.

אבער אומבאדינגט די אלטע שטעט אין דרום־דייטשלאנד! אמבעסטן, כ׳נעם באלד א בילעט ביז פראנקפורט אם־מיין און דארט ערשט אנהייבן. איז דאך דאס פראנקפורטער געטא נאך א שטיקל אייגנס און געהטעס געבוירן־שטאט איז אויך עפּעס —

נאכן לעצטן קלונג, אין אפענעם פענסטער שרייט מיר זוהל נאך:

„גייט אריין דארט אין דער געמיינדע־צייטונג, זיי האבן איבערגעדרוקט אייערע איבערזעצטע לידער — — —״

אויפן שלעפ־צוג, פערטע קלאס, בין איך נישט געווען קיין יחיד מיט מיין רוקזאק, א גרויסן, א פול־אנגעשטאפטן, און מיט מיינע קורצע „ברישעס״.

און כאטש צווישן די דיאלעקטן, זאקסיש־בייעריש־פרייסיש, האט מיין בערלינער־יידיש ארייגעפאסט ווי א פיפט ראד אין וואגן, אבער אין דעם אומגעשמירטן וואגאנען־רעדער געקלאפט און אין דעם „בורשהאפטן״ מיידל־געלעכטער איז נישט געווען צו דערקענען „בין שיכבה לקומה״ — דאס קופּעע האט געהילכט פון די לידער און דאס אלץ אין באגלייט פון מאנ־דאלינען און באלאלייקעס — ס׳איז געווען אן „אנגעהיצטע״ אטמאספערע . . .

און אין דעם הו־הא און פארטויבנדיקן גערויש איז זיך געזעסן אין א ווינקל אויף דער פאדלאגע, מיט אפאר נאקעטע, דארע קני ארויסגעשטעקט אין דער לופט, א קורצזיכטיקער, מיט אפאר דיקע „אויגן־גלעזער״, און זיך געריבן דעם שטערן לייענדיק דאס „קאמוניסטישן מאניפעסט״—

מ׳האט געזעען ווי דער תוהו־ובוהו, דאס באלאלייקען, דאס כאאטישע זינגען, דאס הילכיקע קוצעניו־מוצעניו־געקיש שטערט אים אין זיין „לעקטירע״.

„ווייסן זי, לעזן דאך האך, ווערדע איך אויך הערן“, האב איך מיך צו אים צוגעזעצט און אויך אויסגעשטרעקט אפאר דארע, נאקעטע קני.

„עס איסט קיין שלעכטער פלאן ניכט קאמעראד“.

די גאנצע נאכט, וואס דער צוג האט זיך שלעפעריק געשלעפט — חברה שוין הייזעריקע פון זינגען, אפגעקושטע און שנארכנדיקע — און ער האט נאך אלץ מיט זיין איינטאניקייט געלעזן ווי ער וואלט דעם שנארך־קאנצערט מיט א באלאלייקע באגלייט.

איך בין געזעסן ווי באנומען, ווי פאראליזשירט — מיטגעריסן! מיינע הארכנדיקע, אויפגעריסענע אויגן צוויי דיקע „אויגן־גלעזער“. . . דרויסן איז שוין ליכטיק און איך מיר קלארט זיך אויך עפעס אויף . . .

כ׳שטעל מיך אויף א פענסטער אביסל צו עפענען! בחורים און מיידלעך פארפלאכטן אין די ארעמס, רוקזעק צוקאפנס, מאנדאלינען צופוסנס. מיין פארלעזער, די דיקע ברילן אויפן שטערן, שנאכרט.

יעצט הייב איך ערשט אן צו פארשטיין די אלע בערלינער דיסקוסיעס אין דער סטודענטן־היים, אין קולטור־קלוב, כאשינס קנעלן מיט בערגעלסאנען —

ס׳איז די אלטע דיסקוסיע, דיני ממונות — „שור שנגח את הפרה“!

עס האנדלט זיך אינם ליכטיקן, קלארן חזיון אים צו קענען צופאסן צו דער פינסטערער תוהו־ובוהו וועלט. אין די רייסערייען איבער דער „ביצה שנולדה ביום־טוב“, זאל נאר דערווייל דאס איי נישט צעבראכן ווערן —

אנגעקומען קיין פראנקפורט אם־מיין, איז געווארן א בהלה אין קופע. צווישן דער רוישיקער חברה האב איך דערזעען א צעקאכטן דעם בחור מיט די דיקע „אויגן־גלעזער“. — מ׳האט זיך גענומען גרייטן צו גיין צום „געהטע־האאוז“; אונטערגעבורמט געהטע־לידער, זיך צוגעווארפן געהטע־פראזן. ביי די פלומפן דרויסן זיך געוואשן, געקעמט, גרעטל־פריזורן אין די שפי־געלעך זיך געמאכט — דער מארש האט זיך צוזאמענגעשטעלט, די באלא־לייקעס, די מאנדאלינען האבן געקלונגען, חברה האט געזונגען. אנגעקומען אין די „יידישע געסלעך“, האב איך מיך דערמאנט אין דעם, וואס ד״ר זוהל האט מיר נאכגעשריגן מכוח דעם האנאראר אין דער רעדאקציע. איך האב מיין „קאמעראד“ איך דער ריי געזאגט, אז איך מוז דא עמיצן באזוכן. און מיר טרעפן זיך דא פארנאכט אין דער קנייפע קייגנאיבער, און פון דארט צוזאם צוגיין צום „יוגנד הערבערג“ וואס געפינט זיך ערגעץ אין א קלויסטער.

ער האט מיך געגעבן א קוק אן דורך די דיקע „אויגן־גלעזער“ אזש ס׳איז מיר קאלט געווארן: „דו קאמסט ניכט מיט צום געהטע־האאוז?. . .

אין רעדאקציע האט מיך אויפגענומען ד״ר ערנסט סימאן. אפגעוויקלט די חשבונות, זאגט ער צו מיר:

„מיר האבן דא צוויי מענטשן, וואס מוזט זיי אומבאדינגט קענען לערנען איידער איר פארלאזט פראנקפורט: מארטין בובער און פראנץ ראזנצווייג.“

„און ווער איז דער עיקר? ווייל כ׳האב קוים געציילטע שעהן“.

„גייט קודם צו פראנץ ראזנצווייג. ס׳איז אויך נישט ווייט פון דא, אין

די ראטשילד־הייזער".

איך האב דעם נאמען ס'ערשטע מאל געהערט. בובערס נאמען איז מיר שוין געווען באקאנט.

איך בין אריינגעקומען צווײ ענגע שטיבלעך. אין איינעם איז געלעגן א פארקינסאן־קראנקער אין לעצטן סטאדיום. ער איז געלעגן אויפן רוקן. קייגנאיבער אים א קאנסטרואירטע מאשין. פון רגע צו רגע בארירט זי א ציטערדיקער צעקרומטער פינגער און ס'באוויזט זיך אן אות — א סטענאגראפיש ווארט.

וואונדערלעך איז געווען דער הערלעכער קאפ מיטן צעשטראלטן תלמיד־חכם שטערן, באדעקט מיטן שווארצן געקרייזל אויף דעם ווייסן קושן. די פולע ליפן צווישן די וואנסעס האבן קוים א ווארט געקענט ארויסברענגען — עס איז צערונען אין א גאווער פונם מויל.

די שלאנקע, מער אויסגעצערטער פרוי, ווי א הייליקע צוקאפנס ארום דער שכינה —

בין געשטאנען ווי א צעמישטער, ווי פאר א וויזיע! וואס טו איך דא?

עפעס א קוואל האט זיך געעפנט אין מיר. איך האב גערעדט און גערעדט און ער האט אן אויפהער געלאכט, עפעס אזא מין ווילד־נביאיש געלעכטער.

ביי מיין ארויסגיין האט מיר די אויסגעצערטע שלאנקע פרוי געדריקט די האנט און געהאט טרערן אין די אויגן:

„מיין מאן האט שוין לאנגע ניכט געלאכט זא ווי הויטע".

איך האב נאך געהאט צייט צו גיין צו בובערן. ער האט געוואוינט גאנץ הינטער דער שטאט.

איך בין אריינגעקומען אין א זאאל ווי אין עפעס א גרויסן, רוישיקן צעשריגענעם מארק־פלאץ. ארום און ארום די ווענט פול מיט ביכער; שרייב־מאשינען — א פאבריק! אינמיטן — טישן מיט אפענע פאליאנטן.

דא איז געווען דאס אומגעקערטע! אן אויפהער האט א מענטש גערעדט מיט גרויס חריפות, מיט געוואלטיקע איינפאלן און אויב דער ערשטער האט אויסגעזעען ווי א לאכנדיקער נביא, האט דער צווייטער אויסגעזעען ווי א טרויעריקער אפאסטאל.

* * *

פון דער גאלעריע איבער דער שטוב, פון צווישן די ביכער, איז אראפ־געקומען א דאמע מיט א טאץ קאווע און קוכן.

מיטן טעפעלע קאווע אין דער האנט איז מארטין בובער צוגעגאנגען צו א שאנק, ארויסגענומען א שריפט, א מין פעסטלעכן פראגראם — עס איז געווען צו א הונדערט־יאריקער פייערונג פון א סינאגאגע, האכט זיך די מינכענער, און דארט איז געווען איבערגעדרוקט א ליד פון מיין „און דו ביסט ג־אט" אין ד"ר זוהלס איבערזעצונג.

ער האט צוערשט געוויזן מיר און דערנאך דער פרוי. זי האט לייטזעליק געשמייכלט, האלטנדיק אין האנט דעם סינאגאגען פעסטלעכן פראגראם, גע־

קוקט אויף מיינע „בריטשעס״ — עפעס האט איינס מיטן אנדערן זיך נישט געפּאַרט . . .

* * *

ווען כ׳בין צוגעקומען צו דער אָפּגערעדטער קנייפּע איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט. דרויסן פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ בענקל מיט אַ האַנטוך אַ סימן, אַז ס׳איז שלאַכט־פעסט.

איך בין טאַקע געבליבן ליגן מיטן רוקזאַק צוקאָפּנס אין דער שטוב, וואו דאָס געשלאַכטעטע חזיר איז צורעכט געמאַכט געוואָרן. בלוט־פלעקן האָבן זיך נאָך אַנגעזעען אויף דער פּאָדלאָגע און פון אַלע שטובן אַרום האָט עס געהילכט מיט שכורע קולות, מיט כאָרכלענדיקן טומל, מיט יללה־געזאַנגען, מיט ווייבערישן געקוויטש.

כ׳בין אָבער מיד געווען פון די דערלעבענישן פונם טאָג, פון דער קאָנ־צענטרירטער נאַכט ביים צוהערן פונם טומל דאָס לייענען פונם „קאָמוניס־טישן מאַניפעסט״, אַז אין דעם שכורן און תאווהדיקן רעש און ביר־טומל בין איך אַ וואַרפנדיקער אין שווערע ווילדע חלומות. סוף־כל־סוף אָבער האָב איך געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער.
— המשך אין קומענדיקן נומער —

אַ מעשהלע פון אַ פאַרשוואונדענעם למד־וואָווניק

(אַ מתנה רבי שפּערבער צו זיין שנה־ראשונה אין ירושלים)

ווען ער איז אין שטעטל דאָ אָהערגעקומען,
קיין איינער שוין קאָן זיך נישט מער דערמאַנען;
אייביק אַזוי ער וואָלט שפּאַנען פון טיר צו טיר,
אויף באַשידלעס וועגן זיך שווער צווי קאָנען —

אַ וואַגשאַל אַזאַ וויגט זיך איבערן שטעטל,
די גאַלע גוטסקייט פון האַרץ אויסצוּוועגן;
אין זיינע אויגן אַ שווייגנדיקע תשובה,
נאָך איידער וועד גרייט אים עפּעס צו פרעגן.

פולע עמערס וואַסער איבערגייענדיקע,
מים־חיים טראָגט ער אין אַלע שטיבער;
יעדע צעקרומטע שוועל, וואָס ער טרעט אַריבער,
ווערט באַשפּרענקלט מיט אַ גוטסקייט אַזאַ ליבער.

נישט מען זעט אים דאַוונען, נישט מ׳הערט אים לערנען,
טאַפּטשעט אין די שטיוואַלעס, צו זיך רעדט ער;
ווינטער פון אונטער די קריע־שטיקער שעפּט ער,
ס׳רייסט אַ זאַווערוכע, ס׳בייסט וויגע־וועטער.

אייז־צאַפּנס הענגט זיין אַטעם אויף זיין באָרד און וואָנס,
די הענט פאַרפרוירענע, צעשעקעט רויטע;

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

Sept–Nov

נומער 9־7 (העפט 406) 33־סטער יאר סעפ.־אק.־נאוו. 1972 לאנדאן

Numbering sequence jumps from 402

אינהאלט:

לכבוד חנוכה תשל״ג, די לעצטע תפילה פון אר״י הקדוש .... ** 3

יאנוש קארטשאק (צום 30׳סטן יארצייט) ליד. .... יאקוב דזשערנאווסקי 9

דער חלום פון שלום אין פארכשופטן וועלדל. (א מעשה) דוד בערמאן 10

פאר מיין לאבערנום בוים. פריינט ב. רובין 72סטן געבורטסטאג

.... עלא זילבערג 13

דער טונקעלער־הומאריסטישער שרייבער אין קאירא .... יוסף וויינשטיין 14

חלום שפיל (ליד) .... רבקה קאפע 20

דער נישט־אנגעקומענער טאג (דערציילונג) .... דזשיאוואנני פאפיני 21

פארן לעצטן געראנגל, אקטאבער לידער בערנארדל .... א. נ. שטענצל 27

דער גרויסער נס, יידישע ארטיסטן און פריינט .... סעם גאלדבערג 36

יידיש טעאטער אין לאנדאן .... י. מ. 39

אין אונזער גארטן (ליד) .... רות באכנער 40

וועגן (ליד) .... יוסף רובינשטיין 40

מוזיק .... מאיר באגדאנסקי 41

לאנדאנער קולטור־ידיעות

יידיש־ליטעראַרישער שבת נאכמיטאג. יעדן שבת 3 א זייגער
אין בערנאַט באַראַן סעטלמענט הענריקעס סטר. 33, א.1, איינטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

עלא זילבערג ווינטשט א. נ׳ שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

צוויי-דריי מאל, אבער כ׳האב נישט באקומען קיין ענטפער. האב איך מיר געפאסט מוט, טראכטנדיק אז א ליבהאבער מעג אמאל פארגעסן עטיקעט, און האב אויפגעעפנט די טיר, בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל.

דאס צימער איז געווען פול מיט רייכע קליידער אנגעווארפן דא און דארטן ווי מיט רוגזה בעת א רויבעריי. פיר קאנדעלבארעס אויסגעשפרייט ארום א צאנקענדיקן גרויסן שיין. די פרינצעסין איז געזעסן אויסגעשפרייט אויף א פאטעל פאר א שפיגל, אנגעטון אין איינס פון די שענסטע קליידער, וואס איך האב ווען עס איז געזען.

איך האב זי גערופן און זי האט נישט געענטפערט.

כ׳בין צוגעגאנגען, האב זי אנגערירט און זי האט זיך נישט באוואויגן. איך האב דעמלט איינגעזען, אז דאס פנים אירס איז געווען ווי כ׳האב עס אלעמאל געהאט געזען, קליין און ווייס, און אביסעלע טרויעריקער ווי גע־וויינלעך און אביסעלע דערשראקן. כ׳האב ארויפגעלייגט מיין האנט איר אויפן מויל און האב נישט געפילט קיין שום אטעם — האב זי ארויפגעלייגט איר אויף דער בריסט און האב נישט געפילט קיין ריטם.

די פרינצעסין איז געווען טויט — זי איז זיס געשטארבן, פלוצלינג, בשעת זי האט דערשנאפט פארן שפיגל דאס אומקערן זיך פון איר שיינקייט.

א בריוו, וואס כ׳האב געפונען אויף דער ערד, לעבן איר, האט מיר אויפגעקלערט דעם סוד פון איר פלוצימדיקן סוף.

דער בריוו האט אנטהאלטן אייניקע שטראם-גלייכע שורות שריפט און געזאגט :

„איידעלע פרינצעסין,

עס טוט מיר אויפריכטיק באנג וואס איך בין נישט בכוח אייך אומצוקערן אין קורצן דעם לעצטן טאג יוגנטלעכקייט, וואס כ׳בין אייך שולדיק. עס געלינגט מיר מער נישט צו געפינען גענוג אינטע־ליגענטע פרויען צו גלויבן מיין אומגלויבלעכער הבטחה און מיין טאכ־טער איז אין א סכנה.

„איך וועל נאך פרובירן אויפסניי און וועל אייך געבן צו וויסן די רעזולטאטן, ווארום עס איז מיין ערנסטער וואונטש אייך צופרידן צו שטעלן ביז צום סוף.

„גלויבט מיר, הויכגעשעצטע פרינצעסין,

„אייער איבערגעגעבנסטער . . .״

די אונטערשריפט איז נישט געווען לעזבאר.

איבערזעצט פון איטאליענישן אריגינאל, א. אלמוג

א. נ. שטענצל

פארן לעצטן גראנגל

2

נישט איך האב מיך אויסגעקענט אין דייטשלאנדס געאגראפיע, נישט קיין סך געוואוסט פון דער גערמאנישער געשיכטע; מיטן ביסל דייטשע

ווערטער אין מויל, מיט די פאר אפגעציילטע מארק אין קעשענע, די קורצע „בריטשעס“ איבער די דאר־נאקעטע קני, האב איך מיך געלאזט איבערן פייגל־צעזונגענעם, שטילן פראנקן־וואלד, איבערן טונקל־שאטנדיקן, שטראלן־צעציטערטן, ווינטן־וואיעדיקן שווארצוואלד, איבערן זוניק־קרישלדיקן אלגוי, צו די ליכטיק־ריזיקע אלפן.

דאס וואנדערן אין דער זאקסישער־שווייץ, אין די הארץ־בערג צום „בראקן“ ארויף, ארום דער אסט־זעע, איז די נאטור נאך — געווען מיינע — א מזרח־אייראפעאישע.

אבער אפשר כדי אוממיטלבאר פארכאפט צו ווערן פון דער ווילד־פרעמדער, גערמאנישער לאנדשאפט; צו דערשפירן דאס קולטיווירט־באצוואונגענע, מיט טויזנט וועג־ווייזערס געארדנטע, איז אפשר דווקא די פרימיטיווקייט טאקע נויטיק . . .

דאס נאטירלעכסטע, דער נאטירלעכער־וועג צו דערפילן; ס'האט געציטערט אין מיר, אין מוראדיק פרעמדן וואלד א היימישער תפילת־הדרך —

דער חשכות־גדיכטער צווייג־געדויש איבער דיר — הענט שטרעקן זיך נאך דיין פארשכורט־צערוישטן קאפ! — דערווארצל־געפלעכט אונטער דיינע פיס — פאנג־נעצן זיינען אויסגעלייגט! און טויזנט וועגווייזערס ווייזן דיר טיף אראפ אין א פינסטערן טאל, וואו אלע רוחות און מכשפים קאנען דיך באגעגענען, אלע ווילדע געטער — וואטאן אליין מיט זיין דעמבענער פולקע! נאך גוט וואס דו קענטס כאטש די גוטע מכשיפה פון די ברידער גרים . . . דער פארשטעלטער בער זאל מיך נאר נישט אויפרעסן . . .

דו דערקלעטערסט, דיך קלאמערנדיק מיט הענט און פיס, דעם צעדרייט-משופעדיקן ווילד־צעהויקערטן בארג, וואס נאר א צעהרגעטער, מיט צעבראכענע הענט און פיס, קאנסטו דיך צוריק אראפקוילערן און בלייבסט שטיין א נשתוממדיקער אויף א רויט דעכל —

א דערפל א לילית־לאכנדיקס! א תאווהדיק־צעגאווערטס — זילבער־ריטשקעלעך פארקליינגען דעם בערג־געראנגל ארום און ארום.

ס'איז היי־שניט, ס'איז פרילינג־פארנאכט. קלינגט דאס קלויסטערל צו א לעצטע תפילה אדער די בלאנקע קאסעס, וואס דערווייטערן זיך בלוטיק־טריפנדיק אין זון־פארגיי?

דו שלאפסט איין אויף אזא פריש־געשניטענער היי־קופע, א קלאווער־שמעקעדיקער, א חושים־פארטויבנדיקער — טויזנט און איין נאכט.

בין איך נישט היינט געגאנגען דורכן „פאראדיז־וועג“, וואו טויזנט וועגווייזערס האבן מיט שטעכעדיקע פינגער, ווי מיט שפיזן אהין געוויזן?

א גאנצע נאכט א פיבערדיקער מיך געווארפן און א פארמאטערטער אויפגעוואכט שכורלעך־וואקלענדיק, א פארחלומט־פאשפינטער אין דעם נעפל ארום, איבער די בערג פיקט זון זיך ארויס אזא בלוטיקע — א ווילדער פויגל!

דאס אנקומענדיקע „יאדל“־געזאנג, דאס פריש־געשארפטע קאסע־געקלאנג און דו בלייבסט שוין שטיין צווישן די לאכנדיקע „הארקערינס“ מיט א

גראבליע אין דער האנט און דו פילסט ווידער דעם זיסן טעם: „בזיעת אפיך תאכל לחם“. אפנים, אפילו די קללה פון ג־ט פארוואנדלט זיך אין א ברכה.

ביינאכט, מיך לייגנדיק שלאפן אין דארף־קנייפעלע, „צום שווארצן בער“ האב איך ערשט געזעען, אז מיינע קעשענעס זיינען ליידיק. און נאך דער אכילה־גסה, נאך א לאנגן טאג שווערער ארבעט, האב איך „געחמורט“ ווי א געהרגעטער.

א גוט־אויסגעשלאפענער, א זאט־אנגעגעסענער, מיט א שפאר ביסל קליינגערס אין דער טאש, האב איך מיך נאך א דריי־פיר טעג ווידער ארייגעדרייט אין א וואנדער־„בורשן“ חברה און זינגענדיק און הארפן־קלינגענדיק אנגעקומען אין א יוגנט־„הערבערגע“ אין א זיד־דייטש אלט שטעטל צי שוין גאר אין א רהיינלענדישן — ווער קען זיך אויס?

חברה, אפנים, האבן זיך יא אויסגעקענט! דארט ערגעץ ארום הוסטס קבר האט זי זיך געטיילט — טייל אראפ אין רוהר־געביט, טייל ארויף קיין היידלבערג.

דאכט זיך כ׳האב אים געזעען יענעם מיט די דיקע אויגנגלעזער, מיט די דארע, שלאנקע קני, וואס קוקן אים ארויס פון די אביסל צו קורצע „ברישטעס“.

ער איז געוועזן צו פארטון מיט זיך — ער האט נישט געקענט זיך אנטשליסן וואו זיך אנצושליסן.

יא, נאך דער מפלה, וואס דאס דייטשע קייזערטום האט געליטן אין דער מלחמה פון 1914-1918, האט די ראמאנטישע שטאט־יוגנט געזוכט זיך אפצופרישן אין די אלטע, געשיכטלעכע שטעט, אין די גערמאנישע אור־וועלדער — אין סאנץ־קנעכט זיך צו פארוואנדלען, אין וואנדלדיקע ריטער...

טיפע טייזל־טאלן, ברויזנדיקע וואולקאנען־לאוועס, באדעקטע מיט זיך קרישלענדיקע קלויסטערלעך, מיט פאלאצן־חרבהלעך — פון קולטיווירטן גרינס און בלומען־צוכט קוקן ארויס אויפגעטאקטע הייזלעך מיט רויטע דעכער — אונטער וועלכע ס׳שלאפן פארכשופטע פרינצעסינס...

דער צוועק פון „מיין געראנגל“, די פראזע־בלעטלעך פון די לעצטע יארן זיינען אבער נישט קיין טעווטאנישע נאטור־שילדערונגען, אפילו נישט קיין אוואנטוריסטישע שטיק פון א יידישן „פאטלינג“ — א תינוק שנשבה בין העכו״ם און פארכלינעט זיך מיט דויטשע ראמאנטיק.

מיין צוועק אצינד איז געוועזן צו קומען אין דער שווייצערישער שטאט באזל אריין, וואו די יוגנט־בילדער און ערשטע צייכענונגען פון ווינצענט וואן־גאך זיינען אויסגעשטעלט איידער זיי ווערן אפגעשיקט קיין אמעריקע, אפגעקויפט פון א דארטיקן, רייכן קונסט־הענדלער.

עס זיינען דאך געווען העמלט יענע וואן־גאך יארן א לעצטער, גרויסער אויסגאנג נאך פון געוואלטיקע קונסט־עפאכעס, צעטומלטע מיט משוגעת־טעאריעס. און דא האט א ראמאנטיש־טרוימעריש הארץ, ביז משוגעת ממש, אפגעשלאסן א לעצטן אויסגאנג פונם קלאסיציזם מיטן אימפרעסיאניזם —

געפֿונען אײן גאַנצקײט פֿונם אַרום מיטן איך — דעם שורש פֿונם עקספּרעסיאָניזם!

זײַנע זון־ברענענדיקע סלאָנעטשניק־בלומען, זײַנע װילד־רױשנדיקע ציפּרעסן זײַנען פֿײַער־שפּײַענדיקע לאָװע־שײַנקײטן — גאָט רױשט נאָך צװישן זײערע בלעטער: „איכה“ — מענטש װוּ ביזט דו?

עס איז געװען די צײַט, װען די יוגנט איז פֿאַרכאַפּט געװען פֿונם מענטש און קינסטלער װינצענט װאַן־גאָך.

בכל־אופֿן, אַזױ איז עס געװען בײַ מיר!

קײן סך האָב איך נישט געזען מער אין די צײכענונגען פֿון זײַנע יוגנט־יאָרן, אַחוץ די ערשטע פּרוּװוּן צו זײַנע „קאַרטאָפֿל־עסער“! — װי האָט דער מענטשלעכער ברען פֿון יענע יוגנט־יאָרן שפּעטער געװאַלטיק אױפֿגעפֿלאַמט אין זײַנע ציפּרעסן — די עטיש־עסטעטישע האַרמאָניע פֿון אײן מענטשלעכע גאַנצקײט.

יאָ, דאָס אַלײן האָט שױן געלױנט און איז שױן גענוג געװען! נאָר אפֿשר איז דער צװעק נישט רק געװען די יוגנט־צײכענונגען פֿון װאַן־גאָך, גאָר דאָס אונטערבאַװוּסטזײַן צו קענען זײַן אין סאַנקט־גאַלען. עס איז דאָך טרודע זש, די װוּנדערלעכע און זיך אַזױ אַרײַנגעטועטע — אפֿשר די אײנציקע אין דער סעגאַל־שולע, װאָס אירע צײכענונגען מיט איר גופֿא האָבן אַזױ טיף האַרמאָנירט — העמלט פּאָר דרײַ יאָר אַהײמגעפֿאָרן און גאָרנישט פֿון איר געהערט . . .

ערגעץ איז דאָך סאַנקט־גאַלען אין דער געגנט פֿון ציריך — בין איך אַהינגעפֿאָרן נאָכן זען די אױסשטעלונג, נאָך געכאַפּט אַ בליק אױף האָלבײַנען — איז דאָך גאַנץ באַזל פֿול מיט אים!

געקומען קײן ציריך, איז װאָו גײט מען אין דער פֿרעמדער שטאָט? געקױפֿט די ייִדיש־דײַטשע צײַטונג, אױפֿגעזוכט דעם אַדרעס, האָט זיך מסתּמא־מילתא געװען, אַז די סעקרעטאַרין איז פֿון סאַנקט־גאַלען און אַז זי איז אַ פֿרײַנדין פֿון טרודע זש און זי װײסט פֿון איר, אַפֿילו פֿון מיר.

יאָ, זי האָט מיר אַסך צו דערצײלן! יעצט אָבער גײט די צײַטונג צום דרוק און יעדע מינוט איז צופֿיל. „פֿאַרנאַכט טרעפֿן מיר זיך אונטן, דאָרט אַקעגנאַיבער אין קאַפֿעע“.

* * *

עס איז געװען אַ װוּנדערלעכע סוף פֿרילינג נאַכט און מיר זײַנען געזעסן אױבן אױפֿן ציריכער באַרג — און אַנגעצונדענער קאַלײַדאָסקאָפּ־לאַמטערן האָט זיך די שטאָט געדרײט אַרום אים. אױף אַ באַנק, גאַנץ פֿאַררוקט אין אַ װינקל, זײַנען מיר געזעסן און איך האָב געהערט אַזױנס, װאָס דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען מיטדרײען —

„װען טרודע איז אַהײמגעקומען פֿון דער סעגאַל־שולע האָט זי זיך אין דעם קלײנעם שפּיסבירגערלעכן סאַנקט־גאַלען דאָ קײן אָרט מער נישט געפֿונען. איך פֿלעג אַסך צוזאַמען זײַן מיט איר אין יענע טעג. זי האָט מיר

אסך דערציילט. „אייך פון אייך :" האט זי מיך, די דערציילערין, בשעת מעשה באגלייט מיט אויפגעגלאנצטע, שארפע אויגן.

„אין איין טאג בין איך ארויפגעקומען צו איר, האט מיר איר ברודער געזאגט, אז זי איז געפארן קיין פאריז, זי וויל דארט ווייטער שטודירן מאלעריי . . .

איין קארטל האב איך פון איר: „א בארימטער ארכיטעקט האט זיך אין איר פארליבט".

אלץ איז געגאנגען „לויט דער פארשריפט"! ווען זי האט געברויכט גיין צו קינד, איז זי אהיימגעקומען.

„יא, זי אבער גארנישט אויסגעזען ווי א פארליבטע . . ."

זי האט געהאט דאס קינד, אבער זי איז שוין נישט מער אהיימגעגאנגען.

די עלטערן האבן צוגענומען דאס קינד און זי געפינט זיך שוין איבער צוויי יאר אין א סאנאטאריום.

ניין, עס האט קיין צוועק זי צו באזוכן. זי דערקענט סאי־ווי קיינעם נישט.

יא, אזוי זיינען זיי די גאנצע מענטשן: זיי קאנען זיך נישט טיילן און ווען זיי טוען עס, ווערן זיי צעבראכן.

האב איך דאס ארויסגערעדט אדער די כישוף־לאמטער היינטן, וואס האט זיך געהאלטן אין איין דרייען?

מיר זיינען געזעסן א לאנגע צייט שטיל. ווען כ'האב אויפגעהויבן די אויגן, האט זיך די לאמטערן אונטן נישט מער געדרייט און אויבן האט דער הימל גענומען גרויען.

איך האב קיין וויזע אין דער שווייץ נישט געהאט, אפילו נישט קיין פאס. איך האב געהאט א „פשעפוסטקע" קיין באזל, אזוינס וואס גרענעץ־איינוואוינער באקומען אויף דריי טעג. איך האב דערציילט דעם גרענעץ־באאמטן דעם צוועק פון וועלן אריבער גיין קיין באזל און ער האט מיר געגעבן די עצה . . . היינט איז געוועזן דער דריטער טאג און איך האב אים נישט געוואלט אנטוישן.

„די סעקרעטארין" האט מיך געבראנגט צו דער באן.

אידהאב באשלאסן די צוריק־טור צו מאכן דורך מינכן; זעען די בילדער פון דער אלטער און דער נייער פינאקאטעק, טרעפן דארטן די תושבים פאעטן, יוסף הלל לעווי און שינדלערן, און ווי שייך האבן א שטיקל אוונט און ממילא שוין אנגעקומען קיין בערלין מיט א באן־בילעט און מיט אביסל מזומנים אין טאש.

נאטירלעך, האט מען מיך ביי יוסף הללן אויפגענומען ווי אן אייגענעם, צונויפגערופן אין אן אוונט די פאר „יידישיסטן" פראוון ליטעראטור, מיך געזעצט אויבנאן, געהאלטן רעדעס. זיכער וואלט זיך צונויפגעקליבן אויפן „באנקעט" די פאר גראצער, וואס זיינען נויטיק אויף א פערטע קלאס בילעט פון מינכן קיין בערלין — לעווי האט זיך געפילט ממש א מחותן . . .

אינמיטן „פראווען“ האב איך א פארנודיעטער דערפילט די קליין־ביר־גערלעכע, בעל־ביתלדיקע איינגעארדנטקייט און אז כ׳בין דא, סך־הכול, אריינגעפאלן מיט מיין רוקזאק און „בריטשעס“ ווי א יוון אין דער סוכה. האב איך מיך „בשיחו לבתומו“ א דריי־ארויס געגעבן אינם קארידאר אריין, גענומען מיין רוקזאק און „הלך משה מרדכי“!

דעם אדרעס פון דער „יוגנט־הערבערגע“ אין מינכן האב איך געהאט. אפשר וועל איך אים דארט טרעפן, יענעם קורצזיכטיקן מיט די דיקע אויגנגלעזער נאך אלץ לייענענדיק דעם „קאמוניסטישן מאניפעסט“.

ניין, איך האב אים נישט געטראפן! אבער קלאר איז מיר שוין דעמלט געווען, אז יענע יאהודימשע, גרויס־בירגערלעכע וועלט־פרעדיקער פון מאנאטעאיזם און דער יידישער „הויזירישער“ פראלעטאריאט מיטן אינטערנאציאנאליזם, ביידע טראגן זיך ארום מיטן „היתר מאה רבנים“ פון אסימילאציע — זיי מוזן דאך האבן עפעס גרויסעס, כדי צו מעגן אנטלויפן פון זייער קליין, ארעם פאלק צו א גרעסערן א רייכערן.

א, ווי דרייט מען זיך דאס ארויס פון דעם דושנעם און טובלען קליין־בירגערטום? ווילאנג קאן מען זיך דאס דרייען אויפן קארק?

יא, איך מוז שוין גיין אזוי מיך וואגל־וועג — ער ציט זיך דאך, דער רויטער פאדעם — ווארשע־ווילנע איבער מאסקווע־ניו־יארק. א, ער טאר נישט איבערגעריסן ווערן.

יא, דער זיידענער פאדים פון אונזער מאדערנער פאעזיע מוז וויטער געשפונען ווערן, און ווי אבער אז ס׳וועט זיך ארויסשטעלן, אז עס זיינען גרויע שפין־פעדים און טויטע פליגן גוססדיקע, זשומענדיקע צאפלען דערין.

ממש מיך ווארפנדיק א גאנצע נאכט אויף דער מאטראץ אין דער מינכענער „יוגנט־הארבערגע“ א פליג אין שפין וועב, איז מיר געגאנגען דורך די געדאנקען ווי א וועב־שיפל די טרילאגיע: „משה מאץ“, „יאסקע בעל־מום“ און „דער פרעסער“.

ארויסגעבנדיק מיין לעצט ביכל אין בערלין, „פון דער היים“, עפישע לידער איבערן בעל־שם, דעם בראצלאווער, דעם רבין ר׳ אלימלך דעם ייד־הקדוש, דעם קאצקער, האב איך אויפן לעצטן זייטל אנאנסירט די טרילאגיע און זי האט געזאלט באלד דערשיינען.

דעם 18טן נאוועמבער, 1936, האב איך געמוזט שנעל עוקר זיין פון בערלין. פון אלע מיינע כתבים האב איך נאר דעם איינעם מאנוסקריפט מיט מיר מיטגענומען. און מיין טאטנס צוואה. ליגן זיי נאך פארפאקט אזוי אונטער א בארג ביכער און שמות, און וואס פון יאר צו יאר ווערט ער גרעסער און שטויביקער. איך האב מיך מורא צו דעם בארג צוצורירן.

* * *

ווי בקיצור איך מוז מיך נישט האלטן, דאס אבער מוז נאך אויפגעשריבן ווערן — „מעז יצא מתוק“!

פון מינכן קיין בערלין גיי איך מיט חברה, וואס האבן געהאט „לאנד־

קאַרטאָן", — ירושות פֿון זייערע געהרגעטע טאַטעס, די מלחמה־העלדן. —
און אַט זע איך פֿונעם שטעטל, וואו מיר זײַנען איצט, איז בסך־הכּל אַ דרייסיק קילאָמעטער קיין אייבעק, וואו די קראַנק, זיך אויסרוענדיקע עליזאַבעט וו. איז אין דער היים דאָרט בײַ אירע עלטערן, אין איר געבוירן־שטעטל.

די לאַנדקאַרטע איז אויסגעשפּרייט אויף אַ פֿויעריש וועגעלע אינמיטן מאַרק — אַ בינען־צוכטער, וואָס פֿאַרקויפֿט עמערלעך האָניק פֿון זײַן בינ־שטאָק; און וואָס קאָן שוין זײַן בעסער און היילנדיקער פֿאַר „אונגעריפּענע" לונגען ווי בינען־האָניק? — ס׳שטייט טאַקע „לא מדבשך ולא מעוקצך". אָבער מ׳קוויקט־זאָך מיט אַ ביסעלע זיסן האָניק . . .

כ׳געזעגן מיך מיט חברה, קויף אַזאַ עמערל האָניק און לאָז מיך קיין אייבעק מיטן רעכטן פֿוס.

* * *

צוריק אין בערלין, איז וואו גייט מען, וואו לייגט מען אָפּ דעם רוקזאַק? מילא, אין „בריטשעס" וועל איך מיך שוין אָראָפּשלעפּן ביז איך וועל אַרויס־וואַקסן פֿון זיי . . .

איך קום אין דער אויגוסט־שטראַסע, בײַ די בראַנשטיינס איז געשלאָסן. העלאַ האָט חתונה געהאַט מיטן לאַנגן רייך; מאַקס האָט שוין אָן אָפּן געשעפֿט אַרום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ — דאָס הייסט מרים! — מאַקס איז אין ווײַמאַר אין „באַאו־האַאוז".

איך לאָז מיך אַרויף צו שמואלן. אויבן איז תּמיד לעבעדיק: אַבֿרהם מרגליות, נחמיה מאַסטבוים. מ׳דיסקוטירט, ס׳קאָכט זיך: קונסט־טעאָריעס, סאָציאַל־רעפֿאָרמערס, מ׳פֿאַרבעסערט די וועלט, מ׳פֿאַרשענערט זי . . .

שמואל דערפֿריידט זיך מיט מיר און פֿירט מיך אַרײַן אין קיך אויף אַ „סוד" —

עטאַ פֿעדערן־קאָולהאַוז, דו ווייסט, וואָס האָט איבערגעזעצט מײַן „לע־גענדע", איבערזעצט איצט דײַן „פֿישער־דאָרף", אָבער זי קען נישט אַרויס דערפֿון, זי מוז דיך זען! זי האָט שוין פֿאַרענדיקט, אָבער עפּעס קלייניקייטן."

„וויאַזוי, וואָס? איך האָב דאָך גאָר אינגאַנצן אין כּתב־יד, און דאָס —

„דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס!"

עפּעס הייב איך שוין אָן צו פֿאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך. עפּעס שטויס איך מיך אָן.

„ווייסט וואָס, גיב מיר איר אַדרעס. איך לאָז דיר דעם רוקזאַק דאָ אַ משכּון און איך פֿאָר תּיכּף אַהין צו איר".

איך מוז נאָך צוריק אַרײַן אין שטוב. ביים צוגיין, נעמט מאַסטבוים מיט דעם רוקזאַק און ביז 12 האַלבער נאַכט, אַז כ׳קום צוריק וועל איך בײַ אים אָנקלאַפּן אין טיר.

איך לאָז מיך אויפֿן אַדרעס פֿון עטאַ פֿעדערן־קאָולהאַוז.

— שלוס פֿון קאַפּיטל אין קומענדיקן נומער —

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1־12 (העפט 8־407) 34־סטער יאר דעצ.־יאנואר 1973 לאנדאן

Dec. 1972-Jan. 1973

אינהאלט:

„א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס און די גאנצע מעשה לאזט זיך אויס", יאזעפוס פלאוויוסביים שרייבן דאס קאפיטל מאסאדא *** 3

אונזער צווייטער באזוך אין ארץ־ישראל .... מאיר ניסנבוים 8

א מצווה (ליד) .... רבקה קאפע 10

צוויי פעלטשערס, דער שטרייקער שמואל סטאניסלאווסקי און דער צאר ניקאלאי (סקיצן) .... יאקוב דזיערגאווסקי 10

פארן לעצטן גערעאנגל, דאס ווינטער ליד פון דעמב, חמשה־עשר בשבט ראש־השנה לאילנות, שמשון הגיבור און גלית הפלישתי (פראזע און פאעזיע) .... א. נ. שטענצל 12

הערמאן פעניגשטיין ע"ה .... בערנארד מענדעלאוויטש 23

נייןציקסטער געבורטסטאג (ליד) .... עלא זילבערג 24

לאנדאנער קולטור ידיעות

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

מען האט אויך געוואוסט, אז א יונגערמאן פון אונזער שטעטל, א שניידער-געזעלן, וואס ארבעט אין ווארשע, איז פון „יענער חברה".

ווען שמואל איז אמאל אהיימגעקומען אויף שבת אהער יום-טוב צו זיינע עלטערן, האט מען אויף אים אנגעוויזן מיט שרעק: דא גייט א שטרייקער.

מען האט דערציילט, אז איינמאל איז שמואל ארויפגעקומען א צעקאכ-טער צו זיינע עלטערן אין שטוב, האט געכאפט א קיך-מעסער און אנגע-הויבן שארפן. די מוטער זיינע א דערשראקענע, פרעגט אים: שמואלשי, וואס טוסטו? „ניין, מאמע — האט שמואל אויסגעשריגן. — ניקאלאי טאר ביי מיר נישט זיין קאן קייסער!"

שמואל סטאניסלאווסקי איז געווען א שטיקל פראנט-פאצעט, זיך ליב געהאט ציכטיק צו קליידן, גא שיין אויסגעפרעסט אנצוג, לאקירטע שיך און א הארטן קאפעלוש. א ווייס-געפרעסט העמד מיט שטייפע מאנקעטן, א בעסערן קראוואט מיט א זילבערנע טשילקע-שטעקן דערין, וואס אין זאקראטשים האט מען אין יענע צייטן, אזעלכעס נישט געזען. שמואל האט זיך געהאלטן גרויס קעגן זיינע חברים מיט זיין שיין אנטאן זיך, ספעציעל מיט זיין הארטן קאפעלוש.

זיינע חברים האט דאס שטארק פארדראסן שמואל'ס בלאזן זיך קעגן זיי, האבן זיי באשלאסן אים אפשפילן א שפיצל.

שמואל און זיינע חברים זענען געווען פארזאמלט אין א שטוב און פריילעך פארברענגט, האט איינער פון זיינע חברים, אייזיק, אים געבעטן צו געבן אים דעם הארטן קאפעלוש אנצומעסטן, צו זען ווי עס קליידט אים. אייזיק שטייט קעגן שפיגל באטראכט זיך ווי ער זעט אויס אין הארטן קאפע-לוש, הערט ער ווי איינער שרייט אויס, אייזיק! דו ווייסט גארנישט, דיין באבע איז געשטארבן! וואס? וויינט ארויס אייזיק, מיין באבע איז געשטארבן? ווי איז מיר! מיין באבע איז געשטארבן! און הויבט אן זיך שלאגן מיט זיינע פויסטן אין קאפ אריין, פארשטייט זיך, אז די קלעפ זענען געפאלן אויף דעם הארטן קאפעלוש.

שמואל א דערציטערטער, שרייט, אייזיק! דו צעברעכסט דאך מיין קאפע-לוש, אייזיק ווידער, מאכט געוואלד, אוי ווי איז מיר, מיין באבע איז גע-שטארבן און שלאגט דעם הארטן קאפעלוש.

א. נ. שטענצל

פארן לעצטן געראנגל

3

די היסטאריע פון דער געשיכטע הייבט זיך אן מיט אזא מעשה:

דעם פארגאנגענעם ערב-פסח בין איך געזעסן אין ראמאנישן קאפע במעט איינער אליין. איילט אדורך ארנאלד צווייג צווישן די ליידיקע טישלעך ווי ער וואלט וועמען זוכן; איז זיין קורצזיכטיקער פריינטלעכער בליק ממש ארויפגעפאלן אויף מיר — אט איז ער טאקע וועמען ער זוכט! הייסט עס.

זיך האב, מסתם, אויסגעזעען ווי א „חמצדיקער ברכו“ — ס׳איז דאך ערב־פסח ! . . און ער ווי א ייד, וואס זוכט א בכבודיקן אורח צום סדר.

ער זעט זיך דאך נישט יעצט אנידערזעצן ביי א טישל אנגעשטעלט מיט חמץ, בלייבט ער שטיין אויף איין פוס מיט א העלדישן ערנסט און זיין קול כלומרשט ווי פון פוצן־זייט:

ער האט געהערט פון דער לאסקער־שילער, אז כ׳האב אנגעשריבן א זאך. זי וואלט געוואלט איבערזעצן, אבער אזעלכע ייִדיש קאן זי דאך נישט — אן עלבערפעלדערין! איך בין דאך אבער א שלעזישער, ממש א קאטאוויצער, פון א דערפל אויף דער זייט — גיט זי מיר!

און שבעל האט זיך דער טאן געענדערט, ממש שלא מן הענין; אבער די פריילעכקייט, די יום־טובדיקייט פונם ריידן איז געווען, אז ס׳איז דאך געבליבן ווי אן ענין מתוך הענין:

„ווייסט איר וואס, גייט אהיים, מאכט זיך פסחדיק, זייט ביי מיר מיין אליהו הנביא־גאסט צום סדר און ברענגט מיט די זאך“.

„כ׳ברויך נישט ערשט אהיימצוגיין, כ׳האב די זאך דא ביי מיר. ס׳וועט אבער זיין צו שווערלעך איינצובייסן — ס׳איז אביסל מרורדיק“.

מיר האבן ביידע א הנאה געהאט פון אונזער יידישלעך־היימישן שמועס — ער נאך מער ווי איך.

ווי ווייט איז זיין פרייסיש געבוירן־שטעטל — ער האט אנגערופן דעם נאמען — פון מיין טשעלאדזש? קיין צוויי פוילישע מייל נישט! און די פסח־אטמאספערע און די סדרים־זכרונות, די קינדהייט־נאסטאלגיע — מסתם די אייגענע . . .

איך האב ארויסגענומען דעם כתב־יד פון דער בוזעם־קעשענע און אים געגעבן.

„א, ערשט נאך ווארעם, א מצה של מצווה פון אויוון ארויס:“ פונם אויסזען פונם מאנוסקריפט האט ער פארשטאנען, אז אויב איך מוז ערשט גיין מיך „יום־טובדיק מאכן“, קום איך שוין בעסער איינגאנצן נישט. האט ער שנעל צוגעלייגט: „ווייסן זי וואס, קאמען זי גלייך מיט מיר מיט. ביז וואס וועט איינד „כאפן“ דרייסן א פרילינג־שפאציר ביי אונזער ׳זעע׳.“

האט זיך מסתייע־מילתא געווען, אז אין זעלבן הויז האט געוואוינט אלכסנדר כאשין. האב איך, שטאט צו מאכן א שפאציר, ביי אים אנגעקלונגען.

אנקוקנדיק כאשינס פרוי, די איידלקייט פון א היימישער, רבנישער טאכטער, האט מען געקענט זיין זיכער, אז אין דער וואוינונג ווערט אין די גאנצע אכט טעג פסח נאר געגעסן מצה־שמורה . . .

יא, כ׳האב פון כאשינען אויך באקומען אן איינלאדונג צום סדר — מיטצופארן מיט אים אין „„יידישן קולטור־קלוב“ אריין צום „בעזבאזשניק“, חמצדיקן סדר.

דאס אלץ איז געווען מיט א דריי חדשים פריער, א וואך פאר מיין אינטערגענומענער וואנדערונג קיין באזעל.

איצט, ארויפקומענדיק צו עטא פעדערן-קאולהאוז, איז מיר שמואלס סוד קלאר געווארן:

איך ארנאלד צווייג האט זיך גענומען דאס „פישער-דארף" צו איבערזעצן, אבער דערפילט, אז ס'איז נישט קיין „שמאנצעס" — אן „אסט-יודישע" — סענטימענטאליטעט פאר א „פייערטאג" ביילאגע; אויך נישט מיינע פריערדיקע לירישע איך-לידער, וואס האבן זיך לייכט געקענט טרערנדיק „איבערגיסן". . . אז ס'איז פלאסטיש געזעען און בילדלעך אויך אזוי געהעמערט אין אזוי מוז עס אויך ווארט פאר ווארט מיט א דלאט געגלידערט ווערן — האט ער עס איר איבערגעגעבן.

„זי איז א סופרס א טאכטער, — יא, איר פאטער איז געווען א „טארא"-שרייבער. און זי קאן דעם אידיאם און זי גלויבט ס'איז ארויסגעקומען" —

„נאר איין זאך, וואס זי וויל. זי האט אויך שוין באשמועסט מיט אלפרעד ריכארד מייער, דעם סעקרעטאר פון לירישן קארטעל ביים פען-קלוב, אז די נעמען — די איינציקע צוויי נעמען, וואס געפינען זיך אין דער 'לירישער עפיק', יאן און מארושא — זאלן אויך איבערזעצט ווערן אויף מאריא און יאהאנעס".

איך האב זי שארף אנגעקוקט, אבער גערעדט איינגעהאלטן, שטיל ווארט פאר ווארט: „אויב איר קאנט דאס פארלאנגען, ווייס איך נישט צי איר זענט טאקע די פאסיקע פערזאן עס איבערצוזעצן. צווייג האט עס ערלעך צוגעגעבן, אבער איר . . ."

זי האט דערפילט, אז עס הייבט זיך שוין מיין טאן און די ווערטער יאגן זיך, האט זי שנעל אנגעהויבן:

„ערשטנס איז עס נישט וואס איך וויל, נאר אלפרעד ריכארד מייער, ער איז דער סעקרעטאר אין דאס בוך זאל ארויס פון קארטעל און צווייטנס —"

„אז ווער ברויך עס אינגאנצן איבערצוזעצן? איך האלט, אז אזוינס איז בכלל אוממעגלעך — פאעזיע איז דאס אינטימסטע פון יעדן פאלק זיין איך, זיין פאר זיך . . ."

זי האט געוואלט אריינווארפן עפעס, אבער איך האב שוין ווייטער געצויגן און ווי צו מיר אליין:

„אז דאס גאנצע בוך וואקסט דאך ארויס פון דער לייבהאפטיקייט פון די צוויי — דער ים און די ערד שמעקן דאך מיט זיי! כדי אנצוהייבן א מעלאדיע, מוז מען דאך האבן א טאן — יאן! און דאס לייב פון מארושא קנעט זיך דאך ווי ליימיקע ערד.

„אויפן איבזל וואלין אין נויענדארף איז די זון געווען דאס טעפער-ראד און דער ים האט געטריפט דערפון — נישט בחינם האב איך אנגערופן יעדעס

קאַפּיטל ׳אַ שטיל לעבן׳.

„פּערצן לידער פון בוך, טאַקע מיטן אונטער־קעפּל ׳שטיל לעבנס׳ זיינען לעצטנס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ווילנער ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס דער רעדאַקטאָר, זייענדיק דאָ, האָט זיי ביי מיר גענומען. אָבער די סטראָפע, איך זעט:

׳בלייבט ער שטיין, דער גרויסער באַטשאַן
אויף זיין אויסגעבעטן שטרוי־דאַך,
הויבט אויף אַ לאַנגן, דאַרן פוס
צו זיין בידעריקער ראַיה,
אין טראַכט צו אַ האַרבלעכן ענין׳

האָט ער, לאַ־עלינו, נישט פאַרשטאַנען אָדער זי געוואָלט אָפּנים בעסער מאַכן און זי אַזוי אומגעלומפּערט צעדרייט, אַז ווען כ׳האָב עס דערזעען האָב איך געמיינט, אַז אַ שלאַק טרעפט מיך.

„אַז כ׳וועל אים טרעפן, וועל איך אים זיכער אַרויסרייסן אויף פּעטש. איך זעט, ליבע פרוי פעדערן־קאָולהאַוז, די הענט ציטערן מיר — — —״

„ניין, ליבער הערר שטענצעל, מיר וועלן זיך נישט צעפּאַטשן — עס בלייבט יאָן און מאַרושאַ״.

דאָס „פישער־דאָרף״ איז דערשינען, געהאַט גוטע קריטיק און מען האָט אַפילו געלייענט אויפן ראַדיאָ.

די אייַנבעקערין איז צוריקגעקומען געזונט און פריש, גענומען אַ וווינונג אויפן וועדינג — אינם מיטלפּונקט פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט!

געמיינט דאָס געראַנגל איז אַדורך: געהאַט אַ שטוב, אַ בעט, אַ טיש, ביי וועלכן כ׳האָב טאַקע אָנגעשריבן די טרילאָגיע, „משה מאַץ, יאַשקע בעל־מום און דער פּראָפעסער״, און כ׳האָב שוין דעם כתב־יד נישט געברויכט אַרומצו־טראָגן איך בוזעם־טאַש — ער איז זיך שוין געלעגן רואיק אין טישלעדל.

אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „בערלינער בלעטער״! אָבער פון די קאַפּיטלעך פון אַ גרעסערער דערציילונג, אַרטיקלען איבער מאָלעריי און די אַלע לידער געדרוקט העמלט איז קיים געבליבן די „בער־לינער סאָנעטן״, געדרוקט אין אַ דייטשער זאַמלונג „צעלטן״, איבערזעצט פון ע. וועלער — די אַלע זאַכן האָב איך נישט אין יידיש.

עס איז אויך דעמלט אַרויס אין „שטאַמפּ־פאַרלאַג״ מיינס אַ ביכל לידער, „רינג דעם סאַטורן״, איבערזעצט פון ע. וועלער, וואָס קיין איינס פון די לידער האָב איך אויך נישט אין יידיש.

איך כאַפּ אַזוי איינס אין אַנדערן אַריין אָן סדר און נישט ריכטיק אויסגעפירט און צוגעפירט, ווייל כ׳וויל דאָך די קאַפּיטלעך פונם בוך, „גע־ראַנגל״, צופירן צו אַ געוויסן טאַלק.

„האָב איך אַ ברויט, אַ בעט, אַ בוך צום לעזן,
אָבער וועם ס׳האַרץ אויעקצוגעבן האָב איך נישט״.

פון דעם ליד, געשריבן אין בערלין, 1922, געדרוקט אין בוך, „און דו

ביסט גאט", ארויסגעגעבן אין לייפציג, 1924, פון ד"ר א. זוהל אין „מענעס־פארלאג", ביז צו דער דערגרייכטער „רעאליטעט" — עס ביאגראפיש צו רעאליזירן, וואלטן פרישע טויזנט פיר הונדערט זייטן אויך נישט געטוג געווען.

און אצינד וואס כ׳רוק מיך שוין, ברוך השם, א וואקלדיקער צו די שמונים און בין שוין א שטרויענער מלאך, וואס קאן אפילו קיין איין שליחות נישט ריכטיק אויספירן — די שכחה הייבט שוין אן צו געווועלטיקן מיט איר גאנצער מאכט איבער מיר: — וואלט איך דאך נאך געוואלט כאטש מיינע לעצטע זעקס יאר אין בערלין — שווערסטע מסתם און זיכער די פרוכט־בארסטע — מיט ראשי־תיבות שטריכן כאטש צייכענען.

און מיינע זעקס און דרייסיק יאר — די שתי פעמים ח"י! — אין ווייט־שעפל זיינען אויך צו עפעס מחייב; אז אויב נישט צו מייך ארבעט און צו דעם טוץ ביכער דא ארויסגעגעבן, איז צו אסך חברים און נאנטע מענטשן דא —

אפשר יא. מיר האבן דאך א גוטן גאט: אבער ווער ווייסט אפשר איז עס גאר גלייכער, אז ס׳זאל דווקא נישט אויפגעשריבן ווערן?. .

ווי איך כאפ אזוי איינס אין אנדערן אריין, איינס איבערן אנדערן, איז לאמיך כאטש ענדיקן דאס קאפיטל „פארן לעצטן געראנגל", וואס איז דאס לעצטע קאפיטל פונם בוך, „געראנגל", מיט אן עפיזאד, וואס ליגט מיר שוין לאנג אויפן הארץ און אצינד כאטש פארקריצן מיט קורצן שטריך ווי ס׳איז בכל־אופן נאר מעגלעך —

איין טאג זיץ איך אין מיין שטוב און טאקע ביי מיין שרייבטיש און כ׳הער א קלאפן אין מיין טיר. איך גיי עפענען, שטייט א מענטש א טונקעלער, א הויכער, א פעסטער, אין אפאר גרויסע שטיוול און שטעלט זיך פאר מיט א גראב קול: „לעוו!"

„בערגעלסאן האט מיך צו אייך געשיקט איך זאל אייך פארלייענען מיין מעשה".

„בערגעלסאן מוז צו מיר שיקן? ער ברויך מיין הסכמה?"

הכלל, ער האט איינמארשירט אין דער שטוב אריין אין די צווי שטיוול הילכיק און מיט קוראזש, ווי נאשפיץ פון אן אויפגעברויזטער מאסע, טראגנ־דיק די פאכעדיקע פאן פאראויס.

דאס לייענען איז אויך געווען אזוי: האפ־סטאפ! האפ־סטאפ!

„די מעשה" איז דווקא געווען א גוטע דערציילונג. איך האב עס אים געזאגט, אז די מעשה געפעלט מיר. איך געדענק נאך דעם נאמען — „דער פאפ".

ער האט זיך געזעגנט און ווידער אזוי ארויסמארשירט: האפ־סטאפ, האפ־סטאפ!

איך האב א גאנצן טאג שוין קיין מנוחה נישט געהאט און ווי ס׳איז נאר נאכט געווארן מיך געלאזט אין ראמאנישן קאפעע אריין צו טרעפן

בערגעלסאנען: „איר מוזט האבן מיין הסכמה?“

כ'האב בערגעלסאנען נישט געטראפן. דעם צווייטן טאג אויך נישט — מסתם האט ער געפילט, אז איך ווארט אויף אים מיט א מין טענה.

דעם דריטן טאג קומט ער אריין, גייט צו דירעקט צו מיין טישל און טוט דעם פאלטן נישט אויס:

„סטענצעל, ווילט איר קומען מיט מיר טרינקען א גלעזל בראנפן?“ איך קוק אים אן פארוואונדערט; איך קען אים שוין א זיבן-אכט יאר: מה היום מיומים?...

מיר שטייען אין א בערלינער קנייפע ביי דער טאשעוואניע. מיר טרינקען איין גלעזל, צוויי, ער שווייגט; און איך אויך. פלוצלינג גיט ער זיך א דריי אויס צו מיר: „דער יונג וועט מיך הרגענען; זיי ווילן אים דווקא מאכן פאר א גרויסן שרייבער — און זיי ווילן מיין הסכמה“. ער שווייגט, ער מוז פארבייסן זיין כעס.

„נו, האב איך אים געשיקט צו אייך, שנים שעשו פטורים;“ האט ער זיך צעלאכט מיט א מין געהארישן געלעכטער, וואס קלינגט מיר נאך איצט אין די אויערן.

מיר האבן זיך געדרייט איבער די בערלינער גאסן און געסלעך אין יענער נאכט, אסך אסך גערעדט און נאך מער געשוויגן.

מיר זיינען אזוי צוגעקומען ביזן פאטסדאמער פלאץ און פון דארטן אהיימגעפארן יעדער אויף זיין זייט מיטן לעצטן צוג.

דאס ווינטער-ליד פונם דאמב

ווי פון נאטן-בלעטער פייגל געזונגען פון זיי,
ווען די בלעטלעך זיך געוויקלט פון מיינע צווייגן;
עופהלע צו עופהלע שטילינק זיך געטוליעט,
פארטרוימטע, איינגעטוליעטע אין זיסן שווייגן.

אציגד אן קנאספ, אן ווערעמדיק פרוכטל אפילו,
זעט מען ערשט בולט ווי ברייט צעצווייגט מיינע צווייגן;
די הנאה: אין די בייזעסטע שטורעמווינטן
צו קענען שטיין א שטילינקער אזוי און שווייגן.

פערוויאנעטער נארציז

קיין בלעטל אויף צווייגל נישטא שוין,
אן אויפהער קאפעט דער רעגן;
אין די ריטשקעס בלאטיק געשפיגל
פון מיין פנים איך באגעגן.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

1973

2־3 (העפט 409־10) 34־סטער יאר פעב־מערץ 1933 לאנדאן

7 Feb-March

אינהאלט:

ערב־שבתדיקע וויטשעפל־גראמען ** 3

אלץ צוליב א שלח־מנות (דערציילונג) שמואל ווהייט 14

פארוואס איז זאלץ ביליק און בראנפן טייער (פון דער סעריע: טיפן פון

מיין שטעטל זאקראטשים) .... יאקוב דזערגאווסקי 15

מרים און אירע פופעס פון ישראל .... דוד בערמאן 16

לבדי — אליין (ליד יידיש פון דר. מאיר גערטנער) חיים נחמן ביאליק 18

ביאליק אין יידיש, דער שורש .... א. נ. שטענצל 19

אבי השור (דערציילונג) .... ש. י. עגנון 24

חיים נח בענקוויטש צו זיין זיבעציקסטן געבוירן־יאר. אייזיק גאלדבערג 31

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראארישע שבת־נאכמיטאגס יעדן שבת 3 א זייגער
העניקעס סטר. 32, א.1

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

א. נ. שטענצל

ביאליק אין יידיש

אין ביאליקס דור איז יידישן שטעטל איז נישט געווען קיין פראגע: יידיש? לשון־קודש? מ׳האט געטראכט יידישלעך, געלערנט די כתבי־הקודש. א בלאט-צייטונג איז געווען די „הצפירה“.

די בית־המדרש שענק זיינען געווען פול מיט ספרים, און אויף די טישן האבן די פאקן־גייער אויסגעפאקט „בענטשערלעך“ און תחינות, די מעשה מג׳ אחים און ז׳ גזלנים.

אויבן אויף דער פאליצע האט זיך געוואלגערט — די קאנקארדאנציע!

און די פראזע אין יענער צייט איז געווען אין „זשארגאן“ און אין עברית פארזיווגט איינס מיטן אנדערן ווי א חומש — „שתים מקרא ואחד תרגום. ווי האט זיידע מענדעלע געזאגט: „איך אטעם מיטביידע נאז־לעכער“ זיין שפאקולן געזאטלטע יידישלעכע נאז איז ירושהדיק עכט, ווייל ביידע לשונות, שעפעריש, זיינען שתים שהן אחת.

אין פרצס א חסידישער דערציילונג איז געווען מער לשון־קודשדיקע ווערטער ווי אין א היינטיקן העברעאיש שונד־ראמאן.

שלום־עליכמס א יידישער מאנאלאג האט אין זיך דעם קול-העם כקול ש די! שרייבט זיך נישט יידיש אויף העברעאיש צוריק — ש די?

ביאליקס דערציילונגען, „אריה בעל־גוף“, „דער קורצער פרייטאג“, געהערן צו דער גרויסער יידיש־קלאסישער פראזע, וואס איז שכינה מדברת מתוך גרונה — דאס יידיש-שטעטל רעדט פון איר ארויס; דער יידיש־מארק שרייט פון איר ארויס; דאס בית־המדרש און שוסטער־געסל זינגען פון איר ארויס. די יידישע הייזלעך — יידישע אותיות מרובעות געלייגט ציגל אויף ציגל.

זיין „מארינקא“ איז אויף א יידישלעכן אופן, אויף א פאעטיש־נבואהשן, אין עכטער פראזע דאס יידישע פראבלעם, וואס גארקי האט אויף אן עכט־רוסי־שן רעאליסטישן אופן און אזוי מעכטיק באהאנדלט אין זיין „חיים קין“־דער־ציילונג — צווי סימבאלישע דערציילונגען וואס גרענעצן מיט נבואה, מיט געניאליטעט.

* * *

א בחור פון א יידיש שטעטל, פון שטיבל, פון בית־המדרש, פון דער ישיבה, אויב ער איז געווען מסוגל צו לייענען א בוך, איז עס פאר אים לגמרי נישט געווען קיין חילוק צי ס׳איז געשריבן אין יידיש צי אין לשון־הקודש.

מיט זעכציק יאר צוריק איז מיר לייכטער אנגעקומען אריינצוקוקן אין א העברעאיש בוך ווי א יידיש — ווייל לשון־הקודש איז מיר געווען רגיל בפי: ס׳דאווענען, ס׳לערנען, די שיחות־חולין.

און וואס איז דען ביאליקס גרויסקייט, וואס שטעקט אין זיינע שירים צום אונטערשייד פון די השכלה־פיטנים ביז אים? איך ביאליקס א ליד ליגט

זיין „יידיש" הארץ, זיין געפיל פאר א ייד, זיין אויפגעצארנטער וויטאק מיט יידישן צער — בשעת די השכלה־פאעטן האבן רק געוואלטן אנטלויפן הערפון.. אנטלויפן פון אונז!

מיט קנאפע פופציק יאר צוריק, ביי מיין ערשטן מאל דערזעען ביאליקן — און ס׳איז ביי מיר געווען „כראות פני אלקים" — אבער ער האט זיך אויך געפריידט אין זיין גלות־בערלין מיט א בחור, וואס שרייבט לידלעך אויף יידיש, איז אנשטאט איך זאל אים פרעגן „ווי געפעלן אייך מיינע לידער?", פרעגט ער גאר מיך—מסתם אזא מין אוקראינישער, ישיבה־בחורישער טריק—: „נו, ווי געפעלן אייך מיינע פאעמעס?" און איך, אין מיין פויליש־ייגלישער: „אייערע יידישע געפעלן מיר בעסער. — ס׳איז תורה שבלב, דירעקט פונם הארץ. אין זיי רעדט זיך אייך פון הארצן פראסט און פשוט, מאמעדיק, נישט א כפל־שמונהדיק־געפלעכט פון פשטן און תכלת־פסוקים, ווי טיילמאל אין אייערע העברעאישע שירים".

אן א ווארט איז ער צוגעגאנגען צו דער ביכער־שאנק, ארויסגענומען א דיקן באנד זיינע אנגעזאמלטע שירים. צוגעקומען צום טיש, מיך אנגעקוקט ערנסט: „אדרבא, ביתי ספר ונחזה".

אינמיטן לייענען, ווי ס׳איז געקומען צו אזא מין פסוקים־געפלעכט, האב איך מטעים געווען. איך האב דערשפירט א מלמדישן קניפ איבערן דיקן פלייש פון מיין קני.

דעם קניפ וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן, אבער אויך נישט מיינע טרעפונגען מיט ביאליקן נאך דעם.

* * *

מיט גרעסטן גרימצארן, מיט בייזעסטן כעס — מיט לייבן־געבריל, מיט העכסטע מחשבות צומאל און טיפסטן רעיון קאן מען נישט מאכן קיין גרויסע, מענטשלעכע דיכטונג — נאציאנאלע יא! די נביאים, תהילים איז אל־מענטש־לעך, צומאל נאך מער.

טיפע ליריק איז צומאל נישט דאס געפיל — ס׳איז דער חלום, וואס פארווארט דאס ווארט.

קיין סך לידער האט ער נישט געשריבן אויף יידיש, אבער זיי געהערן צו די עכטסטע אוצרות פון אונזער יידישער דיכטונג; זיי געהערן צום מים־חיים, צום שבת־טרונק פון אונזערע שפרודלדיקע קוואלן, וואס דער־פרישן מיט תענוג, וואס שווענקן אראפ פון הארץ די געהאקטע ציבעלעס און דעם פעטן שווער טשאלנט...

עס צעגיסט זיך אין אלע אברים א לעבעדיקער טייך, וואס שטילט אייך זיינע כוואליעס צווישן די ברעגעס מיט זיינע פאלקסטימלעכע גראמען. עס איז חלום, וואס וואכט אויף וזארפנדיק זיך אויף זיין געלעגער — שינה בשבת תענוג. ביאליקס יידיש־ליד איז נשמה־יתירהדיק.

זיין „אל הבריכה" אויף העברעאיש האט אסך זוכה געווען דערפון! פון זיין „א פריילעכס", ווערט פריילעך דאס טרייעריקסטע יידישע הארץ. זיינע

„שירי־העם" האבן געירשנט די ירושה הערפון — דאס פאלקסטימלעכע! און זיין איבערדיכטונג פון יהודה הלוי׳ס ים־לידער האבן דעם ציטער הערפון.

אפשר אונזערע „כנענים", אונזער „געשפארנטע" יוגנט קאנען אפשר לעבן אן דעם — א יידיש פאלק זיכער נישט —

צי איז נישט רש"י הקדוש׳ס א קינה נאנטער צו א יידישע תחינה, ווי אן „אך קוצץ" פוט צי א קאפיטל תהילים?

אין זיינע ווינטער און שניי־לידער קלינגט אריין שוין די רוסישע טראיקע . .

אין זיין יידישן „ערב פריילינג" אבער „מיניקעט די לופט מיט טויזנט חנען" און ווי אייז־קריעם ברעכן זיך יידישע פאלקלאר־ווערטלעך און זוניק פינקלען זיי זיך צוריק צונויף.

קאן מען דען מיט ווערטער ריידן איבער אזעלכע ענינים?

* * *

דאס פאלק האט אים נישט פארשטיינערט
ווען פארשאלטן ער האט עס איז זיין צארן;
דער גין־גאלדענער גראשן גאר
ער איז אין זייער הארץ־טייסטער געווארן.

ר׳איז נישט קיין ביליקער טרייסטער,
מאכן ער וויל אונז רק שטארקער און בעסער;
ווי גרויס אזא גלות־פאלק איז,
פונם גרעסטן מייסטער־פיטן נאך גרעסער.

געהילט אין טלית פון תכלת —
אין די ווערטער ווארעמע פון זיין מאמען;
אויף זיינע פון כעס פארביסענע ליפן,
פון איר טרערן־געטריף די טויזנט טעמען —

האט ער זיך, א וואי־ענדיקער,
אויף די קני פאר זיין פאלק ארופגעלאזן
און זיין ווארט־געוויי איבער זיי,
טוי, וואס באפייכט וויאנענדיקע גראזן.

דער אויפגעגאנגענער „גארטן",
צערווישטער געזאנג פון זאפטיקע בלעטער —
„אונטער גרינינקע ביימעלעך",
„א פריילעכס"־צעטאנצט פון הימלישע געטער.

„ברייטער, ברייטער און צעשפרייטער"—
א ראד די גאנצע ערד ארומצונעמען!
א פאלק, וואס קאן אזוי טאנצן,
א צער און צארן־הארץ נישט פארקלעמען.

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן 1973 אפריל־מאי 34־סטער יאר (העפט 12־411) 5־4

אינהאלט:

19'טער אפריל, צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, יום העצמאות טאנץ, א.א. *** 3
דערציייל מיין פריינד ..... אסתר ערליכמאן 12
ווארשעווער געטא־אויפשטאנד (ליד) ..... פייגע בערמאנט 13
צום 30'סטן יארטאג פון דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מאיר באגדאנסקי 14
פסח מיט די חיילים (זכרונות) ..... יוסף וויינשטיין 19
ישראל, א בלעטל פון א לוח (לידער) ..... עלא זילבערג 23
חרות־פסח (ליד) ..... אייזיק גאלדבערג 24
בנימין נייבערגער דער „דאזאר אויף א גאלעכטער" (פון דער סעריע טיפן פון מיין שטעטל זאקראשין) ..... יעקב דזשערגאוואסקי 25
דער ווארשעווער געטא שטארבט (ליד) ..... ש. וויגאדסקי 26
לכבוד ישראלס 25'סטער יום העצמאות (ליד) ..... דוד בערמאן 27
דער שורש (המשך), פרילינג־לידער, ... א. נ. שטענצל 27
ר' יעקב קאפל גאלדבלום ז"ל, ... ח. נ. בענקוויטש 37
מיר האבן זיך באגעגנט א דאנק דעם ענגלישן זומער, ... יוסף וו. פ. סטאפעלמאן 40
לעא קעניג (בילד) ..... קלארא קלינגהאפער 43
כאטש דערמאנען זייערע נעמען ..... ש. 46
געשטארבן דער לעצטער בעל תפילה, א תפילה (לידער) ..... דוד איינהארן 46
דער איינציקער (ליד) ..... יעקב פרידמאן 47
אברהם פלאנצט אן איישלבוים (פאעמע) ..... אפרים אויערבאך 47
לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס. יעדן שבת 3 א זייגער
אין בערנארט באראן סעטלמענט הענריקעס סטר. א.1. איינטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

Published and Edited by A. N. STENCL, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

דוד בערמאן

לכבוד ישראל׳ס 25 יום העצמאות

שלום ישראל, ווידער איז דיין יום העצמאות
שלום ישראל, פרייליך איז דיין יום העצמאות
מדינת ישראל — ישראל — ישראל —
היינט איז א יום טוב פאר כל ישראל —
שלום — שלום — שלום לישראל, חברים
שלום — שלום — שלום, כל ישראל חברים!

שלום ישראל — מיר אלע ווינשן דיר שלום —
די וויכטיקסטע זאך אין דער וועלט, שלום —!
מדינת ישראל — ישראל — ישראל —
היינט איז א חגיגה פאר כל ישראל —
שלום — שלום — שלום לישראל, חברים
שלום — שלום — שלום, כל ישראל חברים —!

א. נ. שטענצל

דער שורש

— המשך —

איצט, אז געהאט „מיין היים“, ווען די גאל האט זיך אין מיר צעשפילט, האב איך מיך מער נישט געווארפן אויף שפיטאל־בעטן, נאר שוין גענומען פארן אפילו אויף קור־בעדער.

אין קארלסבאד האט מיר נישט נאר גוט געטון מיין געשוואלענער לעבער, נאר געווען אויך א רפואה צו מיינע היים־ווי בענקעניש. האט דאך אין דעם אטעם פון די טשעכיש־בעמישע וועלדער און פון די קארפאטן־שטעטל־דיקע בערג־יידן, א וויקע געטון מיט היימישקייט און נאך דערצו — א ראנ־דעוואו פון יידן פון ווארשע ביזגל ניו־יארק.

דריקענדיק מיך מיטן ווארעמען, ברויזיקן גלאז וואסער און טרונקענדיק עס אויף א רפואה, האב איך געטראפן ד״ר זשיטלאווסקין און ד״ר שטיינבערגס פרוי. זעענדיק אויף מיין פנים [illegible]רייד פון דערזעען אזא פנים־חדשות, זאגט זי צו מיר, אז אויב איך וויל נאך כאפן דעם ווארשעווער שרייבער און פירער פון די ציש״א שולעס, דעם חבר קאזדאן, זאל איך שנעל צוגיין צו זיין אכסניא, ווייל ער פארט טאקע אין א שעה־צוויי אוועק.

אין אזוי זייענדיק ביי אים בשעתן פאקן, זאגט ער, אז די בונדישע צייטונג גרייט צו א „וואכן־שריפט“, א ליטעראַרישע ביילאגע צו דער טאג־

צייטונג און אויב כ׳וויל קאן איך עפעס מיטגעבן.

און אזוי על־רגל־אחת האב איך דערפילט די ווארעמקייט פון דעם אוק־ראינישן ייד, וואס האט מער גוט געטון ווי דאס הייס־ברויזנדיקע קארלס־באדער גלאז וואסער.

אזועקגעגאנגען בין איך שוין מיט דעם ראמש יידישע צייטונגען, וואס זענען געבליבן ליגן אויפן טיש.

און פון א בריוועלע פון א ייגגעלע אין איינער פון די צייטונגען האב איך גארנישט געקענט אויפהערן צו שמייכלען צו מיר, און אזוי איז ארייג־געקומען מיינס א ליד צו דעם ייגגעלע אין „יוגנט־וועקער״.

פון די אלע „זאכן״ דערמאלט געגעבן קאנזאנען, און שפעטער צוגעשיקטע, אפגעדרוקטע צי נישט, האב איך קיין איינע נישט — דאס איז תמיד דער גורל פון א מענטשן פארווארפן אין גלות.

זייענדיק פאראיארן אין ארץ־ישראל אויף א באנקעט און זיצנדיק גראד בענקל ביי בענקל מיטן קולטור־פירער ביים יידישן ארבעטער־רינג פון ניו־יארק און זיין פרוי, און באקענענדיק זיך, הער איך ווי ער זאגט איר, שעפט־שענדיק, אז איך בין דאס דער, וואס האט מיט איבער פערציק יאר צוריק אים געווידמעט דאס ליד.

הייסט עס, אז עס איז דאך אפגעדרוקט און אז עס איז ערגעץ פאראנען — אז „גארנישט גייט פארלוירן״ — אפילו א יידיש לידל . .

*　　　*　　　*

שוין דאס אוועק־זיין אליין אויף אפאר וואכן דערמאלט פון בערלין איז געווען א שטיק געזונט — פון ווילדן גערויש פון געהעצטע הינט! און א ייד, ווי ציטערט ער דאס פאר אנגערייצטע כלבים. די ארבעטער־פארטייען זענען שוין געווען אויף מעסער־שטעך צווישן זיך אפילו; מ׳האט שוין נישט געוואוסט „הו איז הו״. די טערמינאלאגיע איז געווען א צעמישטע צומאל אויף דער יידישער גאס.

דא איבער דער דייטשער גרענעץ האט זיך געדאכט, אז דאס הארץ רוט זיך אויס — עס האט זיך אבער בלויז אויסגעדאכט . .

גיי איך אזוי שפאצירן בארג־ארויף צו א וואלד־קאפע צו און פאר מיר גייט א גרופע דייטש־רעדנדיקע; געקאנט זיין פראפעסארן, דעפוטאטן, אלנפאלס אינטעלעקטואלן. איינע א שטימע, א מוזיקאליש־קלינגענדיק פון אן אינטעליגערטער פרוי:

„יא, יא, דער היטלער איזט ווארשיינליך ניכט דער מעסיאס, אבער דער עזל, אוף דעם ער צו רייטן קאמען ווירד״.

דאס הילכיקע געלעכטער בציבור איז געווען ווי דער קלאנג פון ליידיקע ביר־גלעזער.

איך האב שוין דעם בארג נישט דערקלעטערט! האט זיך מסתיע־מילתא געווען, אז אונטן, צופוסנס פון בארג, האבן זיך אויפגעהויבן ד״ר יצחק נח שטיינבערג און ד״ר חיים זשיטלאָסקי.

שטיינבערג האט געהאלטן אין איין ריידן, אפילו זיך היצן ווי אין דיס־קוטירן, ווי בשעת רעפערירן. זשיטלאָווסקי האט געהאלטן די אויגן אראפגע־לאזט, פון צייט צו צייט זיי אויפגעהויבן און שארף דעם רעדנער אנגעקוקט.

מיך צולאנטשענדיק צו זיי, בין איך געגאנגען ביי דער זייט פון שטיינ־בערג, כדי אויפצוכאפן זשיטלאָווסקיס בליק. עס איז געלעגן אין אים ווי עפעס א מין אנטשלוס: וואס נאך ארויסווארפן בחינמדיק רייד?

דאס פרומע אויסזעען שטיינבערגס, דער פאטאס, דער בארג־ארויף, די הדרת־קודש פונם שטילן ארום . .

ווען ער האט גענומען שילדערן לעגינען אלס מענטש איז עפעס ארויס־געקומען א גויאיש סקבירעקל, א פארביסן־קליין מענטשעלע, א שוסטערל, וואס קלאפט טשוועקעס אין פארפוילטע זוילן . .

די צווילדעטע שטאט בערלין האט נאכגעיאגט, געברענט די טריט.

עס איז געווען בין כסא־לעשור און איך האב געזאלט בלייבן ביז איבער יום־כפור, אבער בשעת אויפכאפנדיק זשיטלאָווסקיס אזא בליק, ווען ד״ר שטיינבערג האט געשילדערט לעגינס שטיין היגטער א שפאניש ווענטל, ווען צווי פארטיי־קעגנער סודען זיך, האב איך שטיל אין מיר באשלאסן: דאך יום־כפור שוין צו זיין צוריק אין בערלין, נישט נאר כדי מיך צו דרייען אין דער כל־נדרי נאכט אין די שולעכלעך אויף דער גרענאדיר־שטראסע, נאר אויך כדי צו קענען „בייוואוינען״ דעם אנטי־רעליגיעזן יום־כפור אוונט אין יידישן קולטור־קלוב — האב איך עס דעמלט ערשט באשלאסן? אדער שוין אויבן אויפן בארג בשעת דעם ביר לײדיקן גלעזער געלעכטער?. .

* * *

איך בין שוין געקומען לאחר המעשה! מ'האט שוין געהאלטן ביי די קאכעדיקע רעדעס. די פלעצער זענען געווען פול באזעצט. שיריים האבן זיך נאך געוואלגערט אויף די טעלער — ס'האט אויסגעזעען יום־טובדיק, אפילו יום־כפורדיק . . רוקט זיך צו מיר צו א יונגערמאן, דאכט זיך אים געזעען אין סטודענטן־היים, און שטעלט זיך פאר: ראפאפארט, א ווילנער.״

שפאצירנדיק אויפן וועג אהיים איז באשלאסן געווארן, אז מיר הייבן אן ארויסצוגעבן א ליטעראַרישן זשורנאל: „בערלינער בלעטער״.

אייניקע נומערן זענען ארויס. עס האבן זיך אין אים געדרוקט מיינע „בערלינער סאנעטן״, וואס האבן געהאט אין זיך די שטימונג פון יענע חדשים; אייניקע קאפיטלעך פראזע, „מארטין״, און ארטיקלען איבער מאלעריי.

ווען היטלער איז געקומען, איז דער ראפאפארט פארשוואונדן און דער לעצטער נומער איז געבליבן ליגן ביים דרוקער.

ער וואלט מסתם געבליבן ליגן,נאר אין לעצטן נומער איז געווען מיינס אן ארטיקל איבער ארטור סעגאלס מאלעריי — איבער זיין „בליק־פונקט", א מין סינטעז צווישן אימפרעסיאניזם און קוביזם. סעגאל, א באקאנטער מאלער דעמלט אין בערלין, א רומענישער ייד, א פילאזאפיש־געשולטער קאפ, וואס האט רק געזוכט זיך ארויסצודרייען פונם יידישן בליק־פונקט . .

צו דעם ארטיקל האט מיר „פאפא סעגאל" — אויס ליבשאפט האבן מיר אים אלע אזוי גערופן — געגעבן אייניקע בלאקן. מילא, א כפרה דאס ארטיקל, דער זשורנאל — אבער די בלאקן!! כ׳מוז דאך זיי צוריקגעבן „פאפא סעגאל"..

דניאל טשארני האט מיך געהייסן ארויפגיין צום ארט־פארשטייער און ער וועט עס שוין דערליידיקן.

פון די אלע מיינע זאכן אין יענעם זשורנאל האב איך קיין איינע נישט. אטייל פון די סאנעטן האבן זיך אפגעראטעוועט אין דייטשער איבערזעצונג פון ע. וועלער אין א זאמלונג, „שוועלן", וואס איך האב אויך נישט.

דער מאלעריי־ארטיקל האט אויך געמוזט זיין אויפן ארט . . וויל פונקט צו יענער צייט איז מאקס ליבערמאן געווארן אכציק יאר אלט. האט מיר נחמן מייזיל געשריבן כ׳זאל אים שיקן אן ארטיקל איבער ליבערמאנען.

דאס ארטיקל האב איך אויך נישט, אבער איך האב עס געזעען אפגעדרוקט דעמלט אין די ליטערארישע בלעטער אויף דער ערשטער זייט — אפילו מיט אילוסטראציעס פון ליבערמאנס בילדער.

די אימפרעסיאניסטיש לעבעדיקע קו ליבערמאנס שטייט מיר נאך יעצט אפילו פאר די אויגן, כאטש נעם און מעלקט זי אויס . .

מאלעריי איז געווען דעמלט מיין „שטעקן־פערד". פיר יאר שפעטער, דעם 18טן נאוועמבער, 1936, האב איך מיין וויזע פון היטלער־דייטשלאנד קיין ענגלאנד — אויף דרייסיק טעג! — באקומען כדי צו שרייבן א גרעסערן עסיי איבער ענגלישער מאלעריי — איך האב אנגעשריבן און עס איז אויך דערשינען אין אן עקסטרא אויסגאבע „איבער אייראפעאישער קונסט", פון וועלכער איך האב דאך אן עקזעמפלאר.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

דאס פייגעלע —

אויפגעוועקט מיך אינמיטן טרוימען,
אויף א קוימען, א שפיץ בוים, א דאך — —
ניין, עס זינגט נישט, אזוי זינגט מען נישט,
אפנים ס׳רעדט צו זיך אויף זייך שפראך.

און יעדן טאג סזעלבע, ווארט פאר ווארט,
ווי געווארנט, גערעדט צו דער זאך.

ווי פארשלאפן כ׳בין, כ׳כאפ מיך דאך אויף,
אז כ׳קאן קוים איינליגן אויף מיין ארט;

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

6-9 (העפט 413-16) 34-סטער יאר יוני-סעפ. 1973 June-Sept לאנדאן

אינהאלט:

דער באַרדיטשעווער, א קליינע אליהו הנביא באלאדע, דעם ניישטעטערס איניקל א.א. *** 3
אין דוד המלך'ס גארטן .... יוסף וויינשטיין 19
פון משה רבינו ביז טהעאדאר הערצל (לכבוד ביאליקס הונדערטסטן געבוירניאר)
דר. מאיר גערטנער 21
על ראש הראל — אויף גאטס שפיץ בארג, אכן גם כי . . . — ווייל איר ווי רוצחים
חיים נחמן ביאליק 22
שלום אש — דער דיכטער. פון קאצקער חסידות .... י. ח. קלינגער 25
א צוואה פון א טאטן (ליד) .... ה. פאצאנאווסקי 22
וולאדימיר מעדעם .... סעם לעף 33
אונזער תושב מאיר צעלניקער .... נעט רובין 37
מאיר צעלניקערס פינף און זיבעציק יעריקער יובל .... אייזיק גאלדבערג 39
דער שורש, לעצטע לידער, א שטעקעלע ארײַן א שטעקעלע ארויס א. נ. שטענצל 40
ווען יצחק יאמראזע זינגט זמירות .... יעקב דזשערגאווסקי 56
א האדילעי אין מאיארקא .... אייזיק גאלדבערג 57
זכרונות וועגן מיין פאטער .... אליאשא טאלסטאי 61
קעזענאוו ראד 1961 — בילד .... א. ב. לעווי 64
לאנדאנער קולטור ידיעות 64
שלום-ליד, מוזיק מאיר באגדאנסקי, ווערטער א. נ. שטענצל 67
ראש השנה באגריסונגען, ניי-יאר באגריסונג פונם באַרד אף דעפיוטיס פרעזידענט 68
די כותל (בילד) .... חיה פרידמאן 68

יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס, יעדן שבת 3 א זייגער אין ברעדי קלוב אין העמבערי סטר 192 א.1 — אײַנטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

אבאנאמענט-פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :-

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

Published and Edited by A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street,* E.1, *and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London,* E.1.

יוליאן גאלד באגריסט דעם בעל־היובל אלס פריינט פון טעאטער־חבר, אנווייזנדיק וואס פאר א פארגעניגן עס איז פאר אים פערזענלעך געווען צו שפילן יידיש־טעאטער צוזאמען מיט מאיר צעלניקער.

אין נאמען פון דער „חברים־טרופע״ באגריסן די באליבטע קינסטלער הארי אריאל און מענדעלעוויטש דעם בעל־היובל. זיי פילן זיך אזוי אינטים פארבונדן מיט מאיר צעלניקער און זיינע נאענטע, איבערהויפט מיט זיין טאכטער חנה צעלניקער, האלטנדיק זיי ווי אן אייגענע משפחה. איז דאך יידיש־טעאטער ביי זיי אלעמען ממש א הייליקע ארבעט.

נאך די באגריסונגען האט די „חברים־טרופע״ אויפגעפירט א זער קינ־סטלערישן פראגראם, אין וועלכן עס האבן זיך אויסגעצייכנט דער קינסטלער בלומענזאן מיט זיין פיינעם זינגען „א תפילה״ און א טעאטער־ליד; דער באליבטער שוישפילער הארי אריאל האט אויסגעצייכנט רעציטאצירט פון „א מאדערנע יידישע חתונה״. גאר באזונדערס האט אויסגענומען חנה צעלניקער, די טאלאנטירטע קינסטלערין, מיט זינגען יידישן פאלקסליד, און מיט זינגען א רומעניש־יידיש פאלקס־ליד. דעם פראגראם האט קאנפערירט דער יינגסטער מיטגליד פון דער טרופע וועלכער האט אנגעהויבן זיין קאריערע ביי מאיר צעלניקער — בערנארד מענדעלעוויטש און זיך באטייליקט קינסלעריש.

צולעצט האט מאיר צעלניקער אליין געדאנקט דעם עולם, די באטיי־ליקטע און אלע, וואס האבן אים ארויסגעוויזן אזא נענטקייט און פריינטשאפט.

דאס קינסטלערישע פראגראם האט באגייסטערט דעם עולם ווי אויך די באגריסונגען און שבחים, וואס מאיר צעלניקער האט זיך אזוי כשר פארדינט.

מיר אלע ווינטשן אויך דעם בעל־יובל א גוט געזונט, ער זאל ווייטער זיין טעטיק און זיך ווידמען אויף זיין באליבטן קינסטלערישן געביט — עד מאה ועשרים שנה.

א. נ. שטענצל

דער שורש (המשך)

ב

א מיטגליד אינם „יידישן קולטור־קלוב״ בין איך נישט געווען, אבער צום „געזעצט״ האב איך אנגעהערט; און מ׳האט נישט נאר געזאמלט געלט. א קליינע גרופע פונם קלוב איז שוין אפגעפארן קיין ביראבידזשאן — „אסט־יודן״ האבן געזוכט וואו צו פארשווינדן! ס׳וועט טאקע קיין „האר פון א יידישן קאפ נישט אנרירן״, ווי ס׳איז געגאנגען דעמלט דער „סלאגאן״, אבער הערנדיק דאס הארסט־וועסל ליד, איז א שוידער איבערן לייב אדורך: אבער קעפ אפהאקן ?— —

און ביים אפפארן פון דער ערשטער גרופע דעמלט קיין ביראבידזשאן איז געמאכט געווארן א געזעגן־אוונט אין קולטור־קלוב.

אויף דעם אוונט, וואו לעוו האט געשפילט די ערשטע פידל, האט דער פארזיצער אנגערירט בערגעלסאנס כבוד: „די ווייסע קאלנערס באוויזן זיך נאך צו די יום־טובים, צו זיצן ביי די סעודהלעך אויבנאן.״

איך האב דערשפירט בערגעלסאנס אויפציטערן, ווען ער האט אויסגע־שריגן: „דו, קליינבירגער, פארשטופ דיר מיט א שטיק לעקעך דעם פּיסק!"

דאס ווארט „קלייבבירגער", בפרט אין יענער צייט אין בערלין אויף א פּראלעטארישער פארזאמלונג, איז געווען די גרעסטע באליידיקונג — ספּע־ציעל פאר אן ארבעטער־פארזיצער, וואס איז טאקע א מארק־ארומפארער . . ס׳איז שיער ארויס א סומאטאכע.

ביי מין „באגריסונג" האב איך מיך אנגענומען פאר בערגעלסאנס כבוד: „א רוסישער ארבעטער־פירער וואלט זיכער נישט געוואגט צו דיקטירן גארקין! און בערגעלסאן איז נישט נאר דער גארקי אין אונזער יידישער ליטעראטור, נאר — אויב נישט נאך העכער!"

כ׳וועל קיינמאל נישט פארגעסן דעם בליק הערמלט פון פרוי בערגעלסאן — ער אליין האט געהאלטן דעם קאפּ אראפּגעלאזן.

עס איז געווען דעמלט דאס יאר 1932, ארום פּסח־צייט.

ביים שליסן דעם „אוונט" האט דער פארזיצער אויסגערופן: „דעם ערש־טן מאי טרעפן מיר זיך אלע אויפן אלעקסאנדער־פּלאץ ארום אונזער יידישער פאן."

עס איז באשלאסן געווארן, אז די חברים פונם יידישן קולטור־קלוב זאלן מארשירן דעם ערשטן מאי אונטער אן אייגענער, יידישער פאן מיט יידישע אותיות.

מיט יידישע אותיות? צי ווייל ס׳איז גלייכער צו גיין אין אן עקס־טרא יידישער גרופּע און די פּאליציי קאן האבן א בליק אויף איר . . אויס־געמישט צווישן עולם, האט א מענטש מיט א יידיש־פּנים שוין געקאנט ארייכאפּן א מעסער מן־הצד —

עס איז דאך שוין געווען דעמלט דאס יאר 1932, צוגעשפּיצט ווי א פארזשאווערט מעסער, וואס מ׳האלט עס ביים אויסשלייפן . .

* * *

דר ערשטער מאי אין בערלין איז נישט נאר געווען א פּראלעטארישער יום־טוב — ס׳איז געווען א משפּחה־שמחה! אפּגעמארשירט, געקומען צום טעמפּעלהאף־פעלד, א ליכטיק באגרינטער, א טוי־אויסגעצוואגענער, א זון־צעגלאנצטער, איבער קאפּ אינם קלאר־בלויען הימל האבן שטאלך־געטשוויט־שערט די ריזיקע פייגל — דער „פלוג־האפן" איז ערגעץ־וואו דא נישט ווייט געווען! — האט זיך דער יום־טובדיקער עולם, נאך די שארפע רעדעס, נאך די רעוואלוציאנערע לידער, אויסגעזעצט ארום די מיטגענומענע „סיר־הבשר" פּעקלעך, ארום די אויפגעפּראפּטע פלאשן ביר און געפּראוועט די „מאלצייט"־סעודה.

עס איז געווען סענטימענטאל־ראמאנטיש אויפן דייטש־גערמאנישן וואטאן־אופן . .

עס איז געווען נאטירלעך, אז די נאצי־פּארטיי, וואס האט געקוואפּעט צו ווערן די גערמאנישע פּראלעטארישע פּארטיי — דאס דויטשע ארבייטס־

פאלק, זאל קודם אקופירן דעם פראלעטארישן יום־טוב.

און אין די לעצטע יארן איז שוין דער ערשטער מאי אויפן טעמפלהאף ־ נישט מער געווען קיין משפחה־יום־טוב, נאר א ברידער־געשלעג, א גוים־נחת, אזש בלוט איז גערונען.

ווען כ׳בין ארויסגעקומען דעם ערשטן מאי אויפן אלעקסאנדער־פלאץ, וואו דער עולם האט זיך געזאמלט צום אויפמארש און דערזעען דעם התלה־בות פון אונזער עולם, וואס זאמלט זיך ארום דער פאן, וועלכע לעוו, מיט זיינע געביילטע פויסטן, האלט אנגעשפארט אויף דער ארויסגעשטרעקטער ברוסט, א מארשירנדיקער, גרייט־שטייענדיקער אויף זיינע פראלעטאריש־גע־קאוועטע צוויי הויכע שטיוול און קיינעם פון „אונזערע מענטשן״ נישט געזעען איז מיר געווארן אביסל קאלאמוטנע.

ווען דער „צוג״ האט זיך גענומען רירן, בין איך געשטאנען אין איינער פון די לעצטע רייען און געהערט דאס הילכיקע מארשירן פון לעווס פראלע־טארישע שטיוול: „האפ־סטאפ, האפ־סטאפ״ און מיך דערמאנט די מעשה פון זיין „פאפ״—

כ׳האב אויפגעהויבן די אויגן, און מיטגעגאנגען אין שפאן און זיי נישט אראפגענומען פון די יידישע אותיות; און עפעס האבן זיי זיך מיר פארמישט פאר מיינע אויגן מארשירנדיק: „פראלעטאריער פון אלע לענדער פארייניקט אייך״ מיטן „מה טובו אוהליך יעקב״. .

כ׳האב מיך דערמאנט — דרעפטשענדיק אזוי אליין — קיינער פון „אונ־זערע מענטשן״, אפילו נישט שמואל לעווין, אברהם מרגליות, נחמיה מאסט־בוים איז נישט געווען — אין מיין טאטנס ווערטער, קומענדיק אמאל אין שטיבל אריין, ווען קיינער איז נאך נישט געווען, „דער מהרש״ל פלעגט קיינ־מאל נישט זאגן „מה טובו״, קומענדיק אין שול אריין. ׳וואס גייט מיך אן דארט וואס דער גוי בלעם האט געזאגט. ג׳את האט אים געלייגט די ווערטער אין מויל אריין, אבער דאס הארץ זיינס איז געבליבן עשיו׳ — און רחמנא ליבא בעי״.

כ׳מארשיר, כ׳האלט מיט דעם ריטם אבער ס׳טראכט זיך אלט: וואס איז טאקע קיינער „פון אונזערע מענטשן״ — נישטא — שוין לכבוד יידישע אותיות אויף דער פאן? איך הער, ווי דער שריט מיינער קלאפט צום טאקט: „איש ל־א־הלו יש־רא־ל״! „לא־הלו, ישרא־אל״. „א ייד מוז זיך היטן״!

כ׳האב אבער ווייטער מארשירט ביזגל מיר זיינען אנגעקומען צום טעמפל־האף פעלד.

* * *

ווען ס׳זענען געקומען די „פעריען״־וואכן, האב איך שוין נישט אנגע־טון פון די בריטשעס, גענומען א רוקזאק ווי א „וואנדער־בורשע״, געגאנגען וואנדערן אין די געבירג און די אלטע דייטשע שטעט און נעכטיקן אין די „יוגנט־הערבערגע״. דארט איז שוין נישט געווען אזוי ראמאנטיש מער צווישן דער דייטשער יוגנט — „אנדערע פייגל און אנדערע לידער״.

איך בין מיט פריינט מיטגעפארן אין פראפעסאר קלאטס פאלק־אוניווער־

זיטעט, וואס ער האט ערגעץ אנגעפירט צווישן שטראלזונד און שטעטין — עפעס האב איך דאך נאך א שטיקל שייכות מיט יענער געגנט, האב דאך ערגעץ דארט אנגעשריבן מיין „פישער־דארף״—

א גאנץ אנדערע וועלט — אן אנדערער עולם! עס קאכט, עס זידט, רע־דעס, דיסקוסיעס — גאנצע דיסערטאציעס און אנשויאונגען — סטודענטן, ספארט־מענטשן — א ווערטער־געראנגל! להבדיל א בית־מדרש! און ביי די ווענט שארן זיך פאוסט־פאעט־ליגנלען מיט זאפטיק־שטראלדיקע גרעטכען־מיידלעך.

פראפעסאר קלאט האט זיך ארומגעדרייט ווי עפעס א מוסרניק אין קורצע ברײטשעס, אין א קרייז פון וועסטאלקעס פון /אסער־נימפן —

און ערשט דרויסן ביים ברויזנדיקן, ביים צענעפלט־שוימענדיקן ים —

עס איז נישט מיין כוח די מבולבלדיקייט דעמלט פון דער דייטשער יוגנט ארויסצואַרבעטן און ס'איז אויך נישט מיין אמביציע.

דארטן אין דער נייער געזעלשאפט, וואו איך האב מיך איינגעלעבט און אויך פריינט באקומען, האב איך אנגעשריבן מיין ביכל „32״ לידער אין זומער 1932 אין דארסער וואלד ווי ס'איז אויפן שער־בלאט פון דעת איינעם עקזעמפלאר, וואס איך פארמאג נאך . . מיט א מאטא:

„א צעמישטע טאליע קארטן,
צו הויבן דעם טרומף,
ליגט די פינסטערע שטאט״—

דאס ביכעלע איז אפגעדרוקט געווארן אין יאר 1933 שוין אונטער דער נאצי־ממשלה. (די דייטשע איבערזעצונג, וואס האט געזאלט ארויסקומען איז שוין ליגן געבליבן).

באקומענדיק דאס געלד אויסצוליזן די „בערלינער בלעטער״, מיט די פארזעצטע סעגאלבלאקס איז געבליבן נאך אזויפיל מארק דאס העפטל „32״ זאל נאך קענען דערשיינען.

— המשך אין קומענדיקן נומער —

. . אז וויפל איז שוין ווערט מיין ליד?

ס'חלומען פון דעם וואס געווען,
דאס טראכטן פון דעם וואס ס'וועט ווערן;
נישט די אויגן דינען שוין מער,
נישט דער זכרון, ס'קוים דערהערן.

כסדר דאס ארום זיצן,
דאס איינשלאפן אינמיטן לעזן;
אין זיבטן שווייס ווייט ווו כ'שווים —
וואסער־באמבעס. צעפ פון כינעזן.

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 20־417) 35־סטער יאר אקט.־יאנואר 1974 לאנדאן

Oct 1973–Jan 1974

אינהאלט:

יום־כיפור מלחמה, חנוכה, ירושלים .... *** 3

דער נישט־אנאנימער סאלדאט, ... משה שמיר 22

דער פסק דין (א חסידישע מעשה) .... יוסף וויינשטיין 25

דער וואנדערער .... אסתר ערליכמאן 29

א ניי לעבן (ליד) .... אייזיק גאלדבערג 30

די שלאנג (דערציילונג) .... וויליאם סאריאן 31

בוקארעסט, קאנסטאנצא און קיעוו .... מאשא גרינבוים 36

דער שורש (המשך) לעצטע לידער .... א. נ. שטענצל 46

אלוואן לזכרון (געהאלטן ביי דער לויה פונם קינסטלער) הארי ראיאק 59

הדסה קענסטנס ווארט־קאנצערט .... סעם גאלדבערג 60

לאנדאנער יידן דעמאנסטרירן זייער סאלידאריטעט מיט ישראל דוד בערמאן 61

קאנצערט מיט פאלקס לידער .... אייזיק גאלדבערג 64

דאס פענסטער (ליד) .... אהרן צייטלין 64

רעדאקציע נאטיץ: דער נומער האט געזאלט ארויס צו חנוכה נאר איבער דער ארבעטס־לאגע דא איצט איז ער פארשפעטיקט און א סך מאטעריאל מוז איבערבלייבן, אויך די לאנדאנער קולטור ידיעות.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—1.50£ פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

Published and Edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

א. נ. שטענצל

דער שורש — המשך —

ג

צו שילדערן די מהומה־נאכט פונם נאצי־נצחון, דאס ברענען פון רייכס־טאג, ס׳געיעג פון דער פאליציי אויף די פערד און דאס, וואס האט זיך אפגעטון אין די יידישע הייזער אין בערלין, דאס ברענען די ביכער — עס איז נישט פאר מיינע כחות. אפשר אין יענע לידער־העפטלעך, געשריבן דעמלט און אפגעדרוקט אויף דער הייסער מינוט, וואס איך האב זיי נישט צו דער האנט און געדענק אפילו נישט זייערע נעמען, געפינט זיך אפשר א לירישע טרער פון דעם „מר־מדלי״!

פון אלע מיינע צענדליקער און צענדליקער לידער פון יענעם יאר געדענקט זיך מיר די סטראפע:

„איך בין א ווילדע קאטשקע אויפן וואסער,
און צי הינטער מיר מיין צעציטערטן וועג;
ברייטער און ווייטער שניידט ער און גייט ער,
און זיין קאן וואס וויל און וואס מעג״.

אז איך האב מיך געהאלטן דעמלט איבערן וואסער און אריבערגעשפרייזט יענע רויט־פארבלוטיקטע כוואליעס, האב איך טאקע נאר צו פארדאנקען יענעם תהלים־פסוק: „שומר פתאים ד׳״.

דאס טראגישע און דאס קאמישע גייען תמיד צוזאמען אין אזעלכע ברוענענדיקע טעג — ס׳איז זה לעומת זה! אז נישט, וואלט עס דער מענטש גאר אויסגעהאלטן? — ס׳איז בלוטיק־רויטער שתי־וערב טעפיך, וואס וועבט זיך אין אזעלכע טעג —

ווער ס׳האט א פוס געהאט איז געלאפן איבער שווייצער־גרענעץ, איבער די טשעכישע בערג. פון די יידישע שרייבער האט מען שוין קיינעם נישט געזען.

אין איינעם א טאג באקום איך א בריוו פון א. מ. האבערמאנען, אז שאקען שיקט מיר 300 מארק ארויסצוגעבן מיין „פישערדראף״ אויף יידיש, אזוווי די דייטשע איבערזעצונג איז געווען צווישן די פארברענטע ביכער.

איך בין שוין געווען ווייט דעמלט פון דעם מין טעמעס, רעאליסטיש־אביעקטיווע, — דאס ביסל אפגעדרוקטע קאפיטלעך פון „פישערדארף״ אין יידיש אין א ווילנער זשורנאל, איז טאקע געווען אונטערן נאמען „שטיללעבנס״ — מאלעריש, אזוי צו זאגן. די צייט איז אויך געווען א געענדערטע! און אין בוזעם־טאש האב איך שוין כמעט פערטיק אנגעשריבן דאס בוך „מזל טלה: — איבער 100 זייטן פאעמעס אויף ביבלישע מאטיוון — איז אפשר טאקע גלייכער דאס בוך אפצודרוקן?

אנגעקלונגען צו דניאל טשארני, דער איינציקער פון „אונזערע״ שריי־

בער, וואס איז נאך געבליבן, מיט אים מיך מיישב צו זיין.

„מיר טרעפן זיך און מיר וועלן ארויפגיין צו פראפעסאר דובנאוו משואל עצה צו זיין״.

דובנאוו איז געווען דערפאר ארויסצוגעבן דעם „מזל טלה״ — מסתם דאס ביבליש־געשיכטלעכע. טשארני איז אבער דאך באשטאנען איבער „רע־אליסטישע״ טעמים — ס׳„פישערדארף״! און ס׳איז טאקע ארויס מיט אביסל דייטשער קריטיק צום סוף, אויף די לעצטע זייטלעך אין טשארניס יידיש־איבערזעצונג.

אין „גלאבוס״ איז דעמלט געווען אן אפשאצונג איבער „פישערדארף״, פון אהרן ציטלין — א גרעסערער עסיי, אבער כ׳געדענק דערפון נישט קיין אייןווארט . . .

איך וועל מיך האלטן ביים ביסל ביבליאגראפישן, אויף וויפל כ׳געדענק, כדי דאך נאך צו קענען קומען צו א שטיקל טאלק אויף וויפל כ׳האב מיר נאך פארגענומען . .

אבער דאך ווילט זיך דערציילן וואס ס׳האט זיך מתתיא־מילתא געווען אין טאג פון טשארניס אוועקפארן — געהערט עס דאך אויך צום ביבליא־גראפישן, מסתם —

ביים געזעגענען זיך, שוין אויף דער באן, גיט מיר טשארני דעם שליסל פון זיין וואוינונג: „גייט דאך ארויף צו מיר. ס׳איז געבליבן דארט א ראמש מיט שמות, נעמט זיך ארויס וואס איר ווילט און דעם שליסל ווארפט אריין דורכן שליסל־לאך״.

האב איך דארטן געפונען אין דעם שמות א זשורנאל — כ׳געדענק שוין נישט דעם נאמען — א בריוו פון ד״ר עליאשאוו צום רעדאקטאר פון „מארגן־זשורנאל״, פישמאן, מכוח מיינס א קאפיטל פראזע און אזעלע ווערטער זענען דארטן געווען, אז אפילו ס׳איז שוין באו מים עד נפש, האלט מען זיך אויך נאך הויך איבערן וואסער — מען שפירט: די נשמה פון א נאנטן שוועבט איבער דיר . .

* * *

עס איז נאך געווען פאר די נירנבערגער געזעצן און מ׳האט נאך יידן כמעט אין מנוחה געלאזט. די עיקר־רדיפות זענען געווען — אויף קאמוניסטן! איז לאמיך כאטש דערמאנען בלויז אלטערן און יאזעפן. דער ענין זיסקינד לעוו איז צו קאמפליצירט! מ׳וועט עס באהאלטן, לכשירחיב—באריכות צווישן אנדערע שרייבער, ווייל ס׳האט א שייכות מיט זיי . .

אלטער האט צונויפגערופן זיינע פאר נישט־יידישע טראצקיסטן: „איצט מוזט איר אליין באווייזן וויאזוי צו ענדערן די וועלט. איך פאר נאך פאלעס־טינע״, און צומארגנס איז ער אפגעפארן.

דער ציטונגס־פארקויפער אויפן ווערדינג האט איבערגענומען זיין ארבעט. פון צייט צו צייט פלעג איך צו אים אריינגיין הערן עפעס פון אלטערן. איין טאג קומט דער פאטער, אן אלטער דייטש, צולויפן: „פאליציי האבן דעם זון

פעסטגענומען און א פאליציסט זיצט אין שטוב, אז ווער ס'וועט ארויפקומען, וועט ער אים מסתם מיטנעמען״. .

חבר יאזעף איז געווען א קאלישער בחור, די תמימות אליין. ווען זיי האבן דעם ארישן סעקרעטאר פארשלעפט, האט ער אין דער יידישער געגנט איבערגענומען די ארבעט. אין איין נאכט איז פאליציי צו אים ארויפגעקומען און אים מיטגענומען. קיינער האט עס נישט געוואוסט. צומארגנס זיצט ער אין יידישן קאפעע, ביי זיין זייט א פאליציסט אין ציוויל . .

נאר אזעלכע צוויי תמימותדיקע אויגן, ווי חבר יאזעף האט געהאט, האבן געקענט באווייזן, אז קיין איינער פון די „לינקע״, וואס האבן באזוכט דאס קאפעע, זאל זיך נישט צוזעצן צו אים.

יאזעפן האט מען אפאר טעג שפעטער דערשאסן. לעוון האבן זיי ארויס־געלאזן, אבער א האלב צעהרגעטן . . .

* * *

כ״א שבט, 1934, פארנאכט. באקום איך א דעפעשע פון דער היים : „טאטע נפטר געווארן. אויב וועסט נישט זאגן קדיש, תיכף דעפעשירן״. ס'איז געווען א צוריקבאצאלטע דעפעשע.

כ'דענק : שעהן אזוי בין איך געבליבן שטיין ביים פענסטער. שנייעלעך זענען פאמעלעך געפאלן, אין די טרערן פון מיינע אויגן האבן זיי פינקלדיק געלויכטן ווי ריכטיקע שטערן — דער הימל איז מיר אראפגעפאלן איבערן קאפ.

מיין טאטע איז מיר געווען דער טייערסטער מענטש אויף דער וועלט; דורך אים האב איך ליב באקומען דעם מין מענטש. קיינמאל גארנישט האט ער געפאדערט פון מיר. ער האט מיך נאר מיט זיינע טיפע אויגן אנגעקוקט. טיילמאל קוקן זיי נאך אויף מיר — איצט ! .

די דעפעשע האט ער, מסתם, אין דעם נוסח איבערגעלאזט אין זיין צוואה. אידהאב די צוריק־דעפעשע נישט אפגעשיקט.

די גאנצע זיבן טעג האב איך מיך אין גאס נישט באוויזן. כ'האב דעמלט שויך געוואוינט אין דער טיר־גארטן געגנט, אין שכנות מיט ד״ר סיסטער. ווען ער פלעגט קומען פון זיין ארבעט — ער איז דעמלט געווען דער דירעק־טער פון דער הויכשולע, „וויסנשאפט דעס יודענטומס״ — פלעגן מיר זיך אפט טרעפן אינם יידישן קאפעע אין יענער געגנט — ס'איז שוין געווען נאך די נירנבערגער געזעצן.

מיין נישט זיך וויזן איינצע טעג איז אים אויפגעפאלן ! ווען ער איז ארויפגעקומען, האב איך אים געגעבן צו לייענען די סעריע סאנעטן, אנגע־שריבן אין די טעג.

ער האט זיי אדורכגעלייענט, מיר זיי נישט צוריקגעגעבן. זיי געלאזט אפדרוקן —

עס איז דאס ביכל „פונדערוויטנס״, מיט דער צושריפט : „ארויסגעגעבן פון פריינט״.

דאס זענען די לעצטע שורות פון דעם ציקל סאנעטן:

„ווי דו, טאטע, ביסט אקייגן גאט געשטאנען,
וויל איך שטיין יעדן מענטש אקייגן".

איבער דעם ביכל האט ניגער בשעתו געשריבן: ס'זענען די בעסטע לידער, וואס זענען אנגעשריבן געווארן אין דער יידישער ליטעראטור איבער טאטע־מאמע.

* * *

איך האף, אז איך וועל נאך זדאנזשען, ווי נישט איז, דאס ביסל ביבלי־אגראפיע, וויפל איך געדענק זי, איבער מיינע 15 יאר ארבעט, פארוואָרפן אין דייטשלאנד, צו דערפירן צו א תוך. מיין ארבעט דא, די 37 יאר אין וויטשעפל, איז דאך דא, ווי נישט איז, אין דער „צייט", וואו איך האב יארן מיטגעארבעט; אין מיין איבער א טוץ ביכער און ביכלעך דא ארויסגעגעבן און אין „לשון און לעבן", וואס גייט שוין ארויס 34 יאר. — הלואי אויף ווייטער.

איך פריי מיך, אז ס'איז מיר, ווי נישט איז, האך נאך געלונגען דעם טייל, „גזע און ירושה", ארום א 1140 „לשון און לעבן"־זייטלעך אנצושרייבן און אפצודרוקן און באריכות ארויסצוברענגען אדאנק, מסתם, וואס כ'בין דעמלט, מיט 12 יאר צוריק, געווארן א „פענסיאנער" און געהאט א געוויסע זיכערקייט אונטער מיר און מיך געקענט נעמען צו ברייטע פראזע־שורות.

דער צווייטער טייל, „געראנגל", איבער 200 זייטלעך, איז לפי עניות דעתי אויך נישקשהדיק.

דער טייל, וואס כ'שרייב איצט, ווען איך און דער זשורנאל וואקלען זיך, איז מסתם לגמרי נישט וויכטיק, אחוץ פאר אן אלטן ייד, (א האלבן עבר־ובטל וואס טויג שוין צומאל באלד צום העפטל פארקויפן). וואס וואלט, נעבעך, געוואלט ס'זאל א זכר נאך אים בלייבן — איז מילא.

— המשך אין קומענדיקן נומער —

לעצטע לידער

1

נישט אין זיין בלי שטייט דער בוים — אין וויאן!
אבער צי איז ער דען ווייניקער שיין?
זיצט פייגעלע נישט אין זיין געצווייג,
דערפאר זינגט ער אליין — הער זיך איין.

א קונץ ווען די זון איבערן קאפ
מען איז אין צוויט און ליכטיק צעבליט?
אין רעגן, אין ווינט, בנעפל געהילט —
מיט לעצטן געוועלק זינגען א ליד!

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן 1974 יוני־אקט. 35'סטער יארגאנג 29־424 7־10

אינהאלט

ימים נוראים הייאר .... *** 3

אן אתרוג פון גן־עדן (א חסידיש מעשהלע לכבוד סכות

.... יוסף שמעון ווייַנשטייַן 21

פארלאשענע ליכט .... יאסל חריף 24

דער וועג צו זיך, אין וואלד, איך זוך נאך אלץ (לידער) עלא זילבערג 26

ציילן פינף און פיפציק יאר, א געבורט־טאג ווונטש, ביים ים (לידער)

.... אייזיק גאלדבערג 28

זינג־פייגל אויף מיין קאשטאן בוים (ליד) .... דוד בערמאן 31

דער שורש, (המשך) א חזיון אויף ווייטשעפל גאס א.א. לידער

.... א. נ. שטענצל 32

אויפגעלעבט אן אלטן מנהג .... נעט רובין 39

די צעריסענע שיך (דערציילונג) .... נאטאליע גינסבורג 41

א בריוו צו סיביר (ליד) .... א. פושקין 43

א ליד צו א מיידל (ליד) .... סלאוואצקי 44

מיין מאמע אין סיביר .... אסתר ערליכמאן 45

געשעעניש, עפיזאדן פון יידישן טעאטער־לעבן אין ניו־יארק

.... סעם גאלדבערג 46

פארן ארון קודש (קאלאזשעס) .... יעטא מאנגער 47

יידישע אויגן (ליד) .... זלמן שזר 48

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס יעדן שבת 3 אזייגער אין ברעדי קלוב העמברי סטר. א.1.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—£1.50 פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

הונגעריק די זינג־פֿייגל אַלע אײַנאײַנעם
ווען אויפֿן פֿענסטער מײַנעם בליט פֿראָסט שוין.

ביטער איז ווינטער, שניי אויף דער וועלט,
כ׳וואַך אויף אין דער פֿרי און געפֿין איינס שוין טויט.
אַ צווייטער זינג־פֿויגל שרייט איצט פֿון קעלט —
און הונגעריקערהייט עסט ער מײַן קרישקעלע ברויט!

ווײַן בישט, אײַנזאַמער שוואַרץ־פֿייגל, אויפֿן בוים,
כ׳זע שוין אַ סימן פֿון פֿרילינג, וואָס קומט;
באַלד און אַ נעסט בייע וועט זײַן דײַן היים
און אַלע וועלן הערן ווי שיין דו זינגסט.

אי נ. שטענצל

דער שורש — המשך —

4

כ׳טאָר בישט אָוועקגיין פֿון דעם ביסל ביבליאָגראַפֿישן, וואָס כ׳האָב מיר פֿאַרגענומען — תּפֿסת מיעוט תּפֿסת . . .—. מיך אַרײַנלאָזן אין דער מחשבה בלויז פֿון יענע יאָרן אין בערלין, וועל איך אינגאַנצן שוין מטושטש ווערן.

בלויז דאָס אַרײַנשטעקן זייער פֿאַרזשאַווערטן נאַצי־קלינג אין אונזער אונטערגעזעגטן בוים — „אָסט־יודע, דויטשער יודע", ווי זיי האָבן דאָס דעמאָלט אַזוי סאַרקאַסטיש געטון, דאָס אַליין מיך צו פּראָוון דערמאָנען, איז שוין איבער מײַנע כּחות.

אָבער ס׳איז זייער רשעות דאָך בישט געלונגען. די „רעטונגס־אַרבעט" אין ביידע צדדים, ביי די אַלט־אײַנגעזעסענע יאַהודים און ביי די מזרח־ייִדן, איז באמת געווען למעלה מן־הטבע.

בלויז די אַרבעט אַרום דער „קינדער־עליה" דעמאָלט וועט, מסתּם, בלײַבן אַ גרויס קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

און איך בין מיר דערווייל אָנגעגאַנגען מיט מײַן „פּריוואַט" אַרבעט „ווי קינומאַל גאָרנישט" — אין יענעם יאָר זענען אַרויס מײַנע פֿאַרשיידענע ליריק־העפֿטלעך און דאָס גרעסערע ביכל „צווישן הימל און ערד", אַרויס־געגעבן אין „רוביק מאָס פֿאַרלאַג".

איין טאָג, אָהינקומענדיק אין ביכער־געשעפֿט, ווייזט מען מיר אַ בריוו פֿון „אַרץ"; דאָס הויפּטגעשעפֿט איז שוין געווען אַריבערגעפֿירט קיין תּל־אָביב „היתּכן, ווי קומען זיי צו דרוקן אַ בוך אין זשאַרגאָן?"

פֿאַרשטענדלעך, עס איז דעמאָלט געווען די „עפּאָכע", ווען מען האָט געבראַנט ייִדישע צײַטונגען און ביכער אין קיאָסקן אין תּל־אָביב.

איז ווי האָב איך געקאָנט נעמען נאָטיץ פֿון די אַלע דרינגענדיקע בריוו־אײַנלאַדונגען פֿון דער לאַסקער־שילער מאַקס בראָנשטיינס אָנציִענדיקע ? . .

אבער אין איין שיינעם טאג — דאס ווארט „שיינעם“ דא איז נישט לושם סטיל — קומט אן א פעקל מיט העברעאישע שירים און מיט א פרייליכן, הומארפולן בריוו פון דוב שטאק — כ'קאן מיך נישט דערמאנען צי איז עס געווען פון מיין „פישערדארף“ אדער די תנ"ך־פארטרעטן פון „מזל־טלה“...

פון יוסף אפאטאשו באקום איך א בריוו, כמעט אין דער זעלבער וואך. אין א זשורנאל פון די אינזיכיסטן — איך געדענק נישט מער דעם נאמען — איז געווען אפגעדרוקט דאס ישעיהו־ליד פון „מזל־טלה“ און אונטערגעשריבן „דאס בעסטע ליד הער חודש“.

אבער נישט נאר איוב־בשורות יאגן זיך איינע נאך דער אנדערער: טאקע איבער דעם בוך, „מזל־טלה“, איז דעמלט געווען אפגעדרוקט אן ארטיקל אין „מאמענט“ פון חיים סימיאטיצקי...

און ווידער שפעטער אמאל ווי פון הימל אראפ פאלט מיר אריין א בריוו פון שאגאלן, אז ווען ער פלעגט ארויסקומען צו יוסף אפאטאשון, האט ער אים פארגעלעזן פון מיין „מזל־טלה“.

מילא, איז דאך די ארבעט מיינע נישט אינגאנצן ארויסגעווארפן...

אין יענע חדשים בין איך אריינגעשלעפט געווארן אין דער „קולטור־ארבעט“, אזוי צו זאגן, פונם געגרינדעטן פוילישן פאריין.

יא דאס יאר דעמלט איז געווען א לייכט יאר. די אסט־יודן האט זיך אנגעהויבן דאכטן, אז זיי זענען פוילישע בירגער, די פוילישע רעגירונג שיצט זיי און דער עיקר בערלין האט זיך אנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער אלימפיאדע, און די נאצי־הערשער האבן נויטיק געהאט צו באווייזן א שענער פנים פאר דער וועלט.

צו שרייבן איבער דעם „פוילישן פאריין“, וואס האט זיך פאר מיר אויסגעלאזט, וועך די נאציס זענען געוואויקער געווארן, אז איך בין גאר א שטאאטנלאזער און איבער דער מענדעלע־מוכר־ספרים פייערונג צום הונדערטסטן געבוירן־יאר פון אונזער קלאסיקער, איינגעארדנט (אין הויז פון פריינט פיש), פון ד"ר יעקב מייטליס—דאס געהערט נישט צו ביבליאגראפיע. אבער די מענדעלע־פייערונג אין דער אסט־יידישער סביבה ארום גרענאדיר־שטראסע מיט די לעצטע „קולטור־פאריין“־חברים אפאר ווערטער, וויל עס האט דאך א שטיקל שייכות הערצו.

א יידישעלעכער רעסטאראן, אפגעדונגען אויף א „תנאים“. אויבנאן איז געזעסן דארא דימאנט, אן אויסגעשולטע אקטריסע, די פריינדין פון פראנץ קאפקא — „די כלה“, און איך „דער חתן“, ארום אפאר צענדליק געבליבענע חברים פונם געוועזענעם קולטור־קלוב און איניקע ליבהאבער פון יידיש, צווישן זיי איציק מאנגערס שוואגער, אברהם מרגליות א פאעט, געשריבן יידיש און העברעאיש, מאסטבוים א שרייבער אין יידיש, דייטש און העברעאיש.

דארא דימאנט האט געלייענט א קאפיטל פון „ווינטוש־פינגערל“, איך האב גערעדט איבער מענדעלען, דער עולם האט געזונגען יידישע לידער. מ'האט זיך משומח געווען, מ'האט זיך געפריידט וואס אויך מיר, א געהעצטע

גרופע יידן אין נאצי־דייטשלאנד, זענען נאך מיטבאטייליקט איבם הונדערט־יעריקן יובל פון אונזער קלאסיקער.

יא, די פאר אויפגעשריבענע שורות האבן שוין א דירעקטע שייכות צו מיין ביבליאגראפיע.

צומארגנס אין דער פרי האב איך געברענגט דאראן צו דער באן מיט איר איין־יאריק קינד, מאריאנא — דעם פאטער האט מען שוין מיט כל־הקונצן געהאט ארויסגעריסן פון א נאצי־געפענקעניש און איבערגעשיקט קיין מאסקווע; דאס קומען צו באגלייטן א מאסקווע־אפפארן האט נישט ווייניקער געשמעקט מיט געפאר ווי די טעכטיקע פארמאסקירטע מענדעלע־פייערונג...

ביים געזעגענען זיך נעמט זי ארויס דאס זילבער־געלט פון פארטמאנע. זי האט דארט געהאט מער ווי די דערלויבטע צען מארק מיטצונעמען:

— דרוקט אפ די נעכטיקע רעדע איבער מענדעלע מוכר־ספרים!

דאס קליינגעלט איז גענוג געווען ארויסצוגעבן דעם מענדעלע־עסיי אויף פערגאמענט־פאפיר, מיט א גאלדן שנורעלע געבונדן — „בערלין, 1936".

אויפן שער־בלאט — א צייכענונג פון מענדעלען.

דאס איז געווען מיין דריטער עסיי איבער אונזערע קלאסיקער.

זערע קלאסיקער.

איבער פרצן צו דער צוואנציקסטער יארצייט איבערזעצט אויף דייטש א חודש פריער אין בערלינער געמיינדע־בלאט — האכט זיך — אויך אזוי דער מענדעלע־עסיי אין דער האמבורגער יידישער צייטונג — דאכט זיך —

אט די אלע דריי עסייען, לאנדאן, 1942, אין מיין בוך, „יידיש".

וואלט מיין לעבן געגאנגען אנדערש, וואלט איצט נאך געווען אנדערש, וואלטן די פיר זייטלעך פארנומען, מסתם, פיר הונדערט — אויב נישט נאך מער!

אבער א לידל־שרייבער מוז דאך זיין כאטש א ביסל פעמינין, און ער מאכט תמיד די ברכה „שעשני כרצונו".

כ'גיי צו צו מיין ביכער־פעקל, ארויסגעראטעוועטע דעמלט פון דייטשלאנד — עס פאלט מיר אין דער האנט אריין דאס גרין־איינגעבונדענע ביכל, „צווישן הימל און ערד". כ'בלעטער עס און איך פריי מיך, אז אין אט די לידער געפינט זיך דאך עפעס א הויך פון יענעם באנד ליבע־לידער, „זון איך דיך", וואס איז שוין געווען גאנץ אויסגעזעצט און עס איז ערגעץ פארקומען נאך איידער מען האט עס אפגעדרוקט.

א טייל פון יענע לידער זענען אפגעדרוקט אין פארשיידענע צייטונגען, בעיקר אין „לייפציגער יידישן וואכנבלאט" אין ד"ר א. זוהלס איבערזעצונג ווי אויך אין דער דייטשער איבערזעצונג פון עליזאבעט וועלער.

כ'צייל די אנדערע ביכלעך און זע, אז איך האב אויך נישט מיין גאנץ ערשטע „לידער און געדיכטע" — מענעס־פארלאג, 1924. דאס בוך, „און דו ביסט גאט", שמוש־פארלאג, לייפציג 1925, איז דאך דא. כ'האב עס געזען אין דער ספרים־שאנק ביי ד"ר יעקב מייטליס.

די צייטונגען: ווילנער־טאג, רינגער־וועג, מילגרוים, מארגן־זשורנאל, די נעסט צוקונפט, ליטערארישע בלעטער א.א. האב איך בכלל נישט. מיין ערשט ליד געדרוקט אין א בערלינער יידישער וואכן־צייטונג 1921.

עס מוז שוין איינעם, מישטיינס געזאגט, זיין גוט אנגעזאליעט אויפן אלטן הארץ, אז א ייד קרוב ושמונים, האט נישט קיין אנדערע זארג אין קאפ ווי זיך אפצוגעבן מיטן אייגענעם ביסל ביבליאגראפיע, ווייל דאס אפגעראטעוועטע פעקל־שמות, וואס מ׳שלעפט מיט זיך, ווייסט מען נאך אלץ נישט וואו עס וועט פארווארפן און פארפאלן ווערן . . .

יא, לידער האבן דעם זעלבן גורל, וואס א מענטש. די אלע נישט־געדרוקטע לידער פון דעמלט זענען אומגעקומען — אחוץ די, וואס זיך גע־ראטעוועט אין דייטשער איבערזעצונג. די רש״י־פאעמע, וואס האט געהערט דעמלט צו מיינע בעסטע, איז אויך פארלוירן; זי איז געבליבן ביי יוליוס באב פאר זיין „קולטור־בונד״. אזוי צענדליקער און צענדליקער — חסל.

א חיזיון אויף ווייטשעפל-גאס — אין א הייסן, סוף־יולי טאג

דריי רייטער געריסן איבער דער גאס דא,
כ׳בין געבליבן שטיין ווי פאר א חיזיון;
ווילאנג שוין נישט געזען דא אזוינס.

— צומאל די ברויערײ־פערד דא פארשוואונדן!
ווי גרויס די וועגענער זיינען געוועזן,
נישט געסטיקעט שוין פאר די ביר־פעסער —.

דאס לעצטע פערד מיט אויפגעהויבענעם עק
און מיט דער גריווע דער ווילד־צעפלאשעטער,
ממש פון איוב־קאפיטל ארויס.

וואוהין רייטן זיי דא די דריי רייטער,
וואסער בשורה ברענגען זיי אין העלן טאג?
די בליקן אויפגעריסן ברענענדיק!

די ציין ווי צעדולטע זיי בלאנקן,
צוים צו צעבייסן, לייצן צו צערייסן;
ס׳צעפלאשעטע געפלאם פון דער גריווע!

אט דיבאם אויף די הינטערשטע שטייט עס,

לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

11־12 430־31 35סטער יארגאנג נאוו.־דעצעמבער 1974 לאנדאן

אינהאלט:

חנוכה־ליכטלעך היי־יאר ... 3

די מכבי ליכטלעך — טעקסט א. נ. שטענצל, מוזיק מאיר באגדאנסקי 12

דער גרויסער ייד פון מאטעלע ... ק. י. האניג 14

די פארלעזונג לזכרון פון חיים וויצמאן הונדערט יאר נאך זיין געבורט. ... דוד בערמאן 15

זכרונות וועגן זלמן שזר ... אייזיק גאלדבערג 17

חוה ראזענפארבס „דער בוים פון לעבן" ... יצחק יאנאסאוויטש 20

ווי ברוגז וואנדלען מיר (ליד) ... שמעון וווזעק 25

מיין ערשטע „קאפאוטי" אין ווייטשאפל ... א. נ. שטענצל 26

צו משה עובד ... מרדכי נארקיס 30

וועגן שיר השירים איז געווען אין געפאר ... ל. ש. קרעדיטאר 38

עס לויפן די יארן (ליד) ... חיים אלבאם 44

רחל רעליס — דאס זינגענדיקע פייגעלע ... סעם גאלדבערג 44

א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס ... ש. 45

נס חנוכה (ליד) ... יוסף הלל לעווי 51

מוזיק מאיר באגדאנסקי ... 52

לאנדאנער קולטור ידיעות

מיין שכן שאַרט דעם שטיוב ביים שוועל מיט נודנעם שטעקן,
עס פאַלט אַ טרער אויף אַדערדיקער דאַרער האַנט,
אַ לאַנג־פאַרשטילטער און פאַרטויכט אין טויבער וואַנט . . .

ביים זונפאַרגאַנג פון חלומס צויבער־שלאָס;
ביים אָפּגעבלעטערטן טאָג פון גליק־נסיעה,
פאַרבלאַסט אין חכמהס ספר אות נאָך אות,
און ס'בריט דאָס זאַלץ אויף מידער ווייע.

א. נ. שטענצל

מיין ערשטע „קאַפּאָוטי" אין ווייטשעפּל *

א

אין בערלין איז שוין קיינער פון די יידישע שרייבער נישט געווען. איך מיין פריינט, ד"ר מילער, וואָס האָט אַלץ כסדר מיט מיר געטענהט: „גלויבסטו שוין אונז אויך נישט? דאָס גאַנצע מיט די נאַציס, מיט דעם היטלער — עס איז דאָך נאָר אַ טריק, אַ פּאָליטישער מאַנעווער . . . עס וועט קומען צו אַן אויסגלייך . . . און דייטשלאַנד איז ווידער דאָס קולטור־ווירטע דייטשלאַנד!". . . אָט דער ריכאַרד מילער קומט צו מיר איין טאָג צו: „זע דאָס דו פאַרשוואונדעסט! און וואָס שנעלער!!"

מסתם האָט ער שוין אויך עפּעס געהערט מאחורי הפרגוד — ער וואוינט דאָך דאָרט אַ טיר צו אַ טיר אויף דער ווילהעלם־שטראַסע.

פון פּאָליצײ־רעוויר רופט מען מיך כסדר און אין איין טאָג ביי אַ פאַר־מאַכטער טיר זאָגט צו מיר דער פּאָליצײ־אָפיציר: „וואָלטן זי ווירקליך איינען קאַמפּף פירן מיט דער געשטאַפּאָ? ווארום פאַרשווינדן זי דען ניכט? און וואָס שנעלער!"

מיין אינערציע האָט אַלץ נאָך אָנגעהאַלטן, איז נאָך אַלץ געווען אַ נאַ־טירלעך געפיל און איך בין מיר אַנגעגאַנגען מיט מיין דרך . . .

איינמאָל גייענדיק לעצטנס אויפן קורפירשטנדאַם זע איך אַ באַקאַנט פּנים אין ס"אַ בגדים ווי עס פאַרשווינדט שנעל אין אַ טויער. מיינער איז נישט פויל און איך גיי נאָך . . יאָ, ס'איז אַלפרעד ריכאַרד מייער, „מונקע פונקע" — אַ דייטשער פּאָעט, אַ הומאָריסט, דער סעקרעטאַר פונם קאַרטעל פון דייטשע ליריקער: „ביסט דו פעררוקט, אָדער זע איך ניכט מער?"

ער וויל מיר קוקן שאַרף אין די אויגן אַריין, אָבער ער לאָזט זיי אַראָפּ: „איך מוס אונזערע זאַכע בעשיצען!"

„נו, גיי מיר שוין אין דר'ערד אַריין" . . . האָב איך מער גערעדט צו מיר ווי צו אים".

די זאַכן האָבן זיך גענומען צושפּיצן — מעסערס אויף מעסערס!

אין איניקע טעג אַרום קריג איך אַ פּלאַקעט פונם דייטשן שרייבער־

פאַרייך אַ האַקנקרייץ איז אַריינגעקריצט אין אים, מיט אַ צוגעלייגטן בריוו, אין וועלכן עס שטייט, אַז כ'מוז באַנייען מיין מיטגלידשאַפט און אַ זדעם האַקנקרייץ־פּלאַקעט האַט יעדער מיטגליד צו טראָגן אין קנאָפּלאָך, אינם לאַץ פון רעקל —

הכלל, בשעת ער האָט געזאָגט, אַ באַהאַלטענער אין טויער „אונזערע זאַכע" האָט ער מיך מיטאַריינגענומען אין זייער כלל אַריין; דאָס הייסט, אַז ער ווייסט שוין אויך עפּעס אַזוינס וואָס ריכאַרד מילער, נאָר ער נעמט מיך אין זייער כלל אַריין און האָט באַשלאָסן מיך צו באַשיצן . . .

ביין, מיין כלל איז אַ קאַנדערער! „כיון שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר . . ."

איך האָב מיך שוין היינט אויף דער נאַכט צום שרייבטיש נישט צוריק־געזעצט. איך האָב געפילט ווי עפּעס אונטער מיינע פיס רוקט זיך; ווי עפּעס וואָלט געשוועבט איבער מיין קאָפּ און איז אוועקגעפלויגן — —

דריי יאָר בין איך געזעסן „באותו המקום" און מיך געריייניקט אינם בלוט פון „מזל טלה" — בערלין 1935 — אין די בעל־שמסקע אין בראַצ־לאַווער פּאַעמעס און באַלאָדן פון מיין „אינדערהיים" — 1936 — און דער עיקר אין מיינע טאַטע־סאָנעטן — 1934 —.

עס איז אַ שווערע נאַכט געווען! עס ווערט דיר עפּעס אוועקגעריסן פון אונטער דיינע פיס און יעדער שריט גליט אונטער דיר. ווען ס'איז טאָג געוואָרן בין איך שוין געשטאַנען פאַר דער טיר פונם „קאַרטעל". ווען כ'האָב אָנגעקלאַפּט האָב איך געהערט אַלפרעד ריכאַרדס: „הערײַן!"

„דו ווירסט דאָך מיך פאַרשטעהן!" און איך האָב די מיטגלידס־קאַרטע מיטן האַקנקרייץ־פּלאַקעט אַנידערגעלייגט.

„יאָ!" האָט עס געגעבן אַ קלאַפּ ווי די גיליאָטינע־האַק און אונזערע ביידנס קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אָפּגעהאַקטע.

איך האָב די טיר נישט פאַרהאַקט. איך בין שטיל אַרויסגעגאַנגען און ער איז אַזוי אָפּציריש־פּרייסיש געבליבן שטיין אין זיינע ס"אַ־קליידער.

איך האָב געוואוסט, אַז איך מוז יעצט וואָס גיכער פאַרשווינדן.

אָבער וויאַזוי? מיט מיין שטאַאַטנלאָזן פּאַס?

אָבער האָט נישט אַ פילאָזאָף דאָך שוין אַמאָל געזאָגט: און אפשר איז גאָט אַליין גאָר דער צופאַל?. . . יאָ, „עס פאַלט פונם הימל אַראָפּ." האָט מיין מאַמע געזאָגט.

ב

איך קום אַהיים, הער איך אין מיין שטוב אַ באַוועגונג: שוין? מ'ברויך דאָך נאָר צו טעלעפאָנירן און זיי לויפן אָן ווי די משוגעים, ווי די הינט . . .

אין שטוב איז געזעסן עליזאַבעט וועלער אָן אויפגערעגטע, אָבער אַ פריילעכע — זי האָט גוטע ביַיעס פאַר מיר.

„ביי קייזערן שטייט איין ענגלישע דאַמע. זי איז דאַ געווען ביי די ספּאָרט־פיערונגען און נאָכמיטאָג פאָרט זי צוריק אַהיים. זאָל איך מיט איר זאָפאָרט צופאָרן צו די קייזערס! עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר אַן

ענגלישער וויזע — זער אן אנגענעמער מענטש". זי האט ממש גערעדט ווי א שדכנטע . . .

ווען מיר זיינען צו די קייזערס אריינגעקומען, איז די זאך שוין געווען באשטימט. קייזער, ווי א צייטונגס־מענטש, האט ער מסתם נאך מער געוואוסט פון מילערן און אז נאך די ספארט־פעסטיוואלן איצט ווערט דער „קורס" נאך שארפער — „יידיש בלוט פאן שארפע מעסערס שפריצט"!

אין איניקע טעג ארום האב איך געהאט אן „איינרייזע דערלויבעניש" קיין ענגלאנד אויף דרייסיק טעג, מיט איין באדינג נישט צו פארלאנגען קיין פארלענגערונג ביים „האום אפיס" — אינערן מיניסטעריום —. די אור־זאך פון דעם נסיעה מיינער איז צו שרייבן איבער ענגלישער מאלעריי.

די נאכט פארן אוועקפארן זענען מיר, איניקע פריינט, געזעסן ביי ריכארד מילערן אין זיין „ריכארד וואגנער־צימער". קוקנדיק אויף דער גאלד־איינגערעמטער וואגנער־פאטאגראפיע איבערן „פליגל", האב איך זיך געזעגנט מיט זיי געזאגט:

„עס וועט גארנישט העלפן, קעגן גאנג פון דער געשיכטע קען מען נישט מיט לאנצקנעכט־שטיוול מארשירן און וואגנערישע מארשן וועלן אויך קיין סך נישט אויפטון. קיין שום פארטיי־מאנטל אדער סאלדאטן־שינעל קאן נישט העלפן. יעדעס פאלק טוט אפ זיינס, און ס׳מוז גיין. קיין שום ווילנס־קראפט העלפט נישט — די נאטור פארלאנגט עכטע קראפט — —"

ריכארד האט מסתם מורא געהאט פאר מיינע וויטערע רייד און איז אריינגעפאלן מיט א וואגנער־מארש ווי בעת א חתן האלט זיין אויסגעלערנטע דרשה . . .

איך האב עליזאבעט וועלער געזעגנט צו דער פאטסדאמער אונטער־גרונט־באן און אפגעשמועסט עלף אזייגער אויף דער צאא־פלאטפארמע ווען דער צוג וועט אפגיין.

איך האב די נאכט אין דער היים נישט געשלאפן, צי ווייל כ׳האב מורא געהאט אדער ווייל געוואלט די נאכט אין בערלין מיט מיר נאך מיטנעמען — האב איך דאך דא אזויפיל געשריבן און אזויפיל צו איר אליין, צו דער שטאט גופא.

ווען דער צוג האט אפגעפיפן זיינען געווען צוויי, וואס האבן צו מיר געוואונקען: ד״ר סיסטער און עליזאבעט וועלער. איר פנים איז געווען פול מיט טרערן. מסתם דערפאר וואס איך פאר אוועק, אבער נאך מער פאר פרייד, וואס זי זעט מיך אוועקפארן א לעבעדיקן . . .

אין האנאווער, וואו דער שנעלצוג האט געהאלטן איניקע מינוט, האט מיך אפגעווארט איר ברודער האנס, א יונגער דיריגענט־סטודענט, וואס שטודירט אין האנאווער.

זייענדיק פאר איניקע חדשים אין בערלין, האט ער מיך באזוכט און ארויסקומענדיק אין דער „קאנווערזאציע" אויף פאליטיק, כאפט ער זיך ארויס: „איסט דער פירער דען קיין זשעני?" איך בין צוגעגאנגען צו דער טיר, זי געעפנט: „ווען דו דענקסט זא, ביטע . . ."

דאס גאנצע ביסל דייטש געלט, וואס איך האב געהאט ביי מיר, האב איך אים געשטופט אין דער האנט אריין בשעת הער צוג האט זיך גערירט.

צו דער האלענדישער גרענעץ איז דער צוג אנגעקומען פארנאכט. עפעס האט דער בין־השמשות אויסגעזען יום־כפורדיק: קען מען דען נישט דא ביי דער גרענעץ מיך נאך א נעם־אראפ געבן?. . .

די דייטשע גרענעץ־באאמטע זיינען ארויפגעקומען מיט א „הייל־היטלער״־רעש, אבער דאס באקוקן די פעסער, דאס געפעק, איז געווען אויבנאויפיק. איז דאך דער גאנצער קיפע פול געווען מיט באזוכער, אויסלענדישע באזוכער פונם „פעסטיוואל״.

אין מיין שטאטנלאזן פאס האט ער לאנג אריינגעקוקט און גערדרייט. אין קאפער, וואס איז געווען אזוי איינגעפאקט, אז מ׳זאל בפירוש זעען, אז ס׳איז נאר אויף א רייזע פון דרייסיק טעג, האט ער קוים א קוק געטון.

עס איז געווען דער 18טער נאוועמבער, 1936.

שווער סאפנדיק, ווי מיטן לעצטן אטעם שוין, איז דער צוג אריין אין ליווערפול־סטיישאן — אן ארויסגעשלעפטער פון בראנדיקע פלאמען ביז איך געשטאנען אין א פאגע־נעפל און פונקען־צעשפריצטן רויך און פעסט אין דער האנט געהאלטן מיין רענצל.

„מיסטער שטענצל! מיסטער שטענצל!?״ הער איך שרייען מיין נאמען פון ביידע זייטן, ווי א בת־קול וואלט גערופן און אן עכא זואלט געענטפערט.

אין וועלכער זייט ווענדט מען זיך אין דעם טומאן פון נעפל און רויך־געדיכטעניש, צעמישעניש?

פון ביידע זייטן זיינען צוויי מענטשן צוגעקומען, איינער א פריילעכער, מיט ליכטיק־צעשמייכלטע אויגן; דער צווייטער, עפעס א מין לאפיטוט: „איר זענט מיסטער שטענצעל?״

דאס מיינט מען דאך טאקע מיך! וואס זיי האבן ווייטער גערעדט האב איך שוין אין מיין טויט־מידקייט ווי א מת ביים ארויסקוקן פונם קבר הערנדיק דאס שרייען: „מה שמך״? און צעמישעניש נישט פארשטאנען — זיי האבן מיך א נעם געטון!. . .

אנקומענדיק צום פלאץ, וואו זיי האבן מיר געברענגט און דערזען אויף דער וואנט די יידישע אותיות: „דער שעלטער״ און דערהערט דעם טומל פון איבעוויניק — און ערשט איבעווייניק!

איך דריי מיך אויס צום לאכנדיקן: „וואס עפעס שעלטער?״ הער איך פון אפיס־טיש א באטעמט היימיש לשון:

„בעסער די קללה פון גאט איידער די ברכה פון מענטש״.

דאס איז געווען מר. מאנדי, דער דירעקטאר פונם שעלטער:

„דאכט זיך איר האט א דעפעשע פאר דעם מיסטער שטענצעל. קודם פירט אים אראפ און דערוואַרעמט אים מיט א „קאפ און טי״.

אין קעלער האט עס טאקע געקאכט ווי אין א גיהינום־קעסל . . .

דער, וואס האט מיך אראפגעפירט, האט מיך געזעצט ביי א טיש, דערלאנג מיר א טעפעלע טיי מיט דער דעפעשע; האט מיר אויך געגעבן א יידישע

ציישונג. עס איז געווען מר. מייקלסאן:

„יעצט בין איך פארנומען, אבער נאכמיטאג וועל איך אייך קאנען זיין צו דינסט אין אלע אייערע ענינים״.

קוקנדיק אויף דער ציישונג און זעענדיק אן ארטיקל איבער מיין לעצט ביכל „פונדערהיים״, בלייב איך נשתומם און פארגעס צומאל צו עפענען די דעפעשע:

וואס טוט זיך דא, איז דאס א קבלת־פנים? פון וואו האבן זיי געוואוסט, אז איך קום? און ווי קומט ניגער קיין לאנדאן?! איך קוק אויף דער דאטע פון דער ציישונג:

ס׳איז דער זעלבער טאג, ווען איך האב דאס ענגלישע פריילין קענען געלערנט.

כ׳דערמאן מיך אין דער דעפעשע און רייס זי אויף:

צען אזייגער קום איך אן, קריסטאבעל פאולער.

די דעפעשע, זע איך, קומט אן פון ליווערפול.

דורכן קאפ לויפט מיר ווידער אדורך, צי האט נישט אפשר א פילאזאף אמאל געזאגט:

און אפשר איז גאט אליין דער צופאל — „עס פאלט פון הימל אראפ״!

געהאט דעם אדרעס, און דאס מוז דאך זיין ערגעץ דא־וואו נישט ווייט. האב איך מיך געלאזט גיין צו דער רעדאקציע — דער גאנצער דרויסן אליין א גרויסע אילומינאציע! ווי פאפירענע לאמטערן לויכטן די עלעק־טרישע לעמפ אין דער נעפל־פאגע. עס קלינגען די טראמווייען, די אויטא־בוסן טראמווייען. דו דרייסט דיך, דרייסט דיך און אין דיר אליין איז אזא ליכטיקער יום־טוב.

אט שטייסטו פנים־אל־פנים מיט א מענטש. דרייסט דיך אויס, און שוין איז ער נישטא — א פארכשופטע וועלט! איך האב מורא ווייטער צו גיין.

צען אזייגער וועט זי דאך דא זיין, ווי הייסט זי, קריסטאבעל? — — און כ׳לאז מיך צוריק צום „שעלטער״.

זי האט שוין געווארט אויף מיר אין אפיס.

מרדכי נארקיס

צו משה עובד

. . . „און ער באנדאזשירט איר האנט מיט אפאר אור־אלטע גאלדענע ארעמבענדער. פון וואנען זיי שטאמען האט ער אליין נישט גע־וואוסט. נאר שיין זיינען זיי געווען ווי צוויי רעגנבויגנס אויף דער ראזאווער הימל־הויט. און ווארעם איז געווען זייער גאלד, ווי דאס האלזן פון א געליבטן״ — —

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

1־3 431־34 36'סטער יארגאנג יאנ.־מערץ 1975 לאנדאן

Jan–March

אינהאלט

19'טער־אפריל, ירושלים, הגדה־ און פסח־לידער .... *** 3

א שמועס (צו דער זעכציקסטער יארצייט פון י. ל. פרץ) .... י. ל. פרץ 13

פורים א יום־טוב פון תענוג ושמחה .... יוסף וויינשטיין 16

ווו ביזט דו היינט? ווינטער שטימונג (צוויי לידער) .... עלא זילבערג 18

יידישע טיפן אין רוסלאנד פון אמאל .... ח. ב. בענקוויטש 20

דער פאעט (דערציילונג) .... סאמערסעט מאהם 22

מיין ערשטע „קאפ־און־טי" (המשך) ארום די נקודה .... א. נ. שטענצל 27

א יידיש פאלקס קאנצערט .... אייזיק גאלדבערג 34

א תפילה נאך יום־כפור .... ב. קאוונער 35

„גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין אויפגעפירט אין ברוקלין קאלעדזש

.... סעם גאלדבערג 36

א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס .... ש. 38

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—1.50£ פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

א. נ. שטענצל

מיין ערשטע „קאפ-און-טי“ אין ווייטשעפל

ב

ס׳איז טאקע געווען דער 19טער נאוועמבער, 1936, אבער דער שענסטער פרילינג־טאג, ווי ס׳פאלט טיילמאל דווקא אויס אין פארנעפלטן לאנדאן; די פאגע האט זיך אפגעדעקט פון דער זון ווי ביי א כלה אונטער דער חופה דער שלייער, ווען מען גיט איר פונם פולן כוס־של־ברכה א זופ צו טון פון אים.

די ערשטע טאקסי האבן מיר געכאפט ביי דער אלדגייט־אונטערגרונט באן־סטאציע, געדרייט זיך קודם איבער די שמאלע ווייטשעפל און איסט־ענד געסלעך און ארויס אויף די ברייטע אקספארד־סטריט פאטשענעס מיט די ברייט־צעשפיגלטע וויסטאוועס־פענסטער. אפגעגעבן ס׳רענצל קודם אינם האטעל און שפאצירט מיט אויפגעריסענע אויגן — צוויי פרייע מענטשן. קיין ס.א., קיין ס.ס. קוקט דיר נישט נאך, קיין בייזע אויגן שפיאנירן דיך נישט — א פרייער מענטש פון דערנאציאנאל־גאלעריע, מיטן טראפאלגאר סקווער דיר צופוסנס ביזגל צום קעניגלעכן פאלאץ — אזוי איז אדורך מיין ערשטער טאג אין לאנדאן בהעלם־אחת. א קעניגלעכער טאג!

וואס איז בערלין קייגן דעם כרך לאנדאן — קייגן דער קעניגלעכער אימפעריע־שטאט! — א שטעטל אין וועסטל־קעשענע ארייננשטעקן. כ׳האב געקוקט אויפן ארום אים איינצושלינגען; מיינע אויגן האבן זיך אלץ גרעסער אויפגעריסן, נישט אנצוזעטיקן זיך. די ברייט פון די גאסן, די סקווערן, די בנינים, די רעסטאראנען פון א גאנץ אנדערן שניט — ברייט, אפן! — אזוי די אפענע פנימער. זיי קוקן אויף דיר פריי, פריינטלעך, נישט מיט היטלערס „איין־טאפ־געריכט“ — מיט שנאה, מיט קנאה, מיט רציחה.

* * *

גייענדיק אין דער פרי זוכן די יידישע צייטונג אין ווייטשעפל, האב איך אין צווייטן געסל פון „שעלטער“, עלי־סטריט, געזען א שילדל מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות: „יידישער ארבעטער־רינג“. איצט, זיצנדיק אין „קארנער־האוס“ אנגעזעטיקטע נאך דעם לאנגן שפאציר און איידער מיין באגלייטערין קומט ארויס מיט איר געפלאנטן אוונט־פראגראם—קריסטאבעל פאולער איז א שפראך־לערערין אין א ליווערפול הויך־שולע, און אז זי קומט אין דער רוישיקער עיר־הבירה אויף א באזוך איז אלץ אויסגעפלאנט פון א ביז זעד; זי האט שוין אין ליווערפול געקויפט אפילו די קאנצערט־קארטן פארן הייַנטיקן קאנצערט אין דער אלבערט־האלל — איך אבער „כי טוב לב המלך“ נאך דעם באגייסטערטן שפאציר דערצייל איך מיט נאך גרעסערער באגייסטערונג פון מיין אנטדעקונג אין דער עלי־סטריט פון דעם יידישן שילדל און אז איך וואלט געוואלט, אין מיין ערשטער נאכט אין לאנדאן

טאַקע זיין אין אַזאַ יידישן פאַריין און זעען דעם ווייטשעפּלער יידישן אַרבעטער.

קיין מינע בּקשט אויף איר פּנים! שוין זיינען מיר דרויסן און די ערשטע טאַקסי ווערט אָפּגעשטעלט. זי פליט, די טאַקסי, דאָס האַרץ פלאַטערט —

מ׳מוז וויסן וואָס עס הייסט אַ יידישער אַרבעטער־פאַריין, מיט וויפל מי און צרות און קאַמף אים אויפגעשטעלט. אין בערלין, אין דער אויגוסט־שטראַסע, איצט איז ער פון ס. אַ.־פיס צעטראַמפּלט, יוסף דערשאָסן, אַסך זיצן —

* * *

עפענענדיק די טיר פונם אַרבעטער־רינג, האָט אַ שלאַנג געטון אין פּנים אַריין אַ פּאַרע, אַ רויך, אַ היימיש געוויש — דו שטייסט פּנים־אל־פּנים מיט יידיש־ריידנדיקע הערעפאַנישקעס. עס קאַכט, עס, עס זידט; פול באַזעצטע פישלעך — אַ פולע שטוב מיט יידישלעכע, באַוועגלעכע הענט זיינען דיך מקבּל פּנים — ווי זאָגט אַ יידישער וויץ: אין אַ יידישן רעסטאָראַנט זעט מען ריידן און מ׳הערט עסן — ס׳איז אַ בטעמטער געוויש!. . . און איבער אַלעם צום טאַקט קלאַפּן נאָך דאָ צו די דאָמינאָס . . .

דו דערקענסט; יעדער האָט זיין אייגן פּנים! ביי דעם טישל האַמפּערן זיך פּועלי־ציון מיט אַנאַרכיסטן, ביי דעם בונדיסטן מיט קאָמוניסטן — יעדער האָט זיין אייגן פּנים. אַלע צוזאַם — דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. דאָרט ביים טישל זעט מען קריגן זיך „אַרבעטער־טוער“ — איינער שרייט אַלע איבער!. . .

האַ אין דער אַנגערויכטער, צעוויסטער שטוב איז קיין פּלאַץ נישט צו געפינען. כ׳זע אַ ליכטיקע, אָפענע טיר אין אַ צווייטער שטוב אַריין. ווייניקער באַזעצט, שטיל און ווייניקער אַנגערויכערט. מיך באַגלייטערין פילט מיין גערירטקייט, שטעקט איר האַנט אַריין אין מיין אָרעם און מיר גייען אַריין.

ביי אַ טישל זיצט אַ מענטש ביי אַ „קאַפּ־אָוו־טי“ און לייענט אַ יידישע ציטונג. אין ווינקל זיצט איינער ביי אַן אָפן בוך און אויפן טיש זיינען אָנגעלייגט נאָך אייניקע ביכער. איך בין צוגעגאַנגען, ממש צוגעפלויגן, ווי אַ פליג וואָס ווערט מאַגנעטיש צוגעצויגן פון אַ זיסקייט — ס׳איז געווען אַ ניי ביך דערציילונגען פון יוסף אָפּאַטאָשו: „קאָן מען עס דאָ באַקומען, זיינען דאָ אין ווייטשעפּל געשעפטן מיט יידישע ביכער?“

ער הייבט אויף די אויגן אַנצוקוקן דעם „פרעמדער“. ער זעט אָבער עפּעס אַ „הערר“ מיט אַ „ליידי“ און די אויגן זיינען צעשמייכלען זיך:

„וואָס הייסט, מיר האָבן אויבן אין אונזער יידישער ביבליאָטעק איבער פינף טויזנט יידישע ביכער!“

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז טאַקע דער ביבליאָטעקאַר. איך שטעל מיך פאָר, איך קום יעצט פון בערלין.

„אַ, איר זענט דאָס דער שטענצל, אייער נאָמען איז מיר באַקאַנט.“

ער שטעלט זיך שנעל אויף: „ווייסט איר וואָס, איך מוז יעצט סאַי־ווי אַרויף צו מיין אַרבעט. דרינען זיצט מאָריס מייער, דער שעף־רעדאַקטאָר פון

אונזער יידישער צייטונג, כ׳וועל אייך צו אים צופירן״.

„גיט נאר א קוק, שטענצל? א. נ. שטענצל פון בערלין? פון היטלער־דייטשלאנד? וואסער צופאל! אין מיין צייטונג האב איך גראד אן ארטיקל איבער אייך״. קוקן מיך אן פארזשמורעטע וויעס און ברעמען, וואס קאנען נישט איינהאלטן די באגייסטערונג: עס איז שוין געווען א ביסל צושפעט צוריקצוכאפן דעם צווייטן „וואסער צופאל״ ווען אים איז אויפגעפאלן די ענגלישע „ליידי״, וואס שטייט נעבן מיר . . .

„די דאמע איז דאך מיט אייך, פארוואס שטעלט איר זי נישט פאר?״

ער שטעלט זיך אויף באגריסן די דאמע: „איר זעט״, דרייט ער זיך אוים צו די ארומזיצנדיקע ארום טישל, „איר זעט, אונזערע פאעטן האבן א גוסט . . מיר קאנען צו זיי קיין טענה נישט האבן . . דעם ערשטן טאג אין לאנד און שוין״. . .

איך האב די דאמע פארגעשטעלט: „קריסטאבעל פאולער פון ליווערפול. אויב אפשר א טענה וועט עס זיין צו איר: זי האט מיך ארויסגעראטעוועט פון היטלער־דייטשלאנד און איך בין דא״. . .

„הערט אויס, חבר טשענצל, יעצט איז קיין צייט נישט פארבלעמען צו דיסקוטירן. מיר מוזן ארויפגיין יעצט צו א זיצונג; עס האנדלט זיך מכוח א גרויסער פראטעסט־פארזאמלונג איבער אייער ׳תכשיט׳, ימח שמו, דארטן געזעגנט זיך מיט דער ליידי און מיט מיר. דער זשמור פון די ברעמען און די וויעס איז געווען גאנץ פארצויגן — אבער מיט דער בעסטער דזשענטל־מענישער מאנירלעכקייט . . .

* * *

מיר האבן קיין „קאפ־אוו־טי״ אין ארבעטער־רינג שוין נישט געטרונקען, ווייל ווי נאר מאריס מייער איז אוועק פון טישל, האט די ליידי ארויסגענומען די צוויי־קאנצערט־בילעטן פון איר האנטבייטל און גארנישט מעשה־ליידי מיך א שלעפ־געטון: „מיר מוזן לויפן ווי די פארריקטע, וועלן מיר נאך צייטיק אנקומען צו דער אלבערט־האלל״.

ארום די נקודה (אקארדן)

א

זייגען די ווערטער אין מענטשענס מויל,
ווי אינם פיסק פונם וואלף די ציינער?
און דער פסוק „גר זאב עם כבש״,
א קינדער־מעשה פאר גרויסע־ליינער?

בלויז די וועלט דעמלט אויסגעזען?!
דער שוואכער, א סך שוואכער געוועזן,

לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן   אפריל-יוני 1975   36'סטער יארגאנג   435-37   4-6

אינהאלט:

ה. אייר, מערת-המכפלה, ירושלים עיר הקודש .... *** 3

צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מאיר באגדאנסקי 8

אברהם רייזין צו זיינע הונדערט יאר .... יוסף לעפּטוויטש 11

כ'דערמאן זיך אלץ (ליד) .... משה שולשטיין 14

משה שולשטיין—א יידישער דיכטער פון אונזער דור שמואל גאלדשמיד 15

צו מיין קינד (ליד) .... עלזא לאסקער-שילער 16

אלע יידן זענען ברידער .... אפרים קישון 17

מיין ערשטע „קאפ-און-טי" אין ווייטשעפל, ס'גערטנדל א. נ. שטענצל 23

יעקב שמואל טויבש ע"ה. „ווארשעווער געטא-אויפשטאנד
.... אייזיק גאלדבערג 42

הבל הבלים .... נחמן רובין 46

צו דיין אלט ווערן 80 יאר .... דוד וואדקא 47

שמחות ביי יידן אדער שמחות אין יידישן אקטיארן-פערזיין
.... סעם גאלדבערג 48

א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס .... ש. 49

לאנדאנער יידישע קולטור ידיעות

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 15 פענס

אבאנאמענט-פרייז: £1.50—פאר א יאר

אין אויסלאנד: 8—דאלאר א יאר

Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

א. נ. שטענצל

מיין ערשטע „קאפ-אוו-טי" אין ווייטשעפל

ג

אין דער לעצטער נאכט זייבען מיר געווען איינגעלאדן אין א רייך יידיש הויז צום נאכט־עסן, אפנים אז דער רייכער ייד האט געהאט גאראנטירט מיין וויזע קיין ענגלאנד. דער טיש האט געבלאנקט מיט זילבער און פארצעלאן און קריסטאל. פאר אונז איז געזעסן, יום־טובדיק אויסגעצירט, אן עלטערער הערר אין א פראק און א דאמע אין זיידנס, ביי די זייטן — א זון און א טאכטער, הינטער אונז איז געשטאנען די „באדינונג". און ווען ס'איז געווען „כי טוב"ביים גלעזל וויין, האט דער בעל־הבית כסדר אויפגעהויבן זיין כוס און געזאגט „שכור", מיינענדיק, מן־הסתם, „לחיים" און וועלנדיק באווייזן זיין משפחהדיקייט מיט מיר — זיין יידישקייט.

מיט דעם זון פונם הויז, וואס איז אצינד דער אנפירער פון די רייכע „ביזנעס" האט קריסטאבעל, מיט יארן צוריק, אויף איין אוניווערזיטעט שטודירט און ער האט עס געזיכערט מיין וויזע און, מסתם, אויך דעם חודש אינם האטעל.

אין דער פרי איז זי אהיימגעפארן קיין ליווערפול, ווייל ביינאכט האט זי שוין געמוזט געבן לעקציעס אין דער אוונט־שול אין דער דייטשער און איטאליענישער שפראך.

ווען כ'האב זי געבריינגט צום צוג, זייגען מיר פארבייגעגאנגען דאס „וואבורן־הויז". האט זי מיר געזאגט, אז ווען כ'וועל פון צוג צוריקגיין, זאל איך דא אין דעם הויז אריינגיין. דארט געפינט זיך דאס פארזארגונגס־ביורא פאר די דייטשע „פליכטלינגע" און דארט וועט מען שוין, מסתם, אלץ ברענגען אין ארדנונג.

צוריק ארויסגעקומען פון דער סטאציע, בין איך געבליבן שטיין עפעס ווי א יתום, ווי אן אונטערגעווארפן קינד — דאס גערויש פון די צוגן אין די אויערן, דאס געאייל פון די מענטשן אויף דער ברייטער גאס — אדם אן ארויסגעווארפענער פונם גן־עדן: אן אנדערע גאס, אנדערע מענטשן — אן אנדערע וועלט . . . א פארענדערטע!

א סוף־נאוועמבער הימל אין לאנדאן; לא יום ולא לילה — א טאפנדיקע פאנג־חשכות, וואס קריכט אין די ביינער אריין.

וואו איז לינקס, וואו איז רעכטס? א צעמישעניש! עס יאגן די אויטאס ווי משוגע. איך האב מיך קוים אריבערגעכאפט איבער דער ברייטער גאס.

איך הערקען דאס הויז, וואו איך האב אריינצוגיין. דער טומל אויף די שטיגן, אינם ווארטע־זאאל איז נישט ווייניקער ווי אויפן וואקזאל — איך מעלד מיך ביים „אפיס"־פענסטערל.

עס דויערט נישט לאנג און כ׳הער׳ אויסרופן מיין נאמען. מ׳ווייזט מיר א טיר, וואו כ׳האב אריינצוגיין.

ביים אריינגיין וויל מיר פארלויפן א מענטש און שרייט אריין אין דער אפענער טיר, „הערר פראפעסאר, הערר פראפעסאר!״

ווייס איך שוין, אז דאס האלב־קיילכדיקע מענטשל אויף דער דריישטול איז א פראפעסאר און רעדט דייטש.

אריינקוקנדיק אין פאפירן, רעדט ער צו מיר: „א, הערר שטענצעל, מיר מאכן עס קורץ, ויר געבן איהנען פופציק פונט אונד איין באן־בילעט נאך פאריז״.

איך קוק אים אן ווי פון הימל אראפגעפאלן: „איך פארשטיי נישט וואס איר מיינט״.

„דאס וואס זי הערן!״ איז דאס קול שוין א העכערס און צוויי איראנישע אויגן קוקן שארף אויף מיר.

זיין קורצן מאנאלאג, וואס האט אויך שוין אנטהאלטן אין זיך א לעקציע איבער פאעזיע, האט ער פון זיין דריי־שטול אויסגעלאזט מיט: „ווען עס אינען ניכט געפעלט, דאן קענען זי זיך אין דער טעמזע הינאיינשמייסן!״

„א דאנק פארן מיך הערמאנען!״ שנעל מיך אויסגעדרייט, נאך שנעלער אראפ איבער די שטיגן, גיך געכאפט אן אויטא און געפארן צו דער טעמזע.

*　　　*　　　*

דערשרעקט איך נישט, חלילה, מיך אריינצואווארפן!! נאר געכטן זעענדיק צום ערשטן מאל די טעמזע, אהינגעפירט פון קריסטאבעל מיר זי צו ווייזן, האב איך טאקע געהאט באשלאסן, אז מיין ערשטער גאנג היינט זאל טאקע זיין צו דער טעמזע: אזא טייך, אזא מאיעסטעטישקייט האבן מיינע אייגן נאך נישט געהאט געזעען — —

און טאקע אין יענעם „פאגע״־טאג, וואס האט זיך פאמעלעך, פאמעלעך אויסגעצקלערט צו א שפילן פון שטראלן־סטרונעס אויף ברומענדיקע כוואליעס און געפייף באגלייט פון שיף־סירענעס, האב איך אנגעהויבן שרייבן מיינע לאנדאנער סאנעטן, וואס אייניקע וואכן שפעטער זיינען זיי דערשינען אין א בוך, מיט צייכנונגען פונם איצט־פארשטארבענעם, באקאנטן מאלער אלווא—

פיר וואכן נאך פריי, אן שום זארג, אן מורא — אן נאציס, אן עס־עס; א בעט צום שלאפן, א טיש צום שרייבן . . . וואס קאן מען נישט מאכן אין פיר וואכן, אויב מ׳קאן ?!

זע, דאס שטייט פאר דיר אזא מין שטאט נישט משיג צו זיין: אויף א מיליאן רעדער דרייט זי זיך, אויף טויזנטער פליגל פליט זי — געטריבן פון אזא טעמזע־טייך פאר מיין מוח נישט משיג צו זיין —

„אין וואסער אריין צו ווארפן מיט געשליידער
אזא קאץ אין א זאק פארבייטן — —
און שטאט, אין נעפל דיק צעשפרייטן,
ווי זי צאפלט דאס און ווארפט זיך כסדר״.

דאס איז די ערשטע סטראפע פון א סאנעט איבער דער טעמזע, פון די פ׳פציק „לאנדאן סאנעטן״.

* * *

און מיט די ערשטע צוויי סאנעטן אין טאש און מיט די פאר פארציי־כענונגען איבער דער ענגלישער מאלעריי, זעענדיק א שעה שפעטער אריגינאל בילדער פון ענגלישע מאלער אין דער נאציאנאל־גאלעריע — איך מוז דאך דעם עסיי פארטיק מאכן, אויף דעם האב איך דאך באקומען מיין וויזע אויף א חודש קיין ענגלאנד —.

א גאנצן חודש! וואס קאן מען נישט מאכן אין א חודש — אויף דער גרעסערער עסיי איבער מאלעריי איז בקרוב דערשינען אין אן עקסטרא ביכל—.

א גאנצער חודש! און א יידישע צייטונג איז דא און אן ארבעטער־רינג איז דא. און זע די געוועלדיקע, די וואונדערלעכע גערטנער דא ארום — וויפל וואכן, חדשים אן א פאס, אן א שטוב, אן בעט, אן א טיש האב איך געלעבט אין די בערלינער גאסן און מיין בוזעם־טאש איז אלץ דיקער און פולער גע־ווארן מיט לידער באלאדעס און פאעמעס . . .

* * *

איך זיץ אין א לייאנס־קאפעע, ארום דער נאציאנאלער גאלעריע און לייען מיר די פארצייכענונגען — דער עסיי איז ממש פארטיק: „דער איירא־פע־רעאליזם״ — ניין, עס איז מער — „די מיושבדיקייט פון זעען״.

„קאנסטאבלס אנקומען איז דער ענגלישער מאלעריי — און נישט נאר אין דער ענגלישער וועלט! — אן אימפרעסיאניסט אן קאמפראמיס, אן ווירטואזיטעט — מיט זיין קינסטלערישער אוממיטלבארקייט איז ער מנצח די נאטור״.

יא, מארגן מאך איך פארטיק דעם עסיי, כ׳מוז מיך נאכאמאל ארייננכאפן אין דער גאלעריע — און איך בין א פרייער מענטש! ארייגלייגנדיק די פאר־צייכענונגען אין בוזעם־טאש, טאפ איך אן די צוויי טעמזע־סאנעטן — יא, זיי זיינען דא! און אהאפערדיקער לאז איך מיך צום ארבעטער־רינג.

ניין, איך וועל נישט פארן, איך וועל גיין — צו שפאצירן! עפעס א מין יום־טוב שפיר איך אין מיר — מיט יעדן שריט בין איך מיר קונה שביתה: כ׳בין ביי מיר אין דער היים . . .

* * *

ס׳איז היינט מאנטאג־אוונט, נישט פרייטאג־צו־נאכטס. די זעלבע צוויי טומלדיקע שטובן זיינען איצט כמעט ליידיק. אפגעארבעט, גייט מען אהיים. עס קומט גארנישט פאר אין „ארבעטער־רינג״. דא און דארט זיצט אן איינ־זאמער מענטש ביי א „קאפ־אוו־טי״ אדער צוויי קלאפן א דאמינא.

היינטן ביי דער וואנט דערקען איך יענעם, וואס איז געזעסן מיט מאריס מייערן ביים טיש — ער הערקענט מיך אויך.

„א, חבר שטענצל,״ שטעלט ער זיך אויף, „קומט אהער, זעצט אייך״ און

צו דער פרוי, וואס שטייט ביי דער „קאנטין" שרייט ער צו: „גיט דאך אהער צוויי 'ראשן־טיס'."

א שאד, וואס ער האט זיך איפגעשטעלט: דאס לאכנדיקע, ברייטע פנים פאסט גארנישט צו די ברייטע פלייצעס איצט — אויפשטעלנדיק זיך, איז ער גארנישט העכער געווארן ווי זיצנדיק; וואו אלץ איז ביי אים געווען צו־געשניטן אזוי, אז זיינע צעקרימטע ביינער פון פארנט און פון הינטן זאלן זיך לגמרי נישט מערקן. ער האט געמערקט מיין בליק, און א לאכן ווי א מין כארכל איז אים ארויסגעקומען פון האלז.

מיר האבן געטרונקען נישט איין גלעזל טיי. נאר איינס נאכן אנדערן ווי געצאפט פון א סאמאוואר און אין אונזער שמועס, דערוויסנדיק זיך, אז איך בין א טשעלאדזשער, האט זיין קול זיך נאך ברייטער און העכער זיך צעקלונגען:

„טשעלאדזש, טשעלאדזש, דארט וואו די קאפאלניעס זיינען? איך האב דארט אויפן מארק פאר די קוילן־גרעבערס גערעדט —

א, איז דאס דעמלט אן ערשטער מאי געווען!! די אנרייטנדיקע קאזאקן האבן מיך אזוי צעהרגעט מיט זייערע נאגייקעס און צעטרעטן מיט די פערד־פאדקאוועס, אז זיי זיינען געווען זיכער, אז איך ליג שוין א צעהרגעטער. מ'האט מיך אריינגעשלעפט אין א שטיבל אריין, א חסידים־שטיבל. נאך האלבער נאכט האט מען מיך געברענגט אין א שפיטאל אריין אין א ווייטער שטאט. א טשעלאדזשער, קומט דאך אייך דעם אמתן שלום־עליכם —"

* * *

א גאנצע נאכט האב איך מיך ארומגעדרייט, געוויקלט מיך איך די ווייט־שעפלער געסלעך און ליקלעך — פון איין רעסטאראנדל ארויס אין אנדערן אריין. יעדעס פנים אזוי אייגן — מיינס. די ווענט באקלעפט מיט יידישע טעאטער־פלאקאטן, און דארטן א קרענצל יידן זיינען מחדש די לבנה.

ווען כ'בין גקעומען אין האטעל אריין איז שוין געווען ערב פארטאג.

כ'האב גענומען א שווארצע קאווע און נאך איינע: קודם פארטיק מאכן דעם עסיי; יעדן עול פון קאפ אראפ און זיין פריי — יא, בלויז די מיאוקע־דיקע קעץ אויף די ווייטשעפלער דעכלעך, זיך יאגנדיק ארום די קוימענדלעך, ווען „כאפן" נאר מ'קען — א קאן דאס זיין א „קאצן־מוזיק" קאקאפאניע — —

פארטיק געווארן מיטן עסיי און אראפגעקומען אין האטעל־רעסטאראן, האט מען שוין געהאלטן שטאט ביים אנבייסן — ביים מיטאג. זאגט מען מיר, אז פון דער צווייטער גאס דא, פון „וואבורן־הויז", איז דא געווען א מענטש מיט א „מעסעדזש", אז איך זאל אריבערקומען.

דער שליח איז געווען פונם „פראפעסאר". אריינקומענדיק, זיצט ער גראד ביי א „קאפ־אוו־טי". ער בעט מיך זיצן. ער דריקט אויף א קנעפל. די טיר עפנט זיך און ער הייסט אריינברענגען א „קאפ־אוו־טי".

„א, ביטע, איך בין פליישיק"...

ער בעט מיך פארגעסן דעם נעכטיקן „אינצידענט"—

„פארקערט, איך בין אייך גאר דאנקבאר. איר האט מיך דערמאנט אין גאר וויכטיקס — אין מיין ראנדעווו מיט דער טעמזע"...

ער וויל געבן א שמייכל, אבער די שארפקייט פון זיין בליק שטערט אים.

... יא, דער גאנג פון פאעזיע, ווער פארשטייט אים? נישט איך מיט מיין פארטאמטקייט און נישט ער מיט זיין ניכטערער חכמה —

ביים געזעגענען איצט איז דאס קיילעכדיקע מענטשעלע אראפ פון זיין הויכער דריי־שטול און זיינע באגלייטנדיקע, שארפע אויגן זייגען געווען מיט א מילדער שיין איבערגעצויגן.

ס׳גערטנדל — ווידמונג —

אלטע בתולות פירן זייערע הינט
אין גערטנדל דא משתיק צו זיין,
און אויף די בענק חברה „לחיים גארגל",
מיט פלאש בראנפן, לאזן זיך וואוילגיין.

פון איין האנט צו דער אנדערער זי גייט,
אז ס׳זאל ווער א זשלאק טון א שלינג מער — —
באמת, כ׳פיל מיך נישט ראוי הערצו
ווען פלאש קומט צו מיין באנק אהער.

אז מען זאל זען אויף א רפואה
אינם גערטנדל כאטש איין ייד —
ווילאנג ערשט מיט אונז ס׳איז פיל געווען,
שניידערס קומענדיק פון דער ארבעט מיד.

א בית־מדרש געווארן, א פאלוש,
א יארצייט דערמאנט עס האט זיך ווער;
אין פאליטיק מ׳שמועסט, א פריינט מען טרעפט,
א נצרך וואו גיין, אויב נישט אהער?

דאך א שטיקל זכיה ס׳האט ווער פון אונז,
ס׳גערטנדל אדער איך ס׳ליד, וואס שרייבט:
אזויפיל יידן זיך אויסגערוט דא,
א שטיקל דאנק כאטש איבעריק בלייבט.

אהין דארט צו יענעם לעצטן בוים

די טויב, וואקלדיק אויפן אספאלט